STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11315

# TRANSNISTRYE

Matatias Carp

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מתתיהו קאַרפּ

# טראַנסניסטריע

(לעבן, ליַידן און אומקום פון בעסאַראַבישע,
בוקאָווינער און רומענישע יידן)

פון רומעניש:
יצחק וויַינשענקער

## ביכער-סעריע
## „בעסאַראַבער יידן"

רעדאַקטאָרן:
יעקב באַטאַשאַנסקי, י. ל. גרוזמאַן

באַנד II

בוענאָס-איַירעס, ה'תש"י

משה פייגעבלום


ארויסגעגעבן דורכן
בעסאַראַבער לאַנדסלייט-פאַריין
אין אַרגענטינע

יאָר פון באַפריַיער גענעראַל סאַן-מאַרטין 1950.

MATATIAS CARP

# TRANSNISTRIA

(SUFRIMIENTOS DE LOS JUDIOS DE BESARABIA, BUCOVINA Y RUMANIA)

Editado por la

**EDITORIAL "BESARABER IDEN"**

**Buenos Aires**

Año del Libertador General San Martín, 1950

IMPRESO EN LA ARGENTINA. — PRINTED IN ARGENTINE.

Es propiedad. — Hecho el depósito que marca la Ley Nº 11.723

# אינהאלט:


פון רעדאַקציע — — — — — — — — — — — — — — 7

איכה — ווי אַזוי (ליד) — — — — — — — — — — — 9

אַלגעמיינער היסטאָרישער איבערבליק — — — — — — 11

קאַפּיטל איינס

שחיטות אין בעסאַראַביע — — — — — — — — — 31

קאַפּיטל צוויי

לאַגערן, געטאָס און דעפּאָרטאַציעס — — — — — 91

דאָקומענטן — — — — — — — — — — — — — 115

קאַפּיטל דריי

לעגאַליזירטער רויב — — — — — — — — — — 182

דאָקומענטן — — — — — — — — — — — — — 186

קאַפּיטל פיר

בעסאַראַבער יידן ווערן דעפּאָרטירט פון אַלט־
רומעניע — — — — — — — — — — — — — 210

קאַפּיטל פינף

לעבן און אומקום אין טראַנסניסטריע — — — — — 212

קאַפּיטל זעקס

יזכור — — — — — — — — — — — — — — 306

הוספות — — — — — — — — — — — — — — 317

# רשימה פון בילדער

1) די געצטע פארוואלטונג פון דער בעלצער קהלה — — 74
2) דערשאָסענע יידישע ערובניקעס — — — — — — — — 75
3) א גאָרטן מיט יידישע מתים — — — — — — — — 75
4) באַראַבעוועט און דערשאָסן — — — — — — — — 214
5) א קאָנוואָי איז דורכגעגאַנגען — — — — — — — — 214
6) צו דער ארבעט — — — — — — — — — — — 215
7) צוריק פון דער ארבעט — — — — — — — — — 215
8) דער בית־עלמין אין שאַרגאָראָד — — — — — — — 230
9) דער בית־עלמין אין בערשאד — — — — — — — 230
10) אין הויף פון א באַנק — — — — — — — — — 231
11) א ווינקל אין געטאָ — — — — — — — — — — 231
12) בריוו אויף ראַזיר־מעסערלעך — — — — — — — 278
13) דייטשיש געלט — — — — — — — — — — — 278
14) ד"ר פילדערמאן דעפּאָרטירט קיין מאָהילעוו — — — 279
15) קינדער אין געטאָ — — — — — — — — — — 279
16) א קינד פון טראַנסניסטריע — — — — — — — — 308
17) אויסגעהונגערטע אין טראַנסניסטריע — — — — — — 308

# פון רעדאַקציע

דאָס דאָזיקע בוך איז דאָס ערשטע אין ייִדיש, וואָס דערציילט וועגן דעם לעבן, ליידן און אומקום פון די רומענישע — באַזונדער בעסאַראַבער און בוקאָווינער — ייִדן בעת דעם צווייטן וועלט-קריג. עס איז די ערשטע מצבה, וואָס ווערט געשטעלט אין אונדזער פאָלק-לשון די הונדערטער טויזנטער קדושים פון דערמאָנטן לאַנד.

דער מחבר פון דעם דאָזיקן בוך, מתתיהו (מאַטאַטיאַס) קאַרפּ, איז אַ לאַנגע צײַט געווען סעקרעטאַר פון דער פעדעראַציע פון די ייִדישע קהלות אין רומעניע. ער האָט אַרויסגעגעבן אין רומעניש אַ גאַנצע ריי ביכער א״נ „דאָס שוואַרצע בוך" (קאַרטעאַ נעאַגראַ) מיטן אונטערטיטל: „די לײַדן פון די רומענישע ייִדן". דער דריטער באַנד פון דער דאָזיקער סעריע הייסט „טראַנסניסטריע" און פון אָט דעם באַנד איז אַרויסגענומען דער מאַטעריאַל פאַר אונדזער בוך. דער דריטער באַנד איז אין אָריגינאַל גרויס, ער וואָלט אין ייִדיש געדאַרפט פאַרנעמען מער ווי טויזנט זײַטן. ער איז געשריבן געוואָרן ווי אַ באַשולדיקונגס-אַקט און דער מחבר האָט ניט געקענט מותּר זײַן אויף קיין שום פּרט. אין ייִדיש אָבער זענען אַ סך פּרטים איבעריק און מיר האָבן אַרויסגענומען נאָר די דאָזיקע טיילן, וואָס אַלע ייִדן דאַרפן קענען! אַלע! אויך די ניט-בעסאַראַבישע, בוקאָווינער און רומענישע!

דער באַנד פון וועלכן מיר האָבן אַרויסגענומען דעם גאַנצן מאַטעריאַל פאַר אָט-דעם בוך, האָט אַן אַלגעמיינעם היסטאָרישן איבערבליק און זיבן קאַפּיטלען. מיר האָבן דאָ געגעבן אין אַ פּינקטלעכער איבערזעצונג דעם „אַלגעמיינעם היסטאָרישן איבערבליק", אַ גרויסן טייל פון ערשטן קאַפּיטל, וואָס הייסט „שחיטות אין בעסאַראַ-

ביע, בוקאָווינע און דאָראָהויער זשודעץ" (קרייז־אויעזר). אַ היפּשן טייל פון צווייטן קאַפּיטל „לאַגערן און געטאָס אין בעסאַראַביע און בוקאָווינע", אייניקע שטיקלעך פון דריטן קאַפּיטל, וואָס הייסט „דע־פּאָרטירונגען פון בוקאָווינע און דאָראָהויער זשודעץ. די געטאָ פון טשערנאָוויץ", איין פראַגמענט פון פערטן קאַפּיטל, וואָס הייסט „אָדעס און די אָרטיקע יידישע באַפעלקערונג", עטלעכע פראַגמענטן פון פינפטן קאַפּיטל, וואָס הייסט „דעפּאָרטירונגען פון זומער און הארבסט 1942" און דאָס גאַנצע זעקסטע קאַפּיטל, וואָס הייסט „לעבן און טויט אין טראַנסניסטריע". די לעצטע דאָקומענטן פון אָט דעם קאַפּיטל זענען איבערגעגעבן געוואָרן נאָר תמציתדיק.

אין זיינע קלאָרמאַכונגען, וואָס דינען ווי אַ הקדמה, דערציילט מ. ק., אַז זיין בוך אַנטהאַלט די אַנטוויקלונג פון די פאַקטן און דאָ־קומענטן, וואָס זענען מסוגל צו רעקאָנסטרואירן די רעאַליטעט. די דאָקומענטן זענען רעפּראָדוצירט געוואָרן לויט פאָטאָקאָפּיעס און די מיינסטע טאַקע לויט די אָריגינאַלן. אייניקע דאָקומענטן זענען רע־פּראָדוצירט געוואָרן לויט געוויינלעכע קאָפּיעס, אָבער נאָך אַ פול־שטענדיקער איבערצייגונג וועגן זייער אויטענטישקייט.

די פּשוטע פאַקטן און די דאָקומענטן דעקן אויף דאָס מורא־דיקסטע גהינום־בילד. איבערלייענענדיק די כראָניק, וואָס איז ער־טערווייז געשריבן שיר־ניט טעלעגראַפיש, זעט מען אַזאַ בילד, וואָס דער טייוול וואָלט ניט געקענט אויסמאָלן.

דאָס ליד „איכה", וואָס מיר דריקן ביים אָנהויב פון אונדזער בוך, איז געזונגען געוואָרן אין טראַנסניסטריע און מ. שטערנבערג האָט דאָס פאַרצייכנט. ס'איז געדרוקט געוואָרן אין בוך „לידער פון די גע־טאָס און לאַגערן" פון ש. קאַטשערגינסקי. דער מחבר דערפון איז אומבאַקאַנט.

דאָס דאָזיקע בוך אונדזערס, דאָס ערשטע, וואָס שילדערט דעם אומקום פון בעסאַראַבער, בוקאָווינער און רומענישע יידן שטעלט אַנידער דעם נאָמען ט ר אַ נ ס נ י ס ט ר י ע נעבן די נעמען מאַידאַנעק, טרעבלינקע, אוישוויץ און פּאָנאַר. יידן וועלן פון היינט אָן און ווייטער דערמאָנען און געדענקען אויך די קדושים פון טראַנסניסטריע.

# איכה - ווי אַזוי

פאַרוואָלקנט דער הימל, קיין שטראַל זעט מען ניט —
עס רוישן די ביימער, עס רעגנט מיט בלוט,
עס רוישן די ביימער, ס'פלאַקערט, און ס'ברענט —
קרבנות אָן אַ שיעור פון די מערדערישע הענט.
צוזינג: איכה — ווי אַזוי,

פאַרוואָס שווייגסטו דעם גוי?
פאַרנעם דאָס רחמנות, ראה ה'!
פון דעם הימל גיב איין קוק,
אויף דער אוקראַינע גיב איין בליק,
פאַרלעש שוין דאָס פייַער און לאָז שוין זייַן גענוג.

מיר שרייַען אַריבער פון יענער זייַט טייַך:
האָט רחמנות, ברידער, און נעמט אונדז צו אייַך.
מיר וועלן זיך באַגניגענען מיט אַ טרוקן שטיקל ברויט,
אַבי ניט אָנצוקוקן דעם גרויזאַמען טויט.

איכה, ווי אַזוי...

קליינטשיקע קינדער פון זייער מוטער־ברוסט
צערייסט מען אויף שטיקלעך, מען וואַרפט זיי אויפן מיסט,
אַלע זקנים מיט זייערע לאַנגע בערד
צעשניידט מען אויף שטיקלעך, מען וואַרפט זיי אין דער ערד.

איכה, ווי אַזוי...

מיר האָבן געוואַנדערט בײַטאָג און בײַנאַכט,
די גאַנצע אוקראַינע האָבן מיר דורכגעמאַכט,
אין אטאקי, מאָהילעוו, בריטשאַן, סעקורען —
וווּ די וועלט האָט אַן עק, זײַנען מיר יידן אויסגעוווען.

איכה, ווי אַזוי...

אויף די וועגן געגאַנגען שלאָפן אין די גריבער —
ס׳האָט גאָרניט געשאַדט, מען האָט ניט באַקומען דאָס פיבער,
דאָס וואַסער געטרונקען פון די ריטשקעס מיט זאַלץ,
שמוציק, פאַרפּעסטעט, געריסן אין האַלדז.

איכה, ווי אַזוי...

שוועסטער און ברידער, מען דערקענט זיך ניט איינס ס׳אַנדערע,
מען קריגט זיך, מען רײַסט זיך איבער אַביסל זשוועדרע.
אַלע מענטשן זײַנען געגאַנגען אָן יאָרן פון דער וועלט
פאַר שמוציקייט, פאַר הונגער, פאַרפרוירן פון קעלט.

איכה, ווי אַזוי...

# אלגעמיינער היסטאָרישער איבערבליק

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע קאַפּיטלעך פון דער טיפסטער געפאַלנקייט פון דער מענטשלעכער נשמה. מ'האָט זיך דערויף געקאָנט ריכטן. יעדע מלחמה טראָגט שוין אין זיך במילא דעם פאַרשאָלטענעם זוימען פון מענטשלעכער ווילדקייט. ס'איז נאַטירלעך, אַז אַ צו לאַנגער געראַנגל, אַן אַלגעמיינע צע־רייצטקייט, וואָס שטעלט אַוועק פּנים אל פּנים די שנאה פון עטלעכע ציוויליזאַציעס וועלכע קעמפן פאַרן בכורה־רעכט איבער דער וועלט, זאָל דערוועקן אוראַלטע אינסטינקטן, וואָס אַבי זיי ווערן נאָר פּריי געלאָזט אָן אַ שום קאָנטראָל, זייען זיי אומברחמנותדיק חורבן און פאַרניכטונג. שוין דער ערשטער וועלט־קריג האָט באַוויזן ווי נידעריק עס קען פאַלן דער מענטש פון 20טן יאָרהונדערט, באַזונדערס דער טעווטאָן. ס'איז גע־נוג צו דערמאָנען ווי עס זענען חרוב געוואָרן די קולטורעלע אוצרות פון לאָוון אָדער ריימס, די רדיפות קעגן דער ציווילער באַפעלקערונג פון די אָקופּירטע געביטן, די דעפּאָרטאַציעס פון בעלגיע און צפון־פראַנקרייך, דאָס אויסהרגענען געפאַנגענע, די מלחמה מיט גאַז און אַזויפיל אַנדערע שיינע מעשים.

מ'האָט זיך געקענט ריכטן אַז אַ נייע וועלט־מלחמה, וועלכע וועט האָבן צו דער האַנט אַלע וויסנשאַפטלעכע פּערפעקציאָנירונגען, וועט אי־בערשטייגן מיט איר אכזריות און באַרבאַרישקייט אַלץ וואָס די געשיכטע פון מלחמות האָט ווען עס איז פאַרצייכנט. אַלץ ווערק וואָס ספּעציאַ־ליסטן האָבן אָנגעשריבן אין דעם קורצן פּעריאָד פון 1920 ביז 1939, האָבן פאַרויסגעזאָגט, אַ טייל מיט שרעק און אַנדערע גאַנץ האַפּערדיק, ווי אומברחמנותדיק עס וועט זיין די צוקונפטיקע מלחמה. קיין איינער

פון אָט די גרויל־נביאים איז אָבער נישט אַוועק אַזוי ווײַט מיט זײַן פאַנ־טאַזיע אויף צו קענען שילדערן באַצײַטנס די שווידערלעכע ווירקלעכקייט, וואָס די מענטשהייט האָט שפּעטער איבערגעלעבט אין די יאָרן 1939 — 1945.

דער הויפּט־קרבן פון דעם דאָזיקן ווילדקייט־אויסברוך זענען געווען די אייראָפּעיִשע ייִדישע מאַסן, וועלכע זענען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער אָקופּאַציע אָדער ווירקונגס־ספערע פון די דײַטשן. וועדליק די אַבי־דות פאַרנעמט דאָס ייִדישע פאָלק דאָס ערשטע פּלאַץ (63% פון די 9.500.000 אייראָפּעיִשע ייִדן)*); לויט דער צאָל אַלגעמיינע קרבנות — דאָס צווייטע פּלאַץ נאָך די סאָוועטישע פעלקער, אָבער די יסורים וואָס דאָס ייִדישע פאָלק איז אויסגעשטאַנען האָבן צו זיך נישט קיין גלײַכן אין די געשיכטעס פון אַלע פעלקער פון אַלע צײַטן.

עס איז איבעריק צו באַטאָנען דעם זין פון די געאָגראַפיש אַזוי אומבאַדייטנדיקע באַגריפן, וועלכע וועלן פון איצט און ווײַטער מיט זיך פאָרשטעלן היסטאָרישע קאַפּיטלעך: דראַנסי, בעלזען, בוכענוואַלד, טערעזיענשטאַט, אוישוויץ, מײַדאַנעק און אַנדערע. צווישן אָט די אַלע פאַרנעמט אַן אָנגעזען אָרט טראַנסניסטריע.

קיין שום מאַפּע אָדער געאָגראַפיע־לערנבוך פון אוקראַינע, פון צאַ־רישן רוסלאַנד אָדער פון ראַטנפאַרבאַנד, דערמאָנט קיינמאָל נישט עפּעס אַ פּראָווינץ, אַ גובערניע, אַן אַדמיניסטראַטיוון קרײַז אָדער ראַיאָן, וואָס זאָל טראָגן אַזאַ מין נאָמען. דער געאָגראַפישער באַגריף „טראַנסניסטריע" האָט קיינמאָל נישט עקזיסטירט פאַר יולי 1941 און ער וועט שוין אודאי אויך אין דער צוקונפט מער קיינמאָל נישט אויפשווימען. פאַר דעם פרײַז פון אַן אַ שיעור יסורים, וואָס מ'קען גאָר אַזויפיל נישט אויסדער־ציילן און אויף די קברים פון עטלעכע הונדערט טויזנט ייִדן, וועט טראַנס־ניסטריע פאַרבלײַבן נאָר אַ שרעקלעך קאַפּיטל געשיכטע.

אונטער דעם דאָזיקן נאָמען איז באַקאַנט געווען במשך פון 3 יאָר צײַט אַ טייל פון אוקראַינע, אַ פּעטער און פרוכטבאַרער פּאַס ערד וואָס ציט זיך

*) סטאַטיסטישער מעמענטאַ, באַנד 2, ז' 17 (אויסגאַבע פון ייִד. וועלט־קאָנגרעס).

פון שוואַרצן ים אָן צו צפון־צו צווישן די וואַסערן פון דניעסטער פון איין זײַט און פון בוג — פון דער צווייטער זײַט. די דאָזיקע טעריטאָריע איז אָנפאַרטרויט געוואָרן יאַן אַנטאָנעסקוס רומענישער רעגירונג צום אַדמיניסטרירן און עקספּלואַטירן.

אויף דער דאָזיקער ערד האָבן זיך אויסגעוויקלט עטלעכע יאָרהונדערטן ייִדישע לײַדן — ייִדיש לעבן. דאָרט איז אויפגעקומען די האָפענונגספולע מיסטיק פון אַ ר׳ ישראל בעל שם טוב, וועמענס שטול עס פלעג אָפּגעהיט ווערן מיט פּיעטעט דורך די דעפּאָרטירטע ייִדן אין דער שאַרגאָראָדער שול, אפילו אין מאָמענטן ווען דער טויט האָט געדראָט פון אַלע זײַטן. פון דאָרט האָט שלום עליכם אויסגעקליבן אַ גרויסן טייל פון זײַנע העלדן. איינער פון זיי, טוביה דער מילכיקער, איז טאַקע געבוירן געוואָרן און האָט געלעבט אין שאַרגאָראָדער געסעלע, וואָס טראָגט נאָך עד־היום זײַן נאָמען. דאָרטן אַרומעט זענען אַדורך די בילויים, וועלכע האָבן דורכגעשניטן דעם ערשטן וועג צום נאַציאָנאַלן ייִדישן רענעסאַנס. אויך דאָרטן, אין אָדעס, די גרעסטע טראַנסניסטריער שטאָט, האָט זיך געהאַט אַנטוויקלט איינער פון די קרעפטיקסטע ייִדישע צענטערן, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעשײַנט חיים נחמן ביאַליק, אחד העם, מענדעלע מוכר ספרים, ש. מ. דובנאָוו, מ. אוסישקין און יענע גאַנצע פּלעיאַדע ייִדישע דענקערס און שרײַבערס, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום די זשורנאַלן „השלוח״ און „העולם״. אָבער דאָרט האָבן ייִדן אויך דורכגעמאַכט יאָרצענדליק פון גרויסן לײַדן. בײַם סוף פון 19טן יאָרהונדערט האָט די צאַרישע אָליגאַרכיע געזוכט אין פּאָגראָמען און אַנטיסעמיטישע רדיפות אַן אָפּוועג קעגן די דעמאָקראַטישע אידייען און אַקציעס, וואָס האָבן זיך וואָס אַמאָל אַלץ מער געעפנט דעם וועג צו פולער פאַרווירקלעכונג. אָנהייבנדיק פון 1881 איז גאַנץ מערב־רוסלאַנד, באַזונדערס דרום־מערב־רוסלאַנד, געווען אַן אָרט פון פּערמאַנענט־סטימולירטער, ווילד־אַנטיסעמיטישער שנאה. פּאָדאָליע, פון וועלכער אַ טייל וועט אין 60 יאָר אַרום פאַרוואַנדלט ווערן אין פאַרשאָלטענעם טראַנסניסטריע, האָט דעמאָלט פאַרזוכט דעם אָדעסער פּאָגראָם, וואָס איז אין אַ יאָר אַרום (דעם 10טן אַפּריל 1882) פאַרגעזעצט געוואָרן דורכן גרויסן פּאָגראָם אין באַל־

טע, בעת וועלכן עס זענען חרוב געוואָרן איבער טויזנט יידישע הייזער און עטלעכע הונדערט יידן זענען צעשלאָגן,* צעפּייניקט און געטייט געוואָרן. אין 1900 איז ווידער אמאָל פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם אין אדעס און אין עטלעכע יאָר ארום (1905) איז אין דער זעלבער שטאָט פאָרגעקומען איינע פון די בלוטיקסטע שחיטות. און אין 1917 האָבן נאָך יידן פון די דאָזיקע מקומות געמוזט אויסשטיין די פּאָגראָמען פון פּעטליוראס באַנדעס (אין אדעס, באלטע, קריוואיע־אָזיערא און אנד.).

דער מאָרגנרויט פון די נייע צייטן האָט זיך, דערנאָך באַוויזן אַ העכער און האָפענונגספולער. כמעט אַ פערטל יאָרהונדערט האָבן די יידן פון צווישן בוג און דניעסטער אָפּגעלעבט ווי מענטשן צווישן מענטשן.

עטוואָס געדריקטער, אין רעלאַטיווער און איבערפלעכלעכער רו, — וואָס איז אַלעמאָל איבערגעריסן געוואָרן דורך העפטיקע און בלוטיקע האַס־אויסברוכן פון המון, וועלכער איז דערצו סטימולירט געוואָרן מצד דער העכערער רומענישער אָנפירערשאַפט — האָבן געלעבט די יידן פון דער רעכטער זייט דניעסטער. אדאָלף היטלערס און יאָן אַנטאָנעסקוס קרימינעלע מלחמה האָט צוריקגעבראַכט און אומענדלעך פאַרפילפאַכט די אַמאָליקע וויטיקן. די צוויי דערמאָנטע זענען אַנגעפאַלן אויף דער דאָזיקער ערד, איר אַ נאָמען געגעבן טראַנסניסטריע און זי באַשטימט צו זיין דער קבר פון דער לאַקאַלער, ווי אויך פון דער גאַנצער רומענישער יידישער באַפעלקערונג. זייערע פאַרברעכערישע פּלענער זענען אין אַ גרויסער מאָס פאַרווירקלעכט געוואָרן. די טראַנסניסטריער ערד דעקט היינט צו די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון אָדעס, וואָס איז געטראָפן געוואָרן פון אַנטאָנעסקוס אַרמייען אין אָקטאָבער 1941, ווי אויך אַ באַדייטנדיקע טייל פון די דאָרפישע און שטעטלדיקע יידן פון דער פּראָווינץ. דאָרט זענען אויך געבליבן די ביינער פון צוויי דריטל פון די יידן, וואָס זענען אהער פאַרטריבן געוואָרן פון רומעניע אין די יאָרן 1941 און 1942, שוין נאָך דעם וואָס אַ העלפט יידן פון בעסאַראַביע, בוקאָווינע און דאָראָהויער קרייז*) זענען געהאַט אויסגעהרגעט געוואָרן נאָך פאַר סעפּטעמבער 1941.

*) דאָראָהוי געפינט זיך אין צפון פון מאָלדאַווע. — איבערז.

די דאָזיקע שרעקלעכע סך־הכּלען, וועלכע זענען אונטערגעצויגן געוואָרן אין פרילינג 1944 מיט דער קיילעכדיקער ציפער פון 350.000 טויטע, זענען דערגרייכט געוואָרן דורך מאָרדן, שחיטות, אויסראָטונגס־אַקציעס, ווילדע רדיפות, פּייניקונגען, רויב, נויט, שלאָפקייטן און הונגער. די מאָרד־מעטאָדן זענען געווען באַזונדערס־פאַרשידנאַרטיק און האָבן אַרומגענומען כּמעט אַלץ וואָס דער מענטשלעכער שׂכל האָט אויף דעם געביט צוגעטראַכט פונעם מיטלאַלטער אָן ביז היטלערן. אָנהייבנדיק פון יוני 1940 ביז מאַרץ 1944 זענען די ייִדן פון בעסאַראַביע, בוקאָווינע און דאָראָהויער קרײַז, און שפּעטער די ייִדן פון טראַנסניסטריע, אומגעקומען פון דערשיסונגען, אויף תּליות, פאַרסמטע, געטרונקענע, אויסגעקוילעטע, פאַרברענטע, אויסגעהונגערטע, פון ניט־באַקעמפטע עפּידעמיעס, פון פּראָוואָצירטע אויסשעפּונגען, פאַרפּײַניקונגען ביז צום טויט אָדער ביז זעלבסטמאָרד. עס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז עס זענען ניט באַנוצט געוואָרן קיין גאַז־קאַמערן אָדער פּערפעקציאָנירטע קרעמאַטאָריומס, ניט קיין וויסנשאַפטלעכע וויוויסעקציע־עקספּערימענטן, ניט קיין גיפטשטאָף־אײַנאָימפונגען, ניט קיין אַרויסשטעלונגען אויף מוראַדיקע פרעסט און ניט קיין אַנדערע ענלעכע מיטלען, אָבער דערפאַר דאַרף אויך דערמאָנט ווערן, אַז רומעניע איז אַ לאַנד מיט אַ גאַנץ יונגער ציוויליזאַציע, אַ נאָך ווייט צוריקגעשטאַנענעם אין פאַרגלײַך מיט דער צענטראַל־אייראָפּעיִשער, דײַטשישער קולטור.

הגם זיי האָבן געהאַט די ספּעציפישע סימנים פון דײַטש־פאַשיסטישע אונטערנעמונגען — ציניזם און פּאַראַט בעת דער פּלאַנירונג, געהיימקייט בעת די צוגרייטונגען און ברוטאַלקייט בײַם אויספירן — זענען אָבער איניציאַטיוועס אין שײַכות מיט דער דעפּאָרטאַציע און ייִדן־אויסראָטונג, געווען דאָס ווערק פון רומענישן פאַשיזם. ס'איז אמת, אַז אַ סך פון אָט די אומגליקלעכע ייִדן זענען געפאַלן אַלס קרבּנות פון דער דײַטשישער ווילדקייט. ס'איז אויך ריכטיק אַז עס דאַרפן אונטערגעשטראָכן ווערן אייניקע אונטערשיידן אין די מעטאָדן און עס דאַרפן אָנגעצייכנט ווערן געוויסע צײַט־גרענעצן, וועלכע זענען דורך די רומענישע מאַכטהאָבער, גרויסע אָדער קליינע, מער נישט איבערגעשריטן געוואָרן, סײַדן

אויף זייער א ספּאַראַדישן אופן. אָבער די לײַדן פון די 450.000 מענטשן פון וועלכע 350.000 זענען אויסגעשטאָרבן, זענען ניט פאַרגעקומען מחמת דער פאָדערונג אָדער אונטערן דרוק פון די דײַטשן. די שחיטות אין בעסאַראַביע און בוקאָווינע פון יולי און אויגוסט 1941, וועלכע האָבן גע־געבן די גרעסטע צאָל הרוגים, זענען דורכגעפירט געוואָרן דורך די איבער־פאַלערישע ארמייען. צווישן זיי איז אויך געווען די נײַנטע דײַטשישע אַר־מיי פון גענעראַל פאָן שאבערט, אָבער זי האָט אוואַנסירט בלויז דורך דער ברייט פון בעלצער קרײַז. אויפן גאַנצן איבעריקן פראָנט, פונעם טשערעמוש ביזן דונײַ, האָבן אָפּעירירט נאָר סאָלדאַטן און אָפיצירן פון דער רומענישער ארמיי. דאָס מערדערישע ארומטרײַבן די דעפּאָרטירטע אין צפון־בוקאָווינע און בעסאַראַביע, די אינטערנירונגען אין די לאַגערן פון יעדינעץ, סעקוראַן, ווערטוזשען און מאַרקולעשט, ווי אויך די דעפּאָר־טאַציעס פון הארבסט 1941, זענען געפּאָדערט געוואָרן מצד די גרויכע איינהייטן פון דער רומענישער פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע. דער רויב־רעזשים און דער טעראָר נאָך פון פאַר די דעפּאָרטאַציעס, ווי אויך דער רעזשים אין טראַנסניסטריע, איז פאַרטראַכט און אָנגעווענדט געוואָרן דורך דער רומענישער מאַכט (גאַווערנאַמענטן, פּרעפעקטורעס, סוב־פּרע־פעקטורעס, מאַגיסטראַטן און דורך דער גאַנצער זשאַנדאַרמישער היע־ראַרכיע). די אַטמאָספער פון אומאויפהערלעכן דרוק און פּערמאַנענטער דראָונג איז אָנגערעגט געוואָרן אין די הויכע רומענישע פענצטער, אויס אַ בפירושן ווילן, אַז צוזאַמען מיט דער מלחמה זאָל אויסברעכן אויך דער אומברענגענדיקער האַס.

נאָר צוויי עטאַפּן פון דער טראַנסניסטריער טראַגעדיע זענען געווען אונטער דער ממשלה פון דײַטשישן ווילן: די גרויסע טראַנסניסטרישע אויסראָטונגס־אַקציעס פון 1942 און 1943 און די דעפּאָרטאַציעס פון הארבסט 1942.

דאָס יאָר 1942 האָט אָנגעצייכנט דעם אַפּאָגיי פון דער דײַטשישער מיליטערישער און פּאָליטישער קראַפט, אָבער עס האָט אויך פאַרצייכנט דעם גרויסן קער אין דער מלחמה, וואָס האָט באַטײַט דעם אָנהייב פון טאָטאַלן אײַנברוך פון פאַשיסטישן רעזשים. ווען די טעווטאָנישע הער־

שאַפט האָט זיך געהאַט אויסגעשפרייט פון ברעסט ביז וואָראָניעזש און פון נאַרוויק ביז טאָברוק; ווען דער אַוואַנגאַרד פון די דײַטשישע אַרמייען האָט זיך דערגרייך דערנענטערט צום קאַספישן ים, צו דער וואָלגאַ און צום נילוס; ווען די היטלערישע מענטאַליטעט האָט שוין געהאַט טיף אַרײַנגעדרונגען אין אייראָפעיִשן געדאַנק, איינשפריצנדיק אומעטום דעם קרענקלעך־באַרבאַרישן פסיכאָז פון ראַסע־העכערקייט, האָט די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פירערשאַפט באַשלאָסן מקיים צו זײַן נאָך איין פונקט פון איר פראָגראַם: גענצלעך אויסצוראָטן די ייִדישע באַפעלקערונג פון אייראָפע. אין דעם דאָזיקן פראָגראַם זענען געווען אַרײַנגערעכנט אויך די ייִדן פון רומעניע.

גרויסע אַקציעס האָבן געהאַלטן בײַם דורכגעפירט ווערן, און האַרבסט 1942, אין פראַנקרײַך, בעלגיע, האָלאַנד, סלאָוואַקיע, עסטרײַך, אָבער בעיקר אין פוילן, ווײַסרוסלאַנד און אוקראַינע. די נאָענטסטע פון דער רומענישער גרענעץ איז געווען די אויסראָטונגס־אַקציע פון דער געגנט קאַמענעץ־פאָדאָלסק, סטאַניסלאַוו־האָראָדענקאָ־קאָלאָמיי, וועלכע האָט געמאַכט אַ סוף צו דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג פון דעם שטח. די אַקציע האָט זיך אויסגעשפרייט און דערגרייכט ביז צו די ברעגעס פון טראַנסניסטריע, אין דער געגנט באַר־יאַלטושקאַ, ווּ צוזאַמען מיט עטלעכע טויזנט אָרטיקע ייִדן זענען אויך אומגעבראַכט געוואָרן אַ סך דעפאָרטירטע ייִדן פון רומעניע. נאָך ווייטיקלעכער פון אָט די לעצטע זענען געווען די אויסראָטונגס־אַקציעס פון דער געגנט פון מיטל־בוג (הייסין, קראַסנאָפאָלסק, נעמיראָוו, מיכאַילאָווקאַ, טאַראַסיעווקע). אַ טייל פון די קרבנות דאָ, זענען צונויפגענומען געוואָרן דורך די דײַטשן אין לאַגער פון פעטשיאָראַ, פון דער לאַדיזשינער שטײַנהאַקערײַ (300 אין איין טאָג), פון די געטאָס אין טולטשין, בערשאַד און אַנדערע. בײַם אָנהייב איז די גאַנצע געגנט געווען אויסשליסלעך אונטער רומענישער מאַכט, אָבער איבערן וואַנזיניקן אַנטיסעמיטישן האַס, און בעיקר איבערן מינדערווערטיקייטס־קאָמפלעקס פון די רומענישע רעגירער, האָבן די דײַטשישע פאָדערונגען זיי אַרויסצוגעבן מאַסן ייִדן, ניט אָנגעטראָפן קיין שום ווידערשטאַנד. מ׳וואָלט ניט געקענט באַהויפטן קאַטעגאָריש, אַז עס איז דאָ גע־

ווען א פון פריער פארטראכטע אקציע, אין וועלכער די ראל פון די רומענישע אינסטאנצן איז באשטאנען אין אנברענגען יידן און די ראל פון די שטורעם־טרופן און פון דער „טאדט"־ארגאניזאציע — זיי אויסצוראטן. די פאקטן זענען אבער דאך גראד אזוי פארגעקומען און זייער אויסוויקלונג טראגט דעם בולטן כאראקטער פון דער טייוולאנישער שותפות. העכע רומענישע מאכט־ארגאנען (דער בוקאווינער גאווערנאמענט) האבן אהער געשיקט די יידן, נידעריקערע רומענישע אינסטאנצן (פרעפעקטורעס, סוב־פרעפעקטורעס און זשאנדארמען־לעגיאנען) האבן אן שום קווענקלענישן איבערגעגעבן די יידן אין דייטשישע הענט, און זיי, די דייטשן האבן די דאזיקע יידן אויסגעראטן, לויטן נאציאנאל־סאציאליסטישן שטייגער, אין ארגאניזירטע אקציעס, וועלכע האבן זיך באלד אנגעהויבן און זיך פארצויגן ביזן פרילינג פון יאר 1944.

אן אנדערער סעקטאר פון טראנסניסטריע ווו מחמת דעם זעלבן אינפעריאריטעט־קאמפלעקס ווערט אויסגעניבט די דייטשישע מאכט אויף אן אומבאגרענעצטן אופן, איז געווען דער קרייז בערעזאווקא, אין דער געגנט מאסטאוואי־וואסילינאווא־ראשטאדט, ווו עס האט פונקציאנירט א וויכטיקער גענעראל־שטאב פון די עס־עס־טרופן. די רומענישע מאכטהאבער האבן געהאלטן, אז דארט איז דאס פאסיקסטע ארט וווהין צו דעפארטירן די לעבנסגעבליבענע יידן פון אדעס און וווהין עס זאל אויך דעפארטירט ווערן די ערשטע פארטיע יידן פון אלט־רומעניע און פון טראנסילוואניע. אויך דאס מאל קען מען ניט אנווייזן אויף א פון־פריער צוגעגרייטער רומעניש־דייטשישער בשותפותדיקייט. די געשעענישן זענען אבער פארגעקומען אויף דעם זעלביקן פארברעכערישן אופן. דער גובערנאטאר פון טראנסניסטריע האט דעם 7טן יאנואר 1942 ארויסגעגעבן א באפעל צו אינטערנירן די אדעסער יידן — אן ערך 20.000 מענטשן — אין געטא פון סלאבאדקע און במשך די חדשים יאנואר און פעברואר האט די רומענישע זשאנדארמעריע זיי אלץ געהאלטן אין איין עוואקוירן אין דער געגנט מאסטאוואי. אנהייבנדיק פון חודש מארץ, האבן די עס־עס־טרופן זיי אלץ נאכאנאנד איבערגענומען, צו גרופעס פון עטלעכע הונדערט, און זיי אויסגעראטן אין אקציעס, וואס האבן זיך פארצויגן ביזן הארבסט. אזוי

האָט אויך דער פירער פון רומענישן שטאַט, יאָן אַנטאָנעסקו, באַפוילן סוף חודש יולי 1942, צו דעפּאָרטירן פון אַלט־רומעניע אין טראַנסילוואַניע קיין טראַנסניסטריע אַ גרופּע פון עטלעכע הונדערט ייִדן, וועלכע האָבן אין דעצעמבער 1940 געהאַט געבעטן בײַ דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט אין בוקאַרעשט וויזעס קיין ראַטנפאַרבאַנד. אָנהייב סעפּטעמבער האָט זיי דאָס אינערן־מיניסטעריום עקספּעדירט אין דער געגנט מאַסטאַוואי, ווו זיי זענען באַלד בײַ זייער אָנקום, איבערגעגעבן געוואָרן די ס.ס.־טרופּן, וועלכע האָבן זיי אויסגעהרגעט.

גאָר אַנדערש איז צוגעגאַנגען אין האַרבסט 1942, דער צווייטער דײַטשישער פּרוּוו אָנצווענדן דאָס נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּראָגראַם אין רומעניע. אויפֿן נאַציישן סדר־היום איז דעמאָלט געהאַט געשטאַנען די טאָטאַלע אויסראָטונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, וואָס האָט נאָך געלעבט אונטער דער מאַכט פון דער רומענישער רעגירונג.

די דײַטשישע אינטערווענצן, וועלכע האָבן זיך קודם דורכגערוקט שטיל און באַהאַלטן און שיר־נישט בגניבה, און וועלכע זענען שפּעטער ציניש און חוצפּהדיק צעפּויקט געוואָרן דורך דער דײַטשישער פּרעסע אין בוקאַרעשט און אין אויסלאַנד, האָבן בײַם אָנהייב נישט אָנגעטראָפן קיין שום ווידערשטאַנד. אדרבה! זיי האָבן באַלד גענאָסן פון יאָן אַנטאָנעסקוס הסכמה און גאָר אינגיכן באַקומען די נייטיקע מיטהילף פון די רומענישע מאַכט־אָרגאַנען, וועלכע זענען לויט זייער מהות געווען באַרופן אויסצופירן די אַקציעס: דער גרויסער גענעראַל־שטאַב פון דער אַרמיי און דאָס אינערן־מיניסטעריום. אָבער נאָכן אוועקשיקן די ערשטע פּאַרטיעס, אין סעפּטעמבער און אָקטאָבער, און דווקא דאַן ווען אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט צו דער ערשטער מאַסן־דעפּאָרטאַציע פון די טראַנסילוואַניער ייִדן — האָבן זיך די דײַטשישע פּראָיעקטן אָנגעשטויסן אָן די ספּעציפישע שטריכן פון דער רומענישער ביוראָקראַטיע — אומאַנטשלאָסנקייט, קווענקלעניש, קליינלעכע אינטערעסן און אַ קאַפּעלע מענטשלעכקייט — און אַזוי איז די אַקציע פריער אָפּגעלייגט און שפּעטער אינגאַנצן אויפגעגעבן געוואָרן.

דער דורכפאַל פון דעם דאָזיקן פּרוּוו איז געווען איינע פון די ערשטע

מפּלות וואָס עס האָט געליטן די היטלעריסטישע פּאָליטיק. מען קען ניט זאָגן, אַז די רומענישע רעגירונג האָט געוואָלט די דאָזיקע מפּלה אָבער מ'איז מסכּים, אַז זי איז אויף איר אײַנגעגאַנגען, אַוועקשטעלנדיק דער־מיט, זיך גופא, אין דער ריי פון די באַזיגטע. ס'איז מאָדנע דער פּאַקט, אַז דער דאָזיקער מאָמענט פון האַרבסט 1942, דער געפערלעכסטער אין דער געשיכטע פון רומענישן ייִדנטום, האָט אָנגעצייכנט דעם אָנהייב פון נס, וועלכער האָט געראַטעוועט דאָס לעבן פון 350.000 ייִדישע נפשות.

ס'איז אַ סך גערעדט געוואָרן וועגן דעם דאָזיקן נס. עס זענען אָבער געמאַכט געוואָרן בלויז אויבערפלעכלעכע פעסטשטעלונגען, אָנווײַזנדיק אַז בעת אין גאַנץ אייראָפּע איז די ייִדן־אויסראָטונג דורכגעפירט געוואָרן טאָטאַל אָדער כאָטש אין אַ ריזיקער פּראָפּאָרץ, איז אין רומעניע געבליבן לעבן אַ קאָמפּאַקטע מאַסע. די פעסטשטעלונג איז ריכטיק, אָבער גאָרניט אַזוי ווײַט ניסימדיק, סײַדן אַז מע זאָל רעכענען בלויז די ייִדישע באַפעל־קערונג פון אַלט־רומעניע און טראַנסילוואַניע.

לויט אַזאַ מין חשבון איז די פּראָפּאָרץ פון די קרבנות אַן ערך צען פּראָצענט. אַז מען באַרעכנט אָבער ריכטיק, דאָס הייסט, אַרײַננעמענדיק אין חשבון  אַ ל ע  ייִדן, וועלכע האָבן זיך געפונען צווישן 1941 און 1944 אונטער דער רומענישער מאַכט, איז די פּראָפּאָרץ פון די אויסגע־הרגעטע מער ווי אַ העלפט — און דאָס איז שוין גאָר קיין נס ניט, נאָר איין שטיק שווידערלעכקייט.

די געשיכטלעכע פאָרשונג דאַרף אָבער געמאַכט ווערן ניט לויט פּראָ־צענטן, נייערט לויט אַבסאָלוטע ציפערן. בשעת רומעניע איז באַפרײַט געוואָרן פון דער פאַשיסטיש־טיראַנישער הערשאַפט, זענען געהאַט גע־בליבן לעבן אַן ערך 300.000 ייִדן צווישן די גרענעצן פון לאַנד, אַ חוץ אַן ערך 68.000 — אויסער דער נאַציאָנאַלער טעריטאָריע. דאָס איז דער נס. די פאַקטאָרן וועלכע האָבן גורם געווען צו דערגרייכן אַזאַ מין רעזול־טאַט זענען פילפאַכע און פאַרשיידנאַרטיקע. אָט זענען די וויכטיקסטע:

**1. — רומעניע איז ניט געווען קיין לאַנד וואָס איז אונטערגע־וואָרפן געוואָרן דעם דײַטש־מיליטערישן אָקופּאַציע־רע־זשים.**

**2. — די נאַציאָנאַלע רומעניש עקאָנאָמיק האָט זיך ניט געקאָנט באַגיין אָן די יידישע לייסטונגען.**

**3. — דער אומגלייכער כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט פון די וויכטיקסטע רומענישע מאַכטהאָבער איז געווען עמפּינדלעך פאַר קוועקלעניש און השפּעות.**

**4. — די רומענישע עפנטלעכע מיינונג האָט זיך צוגעפּאַסט בלויז ספּאָראַדיש און צייטווייליק צו די פאַשיסטישע אידייען און בעיקר — צו די פאַשיסטישע מעטאָדן.**

1 — די סוּווערענע מלוכות, וואָס זענען געווען אָפּהענגיק פון, אָדער אונטערגעוואָרפן דער „נייער איראָפּעישער אָרדענונג" האָבן זיך, נאַטירלעכערווייז, גרופּירט אין צוויי באַזונדערע קאַטעגאָריעס:

א. — מלוכות אונטער דייטש־מיליטערישער אָקופּאַציע, צו וועלכע עס האָבן געהערט פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד, נאָרוועגיע, טשעכאָסלאָוואַקיע, עסטרייך, יוגאָסלאַוויע, אַלבאַניע, גריכנלאַנד, פּוילן, ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע און שפּעטער איטאַליע (סעפּטעמבער 1943) און אונגאַרן (מאַרץ 1944).

ב. — מלוכות וואָס זענען געשטאַנען אונטער דייטשלאַנדס פּאָליטישער השפּעה: רומעניע, פינלאַנד און בולגאַריע. (דענעמאַרק האָט געהאַט אַ צווישן־לאַגע). אין די לענדער פון דער ערשטער קאַטעגאָריע האָט דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם געקאָנט אָננעמען דירעקטע באַשלוסן, וועלכע זענען דורכגעפירט געוואָרן סיי דורך זיינע אייגענע מאַכט־אָרגאַנען, סיי דורך די נאַציאָנאַל־קאָלאַבאָראַציאָניסטישע כוחות, וועלכע זענען געווען געצאָלט אָדער סתם אונטערגעוואָרפן די באַפעלן פון דער געשטאַפּאָ. די דעפּאָרטאַציעס אָדער אויסראָטונגס־אַקציעס זענען דאָ ניט געווען אָפּהענגיק פון קיינעמס הסכמה און האָבן זיך ניט געקאָנט אָנשטויסן אויף קיין שום ווידערשטאַנד. דער פּראָגראַם איז דאָ אָנגעווענדט געוואָרן אינטעגראַל, אָן פאַרזוימונגען, אָן אָפּלייגונגען, אָן קוועקלעניש און אָן רחמנות. אויסנאַמען זענען געווען צו פאַרדאַנקען נאָר מוטיקע אינדיווידועלע איניציא־

טיוועס, וועלכע זענען גוטוויליק און א צײַט לאַנג געשטיצט געוואָרן מצד די נאַציאָנאַלע ווידערשטאַנד־כוחות. אין איטאַליע און אונגאַרן האָבן די רדיפות קעגן יידן געהאַט א בלײַכן, פּלאַטאָנישן אויסזען און זענען ניט געוואָרן לעבנסגעפערלעך, ביז ס'איז ניט פאָרגעקומען די ווירקלעכע דײַטש־מיליטערישע אָקופּאַציע.

רומעניע און בולגאַריע זענען געווען אונטערגעוואָרפן דער דײַטשישער פּאָליטישער השפעה, כמעט ביז דער מדרגה פון וואַסאַלן, אָבער זיי האָבן נאָך דאָך אויפגעהיט געוויסע סימנים פון סוווערעניטעט. אויפן עקאָנאָמישן געביט, ווי אויך אויפן געביט פון ראַסן־פּאָליטיק, איז מעגלעך געווען צו שטעלן א ווידערשטאַנד. אַמאָל פלעגן אפילו צוגעטיילט ווערן ראַסיסטישע קאָמפּענסאַציעס פאַר עקאָנאָמישע אָפּזאָגן. דערפאַר זענען די רדיפות און יידן־אויסראָטונגען אין רומעניע בלויז געווען אַן ענין פון רומענישער איניציאַטיוו, מיט ספּאָראַדישע דײַטשישע מיטבאַטייליקונגען. אויב עס זענען דערגרייכט געוואָרן אַזעלכע שרעקלעכע רעזולטאַטן און גרויזאַמע סך־הכלען, איז עס פון איין זײַט צוצושרײַבן דער פּסיכאָלאָגישער צוגרייטונג, במשך צוויי יאָרצענדליק, פון א קראַנקן דור, וואָס איז אין זײַנע בלאָנדזענישן געמוטיקט געוואָרן מצד דער רומענישער פּסעוודאָ־דעמאָקראַטיע און פון דער אַנדערער זײַט, די שנאהדיקע העצערייען וואָס די דיקטאַטאָרישע פירערשאַפט פון רומענישן שטאַט האָט פאַרשפּרייט בכדי מיט זיי צו באַפּוצן דעם אָנהייב פון „הייליקן קריג”. אין בולגאַריע, ווו עס זענען ניט געווען די דאָזיקע גורמים, האָבן די אַנטיסעמיטישע רדיפות פון נאַצישן כאַראַקטער געבראַכט ערנסטע צרות, אָבער גאַנץ ווייניק קרבנות.

2. —די נאַציאָנאַלע רומענישע עקאָנאָמיק פון פאַר 1940 האָט געהאַט א סך צו פאַרדאַנקען דער יידישער אונטערנעמערישקייט, געניטקייט און ענערגיע. פאַראַן א גרויסער חלק אמת אין די דעמאָלטיקע אַנטיסעמיטישע באַהויפּטונגען, אַז אויף די וויכטיקסטע עקאָנאָמישע פּאָסטנס, סײַ פון טעכנישער ספּעציאַליטעט, סײַ פון געוויינלעכער אַרבעט, האָבן די יידן פאַרנומען אַן ערנסט פּלאַץ. זייער אַרײַנדרינגונג איז אָבער ווײַט ניט געווען דער רעזולטאַט פון פאַרכאַפּערישקייט, נײַערט פון שעפעריש־

קייט. א חוץ אויפן געביט פון ערד־ארבעט, ווו עס איז פאר זיי געווען פארבאטן דער צוטריט, ביז נאך דער עמאנציפאציע פון 1919, זענען יידן געווען פיאנערן אויף אלע עקאנאמישע געביטן, — פינאנציעלן, אינדוסטריעלן און קאמערציעלן — אויף וועלכע זיי האבן אייניקע מאל גאנץ טייער באצאלט פאר זייער איניציאטארישער איינשטעלערישקייט און אנדערע מאל — גענישטן די פירות פון אויסדויער. ס'איז געווען נאטירלעך, אז ביי אזא מין לאגע זאל דער נארמאלער גאנג פון עקאנאמישן לעבן זיך ניט קענען באגיין אן זיי. די העכערע רומענישע מאכט האט דעם דאזיקן פאקט ניט גענומען אין אכט בעת דעם שגעון-אויסברוך פון דער אייזערנער גווארדיע, זי האט עס אבער געפילט ערב און בעת דער מלחמה, באזונדערס נאכן פארלירן בוקאווינע. דערפאר האט אנטאנעסקוס רעגירונג, הגם זי האט דעם דאזיקן אמת קיינמאל ניט אנערקענט און אנגייענדיק מיט איר יידן־באזייטנדיקער געזעצגעבונג, דאך אויפגעהאלטן א טייל יידן אין עקאנאמישן אפאראט און זיך געקווענקלט אנצונעמען באשלוסן פון טאטאלער אויסראטונג.

3. — די רומענישע מושלים אין וועמענס הענט עס איז געלעגן דאס לעבן פון די רומענישע יידן, זענען געווען יאן אנטאנעסקו, דער שטאטספירער; מיכאי אנטאנעסקו, דער ציוויליקער אבער פאקטישער פרעמיער און גענעראל ק. ז. וואסיליו, סובסעקרעטאר פאר פאליציי און עפנטלעכער ארדענונג.

אלע האבן זיי זיך שווער פארזינדיקט קעגן לאנד און קעגן די יידישע מאסן, אבער א חוץ זינד האבן זיי ניט פארמאגט די אייגנשאפטן, וועלכע עס באדארפן האבן פאלקס־פירערס, בשעת די געפירטע פעלקער שטייען אויף היסטארישע קרייצוועגן. בעיקר האט זיי געפעלט דער גלויבן אין אן אידעאל און גלויבנס־אויסדויער.

יאן אנטאנעסקו איז געווען א מאניאק פון היטלער־מוסאליני־שניט. ער האט אבער ניט פארמאגט די אייגנשאפטן פון א פירער ווי עס האט זיי פארמאגט דער ערשטער און ניט דעם שטאלענעם ווילן פון צווייטן. ער איז געווען א שלעכטער מענטש און א מענטשן־פיינד. באזונדערס האט

ער פֿײַנט געהאַט ייִדן. ניט אויס איבערצייגונג, נאָר ווײַל אין אַנטיסעמיטיזם האָט ער געטראָפֿן אַ מיטל אויסצוגיסן זײַן האַס. די דײַטשן האָט ער אויך ניט ליב געהאַט. ער איז מיט זיי געוואָרן אַ שותּף, האָט זיי מקריב געווען דאָס בלוט, דאָס פֿאַרמעגן און דעם כּבֿוד פֿון זײַן לאַנד, זיי געדינט מיט פֿאַרברעכערישער געטרײַקייט, נאָר דערפֿאַר ווײַל מיט זייער הילף האָט ער געקענט באַפֿרידיקן זײַנע גראַנדאָמאַנישע מאַכט־אַמביציעס.

ער איז געווען אַן איבערפֿלעכלעכער מענטש מיט אַ זייער באַשרענקטער דענק־פֿעיִקייט, אַן אײַטעלער און אימפּולסיווער. דערפֿאַר האָט ער געקאָנט באַווירקט ווערן צו גוטן און צו שלעכטן, און דערפֿאַר האָט ער אַזוי לײַכט געקאָנט איבערגיין פֿון איין באַשלוס צו אַ צווייטן, אויב אַפֿילו דער צווייטער איז געווען אין פֿולער סתּירה צום ערשטן.

בײַ זײַן פּראָצעס, האָט יאָן אַנטאָנעסקו דערקלערט: „אויב די רומענישע ייִדן לעבן נאָך, לעבן זיי אַ דאַנק מאַרשאַל אַנטאָנעסקו”. די דאָזיקע באַהויפּטונג איז ווינציקסטנס ניט קיין גאַנצע. זי קען מיט זיך פֿאָרשטעלן דעם היסטאָרישן אמת, נאָר אין אָט דער פֿאָרם: פֿון די רומענישע אָדער סאָוועטישע ייִדן, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אונטער זײַן ממשלה, האָט יאָן אַנטאָנעסקו געלאָזט לעבן אַ 300.000, נאָך דעם וואָס ער האָט געטייט כּמעט, אָדער איבער 350.000.

מיכאַי אַנטאָנעסקו איז געווען אַ מזלדיקער קאַריעריסט, ווען די אומשטענדן האָבן אַוועקגעזעצט אויפֿן שפּיץ פֿון דער פּיראַמידע. און ווײַל עס האָבן אים אויסגעפֿעלט אי די נייטיקע צוגעגרייטקייט אי די געהעריקע נשמהדיקע אײַגנשאַפֿטן, האָט ער פֿון דאָרט געמוזט זיך אַראָפּקײַקלען ביז פֿאַרן היגריכטונגס־פּלוטאָן. ווייניקער לאָיאַל ווי יאָן, ראַפֿינירטער ווי ער, האָט ער די דײַטשן פֿאַרקויפֿט אי זײַן נשמה אי דאָס לאַנד און זיי געדינט געטרײַ, כּל זמן ער האָט געגלייבט אין זייער אומבאַזיגלעכקייט. אין מאָמענט ווען ער האָט אָנגעהויבן אײַנזען, אַז זיי זענען ניט אומבאַזיגלעך, האָט ער זיי ביסלעכווײַז אָנגעהויבן צו פֿאַרלאָזן.

עס איז אפֿשר אמת דאָס וואָס ער האָט דערקלערט סײַ בעת דער מלחמה, סײַ נאָך דער באַפֿרײַונג, אַז ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין

אנטיסעמיט. אין דעם פאַל איז זײַן שטעלונג בעת דער ערשטער טייל פון דער מלחמה געווען נאָך נידעריקער, היות ער איז דעמאָלט געווען איינער פון די הויפּט־מיטווירקער, אַז עס זאָל אָפּגעלאָזט ווערן פון דער קייט די ווילד־מערדערישע שנאה — דער קוואַל פון אַן אָנרעג צו די דעמאָלטיקע שחיטות. ער האָט די דעמאָלטיקע זינד ניט געקענט אויסקויפן שפּעטער ווען — נאָך זײַן באַזוך בײַם וואַטיקאַן אין האַרבסט 1943, בעת עס זע־נען אים קלאָר געוואָרן די פּערספּעקטיוון — און ער האָט געפּרוווט זיך לײַכטער מאַכן דאָס געוויסן און אָפּוואַרפן פון זיך די פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט דערמיט, וואָס ער האָט אויסגעמיטן אייניקע אַנטיסעמיטישע פאַר־פאָלגונגס־אַקטן, נישט דערלאָזט אַז אייניקע פון זיי זאָלן פאָרקומען, און אפילו געראַטעוועט אַ געוויסע צאָל ייִדן, באַזונדער פון די, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון אונגאַרן.

גענעראַל ק. ז. וואַסיליו (פּיקי), דער וואַכזאַמער פּאָליציי־מיניסטער, איז געווען אַ באַנאַלער מענטש, מיט די אייגענע זינדיקע שוואַכקייטן פון יעדן בשׂר ודם. אַ ווײַבערניק און בעל־עברהניק, אַ געלט־גיריקער, האָט ער צוגעפּאַסט דעם גראַד פון זײַנע געפילן און שטעלונג צו ייִדן, באַמיִענדיק זיך צו גיין אויפן מיטלוועג צווישן לאָיאַלקייט צו יאָן אַנטאָנעסקון און צווישן זײַנע פּערזענלעכע אינטערעסן. אַזוי ווי ער איז געווען ווייניקער גרויזאַם ווי זײַן פאָרגייער, דער גענעראַל יאָן פּאַפּעסקו (זשאַק), — ווע־מענס מעשים ווערן שוין פאַרגעסן מחמת זײַן טויט — האָט גענעראַל וואַ־סיליו די ערשטע צײַט באַרעכטיקט די האָפענונגען וואָס די געדרודפּטע האָבן געהאַט בנוגע אים, ווען ער איז געקומען צו דער מאַכט אין יאַנואַר 1942. אין עטלעכע חדשים אַרום, אין האַרבסט 1942, איז ער געווען דער אומבויגזאַמער אויספירער פון נאַציישן פּלאַן טאָטאַל אויסצוראָטן די ייִדן פון רומעניע.

4. — די רומענישע עפנטלעכע מיינונג — וועלכע איז סײַ בעת דער פּסעוודאָ־דעמאָקראַטיע, סײַ בעת דער דיקטאַטור, געווען רעדוצירט בלויז צו דעם שטאַטישן קליינבירגערטום, היות די פּויערים און די אַרבע־טער זענען אינגאַנצן געווען אויסגעשלאָסן — האָט דורכגעמאַכט אַ מאָד־

נע און ספּעציפישע עוואָלוציע במשך דעם פּעריאָד פון 6טן סעפּטעמבער 1940 ביזן 23טן אויגוסט 1944. זי האָט אויפגענומען, אַ באַגייסטערטע, אַנטאָנעסקון, זי האָט אין אַלגעמיין צוגעזען גלײַכגילטיק און מיט אַ גע־וויסן ווידערווילן דעם שגעון-אויסברוך פון דער אייזערנער גוואַרדיע; זי האָט ניט געוואָלט קיין מלחמה, אָבער זי האָט זיך קעגן איר גאָרניט קעגנ־געשטעלט. דער רומענישער אַנטיסעמיטיזם, וועלכער איז אַ טראַדיציאָ־נעלער אָבער אַן אויסשליסלעך פּאָליטיקאַנטישער, וואָלט קיינמאָל ניט גע־ווען באַקומען די שרעקלעך־געפערלעכע פאָרם, טראָץ דער 20יעריקער אַר־בעט פון אַ דעזאָריענטירטן דור, וועלכער איז אָנגערעגט געוואָרן פון דרויסן און דערמוטיקט געוואָרן פון אינעוויייניק, מצד אַלע פּאָליטישע ריכטונ־גען, וועלכע האָבן אָנגעפירט דאָס לאַנד נאָר אַ געוויסע צײַט.

די מלחמה האָט פאַרכאַפּט די דאָזיקע עפנטלעכע מיינונג, איידער זי האָט געהאַט פאַרוואַנדלט אירע אַנטיסעמיטישע נייגונגען אין האַס. געשען איז עס אָבער בעת דער מלחמה און גאָר גיך. פון יוני ביז נאָוועמ־בער זענען די שנאה־מאַניפעסטאַציעס געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ בולטערע. קיין שום ווידערווילן בײַם צוזען די ווילדע שחיטות — אָפּט אפילו אַן אַקטיווער אַנטייל — סאָציאַלער און עקאָנאָמישער באָיקאָט, פאַראַכטונג צו די קאָנוואָיען עוואַקוירטע, פאַראַכטונג צו די גרופּעס ייִדן, וואָס פלעגן געטריבן ווערן מיט לאָפּעטעס און רידלען אויף די אַקסלען, צו שווערער אַרבעט, זידלערייען און איזדיעקעווען זיך איבער די ייִדן מיט די געלע לאַטעס, גלײַכגילט אָדער טאַקע באַגײַסטערונג פאַר די דעפּאָרטאַציעס פון הארבסט 1941. אָבער די דאָזיקע איבערפּליסיקע שנאה איז געווען אַ קינסטלעך־אויפגעשרויפטע. זי האָט דערגרייכט צו איר הויכפּונקט אין אָק־טאָבער 1941, ווען אַנטאָנעסקו האָט געהאַט געלאָזט אין גאַנג זײַן גאַנצן פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט, בכדי צו באַרעכטיקן זײַנע ביז־דעמאָלטיקע פאַר־ברעכנס און בכדי אָנצוגרייטן צו ווײַטערדיקע. אין יענעם מאָמענט האָט די עפנטלעכע מיינונג געגלייבט אַלע פּוסטע רייד, די לעצטע קוועקזילבערנע זענען אוועקגעפאַלן און די שנאה איז כמעט געווען אַן איינשטימיקע.

אָבער אין צוויי חדשים אַרום פלעגן די גרופּעס ייִדן, וואָס מע האָט אַלעמאָל אַרויסגעפירט צו רייניקן דעם שניי אויף די גאַסן, אויפגענומען

ווערן מיט ברויט און ווארעם וואסער. דער שנאה־אפפלוס איז אודאי צו־געגאנגען לאנגזאמער ווי דער צופלוס, אבער אויף אזוי ווײַט אז אין הארבסט 1942 זאל די עפנטלעכע מיינונג שוין ניט בלײַבן גלײַכגילטיק צו די אקציעס פון טאטאלער אויסראטונג. דאס רעאגירן פון פאלקס־שכל הישר האט גורם געווען צו קווענקלענישן און אפילו צו אן אפלייג אויף דער באנאלער אבער דאך היסטארישער קאבינעט־זיצונג פון 13טן אקטאבער 1942. די אליאירטע ארמייען האבן שוין געטון דאס איבעריקע, אין א חודש ארום, בײַם אלאמײַן, אין אלזשיר און אין סטאלינגראד.

אבער בעת פון ביידע זײַטן קארפאטן איז פארגעקומען דער „נס", האט זיך ליידער דארט, אין גאט־געבענטשטן און פון מענטשלעכער רשעות פארדארבענעם לאנד, אין אט דעם ריזיקן לאנגער וואס צווישן דניעסטער און בוג, אפגעשפילט די ווייטיקלעכע געשיכטע פון די ייִדן וואס זענען דעפארטירט געווארן פון רומעניע. עס זענען אהין פארטריבן געווארן כמעט אדער איבער 120.000 מענטשן. די טראנסניסטריער ערד האט פאר זיי אלע געזאלט זײַן אי ס'געלעגער, אי שפּײַז, אי דער קבר. פון ערשטן ביזן לעצטן טאג האבן דארט נישט אויפגעהערט אפצוהילכן די מערדערישע לאזונגען.

„מיר האבן אײַך אנגעבראכט אהער, כדי איר זאלט דא אויסשטארבן, אבער מיר פאדערן פון אײַך, אז איר זאלט מאכן א סוף צו די עפידעמיעס" — פלעג זיך רעדן אקאדעמיש דער דאקטער וואס איז מצדן גאווערנא־מענט צוגעשיקט געווארן אהער, קיין מאהילעוו.

„עס לעבן נאך עפּעס ייִדן אין טראנסניסטריע?", פלעג אמאל א פרעג טון אומשולדיק דער גובערנאטאר פון דער פראווינץ בײַ זײַנע אונ־טערגעארדנטע.

„נאר די אויסראטונג פון אזעלכע פארברעכער און פאנאטישע קאמו־ניסטן וואלט געקענט באפרײַען די מענטשהייט פון דער קאמוניסטישער געפאר", פלעג ראפארטירן צו די העכערע אינסטאנצן דער זשאנדאר־מען־אינספעקטאר פון טראנסניסטריע, בעטנדיק אינסטרוקציעס וואס ווײַטער צו טון.

„אט דאָ וועט זײַן אײַער קבר!", פלעגן רעוועַן די אָפיצירן, פּלוטאָניערן און סאָלדאַטן פון אַלע זשאַנדאַרמען־לעגיאָנען.

פון די גאָר־גרויסע רעדל־פירערס ביז די נידעריקסטע יוצר־משרתים־לעך, האָט קיינער חלילה ניט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט אויף צו באַווײַזן מיט רייד און מעשים, אַז זייער מיסיע איז געווען צו פאַרניכטן יעדע שפּור פון ייִדיש לעבן.

די אונטערדריקונגס־מיטלען וואָס האָבן געדאַרפט דערפירן צו אָט דעם ענד־ציל זענען געווען פאַרשידענע און אויב טראַנסניסטריע אַסאָציִירט ניט אין אונדזער מוח די אַפּאָקאַליפּטישע פלאַמען פון די קרעמאַטאָריומס, האָט זיך עס אָבער אויסגעצייכנט מיט אַ לאַנגזאַמען אויסראָטונגס־פּראָצעס, וואָס האָט גייסטיק פאַרשאַפט אַן אַ שיעור מער ליידן ווי פיזיש. אין די דײַטשישע לאַגערן איז די פאַרטעמפּונג מיט אַזאַ מין גהינומדיק־גיכן טעמפּאָ, אַז ניט נאָר פלעג מען באַלד בײַם אָנהייב אויפגעבן יעדע האָפענונג, נאָר אויך דער מוט פלעג דאָרט בײַם מענטשן געזעגנצלעך זינקען. אין טראַנסניסטריע אָבער טליעט נאָך אומאויפהערלעך די האָפענונג, דער באַוווסטזײַן פון דער שטופנווײַזער דעגראַדירונג פון דער מענטשלעכער חשיבות האַלט פּערמאַנענט אָן און מע פילט דעריבער נאָך פיל שרעקלעכער די גרויזאַמעווירקלעכקייט.

די שרעק פאַר קראַנקייטן, וועלכע האָבן געלויערט פון יעדן ווינקעלע, די זאָרג וועגן שפּײַז פאַר זיך און בעיקר פאַר די ליבסטע, דאָס אייביקע ציטערן פאַר קלעפּ און פּײַניקונגען, וועלכע האָבן געקאָנט אויסגעגאָסן ווערן אין יעדער רגע אויף וועמען ס'ניט איז, מיט אָדער אָן אַ מאָטיוו, די אַנגסט אין אָנבליק פון דער פּערמאַנענטער באַדראָטקייט פאַרטריבן צו ווערן סײַ אין אַנדערע טראַנסניסטריער לאַגערן, סײַ אויף יענער זײַט בוג, פלעגן פּשוט פּאַראַליזירן די חושים און אַטראָפירן די פיזישע ווײַטיקן, אָבער נאָך מער פאַרטיפן, אָן אַ שום גרענעץ, די מאָראַלישע.

פון די פאַקטאָרן וואָס האָבן גורם געווען צו דער פיזישער און גײַסטיקער פאַרניכטונג פון די דעפּאָרטירטע ייִדן אין טראַנסניסטריע, זענען די אויבן־אויסגערעכנטע — שלאָפקייטן, הונגער, פּײַניקונגען, די אַרויסטרײַבונגען אָדער די שרעק פאַר זיי — די וויכטיקסטע. אויב זיי אַלע

איניינעם האָבן ניט באַוויזן צו דערפירן ביזן סוף די טאָטאַלע פאַרניכ־טונג, איז דאָס צוצושרײַבן אַן אַנדערן „נס" וואָס איז געשען אַ דאַנק דער ריזיקער וויטאַליטעט און אומאויסשעפּלעכער ייִדישער ענערגיע. אַ גרופּ־קעלע מענטשן — אַמאָל אַפילו בלויז אַ יחיד — וואָס האָט פאַרמאָגט אי־ניציאַטיוו, מוט, ווילן, אַרבעטס־קראַפט און אויטאָריטעט, אַמאָל סתּם אַנגערעגטע פון אויפהיטונגס־אינסטינקט און אַמאָל פון מענטשלעכן אָדער ייִדישן סאָלידאַריטעט־גייסט, פלעג באַווײַזן צו שאַפן אַ פורעם פון אַ קהליש לעבן פאַר דער מאַסע אויסגעוואָרצלטע, אויסגעמאַטערטע און גע־רודפטע מענטשן.

די מנהיגים פלעגן אויפקומען פון זיך אַליין, הגם עס האָט זיי קיינער נישט אויסגעקליבן און אָפּטמאָל אויך קיינער ניט באַשטימט אָדער באַ־שטעטיקט.

אַזוי ספּאָנטאַן זענען אויך אויפגעקומען די אינסטיטוציעס, וועלכע זענען אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַרויסגעוואַקסן פון די צרות און אומגליקן.

די ווילדע רעקרוטיר־מעטאָדן פאַר אָבליגאַטאָרישער אַרבעט, האָבן באַשאַפן די ערשטע קעמערלעך, די אַזוי־גערופענע „אָרגאַניזיר־ביוראָען פון ייִדישער אַרבעט". הגם זיי האָבן געהאַט אַזאַ מין מיאוסן שם בײַ די ייִדישע מאַסן, וועלכע האָבן אין זיי געזען — אַמאָל מיט רעכט — דעם שונאס אַן אינסטרומענט, זענען אָבער די דאָזיקע „אָרגאַניזיר־ביוראָען" געווען אַ מין נייטיק שלעכטס, כדי צו פאַרמיידן אומרעכטן און דורך זיי צו צוימען די ברוטאַלקייט פון די נוגשים. דער מאַסן־הונגער האָט גע־צוווּנגען צו גרינדן די קאַנטינעס און פאָלקס־קיכן, אַפּראָוויזאַציע־מאַגאַ־זינען און וואַנדערלעכע אַרטעלן (בעל מלאכהשע וואַרשטאַטן). די עפּידע־מיעס, באַזונדערס די פון פלעק־טיפוס, האָבן געצוווּנגען אַז פון חרובע בנינים זאָלן אַרויסשפּראָצן שפּיטאָלן און ממש פון גאָרנישט זאָל אַנט־שטיין אַן אויסגעצייכנטע סאַניטאַרע אָרגאַניזאַציע, וועלכע, האָט להכעיס די בייזוויליקע מושלים אונטערגענומען אַ גיגאַנטישע מלחמה קעגן די שלאַפקייטן, וועלכע זיי האָבן סוף כל סוף באַזיגט. דאָס האַרצרייסנדיקע בילד פון די אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע יתומים, וועלכע פלעגן זיך אַרומדרייען עלנטע, שמוציקע און אין כּוחות בעטלען אויף די גאַסן אָדער

אויסגיין ביי די וועג־ראנדן, האט געבראכט, אז ס׳זאלן געגרינדעט ווערן די בתי־יתומים, די קינדער־גערטנער און אפילו די פאלקס־שולן.

און אזוי־א איז ביסלעכווייז, פאר דעם פרייז פון מענטשלעכע קרבנות, מיט פרימיטיווע און עמפירישע מיטלען, פון שטויב, בלוט און אש, אויפ־געבויט געווארן דער סאציאלער „נס" פון טראנסניסטריע, וואס האט פאר־וואנדלט א דעזאריענטירטע און פארטעמפטע טשערעדע אין אן ארגאני־זירט קהל. אין וויניקער ווי 6 חדשים, חדשים פון כל־הקרענק, הונגער און נויט, האט יידישע ארגאניזירטקייט אין טראנסניסטריע דערגרייכט ביז צו שטאטלעכע פארמען, וועלכע האבן ארויסגערופן ביי די פארפאלגער נישט נאר באוואונדערונג, נאר האבן אמאל באוויזן אויך צו ענדערן זייער מענטאליטעט און אפילו צו מינערן זייער אויטאריטעט. אין שארגאראד, למשל, פלעגן זיך די דייטשישע סאלדאטן דארפן אוועקדרייען און שפא־צירן אין זייטיקע געסלעך, בשעת דער יידישער פאליציאנט האט א פייף געטון אלס צייכן, אז דאס געטא ווערט אפגעשלאסן. אין זשמערינקע האט מען געקאנט זען אין ווארט־צימער פון יידישן ראש הקהל דייטשישע אפי־צירן וועלכע זענען געקומען נאך אויטאריזאציעס צו באזוכן דאס געטא.

אזוי האט די יידישע ענערגיע באוויזן צו רעאליזירן דעם „נס" פון טראנסניסטריע, ארויסרייסנדיק פון די נעגל פון הונגער, שלאפקייטן און מענטשלעכער רשעות, א 60.000 יידישע לעבנס, צווישן וועלכע עס זענען בעת דער באפרייונג געווען אויך א 15.000 ארטיקע יידן. די רויטע ארמיי האט באפרייט טראנסניסטריע אין דער צווייטער העלפט פון חודש מארץ 1944. די סאוועטישע פאנצן וועלכע האבן זיך ארויסגעלאזט דעם 10טן מארץ פון דער אומאנער געגנט, זענען אריבער דעם בוג אין דער נאכט פון 16טן און אין נישט מער ווי טעג האבן זיי שוין אנגעשפארט אויף די ברעגעס פון דניעסטער. די שנעלקייט פון אנגריף, וועלכע האט דעזארגא־ניזירט די פאשיסטישע ארמייען און זיי געטריבן אין אומארדענונג, האט באזייטיקט די סכנות פון לעצטן מאמענט. די יידישע גופים און צעבראַ־כענע ביינער פון די וועלכע האבן איבערגעלעבט דאס טראנסניסטריער גהינום — זענען געראטעוועט געווארן. זייערע נשמות זענען אבער גע־בליבן צעריסן אויף שטענדיק.

# קאַפּיטל 1

# שחיטות

## געשיכטלעכע כראָנאָלאָגיע
### פון 29טן יוני 1940 ביזן 15טן נאָוועמבער 1941

**יוני 1940.**

אין דעם גרויס־רומעניע פון פאַר דער מלחמה האָבן געלעבט אַן ערך 800.000 יידן. די לעצטע אָפיציעלע ציילונג פון 29טן דעצעמבער 1930 האָט פעסטגעשטעלט 756.930 נפשות. מער ווי אַ דריטל פון זיי (314.933), האָט געלעבט אין בעסאַראַביע, בוקאָווינע און דאָראָהויער זשודעץ (אור־יעזד, קרייז).

באַמ.: לויט אַן „אינווענטאַר" וואָס עס האָט דורכגעפירט דער צענ־טראַלער סטאַטיסטישער אינסטיטוט דעם 1טן סעפּטעמבער 1941, איז פון אָט דער גאַנצער צאָל יידן מער נישט געהאַט געבליבן ווי 156,121 נפשות.

בעת דער ראַסיסטישער ציילונג וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דעם 20טן מאַי 1942, האָט מען שוין אין די דאָזיקע פּראָווינצן געטראָפן נישט מער ווי 19.576 יידן. צו דער זעלבער צייט האָבן זיך נאָך געפינען 60 טויזנט לעבנגעבליבענע יידן אין די געטאָס און לאַגערן פון דער אַזוי גע־רופענער טראַנסניסטריע.

**29טער יוני 1940.**

לויטן הסכם וועגן מוותר זײַן אויף בעסאראביע, צפון־בוקאָווינע און עטלעכע ישובים פון דאראהויער קרײַז, הייבט זיך אָן צוריקצוציען פון די דאָזיקע מקומות דאָס רומענישע מיליטער, אויף דער גאַנצער לענג פון דער גרענעץ, פונעם טשערעמוש ביזן דונאַי. די מיליטערישע איינהייטן וואָס זענען אַריבערגעקומען פון בעסאראביע, איבער די בריקן פון פרוט, פון גאַלאַץ אָן ביז הערצא, האָבן, זעט אויס, זיך אויפגעהאַלטן רויִק און ווירדיק. אויף יעדן פאַל האָט זייער אַריבערגאַנג נישט גורם געווען קיין שום באַזונדערע געשעענישן. יענץ מיליטער, אָבער, וואָס איז אַרײַנגעקו־מען אין לאַנד אַרײַן צווישן פרוט און סערעט אין בוקאָווינע, איז באַגאַנ־גען שרעקלעכע פאַרברעכנס און שחיטות, וועמענס קרבנות עס זענען גע־ווען אַ סך ייִדן פון די שטעט און דערפער, פאַזע די וועגן אויף וועלכע דאָס דאָזיקע מיליטער האָט זיך צוריקגעצויגן.

**20טער יוני 1941.**

אין אַ באַפעל פון העכסטן גענעראַל־שטאַב, אין וועלכן די ייִדן ווערן באַצייכנט אַלס מיטשולדיקע אין שפּיאָנאַזש, סאַבאָטאַזש און אָנפאַלן אויף איזאָלירטע מיליטערלײַט, ווערט געהעצט צו פּאָגראָמען און עס ווערט באַ־פוילן די קאָמאַנדאַנטן פון די גרעסערע מיליטערישע איינהייטן, אַז זיי מיט זייערע אונטערגעאָרדנטע זאָלן אַלע זײַן „אומברחמנותדיק״.

**2טער יולי 1941.**

פאַרן אָנהייבן די אַלגעמיינע אָפענסיווע אויפן גאַנצן פראָנט, פירט דאָס רומענישע חייל דורך אַ מערדערישן איבערפאַל אויפן שטעטל נאָ־וואָסעליץ, מיטן אויסרייד אַז עס איז מכלומרשט געשאָסן געוואָרן אויפן מיליטער, ווערן דאָרט אויסגעהרגעט 800 ייִדן.

**3טער יולי 1941.**

פּראָפעסאָר מיכאַי אַנטאָנעסקו, דער וויצע־פּרעזידענט פון מיניס־

טאָרן־ראַט, פאַררופט צו אַ געהיימער קאָנפערענץ אין אינערן־מיניסטעריום אַלע אַדמיניסטראַטיווע אינספּעקטאָרן און סובפּרעפעקטן, וועלכע האַלטן ביים אַוועקגעשיקט ווערן קיין בעסאַראַביע און בוקאָווינע.

אין די דירעקטיוון און אָנווייַזונגען וואָס ער גיט זיי בייַ דער דאָזיקער געלעגנהייט, — און וועלכע זענען שפּעטער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ בראָשור — ווערט באַזונדערס זיך אָפּגעשטעלט אויפן קאַפּיטל „עטנישע און פּאָליטישע רייניקונג", וועגן דער שטרענגער און אומבייגזאַמער האַלטונג וואָס די מאַכט דאַרף האָבן לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, אין די דאָזיקע פּראָווינצן. די אָנווייַזונגען זענען פול מיט העצע־סם צו פּאָגראָמען, ווי אויך מיט קאָנקרעטע פאַראָרדענונגען, וועלכע דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי דער קוואַל פון די שפּעטערדיקע מעשי־דעפּאָרטאַציע.

### 6טער יולי 1941.

דאָס רומענישע חייל וואָס האָט נאָך נעכטן אין אָוונט אָקופּירט דאָס שטעטל יעדינעץ, הייבט אָן אויסהרגענען די יידישע באַפעלקערונג. אין צוויי טעג זענען אויסגעהרגעט געוואָרן אַ 500 יידן. יידישע מיידלעך און פרויען זענען געשענדעט געוואָרן, און עטלעכע פון זיי האָבן זיך, דעריבער, גענומען דאָס לעבן.

### 6טער יולי 1941.

אין נאָוואָסעליץ, דאָס שטעטל וואָס איז אָקופּירט געוואָרן דורך אַן איבערפאַל נאָך פאַרן אָנהייבן די אַלגעמיינע אָפענסיווע, אינסטאַלירט זיך די רומענישע מאַכט. לויט דעם באַפעל ווערן אַרויסגענומען 60 יידן פון לאַגער, וואָס איז באַלד געשאַפן געוואָרן אין דער ספּירט־פאַבריק, און זיי ווערן דערשאָסן.

### 7טער יולי 1941.

אין יעדינעץ ווערן צונויפגענומען אַלע הרוגים פון דער נעכטיקער שחיטה און זיי ווערן באַגראָבן אין 3 געמיינזאַמע גריבער. די

קברנים, אלע יִדן, זענען דערנאָך אלע דערשאָסן געוואָרן.

דער יִדישער באַפעלקערונג איז פאַרבאָטן געוואָרן אַרויסצוגיין אויפן מאַרק אָדער בכלל צו האָבן קאָנטאַקט מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

**7טער יולי 1941.**

נאָך די דײַטשישע מיליטערישע אײנהײטן, װעלכע האָבן פאַרנומען דאָס שטעטל פּערליץ (בעלצער קרײַז), זענען אַרײַנגעקומען עטלעכע רומענישע סאָלדאַטן פון דער 5טער פוסגײער־דיוויזיע. זײער ערשטע דאגה איז געווען צו אידענטיפיצירן די יִדישע הײַזער און זײ צו באַראַבעווען. אין הויז פון גדליה פעלדער אויף דער הויפּטגאַס (סטראַדאַ פּרינטשיפּאַלא) נומער 22 האָבן זײ געפונען אין אַ קעלער 10 יִדן, בײַ וועמען זײ האָבן געפאָדערט געלט און ווערטפולע חפצים. נאָכן פאַרענדיקן דעם רויב, האָבן די סאָלדאַטן, טאַקע דאָרט אין קעלער, דערשאָסן די צען יִדן, פון וועלכע 4 זענען געשטאָרבן אויפן אָרט און צוויי — שפּעטער. זעט אויס אַז די איבעריקע פיר זענען אויך געשטאָרבן. נאָך דעם וואָס עס זענען אַוועק די רומענישע סאָלדאַטן, פון וועלכע אײנער איז אידענטיפיצירט געוואָרן דורך צוויי אָפיצירן, האָט די באַפעלקערונג באַראַבעוועט די איבעריקע יִדישע הײַזער.

באמ.: וועגן דער דאָזיקער שחיטה און רויב־איבערפאַל האָט דער קאָמענדאַנט פון דער 11טער דײַטשישער אַרמײ מיטגעטײלט דעם העכסטן גענעראַל־שטאַב. עס איז באַפוילן געוואָרן דורכצופירן אַן אויספאָרשונג. די דאָזיקע אויספאָרשונג איז דורכגעפירט געוואָרן דעם 7טן אויגוסט דורך דער בעלצער זשאַנדאַרמען־לעגיאָן. עס איז אַנטדעקט געוואָרן אַז עס זענען געהרגעט געוואָרן נאָך אַנדערע יִדן, אָבער די לעצטע שוין דורך דעם דײַטשישן מיליטער. פאַרשטייט זיך, אַז די אויספאָרשונג איז אַזוי געפירט געוואָרן, אַז עס איז נישט געפונען געוואָרן קײן שום שולדיקער און עס זענען נישט אָנגענומען געוואָרן קײן שום באַשטראָף־מיטלען קעגן קײנעם.

**7טער יולי 1941.**

פויערים־באנדעס פון דארף וולאד, בעלצער קרייז, באוואפנטע מיט שטעקענעס און קאסעס, באפאלן די יידישע וואוינונגען פון דארף, וואוהין עס זענען נאך דעם 26טן יוני געהאט אנטלאפן א טייל יידן פון דער שטאט בעלץ. די יידן זענען ארויסגעשלעפט געווארן פון די הייזער, מע האט זיי אלע צעשלאגן, אייניקע פון זיי — געטייט און די הייזער — אונטערגע־צונדן.

**8טער יולי 1941.**

בריטשאן און ליפקאן, שטעטלעך מיט אלטע יידישע ישובים, ווערן חרוב און פארוויסט דורך די הארדעס וואס גייען דארט דורך. עס איז נישט באקאנט און מע וועט קיינמאל נישט וויסן, וויפל יידן עס זענען דארט דער־הערגעט געווארן אין יענעם טאג.

**8טער יולי 1941.**

אן איזאלירטע איינהייט פון דער פערצנטער רומענישער פוסגייער־דיוויזיע, אין באשטאנד פון אן ערך 20 זעלנער אונטער דער קאמאנדע פון א קאפראל, האט, מארשירנדיק אויפן שאסיי פאלעשט־קישקארען (בעלצער קרייז), באגעגנט צווישן די דערפער טאורא־וועקע און טאורא־נאוע, א גרופע יידן פון א 42 דערוואקסענע און א 6 - 8 קינדער. נאך דעם ווי די יידן זענען בארויבט געווארן פון אלעמען, וואס זיי האבן געהאט אויף זיך, אפילו פון די קליידער און שיך וואס זיי האבן געטראגן, זענען זיי ארייננעשטופט געווארן אין א זומפ, וו זיי זענען געצוווּנגען גע־ווארן זיך אויסצולייגן מיט די פנימער צו דער ערד און אזוי זענען זיי דערשאסן געווארן. די קינדער זענען געטייט געווארן דורך קלעפ. עס זענען ניצל געווארן נאר צוויי פרויען, וועלכע זענען געפונען געווארן דורכן דייַ־טשישן מיליטער, וואס האט זיי אוועקגעשיקט אין קישקארענער שפי־טאל.

באמ.: עס זעט אוים משונהדיק וואס די דאזיקע בעסטיאלע

שחיטה האָט אויפגעבראַכט אַפילו דאָס דײַטשישע מיליטער, וועלכעס איז נאָכגעקומען נאָכן רומעניש. די קאָמאַנדאַטור פון דער נײַנטער דײַטשי־שער אַרמיי האָט צוּוויסן געטון דעם גרויסן רומענישן גענעראַל־שטאַב וועגן דער דאָזיקער שחיטה, אָנווײַזנדיק אַז „אַזאַ מין האַלטונג פון פאַר־שטייער פון רומענישן חייל, דינט נאָר אויף צו דעספּרעסטיזשירן די רו־מענישע אַרמיי און גלײַכצײַטיק אויך די דײַטשישע פאַר דער אַלוועלטלע־כער עפנטלעכער מיינונג".

לויטן באַפעל פון העכסטן גענעראַל־שטאַב האָט די בעלצער „לעד־זשיונע דע זשאַנדאַרמי" דעם 9טן אויגוסט 1941 דורכגעפירט אַן אויס־פאָרשונג, אָבער דאָס איז שוין געמאַכט געוואָרן אויף אַזאַ מין ספּעציעלן אופן, אַז זי זאָל צו גאָרנישט דערפירן.

### 8טער יולי 1941.

דאָס רומענישע מיליטער וואָס האָט פאַרנומען מאַרקולעשט (סאָראָ־קער קרײַז), נעמט צונויף אין עק שטעטל אַלע ייִדישע אײַנוווינער, מענער, פרויען און קינדער. אין די ערשטע שעהן ווערן דערקלערט אַלס ערובני־קעס און באַלד דערשאָסן 18 ייִדן פון די אָנגעזעענסטע אין שטעטל, בתוכם דער רב פון דער קהילה. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן־שחיטה, בעת וועלכער עס זענען הערהרגעט געוואָרן טויזנט ייִדן. זיי זענען אַלע באַגראָבן געוואָרן אין די אַנטי־טאַנק־קאַנאַלן וואָס אַרויסן שטעטל.

אין אָוונט, נאָכן צוריקציען זיך פון סאָוויעטישן מיליטער און פאַרן אַרײַנקום פון רומעניש, האָבן די אָרטיקע אײַנוווינער צוזאַמען מיט די פון די שכנותדיקע דערפער, פּאָגראָמירט און באַרויבט די ייִדישע הײַזער.

ענלעכע שחיטות האָט דאָס רומענישע מיליטער דורכגעפירט אין פלאָרעשט, גוראַקאַמענקאַ און גורא קאַינאַרי.

ב א מ . : מאַרקולעשט איז געווען אַ ייִדישע קאָלאָניע וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער יִקאַ. אין נאָרמאַלע צײַטן האָבן געוווינט

אין שטעטל א 2.300 ייִדן און א 200 רומענער — וועלכע האָבן דאָרט פאָרגעשטעלט די מאַכט־אָרגאַנען: די פרימאַריע (אינטענדענץ), שטײַערן־אַמט, זשאַנדאַרמען־פּאָסטן אא״וו.

**8טער יולי 1941.**

אין א רעדע אויף א זיצונג פון מיניסטאָרן־ראַט גיט יאָן אַנטאָנעסקו אַרויס דירעקטיוון און העצט אָפּן צו פּאָגראָמען.

**11טער יולי 1941.**

אין ליפּקאַן (כאָטינער קרײַז) האָט די מיליטערישע פּאָליצײַ דערשאָסן נאָך 12 ייִדן, וועלכע זענען פריער גענומען געוואָרן אַלס ערובניקעס.

אויך אַלס ערובניקעס זענען דערשאָסן געוואָרן 40 ייִדן אין לינקאוץ, (כאָטינער קרײַז). זיי זענען באַגראָבן געוואָרן הינטערן דאָרף מושאַנעץ.

אין טשעפּעלעוץ־כאָטין, זענען אויסגעהרגעט געוואָרן אַלע ייִדן (אַן ערך 160 נפשות).

**11טער יולי 1941.**

אין דער שטאָט בעלץ, וועלכע איז אָקופּירט געוואָרן דעם 9טן יולי, האָבן זיך אָנגעהויבן צוריקצוקערן צו זייערע הײַזער די ייִדן וועלכע זענען געהאַט אַנטלאָפן איבער די באָמבאַרדירונגען. זיי ווערן אָבער צונויפגעטריבן דורך דײַטשישע פּאַטרולן און פאַרמאַכט אין א לאַגער. אין דעם זעלבן טאָג ווערן אויסגעקליבן 10 ייִדן, וועלכע מען דערקלערט אַלס ערובניקעס און מען דערשיסט זיי אין גערטנדל אַקעגן אַלטן סאָבאָר.

**12טער יולי 1941.**

אין קלימאוץ-סאראקע ווערן געטייט 300 ייִדן, מענער, פרויען און קינדער. די הרוגים ווערן באַגראָבן אין אַ געמיינזאַמען גרוב, אין עק דאָרף.

**15טער יולי 1941.**

די בעלצער געשטאַפּאָ פאָדערט ביי דער ייִדישער קהילה, אַז מע זאָל איר אַרויסגעבן 20 קאָמוניסטן צום דערשיסן. היות די קהילה האָט זיך אָפּגעזאָגט עס צו טון, זענען צונויפגענומען געוואָרן אַלע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון דער קהילה און נאָך 44 ייִדן — סך הכל 56 מענטשן, וועל־כע מ'האָט פריער געפּייניקט, זיך איבער זיי איזדיעקעוועט און זיי פאָטאָ־גראַפירט (בילד נ' 1). דערנאָך האָט מען זיי אַוועקגעפירט קיין סלאָבאַזיא־בעלץ, וווּ נאָכן אויסגראָבן זיך אַליין די קברים, זענען זיי דערשאָסן געוואָרן. אַ דאַנק די באַמיִונגען פון עטלעכע אָנ־געזעענע רומענער — איז ניצל געוואָרן בלויז דער פאָרזיצער פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג.

**16טער יולי 1941.**

אויפן באַפעל פון דער געשטאַפּאָ ווערן דערשאָסן נאָך 20 ייִדישע ערובניקעס אין בעלץ.

**17טער יולי 1941.**

דייטשיש און רומעניש חייל קומט אַריין קיין קעשענעוו. אויף די ביידע וועגן פון זייער אַריינמאַרש, פון סקולען אין צפון־זייט און פון האָט־שעשט אין דרום־זייט, ווערן דורכגעפירט מוראַדיקע שחיטות. עס איז נישט און עס וועט שוין קיינמאָל נישט באַקאַנט זיין די גענויע צאָל פון די קרבנות, אָבער רעכענענדיק לויט וויפל ייִדן עס זענען געבליבן לעבן כדי

אין עטלעכע טעג אַרום איַינגעשלאָסן צו ווערן אין געטאָ, ווערט געשאַצט אַז ביַים אָקופּירן די שטאָט זענען געטייט געוואָרן אַן ערך צען טויזנט ייִדן.

**25טער יולי 1941.**

אַ קאָנוואָי פון אַן ערך פינף און צוואַנציק טויזנט ייִדן איז אַריבער־געפירט געוואָרן איבערן דניעסטער קיין אוקראַינע. אַ טייל פון קאָנוואָי איז אָנגעקומען קיין קאַסלאַר, וווּ די מענטשן שטייען צונויפגעדריקט אויף אַ פריַי פּלאַץ. קיינעם איז ניט דערלויבט געוואָרן אַוועקצוגיין פון דאָרט. איין ייִד האָט זיך אַביסל דערוויַיטערט מיט זיַינע דריַי קינדער און זיי זע־נען אַלע דערשאָסן געוואָרן.

**1טער אויגוסט 1941.**

אויפן באַפעל פון דער געשטאַפּאָ ווערן אַרויסגעפירט פון קעשענעווער געטאָ 450 ייִדן, באַזונדערס אינטעלעקטואַלן און שיינע פרויען. זיי ווערן אַרויסגעפירט פון דער שטאָט, קיין וויסטערניטשען, און ד אָ ר ט ו ו ע ר ן 411 פ ו ן ז י י ד ע ר ש אָ ס ן. די איבעריקע 39 זענען צוריקגעבראַכט געוואָרן אין געטאָ אַריַין, כדי זיי זאָלן דערציילן וואָס עס איז פאָרגעקומען. (נומ. 19). צווישן די דערהרגעטע זענען געווען: אינזש. יצחק קראַסניאַנסקי, אינזש. סאַשאַ שוואַרצמאַן, יוזיאַ מילשטיין, פרוי האָרנשטיין; זיי האָבן געלאָזט אין געטאָ יתומים: אַן אַכט־יעריק קינד און אַנדערע.

**2טער אויגוסט 1942.**

נאָך דעם וואָס די בעסאַראַבער ייִדן, וועלכע זענען אַריבערגעפירט געוואָרן איבערן דניעסטער האָבן אַרומגעוואַלגערט אויף אוקראַינער וועגן, לעבנדיק אין שרעקלעכער נויט, ווערן זיי אָנגעבראַכט קיין מאָהילעוו. פון די פינף און צוואַנציק טויזנט וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריַין פעלן פיר טויזנט. מען גלייבט אַז אַ טייל זענען פאַרבליבן אין די אוקראַינער

דערפער, אָבער זייער אַ סך זענען אויסגעשטאָרבן פון הונגער און נויט, אָדער דערשאָסן געוואָרן.

**6טער אויגוסט 1942.**

דער קאָנוואָי מיט בעסאַראַבער ייִדן, וועלכע זענען אַריבערגעפירט געוואָרן איבערן דניעסטער, איז אָנגעבראַכט געוואָרן קיין סקאַזינעץ. עס ווערט דורכגעפירט אַ סעלעקציע. עס ווערן אָוועקגענומען די אַלטע לײַט, די קראַנקע און די סתם אויסגעמאַטערטע מענטשן — אַן ערך טויזנט נפשות. מען זאָגט זיי, אַז זיי וועלן אַרײַנגעגעבן ווערן אין אַן אַזיל. אַ ל ע זענען דערשאָסן געוואָרן. באַערדיקט האָט מען זיי אין אַנטי־טאַנק־קאַנאַל.

**6טער אויגוסט 1942.**

די זשאַנדאַרן פון דער 23טער פּאָליציי־קאָמפּאַניע, דערשיסן צוויי הונדערט ייִדן, וועלכע זיי וואַרפן אַרײַן אין דניעסטער.

ב אַ מ . : דער פאַקט ווערט לאַקאָניש מיטגעטיילט מצד דעם קעשענעווער זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאָראַט (ראַפּאָרט נומ. 80 פון 13טן אויגוסט). עס ווערן נישט אָנגעגעבן נישט די אומשטענדן, נישט דאָס אָרט וווּ די שחיטה איז פאָרגעקומען. צו יענעם טאָג האָט די 23טע פּאָליציי־קאָמפּאַניע געהאַט די מאַכט איבערן לאַפּושנאַער קרײַז ((קעשענעוו).

אויף דעם אויבנדערמאָנטן ראַפּאָרט האָט דער גרויס־פּרעטאָר, גענעראַל טאַפּאַר, אויפגעשריבן די רעזאָלוציע: „צום אַרכיווירן".

**7טער אויגוסט 1941.**

די רומענישע מאַכט — אַן אינספּעקטאָר פון די וועגן — נעמט אַרויס פון קעשענעווער געטאָ פינף הונדערט ייִדן, בכדי זיי אַוועקצושיקן אויף אַרבעט אין די ווערפטן פון גידיגיטש. עס זענען אויך אַרויסגענומען געוואָרן 25 פרויען, וועלכע זאָלן פאַר זיי קאָכן עסן. אין אַ וואָך אַרום האָבן זיך צוריקגעקערט בלויז צוויי הונדערט פון זיי, אינגאַנצן אויסגעשעפּטע

און מער נישט אַרבעטספעיִקע. די איבעריקע דריי הונדערט פינף און צוואַנציק האָבן זיך שוין מער קיינמאָל נישט צוריקגעקערט. (נומ. 19).

ב א מ.: לויט אַ ראַפּאָרט פון 10טן זשאַנדאַרמען־באַטאַליאָן האָט זיך נאָך די יידישע אַרבעטס־גרופּע געפונען דעם 25טן אויגוסט אין די שטיינהאַקערייען פון גידיגיטשער באַן־סטאַציע. אין דעם זעלבן טאָג האָט זיך אויף דער דאָזיקער סטאַנציע געפונען אויך אַן אינפאַנטעריע־אָפּטיילונג; וואַרטנדיק אויפן צוג האָט די דאָזיקע אָפּטיילונג דערוויַל פּראָוואָצירט אַ געשלעג מיט די יידישע אַרבעטער, מיטן תירוץ, אַז איינער פון די יידן זאָל האָבן געשלאָגן אַ רומענישן סאָלדאַט בעת די רומענער האָבן זיך צוריקגעצויגן אין 1940. „דאָס געשלעג — זאָגט זיך אין ראַפּאָרט — האָט זיך פאַרענדיקט מיט עטלעכע לייכט־פאַרוווּנדעטע זשידאַנעס".

דער ענין איז קיינמאָל ערנסט נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן, מחמת דער גרויס־פּרעטאָר, גענעראַל טאָפּאָר, האָט דעם ענין געהאַלטן פאַר „דערלייִדיקט".

וועגן די 300 יידן ווייסט מען, אַז געוויסע פּרטים, אַז זיי זענען גע־טייט געוואָרן. נאָך דעם דאָזיקן טאָג האָט מען שוין אַפילו וועגן קיין איי־נעם פון זיי מער גאָרנישט געהערט.

## 9טער אויגוסט 1941.

אין אַ פּראָטאָקאָל וואָס עס האָבן געמאַכט די ס.ס.־אונטערשטורמפּי־רער פליייליך און קאַפּיטאַן יאַן ג. וועטו פון דער קיליער זשאַנדאַרמען־לעדזשיונע, ווערט פעסטגעשטעלט, אַז דער ערשטער האָט, אין נאָמען פון גענעראַל אַנטאָנעסקו, צוגעשיקט דעם צווייטן אַ באַפעל — באַלד צו דער־שיסן אַלע יידן (פיר הונדערט און פופצן), וועלכע געפינען זיך אונטער זיַין באַפעל, אין אַ לאַגער פון דאָרף טאַטאַרעשט, קיליער קריַיז.

דער קאַפּיטאַן באַשטעטיקט, אַז ער האָט אויסגעפירט דעם באַפעל.

ב א מ.: חוץ דעם דערמאָנטן פּראָטאָקאָל, זענען נאָך פאַראַן אויך אַנדערע דאָקומענטן, וועלכע באַשטעטיקן די דאָזיקע הריגה, ווי, למשל,

דער ראַפּאָרט פון אַ קאָמיסיע, וועלכע האָט אין אַנטאָנעסקוס צײַטן אויס־געפאָרשט אייניקע מאָמענטן אין די באַרבאַרישע שחיטות. (נומ. 19). דער דאָזיקער ראַפּאָרט גיט אויך אָן די ציפער פון 451 דערהרגעטע ייִדן. דאָך רעדט זיך אין אַנדערע דאָקומענטן נאָר פון 115 קרבנות. זיכער איז, אַז דער וואָס האָט דורכגעפירט די דאָזיקע שחיטות, דער קאַפּיטאַן יאָן ג. וועטו, איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ געריכט, אָבער נישט ווײַל ער האָט דערהרגעט אַזויפיל הונדערטער אומשולדיקע מענטשן, נאָר ווײַל בײַ דער דאָזיקער געלעגנהייט, האָט ער באַרויבט זײַנע קרבנות, צונעמענדיק בײַ זיי עטלעכע זייגערס, עטלעכע רינגעלעך און אַ געוויסע סומע געלט.

## 17טער אויגוסט 1941.

דאָס דײַטשישע חייל שיקט צוריק אַריבער איבערן דניעסטער, בײַ יאַמפּאָל, דעם קאָנוואָי בעסאַראַבער ייִדן, וואָס איז סוף יולי אַריבערגע־בראַכט געוואָרן קיין אוקראַינע דורכן רומענישן מיליטער. דער קאָנוואָי באַשטייט פון צוועלף טויזנט מיט פינף הונדערט ייִדן, וועלכע שטעלן זיך אָפּ אָפּצורוען אין אַ פּאָליאַנע פון קאַסעוצער וואַלד. לויט די דאַטן וואָס עס אַנטהאַלטן אייניקע דאָקומענטן, זעט אויס, אַז עס זענען אַריבערגע־פירט געוואָרן אויף דעם מערב־ברעג פון דניעסטער 13.500 און נישט 12.500 ייִדן. אויף יעדן פאַל זענען צוריקגעקערט געוואָרן העכסטנס 16.500 פון כמעט 25.000, וואָס עס האָט געהאַט אַריבערגעטריבן דאָס רומענישע מיליטער. מעגלעך אַז פון די איבעריקע 8.000 מענטשן זאָל אַ טייל זיך האָבן אַרויסגעגנבעט און זיך אויסבאַהאַלטן אין אוקראַינע. די מערסטע פון די וואָס פעלן זענען, אָבער, אומגעקומען פון הונגער, נויט, אויסשעפּונג אָדער זענען דערשאָסן געוואָרן. זיי האָבן געוואָגלט כמעט במשך אַ גאַנצן חודש צײַט; אַלעמאָל האָט מען זיי געטריבן, אָט קיין מזרח און אָט צוריק קיין מערב. בעת די דאָזיקע וואָגלענישן זענען זיי געשלאָגן, געפּײַניקט און באַרויבט געוואָרן אויף יעדן טראָט. אַ סך מיידלעך און פרויען זענען פאַרגוואַלטיקט געוואָרן און אַ סך מענטשן וועמען עס האָבן זיך אויסגעלאָזט די כוחות — זענען געבליבן ליגן בײַ

די וועגן. פאַרן אַריבערגיין דעם דניעסטער, דעם 13טן אויגוסט, אויפן וועג צווישן סקאַזינעץ און יאַמפּאָל, אויפן ברעג טײַך — האָבן די דײַטשן דערשאָסן 150 ייִדן, ווײַל זיי זענען געבליבן זיך אָפּרוען הינטער אַ וואַלד. שוין אין לעצטן מאָמענט, האַרט פאַרן אַריבערגיין דעם דניעסטער, האָבן נאָך די דײַטשן דערשאָסן 800 ייִדן, וועלכע זענען נישט אַריבער ס'וואַסער ביז דער באַשטימטער שעה, ווען דער אַריבערגאַנג האָט געדאַרפט זײַן פאַרענדיקט.

## 1טער סעפּטעמבער 1941.

לויט אַ באַפעל פון דער רומענישער מאַכט און אונטער דער אויפזיכט פון צענטראַלן סטאַטיסטישן אינסטיטוט ווערט דורכגעפירט אַ ציילונג פון די אײַנוווינער אין בעסאַראַביע און צפון־בוקאָווינע. עס ווערט פעסט־געשטעלט אַז אין ביידע פּראָווינצן זענען נאָך דאָ בסך הכל 126.434 ייִדן. אויף דער זעלבער טעריטאָריע זענען בעת דער לעצטער ציילונג געהאַט רעגיסטרירט געוואָרן 274 036 ייִדן.

דאָס הייסט אַז נאָך צוויי חדשים מיליטערישע אָפּעראַציעס, בײַם סוף פון ערשטן עטאַפּ פון „הייליקן קריג", נאָכן אָקופּירן די פּראָווינצן וואָס זענען אָוועקגעגעבן געוואָרן אין 1940, ווערט פעסטגעשטעלט, אַז עס פעלן אַן ערך 150.000 ייִדן. זיי זענען אויסגעהרגעט געוואָרן, אָדער זיי זענען אויסגעשטאָרבן איבער די ווילדע רדיפות, אָדער פון הונגער, דורשט און נויט; פון שלאָפקייטן און פון נישט־געהיילטע ווונדן, אָדער מחמת אויס־געמאַטערטקייט.

## 16טער סעפּטעמבער 1941.

עס הייבן אָן דעפּאָרטירט צו ווערן קיין טראַנסניסטריע די ייִדן, וועל־כע זענען געווען אינטערנירט אין די לאַגערן פון צפון-בעסאַראַביע. מיט אַ חודש צוריק, בײַם שאַפן די לאַגערן, זענען מיט באַזונדערער זאָרגפע־ליקייט געציילט געוואָרן אַלע אינטערנירטע. אין אַ טייל לאַגערן, (סעקו־ראַן און יעדינעץ) זענען אַפילו דורכגעפירט געוואָרן צוויי ציילונגען: איינע

מצד דער מיליטערישער מאכט און א צווייטע — מצד די אָרטיקע געמיינ־דעס („קאָמונעס"). ווען די קאָנוואָיען האָבן זיך ארויסגעלאָזט אין וועג אריין האָט זיך קיינער נישט דערוועגט צו ציילן די לעבנגעבליבענע.

אין די לאַגערן פון סעקוראן, יעדינעץ, ווערטוזשען און מאַרקולעשט, בעיקר אין די צוויי לעצטע, זענען אויסגעשטאָרבן זייער א סך ייִדן. עס זענען געווען פאַרשידענערליי ספּעציעלע סיבות, אָבער אַלע קענען זיי צוגעשריבן ווערן דעם ווילדן רעזשים אונטער וועלכן די קרבנות זענען אונ־טערגעוואָרפן געוואָרן. נאָך פּײַנפולע וואָגלענישן, וואָס האָבן זיך פאַר אייי־ניקע געצויגן כמעט צוויי חדשים, איז די פיזישע און גייסטיקע ווידער־שטאַנדס־קראַפט בײַ די מענטשן צעקרישלט געוואָרן. שוין בײַם אָנהייב זענען פאָרגעקומען זעלבסטמאָרדן און פריגעבורטן, פאַלן פון מאַפלען זע־נען געשטיגן פון טאָג צו טאָג. עס האָבן זיך באַלד באַוויזן די אַלע שלאַפ־קייטן, וואָס האָבן שטענדיק א שליטה דאָרט וווּ עס הערשט די נויט: טי־פוס, פלעק־טיפוס, הויט־אויסשיטן, דיזענטעריע און אַנדערע. הגם צווישן די אינטערנירטע זענען געווען א סך דאָקטוירים, האָבן אָבער געפעלט מעדיקאַמענטן און פּראָפילאַקטישע מיטלען (זייף, פּעטראָל, וואַסער), די שלאַפקייטן האָבן זיך געהאַלטן אין איין אויסשפּרייטן און די שטערבלעכ־קייט איז זייער געשטיגן.

פון די, וועלכע זענען נישט פאַרשלאַפט געוואָרן זענען א סך גע־שטאָרבן פון הונגער און דורשט. אין א טייל ערטער איז אינגאַנצן ניט גע־ווען וואָס צו עסן. אין אַנדערע — איז געווען שפּײַז בשפע, אָבער צו טײַער פאַר געגנצליך באַרויבטע מענטשן. עס איז געקומען דערצו, אז מען האָט געצאָלט מיט א זייגער פאַר א ברויט, מיט א קאָלדרע פאַר צוויי ברויט, מיט 10 העמדער פאַר א קעסל וואַסער. איינציקע מאָל פלעגן די לאַגער־שעפן פאַרבאָטן זיך איינצושאַפן שפּײַז, נישט־דערלויבנדיק די פּויערים אַרײַנצוקומען אין לאַגער און די ייִדן — אַרויסצוגיין פון אים.

דער מאַנגל אין וואַסער האָט בכלל פאַרשאַפט גרויסע יסורים און א סך מאָל — אויך דעם טויט. אין יעדינעצער לאַגער איז געווען איין און איינציקע קערנעצע מיט גוט וואַסער; די צווייטע איז פאַרסמט געוואָרן. די מערסטע אינטערנירטע דאָרטן, פלעגן טרינקען רעגנוואַסער, וואָס פלעג

אָנגעזאַמלט ווערן אין צוויי גריבער. איין קאָנוואָי וואָס איז געבליבן שטיין אויף 8 טעג אין בירנאַווא־וואַלד, אין סאַמע מיטן אויגוסט, האָט אינ־גאַנצן נישט געהאַט קיין שפּייז, ווייל די פּויערים איז פאַרבאָטן געוואָרן צוצוברענגען. צום טרינקען איז געווען נאָר רעגנוואַסער. אין יעדינעץ פלעגן אָנהייב סעפּטעמבער שטאַרבן פון 70 ביז 100 יידן א טאָג. א טייל זענען געשטאָרבן פאַר דורשט, ווי: פּאַול גרין (פון סטאַנעשט), חיים כהן (פון זשאָדאַווע), איצי בירקענפעלד (פון סעלעטין), מלכה מנשהס און אַנדערע.

אין די לאַגערן — באַזונדערס אין ווערטוזשען און מאַרקולעשט — זענען יידן אויך אויסגעשטאָרבן איבער דער צו שווערער אַרבעט, אָבער בעיקר — פון די קלעפּ און פּייניקונגען. א טייל זענען אויסגעהרגעט גע־וואָרן, דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט, סתם ווייל אזוי האָט זיך געגלוסט די לאַגער־פירער.

## 15טער נאָוועמבער 1941.

עס פאַרענדיקט זיך די ערשטע פאַזע פון די דעפּאָרטאַציעס. די בע־סאַראַבער לאַגערן, איינשליסלעך דער קעשענעווער, זענען אויסגעלײדיקט געוואָרן. אין די בוקאָווינער שטעט און דערפער איז קיין איין ייד נישט פאַרבליבן, חוץ אין טשערנאָוויץ, ווו עס איז דערלויבט געוואָרן צו בלייבן אַן ערך צוואַנציק טויזנט יידן. ביי די אַריינגאַנגס־טויערן קיין טראַנסניס־טריע (מאָהילעוו, יאַמפּאָל, ריבניצע, טיראַספּאָל, יאַסקאַ) זענען די דעפּאָר־טירטע איבערגעציילט געוואָרן. לויט די אינפאָרמאַציעס פון זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאָראַט פון חודש דעצעמבער, זענען ביז דאַן אַריבער דעם דניעס־טער 118.847 יידן. אין דער דאָזיקער צאָל זענען אַריינגערעכנט אויך אַן ערך פינף און דרייסיק טויזנט דעפּאָרטירטע יידן פון דרום־בוקאָווינע און דאָראָהויער קרייז. לויט דער אָפיציעלער ציילונג פון 1טן סעפּטעמבער זע־נען געווען אין בעסאַראַביע און צפון־בוקאָווינע 126,434 יידן, איינשליס־לעך די 20.000 וועלכע זענען שוין נישט דעפּאָרטירט געוואָרן פון טשער־נאָוויץ. אַז מען באַרעכנט לויט די דאָזיקע ציפערן קומט אויס, אַז אין די לעצטע צוויי חדשים זענען אויסגעשטאָרבן אין בעסאַראַביע אַריבער 22 טויזנט יידן.

א טייל זענען אומגעקומען פון הונגער, דורשט, נויט, שלאָפקייטן און פון די יסורים, וואָס זיי זענען אויסגעשטאַנען אין די לאַגערן.

ביי אַנדערע האָבן זיך אויסגעלאָזט די כוחות, בעת זיי האָבן זיך אָנגעשטרענגט נאָכצוהאַלטן די קאָנוואָיען, וואָס זענען געטריבן געוואָרן צום דניעסטער. איינער פון אָט די קאָנוואָיען, וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון יעדינעץ האָט פאַרלוירן אין איין און איינציקער נאַכט, אויף דער סטאַנציע קארבו, לעבן אטאקי, 860 מענטשן. הגם עס איז ערשט געווען דער 15טער אָקטאָבער, האָט אָבער געהאַט גענומען אַ שטאַרקער פראָסט און ס'איז אײַבער נאַכט אויסגעפאַלן דער ערשטער שניי. די מענטשן זענען געווען כמעט נאַקעט, אייניקע — אָנגעטון אין שמאַטעס, אַנדערע — אין פאַפיר, אַלע מיט אַ פאַרקלענערטער ווידערשטאַנדס־קראַפט, אַזוי אַז דער פראָסט האָט זיי גאַנץ לײַכט געקאָסעט. צווישן די אומגעקומענע אין יענער שרעקלעכער נאַכט זענען געווען: מענדל קאַץ און לעקער פון באַנילאַ, ה. יער, אַן אַפטייקער פון סעלעטין, ז. גאַבאַר, ה. דרוקמאַן און אַנדערע.

די מערסטע זענען אָבער דערהרגעט געוואָרן דורך די זשאַנדאַרן און פרימיליטאַרן, וועלכע האָבן באַגלייט די קאָנוואָיען.

אַלע וועגן, וועלכע האָבן געפירט פון די לאַגערן קיין טראַנסניסטריע, אָבער באַזונדערס די וועגן פון ווערטוזשען קיין קאסעוץ, פון מארקולעשט קיין רעזינע און פון קעשענעוו קיין אורהיעוו, זענען פשוט געווען פאַרזייט מיט מתים. אין די דעפּאָרטאַציע־באַפעלן איז געווען אַ באַזונדערע אָנווײַזונג צו דערשיסן די אַלע, וועלכע שטייען אָפּ פון די קאָנוואָיען. מיטן תירוץ פון אָט דער אָנווײַזונג האָבן די קאָנוואָי־שומרים דערשאָסן ייִדן, סתם מחמת קאַפּריזן, אָדער סאַדיזם, סײַ כדי זיי צו באַראַבעווען, סײַ ווען עס האָבן געפאָדערט די פויערים, וואָס פלעגן אָפּוואַרטן אויף די שאָסייען. די דאָזיקע פויערים פלעגן קויפן פאַר 1.500-2.000 לעי אַ לעבעדיקן מענטשן, וועלכן זיי פלעגן זיך אויסקלויבן און די זשאַנדאַרן פלעגן אים איבערגעבן דעם קונה אַ פאַרטיק־דערשאָסענעם, כדי ער זאָל פון אים אַראָפּנעמען די קליידער.

פון דער גרופּע בוקאָווינער ייִדן, וועלכע זענען אויסגעשטאַנען די גהינומדיקע וואָגלענישן במשך צוויי חדשים און דערנאָך די יסורים פון

יעדינעצער לאַגער, זענען דערשאָסן געוואָרן, לעבן אטאקי, 100 אויסגע־שעפּטע, צווישן וועלכע עס זענען געווען: הרב יהשוע פרענקל פון סעלעטין מיט זײַן גאַנצער משפּחה, הרב פרענקל פון נעפּאָלאָקעוץ, עטי בירנבוים, עטי וואַגנער, שרה שערצער, ערנאַ סין, זלאַטשאָוער, רייניס און אַנדערע.

נאָכן 15טן נאָוועמבער 1941 האָט מען שוין מער קיין איין ייִדן נישט געהרגעט אין גאַנץ בעסאַראַביע, ווײַל ס'האָט שוין דאָרט קיין איינער פון זיי נישט געלעבט.

# קאַפּיטל 1

# דאָקומענטן

## די יידישע באַפעלקערונג אין בעסאַראַביע.

### נומער 1.

| סטאַטיסטיק פון די יאָרן 1930, | | 1941 | און 1942 |
|---|---|---|---|
| אין גאַנץ בעסאַראַביע | 206.958 | 72.625 | 227 |
| אין די שטעט | 99.392 | 13.065 | |
| אין די דערפער | 107.566 | 59.560 | |
| בעלצער זשודעץ | 31.916 | 2.923 | |
| קאַהולער זשודעץ | 4.448 | 47 | |
| טשעטאַטעאַ אַלבאַער זשודעץ (אַקערמאַן) | 6.938 | 55 | |
| קיליער זשודעץ | 6.658 | 130 | |
| כאָטינער זשודעץ | 36.132 | 21.468 | 126 |
| שטאָט כאָטין | 5.786 | 559 | 126 |
| סעקוראַן און יעדינעץ | 9.565 | 20.909 | |
| אין רעשט זשודעץ | 20.781 | | |
| איזמאַילער זשודעץ | 4.231 | 1.259 | 1 |
| לאַפּושנער זשודעץ | 50.690 | 10.957 | 100 |
| שטאָט קעשענעוו | 41.405 | 10.742 | 99 |
| אין רעשט זשודעץ | 9.285 | 215 | |
| אורהיעווער זשודעץ | 19.566 | 360 | |
| סאָראָקער זשודעץ | 29.510 | 36.014 | |
| שטאָט סאָראָקע | 5.452 | 1.277 | |
| מאַרקולעשט | 2.337 | 10.737 | |
| ווערטוזשען | 1.834 | 24.000 | |
| אין רעשט זשודעץ | 19.887 | | |

## דער העכסטער גענ. שטאַב מאַכט פאַרברעכערישע העצעס און ווי סם געפערלעכע אינסינואַציעס.

### נומער 4.

ציירקולאַר־באַפעל פון גענ.־שטאַב פון דער פערטער ארמיי

נומ. 206798 פון 30טן יוני, 1941:

מיט רעספעקט ווערט באַקאַנט געמאַכט אַז אין באַפעל נומ. 941־193 מעלדעט דער העכסטער גענ.־שטאַב:

„דעם שונאס אַגענטן אַרבעטן הינטערן פראָנט אויספירנדיק סאַבאָ־טאַזש־אַקטן, צושטעלנדיק דעם שונא אָנווייזונגען און אינפאָרמאַציעס, אָדער אַפילו באַפאַלנדיק איזאָלירטע זעלנער.

די יידישע באַפעלקערונג האָט אַ חלק אין די דאָזיקע אַקציעס.

בעת זיין באַזוך אויפן פראָנט האָט דער ה' גענעראַל אַנטאָנעסקו צו־געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די קאָמאַנדאַנטן פון די גרויסע איינ־הייטן וועגן אַ וואַכזאַמער שמירה הינטערן פראָנט און האָט באַ־פוילן אַז די אַלע, וועלכע וועלן אַקטואירן אויף אַ וואָס פאַר אַ ס'ניט איז אופן קעגן דער אַרמיי און קעגן די אינטערעסן פון לאַנד, זאָלן דערשאָסן ווערן אויפן אָרט.

מיר בעטן אייך צו זיין אַזוי גוט און צו באַפעלן אַלע קאָמאַנדאַנטן און זייערע אונטערגעאָרדנטע אָרגאַניזמען אַז זיי זאָלן זיין אַומברחמנותדיק קעגן די יעניקע וואָס וועלן געפינען ווערן אַלס שולדיקע אין סאַבאָטאַזש־אַקטן, שפּיאָנאַזש, אומאָרדענונג אָדער אַנ־דערע אַקטן וואָס זענען קעגן דער אַרמיי און קעגן לאַנד".

---

## די שחיטה וואָס עס האָט דורכגעפירט דײַטשיש און רומעניש מיליטער אויף יידן פון שטעטל פערליץ, בעלצער קרײַז.

### נומער 5.

בסוד

ארייננ. נומ. 132
16טער סעפטעמבער 1941
נומ. 881
26טער אויגוסט 1941
פון: קעשענעווער זשאַנדאַרמען־אינספעקטאַראַט
צום: גרויס־פּרעטאָר
מיליט. פּאָסט־אַמט נומ. 85

צו אייער באַפעל נומ. 227/941

האָב איך דעם כבוד דאָ בײַצולייגן אַן אַקטן־העפט מיט די פּראָטאָקאָלן וואָס עס האָט צוזאַמענגעשטעלט דער רעזערוו־סובלאָקאַטענענט סטינאַ לאַורענציו פון דער בעלצער זשאַנדאַרמען־לעדזשיונע, וועגן דער־שיסן און באַרויבן עטלעכע יידן פון שטעטל פערליץ מצד רומענישע זעלנער.

דעם רעזולטאַט בעטן מיר אײַך צו זען אין בײַגעלייגטן ראַפּאָרט נומ. 1941־1502 פון דער לעדזשיונע.

קעשענעווער זשאַנדאַרמען־אינספעקטאָר
קאָלאָנעל מעקולעסקו.

---

### נומער 6.

נומ. 1500
14טער אויגוסט 1941 — אייננ. נומ. 881
בעלצער זשאַנדאַרמען־לעדזשיונע — 20.8.1941
פון: ערשטן פּאָליציי־ביוראָ און קאָמאַנדאַמענט

צום: קעשענעווער זשאנדארמען־אינספעקטאראט

פאליציי־ביורא

צו אייער באפעל נומ. 65 פון 18טן יולי 1941, ביינעלייגט:

כ'האב דעם כבוד אייך ביצולייגן אן אקטן־העפט מיט די פראטאקאלן וואס ס'האט געמאכט דער רעזערוו־קאפיטאן סטינא לאורענציו אין שייכות מיטן אויסמארדן עטלעכע יידן אין שטעטל פעדליץ, פון וועלכן עס ווערט פעסטגעשטעלט:

דעם 17טן יולי 1941, איז דורכגעגאנגען דורכן שטעטל פערליץ דייטשיש און רומעניש מיליטער. יידן האבן דאן געשאסן פון זייערע הייזער אויף די זעלנער.

נאך דעם וואס דאס חייל איז דורכגעגאנגען, איז א טייל פון דער רומענישער באפעלקערונג פון די שכנותדיקע דערפער אריין אין די יידישע הייזער פון פערליץ און גערויבט. ס'איז נישט באוויזן געווארן אז די רומענישע זעלנער האבן בארויבט און דערהרגעט די יידן.

דאס אויפהאלטן די ארדענונג האט צו יענער צייט געהערט צום פרעטאריאלן אמט, היות די איינהייטן פון דער בעלצער זשאנדארמען־לעדזשיונע זענען נאך נישט געווען אינסטאלירט.

קאמאנדאנט פון דער בעלצער זשאנדארמען־לעדזשיונע

מאיאר מ. באולעסקו.

---

## נומער 7.

בעלצער זשאנדארמען־לעדזשיונע.

### אקטן־העפט

מיט די פראטאקאלן וועגן אייניקע מעשים וואס עס האבן אפגעטון עטלעכע סאלדאטן אין שטעטל פערליץ, בעלצער קרייז.

בעלצער זשאנדארמען־לעדזשיונע

| | |
|---|---|
| אריינג. נומ. 1500 | נומ. 24 |
| 8טער אויגוסט 1941. | 8טער אויגוסט 1941 |

פון: רעזערוו־קאפיטאן סטינא לאורענציו

צו דער: בעלצער זשאנדארמען־לעדזשיונע

אויף אײַער באפעל אין דער רעזאָלוציע וועגן באפעל נומ. 941-65 פון קעשענעווער זשאנדארמען-אינספעקטאראט און באפעל נומ. 941-227 פון גרויס־פרעטארס אמט;

האָב איך דעם כבוד צוצושיקן אַן אקטן־העפט וועלכער באַשטייט פון 9 בלעטלעך און אנטהאלט די אויספאָרשונגען וואָס איך האָב דורכגעפירט דעם 7טן אויגוסט אין שטעטל פערליץ — פון וועלכן עס ווערט פעסטגעשטעלט ווי אזוי עס זענען פאָרגעקומען די געשעענישן וועגן וועלכע די 11טע דײַטשישע ארמיי האָט אויפמערקזאַם געמאכט דעם גענ. שטאַב פון דער רומענישער ארמיי.

רעזערוו-קאפיטאן
לאורענציו סטינא

---

## נומער 8

העכסטער גענ.־שטאַב
2טע סעקציע
נומ. 227
17.7.1941

קעשענעווער זשאנדארמען־אינספעקטאראט
אויספאָרשונג און באריכט וועגן פאָרגעקומענעם.

ארייננ. נומ. 227
18טער יולי 1941
נומ. ב/1411, 17-7-1941
פון: העכסטן גענ.־שטאַב,
צווייטע סעקציע
צום: אמט פון גרויס־פרעטאר.
גענעראל טאָפאָר

איך האָב דעם כבוד אײַך צוצושיקן אַ קאָפּיע פון דער ווענדונג פון

דער 11טער דײַטשישער אַרמיי און בעט אײַך צו זײַן אַזוי גוט און צו פאַר-אָרדענען, אַז דאָס אָנגעגעבענע צאָל אויסגעפאָרשט ווערן, ווי אויך באַלד צו אַרעסטירן דעם סאָלדאַט, בכדי אויסצופאָרשן ווער עס זענען געווען די מיטשולדיקע.

ד. א.

שעף פון דער צווייטער סעקציע
לייטנאַנט-קאָלאָנעל
ר. דינולעסקו

ביוראָ-שעף
לייטנאַנט-קאָלאָנעל
ג. נ. פעטרעסקו

---

## נומער 9.

### ווענדונג פון דער 11טער דײַטשישער אַרמיי צו דעם העכסטן רומענישן גענעראַל-שטאַב.

11טע אַרמיי
סעקט. 1

קאָנסטאַנאמענט
2טער יולי 1941

צו דעם רומענישן גענעראַל-שטאַב

אין שייכות מיט: עקסצעסן וואָס עס האָבן פּראָוואָצירט רומענישע סאָלדאַטן און ציווילע פּערזאָנען אויף די אָקופּירטע טעריטאָריעס.

בײַגעלייגט ווערן צוגעשיקט די קאָפּיעס פון אַ פעסטשטעלונג אויפן אָרט און אַ פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג וואָס עס האָט אָפּגעהאַלטן די דײַטשישע פעלד-געהיים-פּאָליציי וועגן די עקסצעסן פון רומענישע סאָל-דאַטן און ציווילע פּערזאָנען אויף דער ניי-אָקופּירטער טעריטאָריע.

דער מאַיאָר דאַגנער, פאַרבינדונגס-אָפיציר פון דער 4טער רומעני-שער אַרמיי האָט פעסטגעשטעלט די פּערזענלעכע דאַטן פון געכאַפּטן רו-מענישן סאָלדאַט, ווי עס ווערט דאָ ווײַטער אָנגעגעבן:

אַלעקסאַנדרו טיטו, נומ. פון דער ביקס 14951, 5טע אויסשפּיר-גרופּע, 5טע אינפאַנטעריע-דיוויזיע.

מיר בעטן אייך, פון אייער זייט אנצונעמען די איבעריקע מאסמיט־לען אויף צו אידענטיפיצירן די איבעריקע שולדיקע און זיי צו באשטראפן.

בכדי צו פארמיידן אנדערע ענלעכע פאלן בעטן מיר אייך איינצופירן פאליציי־כוחות אויף די אקופירטע טעריטאריעס, וועלכע זאלן האבן די נייטיקע פולמאכטן אויף צו קענען אינטערוועניר אויך קעגן רומענישע מיליטערישע פערזאנען. נעמענדיק אין אכט די דרינגענדיקייט פון דעם ענין, בעטן מיר אייך צו פאראָרדענען אלדעם נייטיקע וואס גיכער.

פארן ארמיי־קאמאנדאנט שעף פון גענ.־שטאב

ר א נ ק — מאיאר פון גענ.־שטאב

---

## נומער 10.

קאנטאנאמענט, 7טער יולי 1941.

דעם 7טן יולי 1941, צווישן 9 און 10 אזייגער, האבן זיך באוויזן רומענישע סאלדאטן צוזאמען מיט א פרוי, וועגעא בוגא, פון שטעטל פער־ליץ, הויפט־גאס נומ. 8, און נאך אנדערע פערזאנען וועמענס נעמען זע־נען ניט אידענטיפיצירט געווארן און זיי זענען געגאנגען פון הויז צו הויז, בכדי צוצונעמען פאר זיך אן שום רעכט ווערט־זאכן, און אויב זיי האבן באגעגנט ציווילע פערזאנען, האבן זיי געפאדערט אזעלכע ווערט־זאכן, דראענדיק מיט געווער.

די באוואפנטע באנדע האט זיך אזוי־א דערנענטערט אויף דער הויפט-גאס צום הויז נומ. 22. אין דעם דאזיקן הויז האבן זיך געפונען די ווייטער־אויסגערעכנטע לעבעדיקע פערזאנען: 1, 2, 3, .......10 (זע דייטשישער טעקסט). אלע זענען געווען יידן. א טייל זענען געווען איינ־וווינער פון הויז נומ. 22 און די איבעריקע — פערזאנען וועלכע זענען אהין געהאט אנטלאפן ביים אנהויב קריג. די רומענישע סאלדאטן האבן געפאדערט ביי די דאזיקע יידן געלט און ווערט־זאכן. די יידן זאלן האבן גענעבן די סאלדאטן א געוויסע צאל אזעלכע זאכן. דאס איז זיי אבער

הפּנים נישט געווען גענוג, ווײַל זיי האָבן אַלע 10 פּערזאָן אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס. דערנאָך האָבן זיי אַליין גענישטערט אין הויז, אין אַלע צימערן, און געזוכט געלט און ווערט־חפצים. צי זיי האָבן נאָך עפּעס גע־פונען — קען מען נישט פעסטשטעלן. דערנאָך האָבן זיי אויפגעפאָדערט די ייִדן אַרײַנצוגיין אין קעלער. דאָרטן האָבן זיי געדאַרפט דערשאָסן ווערן. טאַקע אויף די טרעפּ פון קעלער, האָבן די רומענישע סאָלדאַטן דערשאָסן די ייִדן. דערהערנדיק די שיסערייען, האָט די דײַטשישע פעלד־בעקערײַ וואָס איז געווען אינסטאַלירט אין שטעטל, צוגעשיקט עטלעכע סאָלדאַטן צום אָרט, אָדער די סאָלדאַטן זענען אַהין אַליין געלאָפן. אַ רו־מענישער קאָלאָנעל, דומיטרעסקו, און אַ רומענישער מאַיאָר, דאַגנער, ביידע פאַרבינדונגס־אָפיצירן, האָבן זיך אויך געפונען נאָענט פון פּלאַץ און ווען זיי האָבן געהערט די שיסערייען זענען זיי אַרײַן אין הויז.

די רומענישע סאָלדאַטן זענען אַנטלאָפן. נאָר איינער פון זיי איז פאַרהאַלטן און אידענטיפיצירט געוואָרן דורך די רומענישע אָפיצירן און זיי האָבן אים אָפּגעלאָזט, כדי ער זאָל קענען גיין זײַן וועגס צו דער מי־ליטערישער איינהייט צו וועלכער ער האָט געהערט. דער דאָזיקער סאָל־דאַט, וועמענס פאַרזענלעכע דאַטן און וועמענס מיליטערישע איינהייט גע־פינט זיך מן־הסתם ביים ה׳ קאָלאָנעל, האָט אָנערקענט דאָס אָפּגעטוענע.

די סאָלדאַטן פון דער דײַטשישער בעקערײַ האָבן געבראַכט די פאַר־וווּנדעטע ייִדן, וועלכע האָבן נאָך געלעבט, אין קעלער פון דער וווינונג. די מתים זענען געבליבן אין קעלער, 2 פרויען און 2 מענער. די איבעריקע זעקס פאַרוווּנדעטע זענען געבליבן אין שטוב. דערווײַל זענען נאָך צוויי פון זיי געשטאָרבן. אַ ציווילער ייִדישער דאָקטער און אַ מיליטערישער רומענישער דאָקטער האָבן דערווײַל דערלאַנגט די ערשטע מעדיצינישע הילף.

וועגן דער דאָזיקער געשעעניש זענען עדי־ראיה די צוויי פאַרבינ־דונגס־אָפיצירן. ווען עס איז וועגן דער מעשה באַקאַנט געוואָרן און די אָפיצירן פון דײַטשישן גענ.־שטאַב האָבן זיך וועגן איר דערוווּסט, זענען תיכף אָנגענומען געוואָרן מיטלען אויף צו פאַרמײַדן אַנדערע בעסטיאַ־לישקייטן. די וואַך פון גענ.־שטאַב, די פעלד־זשאַנדאַרמעריע און די פעלד־

געהיים־פּאָליציי, האָבן באַלד צעשיקט פּאַטרולן איבער די פאַרשידענע גאַסן פון שטעטל בכדי צו מאַכן אומעגלעך, אַז דאָס פאַרביימאַרשירנ־דיקע רומענישע מיליטער זאָל זיך אַרײַנרײַסן אין די באַוואוינטע הייזער. די דאָזיקע מיטלען זענען אָנגענומען געוואָרן דורך די אָפיצירן — קאַפּי־טאַן שאַבעדיסען און מאַיאָר ווייסהאאר.

די דאָזיקע צוויי דײַטשישע אָפיצירן, צוזאַמען מיט אַנדערע, ווי אויך דײַטשישע סאָלדאַטן, האָבן פּערזענלעך באַטראַכט די טויטע, די פאַרוווּנדעטע, דעם קעלער און דאָס הויז. די פאַרוווּנדעטע האָבן מצד די דײַטשישע זעלנער באַקומען די הילף, וואָס עס קומט אַ שונא.

מען האָט אָנגעהויבן דורכצופירן די אידענטיפיצירונג פון די ציווי־לע, וועלכע זענען געווען מיטבאַטייליקט מיט די רומענישע סאָלדאַטן. ס'איז אַזוי אַרום געפונען געוואָרן די פרוי פעניא בוגא פון הויפּט־גאַס נום. 8; אין איר וווינונג איז געפונען געוואָרן אַ גרויסע קוואַנטיטעט מעל אין זעק, אַ חוץ קישנס, פוך־בעטגעוואַנט, טעפּיכער, טעלער און אַנדערע זאַכן, וועלכע קענען אָן שום ספק באַצייכנט ווערן אַלס צוגערויבט אייגנ־טום.

אויף אַ פראַגע האָט די פרוי געענטפערט, אַז איר מאַן איז אין דער רוסישער אַרמיי. זי האָט געלייקנט אַז זי זאָל האָבן אַרויסגעגנבעט די אַלערליי זאַכן, וואָס מען האָט בײַ איר געפונען פון אַנדערע הייזער.

---

## נומער 11.

## פּראָטאָקאָל

הײַנט, 7טער אויגוסט, 1941.

מיר, רעזערוו־קאַפּיטאַן סטינא לאָורענציו, געהילף־קאָמאַנדאַנט פון דער בעלצער זשאַנדאַרמען־לעדזשיונע. נעמענדיק אין אַכט דעם באַפעל נומער 227 פון 1941, פון גרויס־פּרעטאָר־אַמט און דעם באַפעל נומער 941־65 פון קעשענעווער זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאָראַט.

בין איך געקומען אין שטעטל פּערליץ ווי איך האָב אויסגעפאָרשט און צוזאַמענגעשטעלט די אַקטן אין שייכות מיט חרוב מאַכן די הייזער און דעם צעשיסן עטלעכע ייִדן, דורך דעם חייל וואָס האָט דורכגעמאַר־שירט דורך דעם דאָזיקן שטעטל.

פון די פאַרזאַגנען וועלכע ווערן דערמאָנט אין דעם אָנקלאָג־אַקט פון דער 11טער דײַטשישער אַרמיי, האָב איך בלויז געקענט אידענטיפיצירן און אויספאָרשן די פרוי פעניא בוגא, מחמת דער סאָלדאַט טיטו אַלעק־סאַנדרו, ביקס נומ. 14951, 5טע אויסשפּיר־גרופּע, 5טע אינפאַנטעריע־דיוויזיע, איז אוועק פון שטעטל נאָך דעם 12טן יולי, צוזאַמען מיט דער מיליטערישער אײנהייט צו וועלכער ער געהערט.

וועגן די מעשים אין וועלכע דער דאָזיקער סאָלדאַט ווערט באַשול־דיקט, גלויב איך, אַז די בעסטע און גענויסטע דאַטן וואָלט געגעבן דער ה׳ מאַיאָר דאַגנער, אַ פאַרבינדונגס־אָפיציר פון דער 4טער רומענישער אַרמיי און דער ה׳ קאַלאָנעל דומיטרעסקו, אַ פאַרבינדונגס־אָפיציר, וועל־כע האָבן אידענטיפיצירט דעם סאָלדאַט, בעת זיי האָבן זיך געפונען נאָענט פון דער וווינונג ווי דער דאָזיקער סאָלדאַט זאָל האָבן דערשאָסן געוויסע ייִדן.

אַזוי האָב איך אויך נישט געקענט אידענטיפיצירן און כ׳האָב אויך נישט געטראָפן אין שטעטל קיין איין ייִד, כדי אים אויסצופרעגן, מחמת זיי, די ייִדן, זענען טיילווײַז פאַרשוווּנדן אינאיינעם מיט דעם סאָוועטישן מיליטער און די איבעריקע זענען אינטערנירט געוואָרן אין אַ לאַגער.

בכדי פעסטצושטעלן אויף וויפל ס׳ניט איז דעם אמת וועגן דעם וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן דורך דער 11טער דײַטשישער אַרמיי (היות עס פעלן הויפּט־אינפאָרמאַטאָרס), האָב איך אויסגעפרעגט עטלעכע חשובע פאַרזאָנען פון שטעטל פּערליץ.

אויספרעגנדיק שטעפאַן דראַשקעוויטש, האָט ער אָט וואָס דער־קלערט: „דאָס ערשטע מיליטער וואָס איז אָנגעקומען דעם 7טן יולי, ד.י. קיין פּערליץ, איז געווען דאָס דײַטשישע; דעם צווייטן טאָג איז אָנגעקו־מען אויך דאָס רומענישע. ווען זיי זענען אַרײַנגעקומען אין שטעטל האָבן זיי נעפרעגט ווו עס זענען די ייִדן. איך האָב געענטפערט, אַז זיי זענען

אנטלאָפן פון שטעטל און אז א טייל האָט זיך באַהאַלטן אין די קעלערס. איך האָב געהערט, אז די דײַטשישע סאָלדאַטן האָבן געשאָסן עטלעכע ייִדן, דערפאַר ווײַל ווען זיי זענען אַרײַנגעקומען קיין פּערליץ, האָבן ייִדן — באַהאַלטענע אויף בוידעמער און אין גערטנער — געשאָסן אויף זיי.

איך האָב נישט געזען, אז דײַטשיש און רומעניש מיליטער זאָל האָבן חרוב געמאַכט און באַרויבט ייִדישע הייזער. כ'האָב אָבער געזען א סך מענטשן, באַזונדערס פון די שכנותדיקע דערפער, וועלכע זענען אַרײַן אין די ייִדישע הייזער, נאָך דעם וואָס עס איז אוועק דאָס דײַטש־רומענישע מיליטער, און זיי האָבן פון דאָרט צוגענומען פאַרשידענע זאַכן, באַזונדערס עסנווארג.

דאָס איז מײַן דעקלאַראַציע וועלכע איך דערקלער און שרײַב אונטער אײַגנהענטיק".

שטעפאַן דאראשקעוויטש

וואסילי טעגאי פון שטעטל פּערליץ, וועלכער איז אויסגעפרעגט געוואָרן, האָט דערקלערט: „ווען דאָס דײַטשישע מיליטער איז אַרײַנגעקומען אין שטעטל פּערליץ, זענען צוויי דײַטשישע סאָלדאַטן דערשאָסן געוואָרן דורך ייִדן, פון זייערע באַהעלטענישן. איך בין דערנאָך גענומען געוואָרן דורכן דײַטשישן מיליטער אלס וועגווײַזער, כדי איך זאָל זיי ווײַזן דעם וועג קיין קעשענעוו. איך האָב זיי באַגלייט ביז בומבעטא און אויפן וועג האָט א דײַטשישער סאָלדאַט דערשאָסן א ייִדן, וועלכן זיי האָבן באַגעגנט, — דערפאַר ווײַל די פּערליצער ייִדן האָבן דערשאָסן צוויי דײַטשישע סאָלדאַטן.

אין 2-3 טעג אַרום ווען עס איז אַרײַנגעקומען אַנדער דײַטשיש מיליטער קיין פּערליץ, האָבן די מיליטערלײַט געפרעגט וווּ עס זענען די ייִדן, וועלכע האָבן אין די ערשטע טעג געשאָסן אויף דײַטשישע זעלנער. ווען זיי האָבן זיך גענומען זוכן, האָבן זיי געפונען אין א קעלער א 3-4 ייִדן מיט געווער און

גראנאדעס ביי זיך, וועלכע זיי האָבן דערשאָסן; און די ייִדן וועלכע זיי האָבן געטראָפן אויסבאַהאַלטן האָבן זיי צונויפגענומען און אַוועקגעשיקט אין אַן אומבאַקאַנטן אָרט.

איך האָב נישט געזען, אַז דײַטשיש מיליטער זאָל האָבן פּאַרוויסט און באַרויבט ייִדישע הײַזער. זיי זענען אַרײַן אין די הײַזער, אויפּבּרעכנדיק די טירן, כדי צו געפינען ייִדן.

אַזוי האָט אויך געהאַנדלט דאָס רומענישע מיליטער ווען ס׳איז אַרײַן קיין פּערליץ. איך האָב נישט געזען קיין רומעניש מיליטער וואָס זאָל באַרויבן אָדער שיסן ייִדן. אין 2-3 טעג אַרום האָב איך געהערט אַז אין גדליה פּעלדערס הויז זאָלן רומענישע סאָלדאַטן האָבן דערשאָסן אַ 10 ייִדן. דעם ייִדן גדליה פּעלדער האָט מען פון יענעם טאָג אָן מער נישט געזען אין פּערליץ. אייניקע מענטשן זאָגן אַז דער דאָזיקער ייִד זאָל האָבן פאַרוווּנדעט און אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַ שפּיטאָל אַרײַן קיין יאַס. איך קען נישט דעם סאָלדאַט אַלעקסאַנדרו פון דער 5טער דיוויזיע.

דאָס איז די דערקלערונג וואָס איך דערקלער און שרײַב אונטער אײַגנהענטיק.

וואַסילע טעפּאַי

---

בײַם אויספרעגן די פרוי אַנאַ אַנדראַסיו פון שטעטל פּערליץ, האָט זי דערקלערט: „איך ווייס אויך אַלץ וואָס עס האָט דערקלערט שטעפּאַן דאַראַשקעוויטש, חוץ דעם ווייס איך אויך, אַז דײַטשישע סאָלדאַטן האָבן געשאָסן 4 רומענישע אײַנוווינער — אַ שומר פון אַ באַן־סטאַנציע, אַ בוי־אויפזעער, אַ באַן־אַרבעטער און אַן אומבאַקאַנטן ציווילן פון דאָרף ניקולען, — וועלכע האָבן נישט אויסגעפירט די באַפעלן וואָס עס האָט זיי געגעבן די דײַטשישע אַרמיי.

בײַ מיר האָבן די דײַטשישע סאָלדאַטן געוואָלט צונעמען איין חזירטע מיט 6 חזירימלעך, נאָר איך האָב זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן זיי מיר לאָזן,

ווייל כ'בין אַן אָרעמע פרוי. האָבן זיי מיר געלאָזט די חזירטע מיט די חזירימלעך און נאָר צוגענומען אַ חזיר פון אַ 50־60 קילאָ פאַר וועלכן זיי האָבן מיר באַצאָלט. דעם חזיר האָבן זיי געקאָלט אויפן אָרט, אים ארויפ־געלייגט אויף אַ לאַסט־אויטאָ און אַוועקגעפירט.

איך קען נישט די סאָלדאַטן.

דאָס איז די דערקלערונג וואָס איך דערקלער און שרייב אונטער איינגנהענטיק".

**אַנאַ אַנדראַסיו**

---

ביים אויספרעגן דעם פלוטאַניער פאַזדאַרקאַ טאַמאַ, דער שעף פון זשאַנדאַרמען־פּאָסט פון שטעטל פערליץ, האָט ער דערקלערט: „איך האָב זיך אינסטאַלירט אַלס „שעף דע פּאָסט" מיט 4 זשאַנדאַרן אין שטעטל פערליץ, דעם 19טן יולי, דאָס הייסט, נאָכן דורכמאַרש פון דייטשישן און רומענישן מיליטער און נאָך די רויבערייען און צעשטערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען אין דעם דאָזיקן שטעטל דעם 7טן און 8טן יולי.

פון די אינפאָרמאַציעס וואָס איך האָב באַקומען פון די איינוווינער, וועגן דעם פאָרגעקומענעם אין שטעטל פערליץ בשעתן פאַרביימאַרש פון רומענישן און דייטשישן חיל, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז עס זאָלן האָבן דערשאָסן געוואָרן ייִדן, ווייל זיי זענען געווען אַגרעסיוו און האָבן געשאָסן אויף די סאָלדאַטן. די ייִדן וועלכע האָבן זיך אויפגעהאַלטן פרידלעך זענען פרייגעלאָזט געוואָרן. איך האָב געהערט, אַז אין דעם הויז נומ. 22, וואָס געהער צו ג ד ל י ה פ ע ל ד ע ר, זאָל מען האָבן געשאָסן אויף מערערע ייִדן וואָס האָבן זיך דאָרט באַהאַלטן, פון וועלכן אייניקע זענען געשטאָרבן אויפן אָרט און אַנדערע זענען פאַרוווּנדעט און אַוועקגעפירט געוואָרן קיין יאַס.

איך בין נאָך אויך אינפאָרמירט געוואָרן, אַז נאָכן פאַרביימאַרש פון דייטשיש־רומענישן מיליטער, האָבן אייניקע איינוווינער פון שטעטל און פון די שכנותדיקע דערפער, צוגערויבט זאַכן און עסנוואַרג פון די פאַרלאָזטע ייִדישע הייזער.

א טייל פון די דאָזיקע זאכן האָבן מיר געפונען און צוגענומען ביי פארשידענע איינוווינער און זיי איבערגעגעבן מיט אַן אינווענטאר דער לאָקאָלער פּרימאריע (אינטענדענץ).

דאָס איז די דעקלאראציע וואָס איך דערקלער און שרייב אונטער אייגנהענטיק.

פלוט. פּאזדארקא.

---

ביים אויספרעגן די פרוי **פעניא בוגא**, וועלכע ווערט דערמאָנט אין אָנקלאָג־אקט פון דער 11טער דייטשישער־ארמיי, אַז זי זאָל געווען זיין דערביי אין מאָמענט ווען דאָס רומענישע מיליטער האָט בארויבט און דערשאָסן די ייִדן פון הויז נומ. 22, האָט זי דערקלערט:

„איך אנערקען נישט, אַז איך האָב באגלייט די רומענישע סאָלדאטן ביים בארויבן ייִדישע הייזער פון שטעטל פערליץ און איך האָב אויך נישט געקאָנט דעם סאָלדאט אלעקסאנדרו טיטו פון דער 5טער אויספּיר־גרופּע.

אויפברעכנדיק די טירן זענען צוערשט אריין אין די ייִדישע הייזער דייטשישע מיליטער־לייט, און דערנאָך, אין א טאָג־צוויי ארום, רומענישע מיליטערלייט, זוכנדיק ייִדן וועלכע האָבן, לויט איך האָב געהערט, גע־שאָסן מיט ביקסן און מאשינגעווער אויף רומענישע און דייטשישע סאָל־דאטן, מחמת וועלכן **די דאָזיקע האָבן, פון זייער זייט, געשאָסן עטלעכע ייִדן**, באזונדערס די יעני־קע וועלכע זיי האָבן געטראָפן באהאלטן מיט געווער און גראנאדעס ביי זיך. בעת דאָס רומענישע מיליטער איז אוועק פון שטעטל פּערליץ, **האָב איך געהערט ווי עטלעכע רומענישע סאָלדאטן האָבן געזאָגט צו די איינוווי־נער וואָס זענען געשטאנען אויף די גאסן, אַז זיי זאָלן זיך נעמען פון די ייִדישע הייזער די זאכן און דאָס עסנ־ווארג וואָס זיי דארפן.** אזוי ווי איך בין געווען דערביי

און אזוי ווי איך האָב געזען, אַז אַ סך איינוווינער, באַזונדערס פרויען, האָבן גענומען פון די דאָזיקע זאַכן, האָב איך אויך גענומען איין קאָלדרע, איין דעק, 2 קליידלעך, אַ טעפּיך, אַ מאַטראַץ, און עטלעכע קיך־זאַכן, וועלכע איך האָב אַוועקגעטראָגן.

די דאָזיקע זאַכן האָב איך גענומען פון הויז פון דעם ייִדן פעלדער גדליה פון הויפּט־גאַס נומ. 22, ווו אין יענעם מאָמענט האָט זיך געפונען דער הויז־איינגנטימער מיט זיין משפחה, און אין צווייטן צימער, מערערע ייִדן, אַ 6־8, גדליה פעלדערס פרוי האָט מיר געזאָגט: „נעם זיי דיר, זאָלסט זיי האָבן פאַר אַן אָנדענק".

ווי איך בין נאָך אַהיימגעקומען מיט די זאַכן וואָס איך האָב גענומען ביי פעלדער גדליה, האָב איך דערהערט שיסערייען אין זיין הויז. אין דעם מאָמענט איז געווען ביי מיר אין שטוב אַ רומענישער אָפיציר, וועלכער איז איינגעשטאַנען אַ 2־3 שעה אויף אָפּצורוען זיך. שפּעטער האָב איך געהערט פון מענטשן, אַז אין פעלדער גדליהס הויז זענען דערשאָסן געוואָרן 4 ייִדן און 6 זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן און שפּעטער זאָלן זיי אויך האָבן געשטאָרבן. צווישן די דאָזיקע זענען אויך געווען פעלדערס בני־בית.

איך ווייס נישט פּונקטלעך ווער עס האָט געשאָסן די דאָזיקע ייִדן, רומענישע צי דייטשישע סאָלדאַטן.

נאָכן דערהערן די דאָזיקע שיסערייען אין פעלדערס הויז, זענען באַלד געקומען צו מיר אין שטוב אַריין דריי דייטשישע אָפיצירן וועלכע האָבן געפאָדערט ביי מיר מיינע דאָקומענטן און זיך געפרעגט אויף מיין מאַן. איך האָב זיי געענטפערט, אַז ער איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער סאָוועטישער אַרמיי פון 23טן יוני, 1941 אָן. פון דער היים בין איך געגאַנגען צו פעלדערס הויז ווו איך האָב צוגענומען די זאַכן און פון דאַנען בין איך געגאַנגען צום דטשישן קאָמאַנדאַנט, ווו איך בין אויסגעפאָרשט געוואָרן וועגן די צוגענומענע זאַכן און וועגן דעם וואָס איך ווייס וועגן דער דערשיסונג פון די ייִדן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין פעלדער גדליהס הויז. איך האָב זיי געזאָגט, אַז די זאַכן האָב איך צוגענומען, פּונקט ווי עס האָבן עס געטון אויך אַנדערע פּערזאָנען און ווער עס האָט געשאָסן די

ייִדן — ווייס איך ניט — איך גלויב אַז אפשר האָבן זיי געשאָסן רומע־נישע סאָלדאַטן, אָבער כ'בין נישט זיכער. פון דײַטשישן קאָמאַנדאַמענט בין איך באַפרײַט געוואָרן, און עס איז מיר באַפוילן געוואָרן אַז איך זאָל צוריקטראָגן אין פעלדערס הויז די צוגענומענע זאַכן און איך האָב דאָס געטון און בין געבליבן אָן איין צוגענבעטער זאַך. נאָך דעם וואָס דאָס דײַטשישע און רומענישע מיליטער איז אוועק פון שטעטל פעריליץ, זענען געקומען מענטשן פון די שכנותדיקע דערפער און האָבן צוגענומען פון די ייִדישע הײַזער זאַכן און עסנוואַרג און זיי אוועקגעפירט מיט פורלעך.

דאָס איז די דעקלאַראַציע וואָס איך דערקלער און שרײַב אונטער אייגנהענטיק".

פעניא בוגא.

אויף וועלכן גרונט איך האָב אָפּגעשלאָסן דעם דאָזיקן פּראָטאָקאָל — וועלכן איך וועל אוועקשיקן צוזאַמען מיטן באַריכט פון אונטערגע־חתמעטן צו דער בעלצער זשאַנדאַרמען־לעדזשיונע, בכדי עס זאָל צוגע־שטעלט ווערן וווּהין עס געהער צו זײַן.

זשאַנדאַרמען געהילפס־קאָמאַנדאַנט
רעזערוו־קאַפּיטאַן — לאָורענציו סטינאַ

---

**דאָס באַרויבן און דערמאָרדן 42 דערוואַקסענע ייִדן און 6־8 ייִדישע קינדער אין דאָרף טאורע נאוע, בעלצער קרײַז.**

נומער 12.

בעלצער זשאַנדאַרמען־לעדזשיונע
אַקטן־העפט

מיט די פּראָטאָקאָלן וואָס זענען געמאַכט געוואָרן וועגן די ייִדן וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין די דערפער טאורא וועקע און טאורע נאוע, בעלצער קרײַז.

24טער יולי 1941, נומ. 132.
פון: קעשענעווער זשאנדארמען־אינספיקטאראט
צו דער: בעלצער זשאנדארמען־לעדזשיונע.

מיר זענען אינפארמירט געווארן דורך דער דײַטשישער געהיים־דינסט, אז אין טאורא וועקא און טאורא נאוע — בעלץ — זענען דער־הרגעט געווארן 40 ייִדן און באערדיקט געווארן אין שלעכטע באדינגונ־גען; צוויי סאוועטישע ייִדישקעס זענען ניצל געווארן און איבערגעגעבן אינפארמאציעס וועגן דער סצענע.

היות די דאזיקע אקציע איז צו פארדאנקען נאר א צעשטערערישער באוועגונג, וועט איר פעסטשטעלן די אומשטענדן בײַ וועלכע עס זענען פארגעקומען די דאזיקע פראוואקאטארישע מעשים און איר וועט באלד ראפארטירן דעם אינספעקטאראט.

קעשענעווער זשאנדארמען־אינספעקטאראט
קאלאנעל ט. מעקולעסקו

שעף פון פאליציי־ביורא
מאיאר וו. סטאיענעסקו

---

## נומער 13.

העכסטער גענ. שטאב
2טע סעקציע
בסוד — דרינגענדיק
קאמאנדאנט פון בעלצער
זשאנדארמעי־לעדזשיונע

ארייננ. נומ. 228
19טער יולי 1941
נומ. 1665 ב. 19טער יולי, 1941
פון: העכסטן גענ.־שטאב
צו דעם: ה' גענעראל טאפאר.

פארשט פערזענלעך אוים דעם פאל און
ראפארטירט דרינגענדיק וועגן רעזולטאט.

גענ. טאפאר.

איך האב דעם כבוד צוצושיקן א קאפיע פון דער ווענדונג פון דער 11טער ארמיי וועגן דער דערמארדונג פון עטלעכע ייִדן אין טאורא וועקע

און טאורא נאוע (בעלץ) דורך עטלעכע רומענישע זעלנער, וועלכע זאָלן פריער האָבן באַרויבט די דאָזיקע ייִדן. מיט רעספּעקט בעטן מיר אײַך, אַז איר זאָלט באַוויליקן דרינגענדיק צו פאַראָרדענען אויסצופאָרשן דעם פאַל און אויפצודעקן די שולדיקע, כדי זיי צו באַשטראָפן.

מיר בעטן צו ראַפּאָרטירן דרינגענדיק דעם רעזולטאַט, וועלכער דאַרף מיטגעטיילט ווערן דער 11טער אַרמיי.

סובשעף פון העכסטן גענ.־שטאַב

גענ. טאטעראנו

שעף פון דער 2טער סעקציע

לייטענאַנט-קאָלאָנעל דינולעסקו

---

## נומער 14.

## ווענדונג פון דער 11טער דײַטשישער אַרמיי.

קאָמאַנד. פון דער 11טער אַרמיי

ערשטע סעקציע

קאַנט. 14טער יולי 1941

### צו דעם רומענישן גענעראַל־שטאַב

אין שייכות מיט דער ייִדן־דערמאָרדונג אין טאורא נאוע, ווערט דאָ בײַגעלייגט אַ ראַפּאָרט פון די עדי־ראיה און אַ ראַפּאָרט פון דער דײַטשישער פעלד־גנעהיים־פּאָליציי, אין שייכות מיט דער דערמאָרדונג פון אַ גרעסערער צאָל ייִדן אין מאורע נאוע. די האַלטונג (אויפירונג) וואָס ווערט אָנגעוויזן אין ראַפּאָרט מצד רעפּרעזענטאַנטן פון רומענישן מיליטער, דינט נאָר אויף צו מינערן דעם פּרעסטיזש פון דער רומענישער

ארמיי און גלייכצייטיק אויך דעם פרעס־טיזש פון דער דייטשישער, אין די אויגן פון דער אלוועלטלעכער עפנטלעכער מיינונג.

מיר בעטן נאך אמאל און זייער דרינגענדיק, צו זארגן, דורכן אננעמען די שטרענגסטע מיטלען צווישן די קאדרען פון רומענישן מיליטער, אז פאר קיין פאל זאלן מער נישט פארקומען קיין אנדערע אינצידענטן.

פארן קאמאנדאנט פון דער 11טער ארמיי

שעף פון גענ.־שטאב אויף באפעל

מאיאר פון גענ.־שטאב ראנק

---

10.7.1941

אינהאלט: דעקלאראציעס פון די עדי־ראיה וועגן דער דערמארדונג פון 40 יידן לעבן טאורא נאוע.

ראפארט:

די לעצטע פארוואונדעטע וועלכע זענען געבליבן לעבן. — דינה פרענקעל, 34 יאר אלט, א חתונה־געהאטע און לייקע לאמבערט, 32 יאר אלט, א חתונה־געהאטע,ביידע פון בעלץ, האבן דערקלערט וועגן פאל פון טאורא נאוע:

דעם 24טן יולי 1941 האבן די יידן געדארפט פארלאזן בעלץ און זיי זענען, טיילווייז אנטלאפן אין דארף וולאד ווו זיי זענען אנגעקומען דעם 26טן יוני 1941 און ווו זיי זענען פארבליבן ביזן 7טן יולי, 1941.

אין יענעם אוונט האבן פויערים־יונגען פון 16 ביז 18 יאר, באוואפנטע מיט שטעקענעס און קאסעס, פארטריבן די יידן פון די הייזער ווו זיי האבן געוווינט, צעשלאגן און דערהרגעט יידן און אונטערגעצונדן די הייזער. אז ערך 40 בעלצער יידן האבן זיך געפרווט אומצוקערן קיין

בעלץ דורך זײַטיקע וועגן, ווײַל זיי האָבן נישט געוווּסט צי דער וועג ביז אַהין איז פֿרײַ פֿון שונא. אויפֿן וועג האָבן זיי באַגעגנט דײַטשישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן באַטראַכט זייערע פּערזענלעכע דאָקומענטן און זיי דערלויבט צו גיין ווײַטער.

צווישן טאָורא וועקע און טאָורא נאָוע האָבן זיי אָנגעטראָפֿן אַן ערך 20 רומענישע סאָלדאַטן, אָן אַ שום קאָמאַנדע. דער העכסטער גראַד צווישן זיי איז געווען אַ קאַפּראַל. די ייִדן זענען דורך זיי אָפּגעשטעלט געוואָרן און אויספֿאָלגנדיק זייער באַפֿעל האָבן זיי זיי אָוועקגעגעבן געלט, ווערט־זאַכן, די פֿערד־און־וועגעלעך מיט די אָנגעלאָדענע קליידער און קאָלדרעס. דערנאָך האָבן די סאָלדאַטן זיי באַפֿוילן זיך אויסצושטעלן אין רייען און אַזוי־אָ, כמעט אין גלײַכע רייען, זאָלן זיי אַרויפֿגיין אויף אַ זומפּיקן באָדן. אין אַן ערך 30 מינוט אַרום האָבן זיי באַקומען אַ באַפֿעל זיך אויסצולייגן אין זומפּ. דערנאָך איז געשאָסן געוואָרן אויף אַלע ייִדן אָן אונטערשיד.

דאָס דאָזיקע איז פֿאָרגעקומען דעם 7טן יולי 1941, צווישן 18 און 19 אַזייגער.

די סאָלדאַטן זענען זיך געגאַנגען ווײַטער זייער וועג און האָבן זיך גאָרנישט געקימערט וועגן די פֿאַרווּנדעטע און טויטע. די צוויי איבערגעבליבענע... 

די סאָלדאַטן זענען זיך געגאַנגען ווײַטער זייער וועג און האָבן זיך גאָרנישט געקימערט וועגן די פֿאַרווּנדעטע און טויטע. די צוויי אויבנדערמאָנטע פֿרויען האָבן נאָך געהאַט כּוח קוים אַרויסצוקריכן פֿון זומפּ און זיי האָבן באַגעגנט אויפֿן שאָסיי אַ רומענישן אָפֿיציר וועלכער האָט באַאויפֿטראַגט אַ פֿויער אַוועקצופֿירן די פֿרויען קיין קישקאַרען אין שפּיטאָל אַרײַן. נאָכן דורכפֿירן די אָפּעראַציע האָט דער פֿויער זיי אַוועקגעפֿירט צום אַרמײַ־קאָמאַנדאַנט, וווּ די אויסגעפֿרעגטע פֿרויען האָבן אָפּגעגעבן די דאָזיקע דעקלאַראַציעס.

דער פֿויער האָט באַקומען אַ באַפֿעל אויך ווײַטער זיך אָפּצוגעבן מיט די צוויי פֿרויען. די טויטע וועלן במשך דעם הײַנטיקן טאָג צונויפֿגענומען ווערן דורך די אײַנוווינער פֿון דאָרף טאָורא נאָוע.

בכדי צו פֿאַרמײַדן נאָך ענלעכע פֿאַלן וועלן די אײַנוווינער פֿון די דערפֿער טאָורא נאָוע און טאָורא וועקע אויסקלויבן צו איין עלטערן מענטשן פֿון יעדן דאָרף אַלס פּראָוויזאָרישן פּרימאַר (אינטענדענט), וועלכער

וועט אַנפירן מיט די אַדמיניסטראַציע־ענינים ביז עס וועט זיך אײַנשטעלן א רומענישע מיליטערישע אָדער ציווילע מאַכט.

(—)

אומלייענבאַר

לשם הסכמה:

(—) לייטענאַנט־קאָלאָנעל
**פּענעסקו**

---

## ראַפּאָרט

דורכפירנדיק אַן אַמטלעכע נסיעה פון טשאַאַלאַקול וועקיו קיין קיש־קאַרעו, האָב איך געפונען דערשאָסענע ייִדן, פון ווײַבלעכן און מענלעכן געשלעכט און קינדער, נאָענט פון דאָרף טאַוראַ נאָוע, אין אַ טאָל. לויט מײַן אײליקער איבערציילונג זענען געווען אַן ערך 42 דערוואַקסענע ייִדן און אַן ערך 6־8 קינדער. בײַ פאַרשידענע מתים האָב איך געקאָנט פעסטשטעלן וווּנדן פון קוילן, בײַ אייניקע, באַזונדערס בײַ די קינדער, צע־שפּאָלטענע קעפּ.

אַ טייל פון די דערשאָסענע מענער זענען געווען באָרוועס; איך דרינג דערפון אַז מען האָט זיי אַראָפּגעצויגן די שטיוול אָדער שיך. לויט איך האָב זיך געקאָנט דערוויסן פון די פּויערים, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען דעם 8טן יולי 1941, האָבן די רומענישע סאָלדאַטן צונויפגענומען אין יענעם טאָלעכל, די ייִדן וועלכע האָבן מער פאַרבראַכט די צײַט אונטערן פרײַען הימל, בעיקר אויס מורא פאַר דערשיסונגען, און נאָך דעם וואָס זיי האָבן בײַ זיי צוגערויבט געלט, ווערט־זאַכן און צירונג, האָבן זיי זיי דערשאָסן.

בכדי צו פאַרמײַדן אַז פאַרבײַגייער זאָלן צוזען דאָס שרעקלעכע בילד און נישט צו דערלאָזן, אַז עס זאָל אויסברעכן עפּעס אַ קרענק, איז

דרינגענדיק נייטיק צו באפעלן, אז די מתים זאָלן באערדיקט ווערן.
(—)
אומלייענבאר

מסכים:

לייטענאנט־קאָלאָנעל
(—) פענעסקו

## נומער 15.

## פראָטאָקאָל

טאורא נאוע, 9טער אויגוסט, 1941.

מיר, מאיאָר באולעסקו מיכאי, קאָמאַנדאַנט פון דער בעלצער זשאַנ־דאַרמען־לעדזשיונע, שטעלן פעסט דורך דעם דאָזיקן פּראָטאָקאָל, אַז מיר האָבן באַקומען דעם באַפעל נומ. 258 פון 20טן יולי 1941 פון גרויס־פּרעטאָר־אַמט, אויסצופאָרשן דעם פאַל פון די ייִדן וואָס זענען דערמאָר־דעט געוואָרן דורך רומענישע סאָלדאַטן אין אָוונט פון 8טן יולי 1941 צווישן די דערפער טאורא וועקע און טאורא נאוע.

און אָט וואָס מיר האָבן געטון

מיר האָבן צו זיך גערופן דעם דעלעגאַט פון דאָרף טאורא וועקע, וועל־כער האָט, ביים אויסגעפרעגט ווערן, דערקלערט:

1. **דער אינפאָרמאַנט לופּאַן גריגאָרע**, 51 יאָר אַלט, אַ רומענער, דעלעגאַט פון דאָרף טאורא וועקע, האָט בשעתן אויסגעפרעגט ווערן דערקלערט: אין די טעג פון 7טן און 8טן יולי 1941, זענען דורך אונדזער דאָרף דורכגעגאַנגען רומענישע און דײַטשישע חילות, וועלכע האָבן מאַרשירט פאָרויס. עס זענען אויך אַדורך דורך אונדזער דאָרף אַנטלאָפענע ייִדן, אויפן וועג קיין פאַלעשט־צו. איך ווייס ניט פון דעם, אַז רומענישע סאָלדאַטן זאָלן האָבן געהרגעט די ייִדן וועלכע זענען

דאָ אַרומעט דורך, ווײַל איך האָב נישט געזען און נישט געהערט וועגן אַזוינעם.

דאָס איז מײַן דעקלאַראַציע וואָס איך שרײַב אונטער אייגנהענטיק.

(—) גריגאָרע לופּאַן

2. דער אינפאָרמאַנט לעאָן דאַנילאָוו, 62 יאָר אַלט, אַ רומענער, דעלעגאַט פון דאָרף טאורא נאוע, האָט בשעתן אויסגעפרעגט ווערן, דערקלערט:

איך ווייס, אַז אין די טעג פון 7טן און 6טן יולי 1941 איז דורך אונדזער דאָרף דורכגעגאַנגען דאָס רומענישע מיליטער, אויפן וועג קיין קישינעוו צו. איך ווייס אויך, אַז דורך אונדזער דאָרף זענען אַדורך אַנטלאָפענע ייִדן, וועלכע האָבן געצויגן קיין פּאַלעשט.

איך האָב נישט געזען און נישט געהערט אַז רומענישע סאָלדאַטן זאָלן האָבן דערהרגעט ייִדן בײַ אונדז אין דאָרף.

דאָס איז מײַן דעקלאַראַציע וואָס איך שרײַב אונטער אייגנהענטיק.

(—) לעאָן דאַנילאָוו.

איך האָב ווײַטער אויסגעפאָרשט אין דאָרף טאורא נאוע און טאורע וועקע, אויפנעמענדיק אינפאָרמאַציעס בײַ פאַרשידענע איינוווינער און קיינער האָט מיר גאָרניט געקענט איבערגעבן וועגן דער דערמאָרדונג פון די ייִדן און אַלע האָבן באַהויפּטעט, אַז זיי ווייסן גאָרניט וועגן אַזאַ מין פאַל. אויף דעם גרונט האָב איך צוזאַמענגעשטעלט דעם דאָזיקן פּראָטאָקאָל, וועלכער וועט איבערגעשיקט ווערן צום גרויס-פּרעטאָר, מחמת לעגאַלע טעמים.

קאָמאַנדאַנט פון דער בעלצער זשאַנדאַרמען-לעדזשיונע, מאַיאָר (—) באָולעסקו מיכאיל

---

## נומער 16

בסוד

אריינג. נומער 880
20.8.1941

נומ. 258
14טער אויגוסט 1941
פון: בעלצער זשאנדארמען-לעדזשיונע
ערשטער פאליציי-ביורא און קאמאנדאמענט
צו דעם: קעשענעווער זשאנדארמען-אינספעקטאראט
פאליציי-ביורא.

אויפן באפעל נומ. 258/941 פון גרויס-פרעטאר-אמט און פון ביי־געלייגטן באפעל נומ. 132-941 פון קעשענעווער זשאנדארמען-אינספעק־טאראט,

האב איך דעם כבוד צוצושיקן אן אקטן-העפט וועלכער באשטייט פון 7 בויגנס, מיט די אקטן וואס דער אונטערגעשריבענער האט צוזאמענ־געשטעלט וועגן דערמארדונגס-פאל פון א צאל יידן אין דארף טאורא נאוע, פון וועלכן עס ווערט פעסטגעשטעלט:

אין די טעג פון 7טן און 8טן יולי 1941, זענען דורך די דערפער טאורא וועקע און טאורא נאוע דורכגעגאנגען איינהייטן פון דער 14טער רומענישער דיוויזיע.

אין דער צייט איז באמערקט געווארן א גרופע אנטלאפענע יידן, וועלכע האבן געצויגן דורך די דאזיקע דערפער קיין פאלעשט-צו, און מען האט נישט געקענט פעסטשטעלן גענוי ווער זיי זענען און פון וואנען זיי שטאמען.

עס איז נישט באוויזן געווארן, אז די יידן זאלן האבן דערהרגעט געווארן דורך רומענישע סאלדאטן, ווייל קיינער ווייסט נישט פון דעם דאזיקן פאל.

אין יענער צייט איז דאס אויפהאלטן די ארדענונג אין יענע געגנטן — געווען אין די הענט פון פרעטער-אמט פון דער 14טער דיוויזיע, מחמת די פארמאציעס פון דער בעלצער זשאנדארמען-לעדזשיונע זענען נאך נישט געווען אינסטאלירט.

קאמאנדאנט פון בעלצער זשאנדארמען-לעדזשיונע
מאיאר (—) מ. באולעסקו.

# די שחיטה פון מארקולעשט און פון אנדערע ערטער אין סאראקער קרייז

## נומער 17

**אויסצוג פון באשולדיקונגס־אקט וואס איז פארפאסט געווארן און איז פארעפנטלעכט געווארן דורכן עפנטלעכן שעף־באשולדיקער ביים פאלקס־טריבונאל, וואסילע י. סטאיקאן, קעגן די גרויסע קריגס־פארברעכער, יאן אנטאנעסקו און זיינע מיניסטארן**

„דעם 8טן יולי 1941 זענען אין שטעטל מארקולעשט, סאראקער קרייז, צונויפגענומען געווארן אלע יידישע איינוווינער: מענער, פרויען און קינדער; זיי זענען ארויסגענומען געווארן ארויסן שטעטל, דערשאסן און באגראבן געווארן אין די קאנאלן וואס געפינען זיך דארטן. עס זענען אזוי אויסגעהרגעט געווארן 1000 מענטשן.

„אין די ווייטערדיקע טעג איז אזוי אויך געטון געווארן מיט די יידן פון די ישובים פלארעשט, גורא קאמענקא און גורא קאינארי.

אין דעם ישוב קלימאוץ פון סאראקער קרייז זענען צונויפגענומען געווארן דריי הונדערט יידישע קינדער, פרויען און מענער, און דעם 12טן יולי 1941 זענען זיי דערשאסן און באגראבן געווארן אין א געמיינזאמען קבר ביים עק דארף.

---

## נומער 18

# שחיטות אין דער שטאט בעלץ

**אויסצוג פון דעם וואס עס האט אויסדערציילט א לעבנס־געבליבענער — דער לעצטער פארזיצער פון דער בעלצער יידישער קהילה, בערנארד וואלטער.**

די שטאט בעלץ איז חרוב געווארן דורך די כמעט טאג־טעגלעכע באמבארדירונגען פון דער רומענישער און דייטשישער אוויאציע. זיי

האָבן פאַרוואַנדלט אין חורבות כמעט דרײַ פערטל פון די וווינונגען. אַזוי ווי די שטאָט איז נישט פאַרטיידיקט געוואָרן, פלעגן דעם שׂונאס אַוויאָנען לייכט צוקומען יעדן נאָכמיטיק, צווישן 4 און 5 אַזייגער, און אַראָפּוואַרפן צינד־באָמבעס. היות די הײַזער זענען אַממערסטן געווען געדעקט מיט שינדל, פלעגן זיי זיך באַלד אָנצינדן און די שׂרפות פלעגן זיך אויסשפּרייטן און זיך פאַרציען ביז בײַנאַכט, און באַלײַכטן ווי ריזיקע פאַקלען די טעטיקייט פון די באָמבאַרדיר־אַוויאָנען, וועלכע פלעגן געוויינלעך קומען אַרום 8־9 אַזייגער און אָנמאַכן שרעקלעכע שאָדנס.

נעמענדיק אין אַכט די דאָזיקע סכּנות, וואָס האָבן געדראָט פון דער לופטן, און נאָך דעם וואָס אַ סך ייִדן זענען שוין געפאַלן קרבנות פון די באָמבאַרדירונגען, איז די ייִדישע באַפעלקערונג זיך צעלאָפן אין די אַרומיקע דערפער און יעדער איינער האָט מיט זיך מיטגענומען אין די פעקלעך דאָס טײַערסטע פון זײַן פאַרמעגן. אין די דאָזיקע דערפער זענען זיי אָנגעיאָגט געוואָרן פון די רומעניש־דײַטשישע חיילות, וועלכע האָבן אומעטום גערויבט, געפּײַניקט, געשענדעט די פרויען און מיידלעך און געהרגעט מענטשן.

די שטאָט בעלץ איז אָקופּירט געוואָרן דעם 9טן יולי דורכן חייל פון דער 11טער דײַטשישער אַרמיי, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון גענעראַל פאָן שאָבערט, וועלכער האָט דאָ אויך אײַנסטאַלירט זײַן גענעראַלשטאָב.

אַזוי ווי דער פראָנט האָט זיך באַלד דערווײַטערט, האָבן די ייִדן, וועלכע זענען לעבן־געבליבן פון די שחיטות אין די דערפער, אָנגעהויבן צוריקצוקומען אין שטאָט אַרײַן, אָבער אויף וויפל זיי זענען צוריקגעקומען, זענען זיי אַלץ צונויפגענומען געוואָרן — לויט אַ באַפעל פון דער דײַטשישער מיליטערישער פּאָליציי, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורכן פעלדקאָמאַנדאַנט, קאָלאָנעל קאָללער און זײַן געהילף, קאַפּיטאַן פראָסט — אין צוויי לאַגערן, וועלכע זענען אײַנסטאַלירט געוואָרן, איינער אין הויף פון דער באַנק — „מאָלדאַוואַ" און דער צווייטער אין הויף פון צײַטווייליקן אַרעסט־הויז.

דעם 11טן יולי אין אָוונט, האָבן די דײַטשן אָנגעגעבן אַ תּירוץ אַז

ייִדן זאָלן האָבן געשאָסן אויף אַ דײַטשישן לאַסט־אויטאָ און אַרויסגענו־מען פון לאַגער 10 ייִדן וועלכע זענען דערשאָסן געוואָרן אין הויף פון גערטנדל קעגן אַלטן סאָבאָר.

דערווײַל האָט זיך, לויטן באַפעל פון קאַפּיטאַן פּראַסט, פאָרמירט אַ געטאָ־קאָמיטעט אין באַשטאַנד פון 12 פון די אָנגעזעענסטע ייִדן, אונטערן פאָרזיץ פון בערנאַרד וואַלטער, געוועזענער געהילפס־פּרימאַר (אינטענ־דענט) און פאָרזיצער פון דער קאָמערץ־ און אינדוסטריע־קאַמער. דער קאָמיטעט האָט געהאַט די אויפגאַבע צו זאָרגן וועגן באַשפּײַזונג און וועגן דער סאַניטאַרער לאַגע פון די ייִדן אין די 2 לאַגערן.

דעם 15טן יולי, 5 אַזייגער פאַרנאַכט, זענען אַלע קאָמיטעט־מיטגלי־דער געבראַכט געוואָרן אין הויז פון דער דײַטשישער פּאָליציי וווּ דער קאַפּיטאַן פּראַסט האָט בײַ זיי געפאָדערט, אַז זיי זאָלן אויסאַרבעטן אַ ליסטע פון 20 ייִדישע קאָמוניסטן, כדי זיי זאָלן דערשאָסן ווערן. די בעסטיע האָט צוגעגעבן, אַז אויב די ליסטע וועט נישט צוגעשטעלט ווערן, וועלן אויסגעשאָסן ווערן אַ ריי ייִדן און די ערשטע צום דערשאָסן ווערן וועלן זײַן די קאָמיטעט-מיטגלידער גופא.

בײַ דער גאַנצער געפאַר האָט דער קאָמיטעט זיך נישט געוואַקלט און דורכן פאָרזיצער מיטגעטיילט דעם קאַפּיטאַן פּראַסט דעם אָפּזאָג צו באַגיין אַזאַ מין נידערטרעכטיקייט. באַלד נאָך דעם זענען אַרעסטירט גע־וואָרן אַלע קאָמיטעט־מיטגלידער. נאָך דעם וואָס זיי זענען באַזוכט און באַרויבט געוואָרן פון זייער גאַנצן פאַרמעגן, ווײַל בײַ דער אומזיכערקייט פון יעדער רגע, האָבן אַלע ייִדן געטראָגן בײַ זיך אַלץ וואָס האָט געהאַט עפּעס אַ ווערט, זענען זיי אַוועקגעפירט געוואָרן — אין אַ ריי, איינציק־ווײַז און באַגלייט דורך דײַטשישע זשאַנדאַרן — אין לאַגער אַרײַן וואָס אין הויף פון דער באַנק „מאָלדאַוואַ“.

דאָ זענען זיי דורך שומרים אַוועקגעפירט געוואָרן צום פּלויט וואָס אין עק הויף, פאַר די אויגן פון זייערע צום־טויט־דערשראָקענע בני־בית און די איבעריקע ייִדן, וועלכע האָבן דאָס אַלץ צוגעזען צעווייטיקטע און פאַרצווייפלטע ווי עס ווערן געפירט צום קבר, די וועלכע האָבן נאָך גע־קענט פאַר זיי זײַן די איין און איינציקע שטיצע. בײַם פּלויט

# שחיטות אין בעסאַראַביע



די לעצטע פאַרוואַלטונג פון דער בעלצער קהלה, איין שעה איידער זיי זענען הינגעריכטעט געוואָרן. פון לינקס צו רעכטס: זומער ציטערמאַן, יוסף ברויטמאַן, בערנאַר וואַלטער, סאַשא דיאַגאָט, אייזיק שעכטמאַן, שמערל שוחט, ברוך בלאַנק, שכר רויטמאַן, סימאָן גרינבערג, קריפּס, לייביש גאַלאַוואַטאַ, יאַנקל טענענבוים.

פיטאָן פראסט און ארויסגענומען דעם קרבן פון פּאַרטיקן קבר, דאָס הייסט מיט אַ 2־3 מינוט פאַרן דערשאָסן ווערן.

אין דער נאַכט פון 5טן אויפן 6טן יולי זענען נאָך דערשאָסן געוואָרן 20 ייִדן פון די ערובניקעס אויך דורך געשטאַפּאָ־סאָלדאַטן און אויך מיטן תירוץ, אַז עס זאָל האָבן געשאָסן געוואָרן אויפן דײַטשישן מיליטער. אויך דאָס איז פאָרגעקומען אין גערטנדל פון אַלטן סאָבאָר.

דערנאָך איז דאָס דײַטשישע מיליטער און די געשטאַפּאָ אַוועק פון בעלץ. דאָס לעבן פון די בעלצער ייִדן איז איצט איבערגעקומען אין די הענט פון אַן אַנדערער בעסטיע דעם מאַיאָר יאָן גראַדו פון טעריטאָריעלן קרײַז („טשערקול טעריטאָריאַל”). אונטער זײַן אויפזיכט זענען די ייִדן אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַ לאַגער פון וואַלד רעוצעל, 12 קילאָמעטער פון דער שטאָט. זיי זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין עטלעכע צעבראָכענע ערד־הײַזקעס, ארומגערינגלט געוואָרן מיט שטעכל־דראָט, אונטער מיליטערישער שמירה, האָבן די ייִדן דאָ געלעבט אין הונגער און אין אַ שרעקלעכער נויט, וועלכע האָט אַוועקגעהרגעט אַ טייל פון זיי.

שפּעטער זענען די ייִדן פון רעוצעלער לאַגער איבערגעפירט געוואָרן אין לאַגער אַרײַן פון מאַרקולעשט און פון דאָרט זענען זיי דעפּאָרטירט געוואָרן קיין טראַנסניסטריע.

---

## שחיטות אין קעשענעוו

### נומער 19

**אויספאָרשונגס־באַריכט נומ. 2 פון דער קאָמיסיע וואָס איז געשאַפן געוואָרן לויטן באַפעל פון ה׳ מאַרשאַל יאָן אַנטאָנעסקו, דער פירער פון שטאָט, כּדי אויסצופאָרשן די אומרעגלמעסיקייטן פון קעשענעווער געטאָ (דעצעמבער 1941)**

בעת די אויספאָרשונגען, וואָס עס האָט דורכגעפירט די קאָמיסיע, זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן אייניקע ספּעציעלע פאַקטן, וועלכע מיר האָבן

געהאַלטן פאַר נייטיק זיי דאָ אָנצוגעבן באַזונדער, אין דעם בײַגעלייגטן ראַפּאָרט, דערפאַר ווײַל זיי קענען נישט אײַנגעשלאָסן ווערן אין אינהאַלט פון אַלגעמיינעם באַריכט.

דאָס זענען די פאַקטן:

---

## I. די יורידישע לאַגע פון די עוואַקואירטע ייִדן און פון זייער אומבאַוועגלעכן פאַרמעגן

### א) די צאָל פון די עוואַקואירטע און אינטערנירטע ייִדן.

לויט אַ קאָנדענסירטער סטאַטיסטיק, וואָס עס האָט צוגעשטעלט דער קאָמיסיע דער לייטענאַנט־קאָלאָנעל פּאַלאַדע, דעלעגאַט פון העכסטן גענ.־שטאַב, בכדי צו גרינדן די לאַגערן און עוואַקואירן די ייִדן, באַקומט זיך, אַז עס זאָלן האָבן אינטערנירט געוואָרן: אין װערטוזשען — 23.000 ייִדן, אין מאַרקולעשט — 11.000 ייִדן, אין יעדינעץ און סעקוראַן — 25.000 ייִדן און אין קעשענעווער געטאָ — 11.252 ייִדן. צו די דאָזיקע קומען נאָך צו די ייִדן פון אורהיעוו, קאַהול, איזמאַיל, נײַ־קיליע און באַל־גראַד וווּ עס זענען נישט געווען מער ווי צו 1000 אינטערנירטע אין יע־דער שטאָט צי שטעטל.

בסך הכל זענען געווען אַן ערך 80.000 ייִדן.

פון די ראַפּאָרטן וואָס זענען צוגעשטעלט געוואָרן דער קאָמיסיע מצד דעם קעשענעווער זשאַנדאַרמען-אינספּעקטאָראַט, וועלכער איז גע־ווען באַאויפטראַגט דורכצופירן די עוואַקואַציע פון די ייִדן, קומט אויס אַז דורך פאַרשידענע אריבערגאַנג־פּונקטן, וואָס זענען צוליב דעם צוועק פיקסירט געוואָרן, זענען אַריבערגעפירט געוואָרן פון בעסאַראַביע 55,847 ייִדן און פון בוקאָווינע 45,538 ייִדן.

סך הכל: 101.405 ייִדן.

וואָס שייך די בעסאַראַבער ייִדן קומט אויס, אַז צווישן דער צאָל פון די אינטערנירטע פון אַן ערך 80.000 - 75 ייִדן און צווישן דער צאָל

פון די עוואַקואירטע 55.867 ייִדן איז דאָ אַ חילוק פון אַן ערך 25.000 ייִדן, וועלכע זענען אויסגעשטאָרבן פון אַ נאַטירלעכן טויט, זענען אַנטלאָפן אָדער זענען דערשאָסן געוואָרן, לויט די מעטאָדן וואָס מיר וועלן דאָ ווײַטער אָנווײַזן.

## ב) אידענטיפיצירונגס־סיסטעמען פאַר די עוואַקואירטע און אינ־טערנירטע ייִדן.

פאַר זייער אידענטיפיצירונג אין די לאַגערן, אָדער אין קעשענעווער געטאָ, איז נישט געווען קיין שום ספּעציעלע מינדלעכע אָדער שריפטלעכע פאַראָרדענונג.

דער איינציקער נומערישער קריטעריום איז געווען דער, וועלכער האָט באַשטימט די קאַפּאַציטעט פון די לאַגערן, ווי אויך דאָס פאָרמירן די קאָנוואָיען פון עוואַקואירטע.

נאָר אין קעשענעווער געטאָ איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו דורכצו־פירן אַ נאָמינעלע סטאַטיסטיק וועגן די ייִדן וואָס זענען דאָרט געווען אינ־טערנירט, אָבער ער איז נישט פאַרענדיקט געוואָרן.

אַ ערשטער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער לאַגע, איז געווען די אומעגלעכקייט צו אידענטיפיצירן די ייִדן וואָס זענען אַנטלאָפן פון די לאַגערן און איינשליסלעך, דעריבער, אויך אומעגלעך צו אַנטדעקן, סײַ די וועלכע האָבן דערמעגלעכט, ווי אויך די וועלכע האָבן פאַרלייכטערט צו באַגיין אָט די עוולה.

אין די אינסטרוקציעס וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 7טן סעפּטעמבער 1941, בעת דער עוואַקואַציע, פון גרויס־פּרעטאָר, גענ. טאָ־פאַר, ווערט אויסדריקלעך רעקאָמענדירט אַז דער איבערגאַנג פון די ייִדן איבערן דניעסטער זאָל געמאַכט ווערן אָן שום פאָרמאַליטעטן.

אַלס רעזולטאַט פון דער דאָזיקער פּראָצעדור זענען די ייִדן עוואַקו־אירט געוואָרן אין שטרענג נומערישע פּאַרטיעס; אַזוי האָבן זיי אויך דורכגעמאַכט אַלע שטרעקעס און אַריבערגעפירט געוואָרן איבערן דניעס־טער. בײַ די איבערגאַנג־פּונקטן זענען אַרויסגעגעבן גע־

ווארן באפעלן טאקע פונעם דעלעגאט פון גענעראל־שטאב, מאיאר טארלעפ, אז מען זאל ביי די יידן צונעמען יעדער דאקומענט וואס עס זאל ביי זיי ניט געפינען ווערן (דעקלאראציעס פון לייטענאנט־קא־לאנעל פאפאיו און לייטענאנט־קאלאנעל פאלאדע). אזוי האט אונדז אויך דערקלערט דער קאלאנעל עמיל בראשטעאנו, זשאנדארמעריע־אינספעקטאר פון טראנסניסטריע, אז די יידן פלעגן דארט אויפגענומען ווערן אן א שום אידענטיפיקאציע.

## ג. די קאנסעקווענצן וואס באקומען זיך פון דער דאזיקער סיטואציע.

1. דאס פעסטשטעלן דאס אייגנטום־רעכט אויף פארשידענע אומ־באוועגלעכע פארמעגנס פון בעסאראביע.

אין הסכם מיטן דעקרעט נומ. 2507 פון 3טן סעפטעמבער 1941, אין שייכות מיט אייניקע לעגיסלאטיווע מאסמיטלען פאר בעסאראביע און צפון־בוקאווינע, און לויט די רומעניזירונגס־געזעצן וואס זענען ארויס־געגעבן געווארן נאכן 28טן יוני 1940, ווערט די רומענישע מלוכה די אייגנטימערן פון די פארמעגנס וואס געפינען זיך אויף דער בעסאראבער טעריטאריע, וועלכע האבן געהערט צו יידן אדער צו יידישע יורידישע פערזאנען דעם 28טן יוני 1940, אדער די אלע וואס זענען דורך יידן אדער דורך יידישע יורידישע פערזאנען פאראייגנט געווארן נאך דער דאזיקער דאטע.

פון דעם דאזיקן געזעץ באקומט זיך, אז דאס עקספראפריאציע־סיס־טעם פון אומבאוועגלעכן פארמעגן וואס געהער צו בעסאראבער יידן, ווערט געמאכט לויט דעם זעלבן קריטעריום ווי פאר די יידן פון אלט־רומעניע און פאלגלעך, וועלן דארפן פעסטגעשטעלט ווערן פארגיטיקונגס־סיסטעמען און אלע ווייטערדיקע יורידישע פראצעדורן וואס געהערן צו אזא מין אפעראציע.

די דאזיקע פראצעדור וועט אבער נישט קענען דורכגעפירט ווערן איבער דער לאגע פון אומאידענטיפיצירטקייט אין וועלכער עס געפינען

זיך איצט די עוואַקואירטע יידן. פון דער אַנדערער זײַט קען נישט די געצוווּנגענע עוואַקואַציע פון די יידן איבערן דניעסטער פאַרשטעלן מיט זיך די לאַגע וואָס ווערט געפאָדערט דורכן געזעץ, דאָס הייסט: געפינען פּ אַ ר ל אָ ז ט פאַרמעגן — ווײַל די באַלעבאַטים האָבן די דאָזיקע פאַרמעגנס נישט פאַרלאָזט אויס זייער פרײַען ווילן, נײַערט זיי זענען געצוווּנגען געוואָרן צו דער עוואַקואַציע.

בײַ אַזעלכע אומשטענדן, האָט דער געזעצגעבער געמוזט אינטער־ווענירן אויף אַ ספּעציעלן אופן און לייזן דאָס פּראָבלעם אַזוי ווי עס איז אַנטשטאַנען לויט די פאַקטישע באַדינגונגען.

## 2. עווענטועלע קאָנסעקווענצן.

אויף יעדן מעגלעכן פאַל אין דער צוקונפט, בײַ וועלכן עס וואָלטן ווידער אַמאָל געקאָנט צוליב העכערע מלוכה־אינטערעסן אַנטשטיין דיס־קוסיעס וועגן באַזעצן די יידן, וועלכע האָבן געוווינט אין בעסאַראַביע און בוקאָווינע אין מאָמענט פון דער רעאַנעקסירונג, וועט בכיוון קענען איבערגעטריבן ווערן, מצד די פאַראינטערעסירטע, די צאָל זייערע. ווי זי איז בעצם און מחמת עס זענען אויך ניט פאַראַן קיין שום אידענטי־פיצירונגען און סטאַטיסטיקעס, וועט אויך מעגלעך זײַן, אַז עס זאָלן פּרע־טענדירן אויף אַזעלכע פאַרמעגנס מענטשן, וועלכע זענען דערצו אין דער אמתן ניט באַרעכטיקט.

מיר דערמאָנען נאָך דאָס מחמת די זעלביקע סיבות  וועט זיך די מלוכה אָנשטויסן אויף די זעלבע שטערונגען בײַ יעדער אַנדער מין גע־זעצגעבערישער אָדער אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט, איידער עס וועלן דיס־קוטירט ווערן די אויבן־אָנגעמערקטע פּראָבלעמען.

# II  יידן-דערשיסונגען

## א. בעת דער אינטערנירונג.

### 1. אין קעשענעווער געטא.

דעם 1טן אויגוסט 1941 איז געקומען צום קהילה־פּאַרזיצער פון קע־שענעווער געטאָ א דײַטשישער לייטענאַנט, וועלכער האָט בײַ אים געפאָ־דערט, אַז עס זאָלן אים ארויסגעגעבן ווערן אויף ארבעט, אין עטלעכע שעה ארום, 250 מענער און 200 פרויען.

די יידן זענען צונויפגענומען געוואָרן און אין דער באַשטימטער צײַט איז געקומען דער דײַטשישער אָפיציר באַגלייט פון 3 סאָלדאַטן און נאָך דעם, וואָס ער האָט די יידן סעלעקציאָנירט, אויסקלויבנ־דיק בעיקר אינטעלעקטואלן און שיינע פרויען — צוליב וועלכן עס איז לויט א דעקלאַראַציע אין דעם דאָזיקן אקטן־העפט באַנוצט געוואָרן אפילו א שפּאַקטיוו — איז די גרופּע פון 450 יידן אוועק. אין דעם זעלבן אָוונט זענען פון די אוועקגעגאַנגענע צוריקגעקומען 39 עלטערע יידן, וועלכע האָבן דערקלערט, אז די איבעריקע 411 יידן זענען דערשאָסן גע־וואָרן לעבן וויסטערניטשען און אז זיי זע־נען ספּעציעל געשיקט געוואָרן כדי מודיע צו זײַן וועגן דער דאָזיקער געשעעניש. אויפן צווייטן טאָג איז געקומען אין געטאָ ארײַן דער דײַטשישער לייטענאַנט אליין און באַשטעטיקט דעם דאָזיקן פאַקט.

איבעריקנס האָט דאָס פעסטגעשטעלט דער קהילה-פּאַרזיצער גופא, וועלכער איז געשיקט געוואָרן מיט נאָך 20 יידן צום ברידער־קבר וווּ די מתים זענען באַגראָבן געוואָרן, כדי זיי זאָלן אליין פאַרדעקן דעם קבר, מחמת די באַערדיקונג איז געהאַט געמאַכט געוואָרן זייער אויבערפלעכ־לעך.

דער דאָזיקער פאַקט איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן מצד דעם קאָלאָנעל טודאַסע, קעשענעווער מיליטערישער קאָמאַנדאַנט.

מיר דערמאָנען דאָ, אַז בײַ דער דאָזיקער געלעגנהייט איז אויך דער־הרגעט געוואָרן דער קריסט יאַן קארמען פון פלאָיעשט, וועלכער האָט זיך געפונען אין געטאָ צוזאַמען מיט זײַן יידישער פרוי, פעניא קארמען; זיי זענען ביידע געהאַט צוריקגעקומען קיין בעסאַראַביע נאָך אין דעצעמ־בער 1940 צו דער פרוים עלטערן, וועלכע זענען געהאַט געבליבן אונטער די רוסן.

אַן אַנדער פאַל איז פאָרגעקומען דעם 7טן און 8טן אויגוסט 1941, ווען אַן אינספעקטאָר פון די וועגן איז געקומען אין געטאָ אַרײַן און גע־פאָדערט 500 מענטשן אויף אַרבעט אין די גידיגיטשער ווערפטן. עס זענען אים געגעבן געוואָרן די דאָזיקע יידן און אַ חוץ נאָך 25 פרוייען, כדי זיי זאָלן פאַר זיי קאָכן ס'עסן. אין אַ וואָך אַרום זענען פון זיי צוריק־געקומען 200 יידן, וועלכע זענען אינגאַנצן געוואָרן אומפעיק צו אַרבעט און די איבעריקע 325 האָבן זיך עד־היום נישט צוריקגעקערט.

## 2. אין לאַגער טאַטאַרעשט, טשעטאַטעאַ אַלבאַער (אַקערמאַנער) קרײַז.

דעם 9טן אויגוסט 1941 איז געקומען צום טשעטאַטעאַ־אַלבאַער לאַ־גער־קאָמאַנדאַנט, רעזערוו־קאַפּיטאַן וועטו ג. יאַאַן, דער דײַטשישער אונ־טערלײַטנאַנט פרייליך פון דער הויך־קאָמאַנדאַטור פון קעשענעווער דײַ־טשישן גאַרניזאָן און האָט אים מיטגעטיילט אַז אויפן באַפעל פון מאַר־שאַל אַנטאָנעסקו, דאַרפן אַלע 451 יידן, וועלכע געפינען זיך אין דעם אויבנדערמאָנטן לאַ־גער באַלד דערשאָסן ווערן.

דער קאַפּיטאַן וועטו איז מודיע וועגן דעם פאַקט דעם קאָמאַנדאַ־מענט פון דער לעדזשיונע און זי באַפעלט אים אויסצופירן די דאָזיקע פאַראָרדענונג, נאָך וועלכן די יידן זענען אויס־געשאָסן געוואָרן.

ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ פּראָטאָקאָל צווישן דײַטשישן אָפיציר און זשאַנדאַרמען־קאַפּיטאַן. אַ קאָפּיע פון דעם דאָזיקן פּראָטאָקאָל ווערט בײַגעלייגט צו די דאָקומענטן.

מיר דערמאָנען, אז בעת דער דאָזיקער דערשיסונג האָט דער קאַפּי־טאַן וועטו צוגענומען פאַר זיך פון די דערהרגעטע יידן, די ווייטער־אויס־גערעכנטע חפצים: דריי זייגערס, א גאָלדן פינגערל, פיר גילדענע חתונה־רינגען, א מעטאַלן קייטל און די סומע פון 20.000 לעי. דער ראיאָנע זשאַנדאַרמען־אינספעקטאַראַט האָט אינטערוועני^רט ביים אַלגעמיינעם זשאַנדאַרמען־אינספעקטאַראַט, אז דער אָפיציר זאָל געשיקט ווערן צום רעפאָרם־ראַט („קאָנסיליו דע רעפאָרמע").

עס דאַרף נאָך באַשלאָסן ווערן:

א) צי דער אָריגינאַל פון דעם דאָזיקן פּראָטאָקאָל דאַרף אויפגעהיט ווערן ביים זשאַנדאַרמען־אינספעקטאַראַט, אָדער ערגעץ אַנדערש.

ב) צי ס'איז געוווּנטשן אז דער אָפיציר וועלכער איז שולדיק פאַר באַרויבן די מתים, זאָל געשיקט ווערן צו א קריגס־געריכט, ווו עס וואָלט דורכגעפירט געוואָרן אן עפנטלעכער משפט, אָדער עס איז גענוג די „רעפאָרמע".

## ב. במשך דער עוואַקואַציע.

וואָס שייך דעם אופן ווי עס האָבן זיך באַדאַרפט באַגיין מיט יענע יידן וועלכע זענען נישט גענוג געהאַרכזאַם, די אָרגאַנען וועלכע זענען באַאויפטראַגט געוואָרן דורכצופירן די עוואַקואַציע, אַנטהאַלטן גענעראַל טאָפּאַרס אינסטרוקציעס פון 7טן סעפּטעמבער 1941 די דאָזיקע אָנווייַזונג: „ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט די יעניקע וועלכע וואַרפן זיך ניט אונטער" (אַלעקסעאַנו).

די דעקלאַראַציע פון לייטנאַנט ראשקאַ אויגוסטין פון דער ראַמאַנער זשאַנדאַרמען־לעדזשיונע, וועלכער איז געווען באַאויפטראַגט צו עוואַקואירן די יידן פון סעקוראַן און יעדינעץ, קלערט אויף דעם זין פון דער אויבנדערמאָנטער פאַראָרדענונג:

אין דער אמתן דערקלערט דער אָפיציר — בעיקר — אָט וואָס:

„אַזוי ווי איך בין גערופן געוואָרן פון לייטנאַנט־קאָלאָנעל פּאַלאַדע, דעלעגאַט פון העכסטן גענ.־שטאַב, אז איך זאָל אים געבן אינסטרוקציעס

וועגן די עוואַקואַציע־אופנים, האָב איך אים ביַי דער דאָזיקער געלעגנהייט מיטגעטיילט, אַז ער וועט נאָך באַקומען, אָדער דורך דער זשאַנדאַרמעריע, אָדער דורכן קאַפּיטאַן פּאַפּעסקו, אַן אַטאַקיער אָפיציר־אינפאָרמאַטאָר, אַ ספּעציעלע אָנווייַזונג".

די דאָזיקע ספּעציעלע אָנווייַזונג איז אים איבערגעגעבן געוואָרן דורכן קאָמאַנדאַנט פון דער כאָטינער לעדזשיונע, מאַיאָר דראַגולעסקו, וועלכער האָט אים געזאָגט, אַז לויטן באַפעל פון העכסטן גענ.־שטאַב, דאַרפן דערשאָסן ווערן אַלע ייִדן וועלכע וועלן ניט קענען נאָכהאַלטן די קאָנוואָיען, סיַי וויַיל די כוחות וועלן זיי ניט קלעקן, סיַי וויַיל זיי וועלן קראַנק ווערן.

דעריבער האָט ער אים באַפוילן, אַז מיט צוויי טעג פריער איידער עס לאָזט זיך אַרויס אין וועג אַריַין יעדער קאָנוואָי, זאָל ער אַרויסשיקן אויף דער שטרעקע אַ סאָלדאַט, וועלכער זאָל מיט דער הילף פון די זשאַנדאַרמען־פּאָסטנס פון די אַלע ישובים וווּ מען דאַרף דורכגיין, מאַכן אויף יעדע צען קילאָמעטער אַ קבר פאַר אַן ערך הונדערט פּערזאָן, ווו עס זאָלן צונויפגענומען ווערן די אַלע, וואָס וועלן בליַיבן אַרונטער פון די קאָנוואָיען און דאָרט דערשאָסן און באַערדיקט ווערן. צום גראָבן די קברים און צום באַערדיקן די דערשאָסענע האָבן געדאַרפט העלפן אויך די פּרעמילִיטאַרן פון די דערפער וואָס אויף דער גאַנצער לענג פון דעם עוואַקואַציע־מאַרשרוט.

דער לייטנאַנט ראַשקאַ האָט פּינקטלעך אויסגעפירט די אַרויסגעגעבענע פאַראָרדענונגען און אַלס רעזולטאַט זענען דערשאָסן געוואָרן אַן ערך 500 ייִדן פון די עוואַקואירטע אויף דער שטרעקע סעקוראַן־קאַסועץ.

דאָס אייגענע סיסטעם איז אָנגעווענדעט געוואָרן אויך פאַר די קאָנוואָיען פאַר דער שטרעקע יעדינעץ־קאַסעוץ, ווו דאָס דערשיסן די עוואַקואירטע האָט געדאַרפט אויספירן דער לייטנאַנט פּאָפּאָוויטש פון דעם

זעלבן רעגימענט ווי עס איז געווען פאראנטווארטלעך פארן אויספירן די באפעלן דער לייטנאנט ראשקא אויגוסטין.

איבערן גראבן באצייטנס די קברים האבן זיך די פויערים פון דער גאנצער לענג פון די וועגן דערוווּסט וועגן דעם, וואס עס דארף פארקומען און זיי פלעגן דעריבער אפווארטן ביי די וועגן, אין די פאפשויעס, אדער אזוי אין באהעלטענישן ביז עס פלעגן אויסגעפירט ווערן די דערשיסונגען, כדי זיך ארויפצו־ווארפן אויף די מתים און זיי צו בארויבן.

פון לייטנאנט ראשקאס מינדלעכער דעקלאראציע קומט ארויס, אז בעת די צוגרייטונגען און דער עיקר ביים אויספירן די באפעלן זענען פארגעקומען אזעלכע דראמאטישע סצענעס, אז די, וועלכע האבן זיך דער־רין באטייליקט, וועלן א סך צייט זיין אונטער זייער איינדרוק.

פרעזידענט פון דער קאמיסיע
(—) גענעראל ג. ניקולעסקו
(—) ל. פרעוצעסקו
פרעז. פון אפעלאציע־טריבונאל
(—) ל. פאונעסקו
גען. אינספעקטאר פון דער נאציאנאל־באנק.
גענעראל־מאגיסטראט
(—) סט. סטראיע
(—) טראיאן ניקולעסקו
גענעראל־פראקוראר
לייטנ. קאלאנעל מאגיסטראט
(—) א. מעדערזשאק

---

## נומער 27

# נאָך אַ שחיטה ביים דניעסטער

ארייננ. נומ. 395, 13-8-1941
נומ. 80 פון 13טן אויגוסט 1941
קעשענעווער זשאנדארמען־אינספעקטאראט.

ט ע ל ע פ אָ נ י ש
14/8
עס וועט מיטגעטיילט ווערן
דער צווייטער סעקציע
קאָלאָנעל (—) אומלייענבאר
עס איז געגעבן געוואָרן דער טע־
לעפאָנישער באפעל נומ. 2136
פון 15/8 ביַיגעלייגט אַקטן־העפט
גענ. ה.

מיר ראַפּאָרטירן, אַז דעם 12טן אויגוסט 1941, 12 אַזייגער, האָט דאָס קריגס־געריכט פאַרמשפּט צו טויט 4 טעראָריסטן, וועלכע זענען געכאַפּט געוואָרן דורך דער אר־היעווער זשאַנדארמען - לעדזשיונע אין דער שטאָט אורהיעוו, דעם 21טן יולי 1941 און דאָס זענען זייערע נעמען: ראמאנטיענקא אַנאַטאָליע, גערופענער אַלעקסאנדער, אַן אינזשעניער פון פאַך; סאַפקו וואַסילע, גערופענער קאַלעאַ, אַן אַנגעשטעלטער פון פאַך; מענדל פרוים יעקב, גערופענער מארין, פון פאַך אַ לערער און זאַראַוו גריגאָרע, גערופענער יאַשו, פון פאַך אַ שערער, וועגן וועלכע עס איז צו איַיך ראַפּאָרטירט געוואָרן אונטערן נומער 39 פון 3טן אויגוסט 1941.

— די ייִדן פון לאַגער טאטארעשט-קיליע וואָס זענען ארויסגענומען געוואָרן צו פעלד־ארבעט, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו ארבעטן און געוואָרן אַגרעסיוו און זענען דעריבער אויסגעשאָסן געוואָרן.

— דעם זעקסטן אויגוסט, ד. י., 18 אַזייגער, ה אָ ב ן ד י ז ש א נ ד א ר ן פ ו ן ד ע ר 23 ט ע ר פּ אָ ל י צ ײ - ק אָ מ־ פּ א נ י ע ד ע ר ש אָ ס ן 200 י י ִ ד ן א ו ן ז ײ א ר ײַ נ ג ע װ אָ ר פ ן א י ן ד נ י ע ס ט ע ר.

— באקומענדיק די אינפארמאציע, אז אין דער נאכט פון 11טן אוי־גוסט, ד. י. 1 אזייגער, האבן אומבאקאנטע אטאקירט מיט רעוואלווער־שאסן און רויטע ראקעטן דעם זשאנדארמען־פאסטן פון דומבראווען, האב איך געשיקט זשאנדארן כדי צו פארשטארקן די וואך און צו פארפאלגן די אנגרייפערס.

קאלאנעל (—) מעקולעסקו

## נומער 28

# די שחיטה אויף דער סטאנציע גידיגיטש

### אינפארמאציע־נאטע.

נומער 7

28טער אויגוסט 1941
זאל ראפארטירט ווערן דעם גרויס־פרעטאר און דער אנפירונג פון בעסאראביע.
קאלאנעל (—) אומלייענבאר
אקטן־העפט
גענעראל (—) טאפאר.

לייטנאנט פאארפעקאס 7טע קאמ־פאניע האט דעם 27טן אויגוסט 1941 דורכגעפירט די פאלגנדיקע אויפגאבעס:
זי האט אריבערגעפירט אין וואס־לויער לאגער 1300 געפאנגענע.
לייטנאנט אודרעאס קאמפאניע: קיין שום באזונדער וויכטיקס צום פארצייכענען.

דעם 25טן אויגוסט איז אויף דער סטאנציע גידיגיטש פארגעקומען אן אינצידענט צווישן אן אינפאנטעריסטן־אפטיילונג, וואס האט געזאלט אפפארן קיין קעשענעוו און צווישן די יידן וואס האבן געארבעט אין דער שטיינהאקעריי.

אט ווי אזוי עס איז אנטשטאנען דאס געשלעג:

די מיליטערישע אפטיילונג איז באשטאנען פון מענטשן, וועלכע האבן זיך צוריקגעצויגן פון בעסאראביע אין יאר 1941.

בעת דעם צוריקצי איז דאַן אַ סערדזשענט פון דער דאָזיקער אָפּטיי־לונג שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן דורך די ייִדן.

ווען דער דאָזיקער סערדזשענט איז איצט ארומגעגאַנגען צווישן די ייִדן, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער דערקענט יענעם ייִדן וועלכער האָט אים דאַן געשלאָגן און דערפון איז אַרויסגעקומען דאָס איצטיקע געשלעג.

די זשאַנדאַרן, וועלכע האָבן געהיט די ייִדן זענען געווען אין אַ קליי־נער צאָל און זיי האָבן זיך נישט געקאָנט קעגנשטעלן די אָנגרייפערס, ביז עס זענען זיי ניט געקומען צו הילף די אָפיצירן פון דער מיליטערישער אָפּטיילונג.

דאָס געשלעג האָט זיך פאַרענדיקט דערמיט וואָס איין סאָלדאַט און עטלעכע ייִדן זענען לייכט פאַרוווּנדעט געוואָרן.

קאָמאַנדאַנט פון 10טן זשאַנדאַרמען־באַטאַליאָן

מאַיאָר (—) אַלעקס. פּאָפּעסקו

---

## נומער 29

# די שחיטה אין טאַטאַרעשט

(טשעטאַטעא אַלבאָער זשודעץ)

## פּראָטאָקאָל

(זע פאָטאָקאָפּיע אויף בילד נומ. 4)

היינט 9טער אויגוסט 1941.

מיר, אונטערלייטנאַנט היינריך פרייליך, אונטערשטורמפירער פון הויך־קאָמאַנדאַמענט ביים קעשענעווער גאַרניזאָן, האַנדעלנדיק אונטער אונ־דזער באַפעל דעם סעקטאָר טשעטאַטעא אַלבאַ, בין איך געקומען אין דאָרף טאַטאַרעשט ווו עס געפינט זיך אַ לאַגער מיט 451 (פיר הונדערט איין און

פופציק) ייִדן אונטער דער קאָמאַנדע פון קאַפּיטאַן וועטו ג. יאָאַן פון דער נײַ־קיליער זשאַנדאַרמען־לעדזשיונע, ווען איך האָב מיטגעטיילט דעם באַפעל פון גענעראַל אַנטאָנעסקו זיי באַלד אויסצושיסן.

דער אונטערגעשריבענער קאַפּיטאַן וועטו יאָאַן האָט גענומען צו קענטעניש דעם אויבן־איבערגעגעבענעם באַפעל, אים מיטגעטיילט דעם ה׳ קאָמאַנדאַנט פון דער לעדזשיונע, וועלכער האָט מיר באַפוילן אויסצופילן דעם דאָזיקן באַפעל און שפּעטער ראַפּאָרטירן.

צוליב דעם צוועק האָבן מיר געמאַכט דעם דאָזיקן פּראָטאָקאָל.

אונטערשטורמפירער (—) פריייליך קאַפּיטאַן (—) יאָאַן ג. וועטו

---

## נומער 30

בסוד

נום. 289 פון 17.12.1941
פון: קעשענעווער זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאָראַט
צום: דיוויזיע־גענעראַל ניקאָלעסקו, פּרעז. פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע.

איך האָב דעם כּבוד אײַך צוצושיקן בײַגעלייגט אַ קאָפּיע פון פּראָטאָקאָל פון 9טן אויגוסט, וואָס עס האָבן געמאַכט דער אונטערלייטנאַנט היינריך פריייליך אונטערשטורמפירער פון הויכן קאָמאַנדאַמענט פון קעשענעווער גאַרניזאָן און דער רעזערוו־קאַפּיטאַן וועטו יאָאַן, וועגן דער דערשיסונג פון ייִדן אין דאָרף טאַטאַרעשט, זשודעץ טשעטאַטעאַ אַלבאַ.

דורך די אויספאָרשונגען וואָס זענען בײַ דער דאָזיקער געלעגנהייט געמאַכט געוואָרן דורך מאַיאָר מיכאַלאַקע, קאָמאַנדאַנט פון דער נײַ־קיליער לעדזשיונע, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער קאַפּיטאַן וועטו יאָאַן האָט צוגענומען פאַר זיך בײַ די ייִדן די ווײַטער־אויסגערעכנטע חפצים:

— איין גילדענעם מענער־זייגער מיט דרײַ דעקלעך, מאַרקע „פּאַוועל בורע״.

— איין קעשענע־זייגער, מארקע „בעאטא".
— איין גאָלדן פינגערל מיט א רויטן שטיין.
— פיר גילדענע חתונה־רינגען.
— איין קייטעלע פון פשוטן געלן מעטאל און עס איז נאָך פאראן א חשד, אז ער האָט נאָך צוגענומען אויך 30.000 לעי.

אויפן גרונט פון די דאָזיקע פאָרשונגען האָבן מיר עס געבראכט צו קענטעניש דעם גענעראל־אינספעקטאָראט פון דער זשאנדארמעריע און מיר האָבן פאָרגעשלאָגן אָנצווענדן דעם אָפיציר דעם ארטיקל נומער 1 פון געזעץ וועגן „אָפיצירן־אויפפירונג" און דער גענעראל־אינספעקטאָראט האָט באשטעטיקט דאָס אָננעמען דאָס דאָזיקע מיטל.

גלייכצייטיק מיטן אָננעמען דאָס דאָזיקע מיטל האָט דער גענעראל־אינספעקטאָראט פון דער זשאנדארמעריע באפוילן, אז דער באטרעפנדי־קער אָקטן־העפט זאָל צוגעשיקט ווערן צום קריגס־געריכט.

נעמענדיק אין אכט דעם אינהאַלט פון פראָטאָקאָל און די באדינ־גונגען ביי וועלכע די דאָזיקע ייִדן זענען דערשאָסן געוואָרן, בעטן מיר אייך צו זיין אזוי גוט און צו באטראכטן און באשליסן, צי דאָס דורכ־פירן דעם דאָזיקן פראָצעס אויף אַן עפנטלעכן אופן וואָלט נישט פוגע גע־ווען די הויכע מלוכה־אינטערעסן און אונדז מיטטיילן אייערע ווייטערדיקע באפעלן.

ביז מיר וועלן אים באקומען, וועלן בלייבן אויפגעהיט ביי דעם דאָ־זיקן אינספעקטאָראט אי דער אָקטן־העפט מיט די דאָקומענטן, די קאָרפּ־דעליקטן און דער אָריגינאל פון פראָטאָקאָל.

קעשענעווער זשאנדארמען־אינספעקטאָראט
קאָלאָנעל (—) ט. מעקולעסקו.

## קאַפּיטל 2

# לאַגערן, געטאָס און דעפּאָרטאַציעס

## געשיכטלעכע כראָנאָלאָגיע

פון 21טן יוני ביזן 10טן נאָוועמבער 1941.

**2טער יולי 1941**

דאָס רומענישע חייל האָט דורכגעפירט אַן איבערפאַל און אָקופירט דאָס שטעטל נאוואסעליץ. נאָך דעם, וואָס אַ טייל פון די באַגעגנטע ייִדן זענען דערשאָסן געוואָרן, זענען די לעבנסגעבליבענע פון דער גאַנצער געגנט פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַ לאַגער, אין דער ספּירט־פאַבריק סי־לישטעא.

**3טער יולי 1941**

דער וויצע־פּרעזידענט פון קאַבינעט, מיכאַי אַנטאָנעסקו, האָט פאַר־רופן אין בוקארעשט, אין אינערן־מיניסטעריום, צו אַ געהיימער קאָנפע־רענץ, אַלע אַדמיניסטראַטיווע אינספּעקטאָרן און סובפּרעפעקטן, וועלכע דאַרפן געשיקט ווערן קיין באַסאַראַביע און בוקאָווינע.

אין די אָנווײַזונגען און דירעקטיוון, וואָס ווערן בײַ דער דאָזיקער געלעגנהייט אַרויסגעגעבן און וועלכע זענען שפּעטער פאַרעפנטלעכט גע־

וואָרן אין אַ בראַשור, ווערט באַזונדערס זיך אָפּגעשטעלט אויפן קאַפּיטל „עטנישע און פּאָליטישע רייניקונג", וועגן דער שטרענגער און אומבויגזאַמער שטעלונג, וואָס די מאַכט־אויספירער דאַרפן האָבן צו דער יידישער באַפעלקערונג אין די דאָזיקע פּראָווינצן. די דאָזיקע אָנווייזונגען זענען פול מיט העצעס צו פּאָגראָמען, ווי אויך מיט קאָנקרעטע פאַראָרדענונגען וועלכע דאַרפן באַטראַכט ווערן אַלס דער קוואַל פון די שפּעטערדיקע אינטערגירונגען אין געטאָס און דעפּאָרטאַציעס קיין טראַנסניסטריע.

### 3טער יולי 1941

עס הייבט זיך אָן די אָפענסיווע אויפן גאַנצן רומענישן סעקטאָר פון פראָנט, פון טייך טשערעמוש ביזן דונאַי. גלייכצייטיק מיטן אָנהייבן דעם אָנגריף, הייבט זיך אָן אויך אַ ברייטע אַקציע פון צעראַבירן יידיש האָב־און־גוטס און אַ שרעקלעכע אויסמאָרדונג פון די יידן וואָס ווינען לענגאויס די ריכטונגען ווו עס מאַרשירן די אַרמייען. די לעבנגעבליבענע פון די שחיטות ווערן צונויפגענומען און פאַרשפּאַרט אין פּראָוויזאָרישע לאָקאַלע לאַגערן.

### 5טער יולי, 1941

פון לאַגער וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער ספּירט־פאַבריק פון סעלישטעא לעבן נאָוואָסעליץ, זענען באַפרייט געוואָרן די אַלטע לייט, די פרויען און די קינדער; די מענער זענען פאַרהאַלטן געוואָרן אַלס ערובניקעס.

### 6טער יולי, 1941.

די יידישע ערובניקעס פון נאָוואָסעליץ, וועלכע זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין דער ספּירט־פאַבריק פון סעלישטעא, ווערן געבראַכט אין שטעטל אַריין און ווידער איינגעשפּאַרט אין געטאָ.

**7טער יולי, 1941.**

אין וואסקאוץ ווערט פאַרמירט אַ לאַגער פון 1500 ייִדן, וועלכן זע־נען איינגעטיילט אין דריי קאַטעגאָריעס: נישט־געווינטשענע עלעמענטן, פאַרדעכטיקע און קאָמוניסטן.

**8טער יולי 1941.**

אויף אַ קאַבינעט־זיצונג גיט יאָן אַנטאָנעסקו אַרויס דעקלאַראַציעס וועלכע זענען איינגעטלעכע שנאה־אָנרעגונגען און מעלדעט וועגן דער כוונה צו דעפּאָרטירן אַלע ייִדן פון בעסאַראַביע און בוקאָווינע.

**11טער יולי 1941.**

די לעבנגעבליבענע ייִדן פון בעלץ ווערן צונויפגענומען דורך דייַ־טשישע פּאַטרולן און פאַרשפּאַרט אין אַ לאַגער, אין הויף פון דער באַנק „מאָלדאַוואַ".

**17טער יולי, 1941.**

לויטן באַפעל פון די רומענישער מאַכטהאָבער אין בעלץ, וועלכע פאַר־נעמען איצט ס'אָרט פון דער געשטאַפּאָ, ווערן די ייִדן פון שטאָטישן געטאָ איינגעשפּאַרט אין אַ לאַגער, אין וואַלד רעוצעל.

**18טער יולי 1941.**

דער גרויס־פּרעטאָר פון דער אַרמיי אינספּעקציאָנירט דעם בעלצער קרייַז. אויף דער גאַנצער טעריטאָריע פון זשודעץ ווי לויט דער לעצטער ציילונג זענען רעגיסטרירט געוואָרן 31695 ייִדן און ווי דער עודף פון די געבוירטן און פון די מיגראַציעס האָט באַדייטנדיק געמוזט האָבן פאַרגרע־סערט די דאָזיקע ציפער, זענען מער איצט נישטאָ ווי 3481 ייִדן אין דריי לאַגערן. מען גלויבט אָבער דאָך, אַז עס זאָלן נאָך זייַן אַן ערך 500 ייִדן אין גאַנצן קרייַז.

**20טער יולי 1941.**

אַז ערך 4000 ליפּקאַנער ייִדן ווערן אַוועקגעשיקט קיין יעדינעץ אין לאַגער אַריַין.

**20טער יולי 1941.**

די לעבנגעבליבענע ייִדן פון נאָוואָסעליץ ווערן עוואַקואירט און גע־טריבן אין אַ קאַנוואָי קיין מזרח־צו.

**22טער יולי 1941.**

דער גרויס־פּרעטאָר באַפעלט, אין נאָמען פון אינערן־מיניסטעריום, אַז די ייִדן אין די לאַגערן פון בעלצער קריַיז, זאָלן געשטעלט ווערן צו געצוווּנגענער עפנטלעכער אַרבעט.

**24טער יולי 1941.**

אַ קאַנוואָי פון אַן ערך 25.000 ייִדן, וועלכע זענען צונויפגענומען גע־וואָרן אין די שטעטלעך און דערפער פון צפון־בעסאַראַביע (בריטשאַן, קעלמעניץ, באַהין, טרינקע, קאַרזשעוו, יאַנעווע און אַנדערע) זענען צו־נויפגענומען געוואָרן אין קאַסלאַר און אַריבערגעטריבן געוואָרן איבערן דניעסטער.

**24טער יולי 1941.**

די לעבנגעבליבענע ייִדן פון קעשענעוו, אַן ערך 11.000 נפשות, ווערן אַרויסגענומען פון די הייזער מיט אַזויפיל פון זייער פאַרמעגן וויפל זיי קענען טראָגן אויף די פּלייצעס און זיי ווערן צונויפגעטריבן אויף אַ מאַרק־פּלאַץ, אַרומגערינגלט מיט סאָלדאַטן און זשאַנדאַרן מאַשינגעווער. אַ גאַנצן טאָג מאַכט מען פון זיי חוזק און מע איזדיעקעוועט זיך איבער זיי. אין אָוונט ווערט זיי דערלויבט צו ווינען אין דעם קוואַרטאַל וואָס צו דרום־צו פון דעם פּלאַץ. דאָס געטאָ ווערט אָפּגעשלאָסן און געהיט און קיינער טאָר ניט אַריבערטרעטן די אָפּצוימונגען.

**25טער יולי 1941.**

א קאנוואי פון 814 בעלצער ייִדן קומט אָן קיין דזשיורדזשיו אַלס צוגעטיילטע אויף אַרבעט. די מענטשן לעבן דאָ אין שרעקלעכער נויט. עס איז די איינציקע גרופּע ייִדן פון דער פּראַנט־זאָנע, וואָס זענען גע־בראַכט געוואָרן אין לאַנד אַרײַן.

**26טער יולי 1941.**

דער לאַגער פון וואסקעוץ ווערן עוואַקויִרט און אַלע ייִדן ווערן גע־טריבן קיין מזרח־צו.

**27טער יולי 1941.**

דער שטח פון קעשענעווער געטאָ ווערט רעדוצירט צו בלויז עטלע־כע גאַסן אין אַ שטאָט־געגנט וואָס איז צעשמעטערט געוואָרן בעת די באָמ־באַרדירונגען, ווו קיין איין שטוב איז נישט געבליבן גאַנץ און ווו די מערסטע הײַזער האָבן נישט קיין טירן און נישט קיין פענצטער. פון די 50.603 קעשענעווער ייִדישע איינוווינער, וועלכע זענען רעגיסטרירט געוואָרן בעת דער לעצטער ציילונג און צו וועלכע עס איז אין 1940 זיכער צוגעקומען פון געבורטן און מיגראַציעס אַן עודף פון וויינציקסטנס אַזוי־פיל וויפל עס איז געלונגען צו אַנטלויפן אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה, זענען איצט נישט געבליבן מער ווי 10,311 נפשות.

זיי ווערן צונויפגעדריקט צו 25, 30 און 40 נפשות אין אַ צימער און הייבן אָן פירן אַ לעבן פון נויט, היות עס ווערט זיי נישט דערלויבט צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ, אפילו בכדי זיך צו באַזאָרגן מיט שפּײַז.

די גאַנצע צײַט האָבן זיי אויסצושטיין דאָס איזדיעקעוועט זיך איבער זיי פון די סאָלדאַטן און געטאָ־וועכטער און בעיקר דאָס אָפּחוזקן פון די אָפיצירן, פאַר וועלכע דאָס באַזוכן דעם געטאָ איז געוואָרן אַ געוויינלעכע פאַרווײַלונג.

באַלד בײַם אַרײַנקום אין געטאָ, זענען זייערע וווינונגען — אַמאָל

אויך דער באַגאַזש וואָס זיי האָבן מיט זיך געקענט מיטנעמען — צעראַ־בירט געוואָרן אויף אַן אומפאַרשעמטן אופן. בשעת אַ זוכונג, וואָס מ'האָט דורכגעפירט ביי אַן אָפיציר, קאַפּיטאַן פאַראַסקיוועסקו יאָן, קאָמאַנדאַנט פון דער 23טער פּאָליציי־קאָמפּאַניע, וועלכער איז געווען דער מושל אי־בער געטאָ נישט מער ווי 15 טעג, האָט מען ביי אים געפונען אַן אמתן באַזאַר, וועלכער האָט אַנטהאַלטן חוץ מעבל און טעפּיכער, צענדליקער גלעזערנע און פּאָרצעלייענע סערוויזן און עטלעכע טויזנט פאַרשידנערליי גלעזער און קריגלעך פון אַלערליי גרויסן, מוסטערן און פאַרבן, וואָס זענען בכלל נישט געווען ענלעך איינס צו ס'אַנדערע.

אייניקע מאָל, גאַנץ זעלטן, פלעגט אויך קומען צום אויסדרוק אויך אַ גוטוויליקע כוונה אָבער די ווירקונג פון די דאָזיקע אַרויסווייזן פון מענטש־לעכקייט האָט געקענט זיין בלויז זייער קורץ און גיך־פאַרגענגלעך. ס'האָט זיך אַמאָל געקאָנט טרעפן, אַז אַ העכערער אָפיציר זאָל זיך דערוויסן אַז סאָלדאַטן האָבן צוגערויבט אַ שאַכטל מיט טייער צירונג. האָט ער אויס־געפאָרשט, אַנטדעקט דאָס שאַכטל און עס צוריק אָפּגעגעבן דעם בעל־אבידה. דעם צווייטן טאָג האָבן עס אַנדערע בעסטיעס ווידעראַמאָל צוגע־נומען און דאָס מאָל שוין אויף תמיד.

## 29טער יולי 1941.

נאָך דעם וואָס די בעסאַראַבער ייִדן וועלכע זענען אַריבערגעטריבן געוואָרן איבערן דניעסטער ביי קאַסלאַר, זענען אויסגעהונגערט געוואָרן במשך עטלעכע טעג, בעת וועלכע זיי האָבן זיך דערנערט מיט צו 100 גראַם אַרבעס וואָס איז געהאַט באַשטימט געוואָרן אויף פוראַזש, ווערן זיי צעשיקט גרופּעסווייז צו 4-500 מענטשן איבער אוקראַאינער דערפער און קאָלכאָזן.

## 1טער אויגוסט 1941.

די לעבנגעבליבענע ייִדן פון באַטין ווערן עוואַקואירט און געטריבן קיין מזרח-צו. אויפן וועג ווערן זיי געפייניקט דורך זייערע וועכטער —

סאָלדאַטן און פּרעמיליטאַרן — וועלכע שטעלן ספּעציעל אָפּ דעם גאַנצן קאָנוואָי אין ראַמאַנקאַוץ, כדי דאָרט צו פֿאַרגוואַלטיקן די מיידלעך און פֿרויען.

## 1טער אויגוסט 1941.

אַלע פּאָסט־אַמטן פֿון לאַנד הערן אויף אָנצונעמען געלט־איבער־ווײַזן צו ייִדן אין בעסאַראַביע און בוקאָווינע.

אויך די נאַציאָנאַל־באַנק און די פּריוואַטע בענק הערן אויף אָנ־צונעמען געלט־איבערווײַזן צו די ייִדן פֿון די דאָזיקע פּראָווינצן.

## 2טער אויגוסט 1941

די בעסאַראַבער ייִדן וועלכע זענען געהאַט אַריבערגעפּירט געוואָרן איבערן דניעסטער און צעשפּרייט געוואָרן איבער אוקראַינער דערפֿער און קאָלכאָזן ווערן צוריקגעקערט און צונויפֿגעזאַמלט אין מאָהילעוו, פֿון וואַ־נען זיי ווערן אַוועקגעשיקט קיין סקאַזינעץ.

פֿון די 25.000 נפֿשות, וואָס זענען געהאַט אַריבער דעם דניעסטער פֿעלן איצט אַ 4000, וועלכע זענען אומגעקומען פֿון הונגער, נויט און בעת דערשיסונגען.

## 4טער אויגוסט 1941.

דער קאָנוואָי מיט ייִדן, וואָס זענען אָנגעטריבן געוואָרן פֿון וואַס־קאַוץ איז זיך צונויפֿגעקומען אין ליפּקאַן מיט די ייִדן וואָס זענען פֿאַר־טריבן געוואָרן פֿון סטאַראָזשינעץ און זיי ווערן איצט אײַנייִנעם געיאָגט אין צרות און אין לייד קיין בריטשאַן, וווּ עס ווערט זיי נישט דערלויבט אַרײַנצוקומען אין שטעטל אַרײַן און זיי מוזן איבערנעכטיקן אויפֿן פֿרײַען פֿעלד.

## 5טער אויגוסט 1941.

די בעסאַראַבער ייִדן, וואָס זענען געטריבן געוואָרן דורכן רומענישן

מיליטער און אריבערגעפירט געוואָרן איבערן דניעסטער סוף יולי, ווערן איצט צוריקגעטריבן דורכן דײַטשישן מיליטער צום מערב־ברעג פון טײַך. דער ערשטער קאָנוואָי פון 3000 נפשות גייט אריבער איבערן דניעסטער פון מאָהילעוו קיין אטאקי.

### 6טער אויגוסט 1941.

קיין אטאקי, אויפן ברעג פון דניעסטער, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די קאָנוואָיען בעסאראבער און בוקאָווינער ייִדן. די ערשטע אָנגעקומענע זענען די ייִדן פון נאָוואָסעליץ און פון סטאראזשינעצער קרײַז. זיי שטעלן זיך אָפּ אויפן רעכטן ברעג פון טײַך איבער וועמענס וואסערן עס הייבן זיך אָן וואָס אמאָל אַלץ מער צו באַווײַזן דערטרונקענע ייִדן. די דײַטשן דערלויבן מער נישט אריבערצוגיין קיין אוקראינע, אזוי אז די ייִדן ווערן צוריקגעטריבן קיין סעקוראן.

### 7טער אויגוסט 1941.

די דײַטשן פּרוּוון אריבערצושטעלן נאָך אַ קאָנוואָי פון 4.500 ייִדן קיין אטאקי אָבער דאָס רומענישע מיליטער דערלויבט עס ניט. די ייִדן ווערן צוריקגעקערט קיין מאָהילעוו און די רומענישע מאכטהאָבער פאָדערן אַז מען זאָל צושיקן חייל אויף דרום־צו, קיין יאמפּאָל, בכדי דאָרט עווענטועל צונישט צו מאכן דעם דײַטשישן פּלאַן פון צוריק אריבערפירן ייִדן קיין בעסאראביע דורך אַן אנדערן פּונקט.

### 8טער אויגוסט 1941.

אין דעם קאָנפליקט צווישן די דײַטשישע און רומענישע לאָקאַלע מיליטערלײַט, פירן די דײַטשן אויס זייערס: דער גרויס־פּרעטאָר פון דער אַרמיי באַפעלט, אז מען זאָל דערלויבן אריבערצופירן אויף דער מערב־זײַט פון דניעסטער די אַלע ייִדן־קאָנוואָיען, וואָס ווערן צוריקגעטריבן דורך די דײַטשן. עס ווערט, פאַרשטייט זיך, צוגעגעבן, אז די אַלע וועלכע וועלן

צוריק אַריבערגעפירט ווערן אויף דער זײַט, זאָלן אינטערנירט ווערן אין לאַגערן.

## 9טער אויגוסט 1941.

אַ מאַסע פון אַ 2.000 בעסאַראַבער ייִדן וועלכע זענען געהאַט אַנט־לאָפן בעתן צוריקציען זיך פון סאָוועטישן מיליטער, — צונויפגעזאַמלט אויף די וועגן פון אוקראַינע — קומט אָן אין אַ שרעקלעכער לאַגע צו דער לינקער זײַט פון דניעסטער בײַ ראַשקעוו, אַקעגן דער בריק פון וואַ־דו־ראַשקו. די רומענישע מיליטערישע מאַכט שיקט אַהין צו אַן אָפיציר מיט 20 סאָלדאַטן מיטן באַפעל „צוריקצושטויסן" דעם קאָנוואָי צוריק וואָס מער קיין טיף־אוקראַינע.

## 11טער אויגוסט 1941.

די קאָנוואָיען בעסאַראַבער און בוקאָווינער ייִדן וועלכע זענען נאָך לאַנגע וואָגלענישן אין צפון־בעסאַראַביע אָנגעקומען צום דניעסטער, שטעלן זיך אָפּ אויף אָפּצורוען אין דעם לאַגער וואָס איז געשאַפן גע־וואָרן אין סעקוראַן. זיי זענען איבער 20.000 וועמען עס האָבן זיך שוין אויסגעלאָזט די כוחות נאָך 5 וואָכן אַרומגעטריבן ווערן אַהין און אַהער, באַרויבטע פון זייער גאַנצן האָב און גוטס, די מערסטע — נאַקעט און באָרוועס. זייער אַ סך קראַנקע, זייער אַ סך אַלמנות און אַ גרויסע צאָל קינ־דער, וועלכע זענען געבליבן יתומים נאָך דעם וואָס זייערע עלטערן זענען אויסגעהרגעט געוואָרן אויף די וועגן. אַ טייל פון זיי וואַרט אויף אוועק־געשיקט צו ווערן אין אַן אַנדערן לאַגער וואָס זאָל מוזן געשאַפן ווערן אין יעדינעץ, ווײַל ווי שטאַרק זיי זאָלן דאָ ניט צונויפגעדריקט ווערן, קע־נען זיי פאָרט אַלע ניט באַזעצט ווערן אין סעקוראַן.

## 14טער אויגוסט 1941.

די דײַטשישע מיליטער־פּאָליציי פאָדערט אַז עס זאָלן איר צוגע־שטעלט ווערן 27 ייִדן — אַ טייל מיט זייערע גאַנצע משפחות — פון

סעקוראַנער לאַגער. לויט אַ באַפעל פון הויכן גענעראַל-שטאַב ווערט די פאָדערונג נישט אויסגעפירט.

## 17טער אויגוסט 1941.

טראָץ דעם גרויס-פרעטאָרס באַפעל פון 8טן אויגוסט צו דערלויבן אַריבערצוגיין דורכן דניעסטער קיין בעסאַראַביע דעם יידן-קאָנוואָי וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן דורך די דייטשן פון אוקראַינע, שטעלן זיך אָבער נאָך אַלץ אַקעגן דערינען די רומענישע מאַכטהאָבער. די יידן ווערן דערי־בער געטריבן זיג-זאַגיש, אַט קיין מאָהילעוו, אַט קיין סקאַזינעץ און אַט ווידער קיין יאַמפּאָל, און שטייען דערביי אויס אמתן חיבוט הקבר. סוף־כל-סוף ווערט דערלויבט אַז עס זאָל אַריבערקומען קיין בעסאַראַביע אַ קאָנוואָי פון 13.500 מענטשן, וועלכע רוען זיך אַ ווײַלע אָפּ אין קאַסער־צער וועג און ווערן באַלד אינטערנירט אין ווערטוזשענער לאַגער.

## 18טער אויגוסט 1941.

דאָס רעשט יידן פון ליפּקאַן — אַן ערך 4000 נפשות — ווערט אָנ־געבראַכט אין אַ וואַלד אַרײַן לעבן ווערטוזשען.

## 18טער אויגוסט 1941.

דער העכסטער גענ.-שטאַב באַפעלט דעם גרויס-פרעטאָר אים צוצו־שטעלן אַ גענויעם באַריכט וועגן אַלע שטעטלעך און דערפער וואָס זענען פריער געווען באַוווינט נאָר פון יידן (יידישע קאָלאָניעס), אָנגעבנדיק וועגן יעדן איינעם:

— צי די דאָזיקע ישובים זענען עוואַקואירט, אָדער באַוווינט און אויב יאָ — פון וועמען.

— צי די הײַזער זענען אין אַ צושטאַנד אויף צו קענען וווינען אין זיי און וויפל נפשות קענען בסך הכל אין זיי וווינען.

— וואָס פאַר אַ יידיש אַגריקולטור-פאַרמעגן געהער יעדן באַזונדערן

ישוב, דער שטח פון דעם דאָזיקן פאַרמעגן, וויפל גאָרטן און וויפל אַקער־לאַנד.

— וויפל אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען זענען דאָ אין יעדן באַזונדערן ישוב.

**19טער אויגוסט 1941.**

עס ווערט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט לויט וועלכן די גאַנצע טעריטאָריע צווישן דניעסטער און בוג (טראַנסניסטריע) מיטן אויסנאַם פון דער אדעסער געגנט גייט איבער אונטער רומעניש|ער אַדמיניסטראַציע. אין טאָג ווען דער דעקרעט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן איז נאָך די געגנט פון אַרום אדעס געווען אין די הענט פון סאָוועטישן מיליטער, וועלכעס איז נאָך דאָרט געשטאַנען גאַנצע צוויי חדשים.

פּראָפעסאָר ג. אַלעקסיאַנו ווערט באַשטימט אַלס גובערנאַטאָר פון טראַנסניסטריע.

**19טער אויגוסט 1941.**

עס דערגרייכן ביז בוקאַרעשט די ערשטע ידיעות וועגן דער שרעקלעכער לאַגע פון בוקאָווינער און בעסאַראַבער ייִדן אין די לאַגערן פון סעקוראַן און יעדינעץ. די פעדעראַציע פון אַלע רומענישע קהילה־פאַרבאַנדן וויל שיקן הילף, אָבער אַלע פּרוּוון זענען אומזיסט. אַ ביטע וואָס ווערט וועגן דעם געשיקט צום אינערן־מיניסטעריום, ווערט צוריקגעשיקט מיט דער אָנווייַזונג, אַז נאָר דער פּרעזידיום פון דער רעגירונג קען וועגן דעם אַנטשיידן. די ביטע ווערט אָוועקגעשיקט צום פּרעזידיום און בלייַבט אומבאַענטפערט. אויף אַ צווייטער ביטע צום העכסטן גענעראַלשטאַב באַקומט זיך אַן אומקלאָרער ענטפער, לויט וועלכן עס איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר קיין שום לייזונג.

**20טער אויגוסט 1941**

גרופּעס בעסאַראַבער ייִדן בלאָנדזשען נאָך אַרום איבער די צפון־

געגנטן פון דער פּראָווינץ. אין וואַלד בירנאַוואַ זענען דאָ עטלעכע טויזנט מענטשן, וועלכע ווערן שוין אַכט טעג געהאַלטן אונטערן פרייַעם הימל. זיי ווערן בכלל נישט דערנערט ווייַל די פּויערים טאָרן צו זיי נישט צוקומען מיט קיין שפּייז. דעם דאָרשט לעשן זיי מיט רעגן־וואַסער, וואָס ווערט אָנגעזאַמלט אין גריבער. זיי ווערן אומאויפהערלעך געפּייַניקט פון די סאָלדאַטן און אפילו דורך די אָפיצירן וועלכע היטן זיי.

**21טער אויגוסט 1941.**

דער ווערטוזשענער לאַגער ווערט דערגאַנצט — חוץ מיט די ייִדן וועלכע זענען צוריקגעבראַכט געוואָרן פון יענער זייַט דניעסטער — אויך מיט ייִדן פון קלענערע לאַגערן: אַלעקסאַנדרו טשעל בון, רעדיו (1600), רובעלניצע (אַן ערך 5500).

**24טער אויגוסט 1941.**

דער גרויס־פּרעטאָר פון דער אַרמיי פאָדערט בייַ די זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאָרן פון קעשענעוו און טשערנאָוויץ, אַז זיי זאָלן אויסאַרבעטן אַ סטאַטיסטיק וועגן די לאַגערן און וועגן די אינטערנירטע ייִדן.

**27טער אויגוסט 1941.**

דער מיליטערישער קאָמאַנדאַנט פון דער שטאָט יאַס פאָדערט בייַ דער ייִדישער קהילה פון דער דאָזיקער שטאָט, אַז זי זאָל צושטעלן אַן אָנגעזעענע סומע געלט אויף צו העלפן די ייִדן פון ווערטוזשענער לאַגער. די פעדעראַציע פון די קהילה־פאַרבאַנדן שיקט צו 300.000 לעי און די ייִדישע קהילה פון יאַס דערלייגט נאָך דערצו 200.000 לעי.

באַמ.: ס'איז ניט באַקומען געוואָרן קיין שום צייכן, וואָס זאָל דערלויבן אָנצונעמען אַז דאָס דאָזיקע געלט איז פאַרווענדעט געוואָרן פאַר דעם ציל צוליב וועלכן ס'איז געגעבן געוואָרן.

פון באַשולדיקונגס־אַקט קעגן קאָלאָנעל אַגאַפּיע וואַסילע, קאָמאַנדאַנט פון ווערטוזשענער לאַגער, באַקומט זיך אַז אַ סומע פון 300.000 לעי איז

איבערגעגיבן געוואָרן דעם 9טן סעפּטעמבער, דורך אַ דעלעגאַט פון לאַ־גער, דעם קאָמאַנדאַנט, וועלכער קען מיט גאָרניט נישט באַווייזן אַז ער האָט דאָס געלט אויסגעגעבן אויף הילף פאַר די אינטערנירטע, פאַרקערט, דער דעלעגאַט גופא, וועלכער האָט געבראַכט דאָס געלט פון יאַס, דער־קלערט אַז באַלד נאָכן איבערגעבן די סומע זענען געגעבן געוואָרן 50.000 לעי אַלס הלואה אַן אונטערגעאָרדנטן אָפיציר פון לאַגער.

אַ נייַער מעמאָראַנדום פון קהילות־פאַרבאַנד צום רעגירונגס־פּרע־זידיום, אין וועלכן דער פאַרבאַנד טיילט מיט זיין גרייטקייט צו אָרגאַני־זירן די הילף פאַר די דאָזיקע ייִדן, איז געבליבן אומבאַענטפערט.

### 28טער אויגוסט 1941.

די לעצטע גרופּעס ייִדן וועלכע וואַגלען אַרום אין צפון־בעסאַראַביע (בירנאָווא־וואַלד) ווערן צונויפגענומען און אינטערנירט אין סעקוראַנער לאַגער.

### 31טער אויגוסט 1941.

עס זענען שוין אינגאַנצן קאָנסטיטואירט די ייִדן־לאַגערן אין בעסאַראַביע. אין בעלצער קרייַז זענען אינטערנירט געוואָרן, אין 3 לאַ־גערן, 8941 ייִדן און אין סאָראָקער קרייַז — אין ווערטוזשען — 22.269 ייִדן. הגם די אָפיציעלע ראַפּאָרטן דערמאָנען עס נישט — זעט אָבער אויס אַז אין דעם דאָזיקן זשודעץ געפינען זיך נאָך אַ 10.000 ייִדן אין מאַרקו־לעשטער לאַגער.

### 1טער סעפּטעמבער 1941.

אין כאָטינער קרייַז, וועלכער געהער אַדמיניסטראַטיוו צו בוקאָווי־נע, פונקציאָנירן צוויי לאַגערן: איינער אין יעדינעץ מיט 12.248 ייִדן און אַ צווייטער אין סעקוראַן מיט 10,201 ייִדן.

## 1טער סעפטעמבער 1941.

אין ווערטוזשענער לאגער, אין וועלכן די מערסטע אינטערנירטע שטאמען פון די קאָנוואָיען, וועלכע זענען געטריבן געוואָרן איבערן דניעס־טער און צוריק, קומען נאָך צו רעשטלעך פון די ליפקאנער ייִדן, וואָס זע־נען אָפּגעטשעפּעט געוואָרן פון די איבעריקע ייִדן פון שטעטל, וועלכע זענען אינטערנירט געוואָרן אין סעקוראַן.

## 2טער סעפטעמבער 1941.

דער גרויס־פּרעטאָר פון דער ארמיי, גענעראל יאָן טאָפּאָר, באַפעלט דעם טראַנסניסטריער זשאַנדארמען־אינספּעקטאָראַט צוצוגרייטן אַלץ צום דעפּאָרטירן איבערן דניעסטער אַלע ייִדן פון די לאַגערן. די דעפּאָרטאַציע זאָל זיך אָנהייבן דעם 6טן סעפּטעמבער, גרופּעסווייַז צו טויזנט מענטשן, דורך די פּונקטן קריוּלען־קאַראַנטין און רעזינע־ריבניצע.

## 3טער סעפטעמבער 1941.

דער טראַנסניסטריער זשאַנדארמען־אינספּעקטאָראַט ענטפערט אויפן דעפּאָרטאַציע־באַפעל אין אַן אומקלאָרן סטיל, פון וועלכן עס באַקומט זיך אָבער דאָך, אַז יאָן אַנטאָנעסקו האָט באַפוילן, אַז די דעפּאָרטאַציע זאָל זיך אָנהייבן דעם 15טן סעפּטעמבער.

## 4טער סעפטעמבער 1941.

דער העכסטער גענ.־שטאַב פאָדערט בייַם גרויס־פּרעטאָר אַ באַריכט וועגן די ייִדן־לאַגערן און וועגן די געטאָס פון בעסאַראַביע און בוקאָווינע.

זעט אויס אַז דער באַריכט ווערט געפאָדערט אין שייכות מיט די דעפּאָרטירונגען און אַז עס איז אַ דרינגענדיקער ענין, ווייל ער ווערט באַלד אויסגעאַרבעט און צוגעשטעלט דעם העכסטן גענ.־שטאַב דורכן גע־נעראל יאָן טאָפּאָר בכבודו ובעצמו.

## 5טער סעפּטעמבער 1941.

דער צווייטער טעריטאָריעלער קאָמאַנדאַמענט באַפעלט דעם פאַר־באַנד פון יידישע קהילות צונויפצוזאַמלען און איבערצוגעבן דער מילי־טערישער מאַכט 5000 מלבושים און שיך-קאָמפּלעטן (יעדער קאָמפּלעט זאָל באַשטיין פון אַ קאָסטיום, אַ מאַנטל, אַ פּאָר שיך, אַ הוט, העמדער, אונטערהויזן און שקאַרפּעטקעס) פאַר די יידן פון די בעסאַראַבער לאַגערן און געטאָס.

ב אַ מ . : הגם דער באַפעל איז אינגאַנצן אויסגעפירט געוואָרן און אפילו אויך איבערגעשריטן געוואָרן אויפן גרונט פון אַ ספּעציעלן געזעץ וואָס איז שפּעטער דעקרעטירט געוואָרן, איז דאָך אַזוי אפילו קיין איין שטיקל בגד נישט איבערגעגעבן געוואָרן צו די נאַקעטע און באָרוועסע יידן פון בעסאַראַביע אָדער טראַנסניסטריע.

## 11טער סעפּטעמבער 1941.

דער רעזשים און דער מצב פון די יידן אין די דריי גרויסע בעסראַ־בער לאַגערן (סעקוראַן, יעדינעץ און ווערטוזשען) איז שרעקלעך.

אין יעדינעץ האָט מען באַזעצט אַריבער 12.000 יידן אויף 5 גאַסן. 2.500 אין 26 פּויערישע הייזער. די מערסטע אינטערנירטע שטאַמען פון סטאַראזשינעצער ראַיאָן, פון וואַנען זיי האָבן מיטגענומען אַזויפיל וויפל זיי האָבן געקענט טראָגן אויף די פּלייצעס און נאָך וואָכנלאַנגע וואָגלע־נישן האָבן זיי אַלץ פאַרצערט, אָדער מען האָט ביי זיי צוגענומען אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. זיי האָבן אפילו נישט אויף צו באַצאָלן די 10 לעי, וואָס מען מאָנט דאָ פאַר אַ ברויט. דאָס ברויט לאָזט מען גיכער פאַר־שימלט ווערן אין לאַגער־דעפּאָזיט, איידער עס צו פאַרטיילן צווישן די הונגעריקע. זייער אַ סך זענען אינגאַנצן באָרועס. אַ סך זענען כמעט נאַקעט. אַ טייל זענען איינגעהילט אין צייטונגס-פּאַפּיר אָדער פּאַק-פּאַפּיר. הגם אַלע זענען שוין געבליבן אָן כוחות איבער די אומענדלעכע וועגן, הונגער און נויט, ווערן די מענטשן דאָך גענומען צו דער אַרבעט. אין די אַרבעטס-פּאַרטיעס ווערן זיי אויסגעשעפּט און געפּייניקט דורך די וועכ־

טער, זשאַנדאַרן און פּרעמיליטאַרן. באַזונדערס האָט געהאַט אויסצושטיין אַ גרופּע ייִדן, אין וועמענס שפּיץ עס איז געשטאַנען הרב יהושע פרענקעל פון סעלעטין. די דאָזיקע ייִדן זענען געהאַט געשיקט געוואָרן צו פאַריכטן דעם שאָסיי כאָטין־טשערנאָוויץ.

אין סעקוראַן זענען דאָ 10.200 מענטשן וועלכע שטאַמען בעיקר פון דער געגנט אַרום כאָטין. זיי זענען אויסגעשטאַנען ווייניקער לײַדן ווי די יעדינעצער און דער עיקר מחמת זייער וועג איז געווען אַ קורצערער — זענען זיי אויך ניט באַרויבט געוואָרן אַזוי גרינגלעך. אַ טייל קענען זיך נאָך אײַנשאַפן אויף צו עסן, אָבער זייער אַ סך האָבן שוין נישט קיין קליידונג. זיי ווערן באַנוצט צו אַרבעט: צום רייניקן די גאַסן, צום פאַריכטן די וועגן (אין בריטשאַן און אין ליפּקאַן), צום דרעשן און צו אַנדערע אַרבעטן.

אין ווערטוזשען איז דער שוידערלעכסטער לאַגער. דאָ הערשט דער קאָלאָנעל אַגאַפּיע און די קאַפּיטאַנען בוראַדעסקו און ראַדולעסקו. אַריבער 20.000 מענטשן וווינען אויף אַ שטח וואָס וואָלט קוים געקלעקט פאַר אַ צענטל פון זיי. די מערסטע וווינונגען זענען אָן דעכער, ווײַל די בלעך איז אַראָפּגענומען געוואָרן לויט אַ באַפעל פון קאָלאָנעל אַגאַפּיע כּדי צו מאַכן פון איר פּושקעלעך אויף פּעטס און זייף. די מענטשן זענען אויסגעשעפּט, נאָך קאַרגע צוויי חדשים אַרומגעיאָגט ווערן פון איין זײַט דניעסטער צו דער אַנדערער. זיי פאַרמאָגן שוין מער גאָרנישט, אפילו ניט צום פאַרקויפן פון זיך, ניט צום אויסטוישן אַפילו, ווײַל אַלץ איז בײַ זיי צוגערויבט געוואָרן אויפן וועג אָדער אין לאַגער. בײַ זייער גאַנצער אָרעמקייט מוזן זיי נאָך צאָלן אַ טעגלעכע טאַקסע פון 2 לעי פאַר יעדער פּערזאָן וואָס גייט אַרויס פון לאַגער עפּעס אײַנצוקויפן. אפילו דאָס לעשן דעם דורשט קומט זיי אויך אָן זייער שווער, ווײַל בײַ די עטלעכע ברונעמער שטייט מען אין דער ריי שעהן־לאַנג צוליב אַ קענדעלע וואַסער. אויסגעהונגערטע, געשלאָגענע און צעפּײַניקטע, מוזן די מענטשן דערפילן שווערע און אומזיסטיקע אַרבעטן, ווי למשל אויסשטיינערן דעם לאַגער מיט שטיינער, וואָס ווערן געבראַכט פון דניעסטער. די קאַפּיטאַנען בוראַדעסקו און ראַדולעסקו פאַר וועלכע עס ציטערט דער גאַנצער לאַגער, פאַר־

גוואַלטיקן ייִדישע מיידלעך און פרויען. פאַר קעלט, פאַר הונגער און פון אַן אָ שיעור יסורים, שטאַרבן טעגלעך אוים צענדליקער מענטשן.

## 11טער סעפּטעמבער 1941.

דער בעסאַראַבער זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאָר ראַפּאָרטירט דעם גרויס־פּרעטאָר פון דער אַרמיי וועגן די מיטלען וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן אויף צו דעפּאָרטירן אַלע ייִדן פון ווערטוזשען איבערן דניעס־טער. בעיקר באַשטייען די דאָזיקע מיטלען אָט אין וואָס:

די דעפּאָרטאַציע וועט זיך אָנהייבן דעם 12טן סעפּטעמבער, 8 אַזייגער, לויט צוויי פאַרשידענע מאַרשרוטן: איינער קיין צפון-צו, דורך קרע־מעניע־גוראַ קאַמענקאַ־סאַראַקע־קאַסועץ און דער צווייטער קיין מזרח־צו, דורך טעמעלעוץ־וואַסקעוץ־טעפּענדע־קרעזמירקע־מאַטעוץ־רעזינע. עס וועלן דעפּאָרטירט ווערן צו 1.600 ייִדן יעדע 2 טעג, צו 800 אויף יעדן מאַרש־רוט. זיי וועלן מוזן דורכמאַכן אַ מאַרש פון דרײַסיק קילאָמעטער אַ טאָג, אין דרײַ עטאַפּן אויף יעדן איינעם פון די מאַרשרוטן. צו יעדן קאָנוואָי וועלן צוגעטיילט ווערן 50 פורלעך אויף צו טראַנספּאָרטירן דעם באַגאַזש און די מענטשן וואָס וועלן נישט האָבן קיין כוחות צו גיין. די זשאַנדאַר־מען־לעדזשיונעס וועלן זאָרגן פאַר דער באַערדיקונג פון די טויטע און פאַר דער איינקוואַרטירונג, אין עק פון יעדן דאָרף, אין שאָפּעס און ענלעכע געביידעס. עס ווערט רעקאָמענדירט די קאָנוואָי־וועכטער נים צו באַרויבן די ייִדן און ווער עס וועט דערויף עובר זײַן — וועט דערשאָסן ווערן.

ב א מ.: פּינקטלעך איז אויסגעפירט געוואָרן נאָר די פּײַנטלעכע טייל פון די דאָזיקע אָנווײַזונגען. דאָס צוזאַמענשטעלן די קאָנוואָיען איז געמאַכט געוואָרן סתם אין דער וועלט אַרײַן, אַזוי אַז עס זענען צעריסן געוואָרן משפחות (מענער פון פרויען, עלטערן פון קינדער) און צעשיקט געוואָרן אויף פאַרשידענע מאַרשרוטן. מעגלעך אַז די דאָזיקע גורל־צעשיי־דונג — ווײַל די קאָנוואָיען האָבן זיך מער נישט געזאָלט און זענען זיך מער נים צונויפגעקומען — האָט געבראַכט צו די דראַמאַטישע מאָמענטן אין דער דעפּאָרטאַציע, ווייטיקלעכערע ווי די רויבערייען און קלעפּ, טראַ־גישערע ווי דער טויט אַליין. אויב מען האָט יאָ מקפּיד געווען אויף דורכ־

צופירן געגוי די אינסטרוקציעס — איז נאָר למשל דערויף, אז עס זאָלן דורכגעמאַכט ווערן די 30 קילאָמעטער א טאָג, הגם די מענטשן זענען שוין געווען אויסגעמאַטערט פון צוויי חדשים ארומוואַנדערן, פון הונגער און פון נויט, און הגם עס זענען צווישן זיי געווען קראַנקע, קאַליקעס, אַלטע לײַט, און פרויען מיט קינדער אויף די הענט. אנשטאָט פופציק פורלעך זענען צוגעשטעלט געוואָרן יעדן קאָנוואָי נישט מער ווי 4-5 אָדער העכסטנס 7-8, פאַר וועלכע עס האָבן געמוזט באַצאָלן די ייִדן גופא פון זייער אָרעמקייט. אזוי ווי עס האָבן נישט געקלעקט קיין פורלעך האָבן די שוואַכע, וועמען די סאָלדאַטן און פּרעמיליטאַרן האָבן געיאָגט מיט קלעפּ און ווילדע געשרייען, פאַרלוירן די לעצטע כוחות און, דעריבער זענען ביידע וועגן, באַזונדערס דער קיין קאַסעוץ, פאַרזייט געוואָרן מיט טויטע. די אָנווײַזונג און די דראָונג צו דערשיסן די וואָס וועלן באַרויבן די קרבנות איז אפילו נישט איבערגעגעבן געוואָרן די וואַך-אָרגאַנען און אויב זי איז אפילו יאָ דערמאָנט געוואָרן איז אויך קיין שום מיטל נישט אָנגענומען געוואָרן קעגן די רויבערס, אזוי אַז די צעיושעטע בעסטיעס, וועלכע האָבן אויף זיך ניט געהאַט קיין שום השגחה אָדער סאַנקציע, האָבן צוגערויבט ביז א פּאָדים אַלץ, וואָס די דעפּאָרטירטע האָבן נאָך געהאַט באַוויזן אויפצוהיטן. אויפן וועג קיין קאַסעוץ האָט עס געגרייכט אזוי ווײַט, אַז מען האָט פאַרקויפט די פויערים וועלכע פלעגן אָפּוואַרטן דעם קאָנוואָי צו 1200 — 1500 לעי א געזונטן ייִדן, וואָס איז געווען עטוואָס בעסער אָנגעטון און מען פלעגט אים איבערגעבן דעם קונה א פּאַרטיק-דערשאָסענעם, כדי עס זאָל אים זײַן לײַכטער פון אים אראָפּצוציען די קליידער.

אויפן וועג האָבן זיך די מענטשן נישט געטאָרט אָפּשטעלן, אפילו ניט אויף צו טון א טרונק וואַסער. אמאָל פלעג דאָך געלונגען צו באַקומען א קענדעלע וואַסער פאַר דעם פּרײַז פון א זייגער, א פינגערל אָדער אַן אנדערן ווערטפולן חפץ.

**12טער סעפּטעמבער 1941.**

פון יעדינעצער לאַגער ווערן ארויסגענומען 500 מענער און אוועקגעשיקט אויף ארבעט.

### 20טער סעפּטעמבער 1941.

אין יעדינעצער לאַגער ברעכט אויס פלעק־טיפוס. דער לאַגער־קאָמאַנדאַנט איז מתרה אַז אויב די מגפה וועט זיך אויסשפּרייטן וועט ער אויסשיסן די גאַנצע מענטשן־מאַסע פון געטאָ.

### 21טער סעפּטעמבער 1941.

די דעפּאָרטאַציע פון ווערטוזשענער לאַגער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 16טן סעפּטעמבער, גייט אָן וויַיטער לויטן פּראָגראַם. טאָגטעגלעך ציען זיך די טרויעריקע קאָנוואָיען אויף די צוויי מאַרשרוטן. וואַרטנדיק אויף זייער ריי דעפּאָרטירט צו ווערן, ווערן די ייִדן געצוווּנגען דורכצופירן אויסשעפּנדיקע אַרבעטן ווי למשל: אויסשטיינערן דעם לאַגער מיט מצבות פון בית-עולם, אָדער פאַריכטן די וועגן פון שטעטל מיט שטיינער, וואָס מען מוז ברענגען פון דניעסטער.

אין דעם דאָזיקן טאָג פון ראש השנה ווערן ספּעציעל ארויסגענומען אויף אַרבעט די רבנים.

### 28טער סעפּטעמבער 1941.

עס ווערן אויפגעלייזט די לאַגערן אין בעלצער קריַיז: לימבען, רעוצעל, און רישקאַן. די ייִדן וואָס זענען דאָרט געווען פאַרשפּאַרט ווערן איצט קאָנצענטרירט אין מאַרקולעשט, בכדי פון דאָרט דעפּאָרטירט צו ווערן.

### 2טער אָקטאָבער 1941.

דער סעקוראַנער לאַגער ווערט צעטיילט אויף צווייען, כדי דעפּאָרטירט צו ווערן קיין טראַנסניסטריע. עס ווערן פאָרמירט קאָנוואָיען פאַר די צוויי מאַרש־ריכטונגען. פונקט ווי אין ווערטוזשען, זענען אויך דאָ אָפּגעריסן געוואָרן איינס פון ס'אַנדערע משפחה־מיטגלידער און מען שיקט אַוועק איין טייל אין איין ריכטונג און די אַנדערע — אין אַ צווייטער.

איידער דער ערשטער קאָנוואָי לאָזט זיך אַרויס אין וועג אַריַין, ווערן די מענטשן אויסגעלייגט אויף דער ערד און באַזוכט. זיי ווערן געמאַטערט אויף פאַרשידענערליי אופנים און באַרויבט פון לעצטן ביסל האָב-און־גוטס.

### 4טער אָקטאָבער 1941.

עס הייבט זיך אָן די עוואַקואַציע פון קעשענעווער געטאָ. דער ערש־טער קאָנוואָי, וואָס איז פאָרמירט געוואָרן פון א 1.600 מענטשן, לאָזט זיך אוועק צום דניעסטער־צו אויפן שאָסיי אורהיעוו־רעזינע.

### 5טער אָקטאָבער 1941.

דער צווייטער קאָנוואָי פון סעקוראַנער לאַגער לאָזט זיך אוועק קיין אטאקי.

### 8טער אָקטאָבער 1941.

עס ווערט פאַרענדיקט דאָס דעפּאָרטירן די יידן פון ווערטוזשענער לאַגער. די לאַגער־קאָמאַנדאַנטן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט בייַם פּייניקן די יידן, קאָלאָנעל אגאפיע וואסילע און קאַפּיטאַן בוראַדעסקו סעווער, ווערן געשיקט אַנצופירן מיט דעם לאַגער, וואָס איז אויך א פּראָוויזאָרישן אופן געשאַפן געוואָרן אין מאַרקולעשט, אַלס צענטער וווּ עס זאָלן פאָרמירט ווערן די דעפּאָרטאַציע־קאָנוואָיען קיין טראַנסניסטריע.

### 10טער אָקטאָבער 1941.

די ערשטע קאָנוואָיען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט פון ווערטוזשען אויפן וועג קיין רעזינע, זענען אַריבער דעם דניעסטער בייַ ריבניצע, געטריבן געוואָרן וויַיטער־צו קיין בירזולאָ, ווו זיי האָבן זיך אָפּגערוט אין שטאַלן און דערנאָך געיאָגט געוואָרן וויַיטער קיין גראַזדאַווקע. דאָס געטאָ וואָס איז דאָרטן געשאַפן געוואָרן, געפינט זיך אונטער דער מאַכט פון א קאַפּראַל. ער „נעמט איבער" דעם ערשטן קאָנוואָי ציילנדיק די מענטשן מיט קלעפּ פון א דרענגל יעדן איינעם איבער די פּלייצעס.

### 10טער אָקטאָבער 1941.

לויט דעם זעלבן סיסטעם, צו צוויי קאָנוואָיען דורך פאַרשידענע

ריכטונגען, ווערט דורכגעפירט די צעטיילונג פון יעדינעצער לאַגער, כדי צו דעפּאָרטירן די ייִדן, וואָס זענען נאָך דאָרט אינטערנירט.

## 11טער אָקטאָבער 1941.

די קאָנוואָיען מיט דעפּאָרטירטע פון סעקוראַן, גייען אריבער דעם דניעסטער לעבן אטאקי. פון יעדינעץ לאָזט זיך אַרויס דער ערשטער קאָנוואָי, וועלכער באַשטייט דער עיקר פון בוקאָווינער ייִדן — פון סטאָראָזשינעצער געגנט. אַ טייל פון זיי גייט פריער דורך דאָס מאַרקולעשטער גהינום. אַ צווייטער טייל — דורך אטאקי.

## 13טער אָקטאָבער 1941

עס לאָזט זיך אַרויס אין וועג אַרײַן דער צווייטער קאָנוואָי פון יעדינעצער לאַגער. ער באַשטייט בעיקר פון בוקאָווינער ייִדן. דאָס מאָל פון די געגנטן — באַנילאַ, סעלעטין, פוטילאַ, בערהאָמעט, זשאַדאָווע און אַנדערע. דער קאָנוואָי האָט צו זײַן דיספּאָזיציע עטלעכע פורלעך, פאַר וועלכע עס באַצאָלן, נאַטירלעך, אַלץ די ייִדן. אָבער אַזוי ווי די וועגן זענען שרעקלעך בלאָטיק־צעווייקט, האָט דער קאָנוואָי־קאָמאַנדאַנט באַפוילן, אַז אַלע זאָלן אַראָפּ פון די פורלעך, אפילו די אַלטע לײַט און די וועמען עס האָבן זיך שוין אויסגעלאָזט די כוחות — בכדי צו שוינען די פערד.

## 14טער אָקטאָבער 1941.

דער וויצע־פּרעזידענט פון דער רעגירונג באַפעלט אָפּצושטעלן די דעפּאָרטאַציעס פון טשערנאָוויץ און קעשענעוו, כדי נאָכן דורכפירן אַ סעלעקציע זאָלן באַפרײַט ווערן פון דעפּאָרטאַציע די אינטעלעקטואַלן, געשעפטס־לײַט, בעלי־מלאכות און די, וועלכע האָבן אַמאָל באַזיצט שטאָטיש, אָדער דאָרפיש פאַרמעגן.

דער באַפעל איז נישט אָנגעווענדעט געוואָרן אין קעשענעוו, ווו עס איז דערלויבט געוואָרן צו פאַרבלייבן נישט מער ווי הונדערט משומדים.

## 20טער אָקטאָבער 1941.

פון אָנהייב חודש אָן פונקציאָנירט אין מארקולעשט אַ צונויפזאַמלונגס־לאַגער פאַר די יעניקע קאָנוואָיען, וואָס דאַרפן דעפּאָרטירט ווערן איבערן דניעסטער, לעבן רעזינע. אין דער אמתן איז דער מארקולעשטער לאַגער אַ צענטער פאַר פּייניקונגען און רויבערייען.

סײַ די רויבערייען, סײַ די פּייניקונגען, ווערן אָנגעפירט פון קאָמאַנדאַנט, קאָלאָנעל אגאַפּיע וואַסילע גופא, וועלכער ווערט געהיט פון די קאַפּיטאַנען בוראדעסקו און ראדולעסקו, ווי אויך פון אַן אינספּעקטאָר פון דער נאַציאָנאַל־באַנק, — יאַן מיכאַיעסקו — וועלכער איז דעלעגירט געוואָרן כדי אויסצובײַטן די רומענישע לעיעס און אַלע ווערטפולע חפצים אויף רובלס. אַלע פלעגן זיך ארומדרייען איבערן לאַגער באַוואָפנטע מיט שטעקענעס און פּיסטוילן און שלאָגן און פּייניקן ווען עס איז זיי נאָר געקומען צו דער האַנט: מענער, פרויען, אַלטע לײַט, אָדער ווען ס׳איז זיי נאָר אײַנגעפאַלן. אַ טייל מענטשן זענען אַזוי צעשלאָגן געוואָרן, אַז אין עטלעכע טעג אַרום פלעגן זיי שטאַרבן פון די קלעפּ. מיט דעם אייגענעם ווילדן צאָרן ווי די קאָמאַנדאַנטן האָבן אויך געשלאָגן די קלענערע מלאכי חבלהניקעס און די סאָלדאַטן.

מיטן תירוץ, אַז מ׳דאַרף באַזוכן אין נאָמען פון צאָל־אַמט און אויסבײַטן די וואַלוטע, זענען די ייִדן באַרויבט געוואָרן פון אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט אָפּגעראַטעוועט פון די פריערדיקע גהינומס. עס איז צוגערויבט געוואָרן אַלץ וואָס איז געקומען צו דער האַנט: קליידונג, וועש, געלט, צירונג (פינגערלעך פלעג מען „אַראָפּנעמען” אויסדרייענדיק די פינגער; אוירינגלעך — אַראָפּרײַסן אינײַנעם מיטן פלייש פון די אויערן), קישנס, קאָלדרעס, גאָפּל־לעפל־מעסער און אפילו קינדער־וועגעלעך. מען האָט קאָנפיסקירט און פאַרניכטעט אַלע פּערזענלעכע דאָקומענטן און אידענטיטעט־קאַרטעטן, וואָס די דעפּאָרטירטע האָבן בײַ זיך געהאַט.

שפּײַז האָט מען זייער שווער געקראָגן, ווײַל קיינער האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו קויפן. און אויב עמיצער האָט עס געפּרוווט טון און געכאַפּט געוואָרן, האָט מען אים געהרגעט־געשלאָגן. אין גאַנצן לאַגער

איז געווען איין־און־איינציקער ברונעם, אין וועלכן עס פלעגן פון צײַט צו צײַט ארומשווימען מתים.

פון הונגער, פון אזויפיל נויט און קלעפּ, זענען אַ סך אויסגעשטאָרבן נאָך אין לאַגער, ווי מען האָט אומעטום געקאָנט טרעפן מתים: אין די קעלערן, אין די קאַנאַלן, אין די הייף און ווו ס'ניט איז.

יעדן טאָג זענען פון לאַגער אַפּגעגאַנגען קאָנוואָיען פון צו 3000—2 מענטשן, כדי אריבערגעשטעלט ווערן איבערן דניעסטער בײַ רעזינע.

**31טער אָקטאָבער 1941**

במשך דעם גאַנצן חודש אָקטאָבער האָבן אָנגעהאַלטן די ייִדן־דעפּאָר־טירונגען פון קעשענעווער לאַגער. אין אַ רעגנדיקער צײַט — צום סוף, שוין בײַ אַ פריצײַטיקן ווינטער — פלעגן טעגלעך ארויסגעיאָגט ווערן לאַנגע קאָנוואָיען פון צו 700 — 1000 מענטשן, אויפן אורהיווער שאָ־סיי. אַ גאַנצן וועג פלעגן די זשאַנדאַרן פון זיי חוזק מאַכן און זיי שלאָגן. אייניקע מאָל פלעגן די קאָנוואָיען אָפּגעשטעלט ווערן, כדי באַרויבט צו ווערן אָדער פון די זשאַנדאַרן אַליין, אָדער פון די פויערים וועלכע פלעגן ספּעציעל לאָקערן אין די פּאַפּעשויעס כדי צו באַפאַלן און צו באַרויבן די דעפּאָרטירטע. די אַלע וואָס פלעגן בלײַבן ארונטער, אויסגעשעפּטע, פלעגן דערשאָסן ווערן.

די לעצטע קאָנוואָיען זענען אוועק: דעם 29טן אָקטאָבער — 1004 ייִדן; דעם 30טן אָקטאָבער — 882 ייִדן; דעם 31טן אָקטאָבער — 257 ייִדן.

אין געטאָ האָט די גאַנצע צײַט געהערשט טראָר, פּאַניק און פאַר־צווייפלונג. אַ טייל מענטשן זענען משוגע געוואָרן, אַנדערע — האָבן זיך גענומען ס'לעבן. אָבער גאָר אַנדערע האָבן, טראָץ אַלעמען, זיך דווקא גע־קלאַמערט מיט אַלע כוחות אין אָט דעם אומגליקלעכן לעבן. הונדערטער טעלעגראַמעס, אין אַ קינדעריש־נאַיִווער און פאַרשטעלטער שפּראַך, פלעגן טאָג־טעגלעך אוועקגעלאָפּט ווערן קיין בוקאַרעשט.

איינער אַן אונטערנעמערישער כלל־טוער, אַ געוויסער אדוואָקאַט שאַפּירא, האָט זיך אײַנגעשטעלט דאָס לעבן און אָנגעטון אַן אָפיצירסקע אוניפאָרם און געקומען צו פליען מיט אַ מיליטערישן אַוויאָן קיין בוקאַ־

רעשט. ער האָט אויסגעפּרוּווט אַלערליי מיטלען, געקלאַפּט ווי ערגעץ אַ טיר און זיך באַמיט אַרויסצוריַיסן פון פאַרשיקונג און טויט וויפל עס וועט זיך נאָר לאָזן פון דער אומגליקלעכער קעשענעווער ייִדישער קהילה. ער האָט אָבער גיך איַינגעזען, אַז אַלץ איז אומזיסט. ער האָט געקאָנט פאַר־בליַיבן אין בוקאַרעשט און זיך ראַטעווען ס׳לעבן. ער האָט זיך אָבער צו־ריקגעקערט און זיך אַריַינגעשטעלט אין די רייען פון ערשטן קאָנוואָי. קיינער האָט פון דעמאָלט אָן מער קיינמאָל גאָרניט געהערט וועגן אים.

די פעדעראַציע פון די קהילות־פאַרבאַנדן האָט געשיקט קיין קעשע־נעוו אַ קריסטלעכן אַדוואָקאַט, אַן אייגענעם מענטשן (אַדוואָקאַט מו־שאַט), אַז ער זאָל נאָך דאָרט פּרוּוון עפּעס ראַטעווען. אויך זיַינע באַ־מיִונגען זענען געווען אומזיסט. זיַין טעלעגראַפישער ראַפּאָרט פון 30טן אָקטאָבער 1941, דריקט אויס לאַקאָניש און קאַלט די טרויעריקע ווירק־לעכקייט און שטעלט מיט זיך פאָר אַן איַינדרוקספולן פינאַל פון אַ טראַ־געדיע: „פאַרלוירן פּראָצעס, אַלע קליענטן פאַרמשפט. מען מוז הייבן אָן אַפּעל אין בוקאַרעשט, אַדוואָקאַט מושאַט״.

## 8טער נאָוועמבער 1941.

די דעפּאָרטירונג פון די ווערטוזשענער, סעקוראַנער און יעדינעצער לאַגערן איז איַינגאַנצן פאַרענדיקט. אַלע לעבנגעבליבענע זענען אַריבער דעם דניעסטער, די מערסטע דורך אַטאַקי, און זענען באַזונדערס צע־שפּרייט געוואָרן איבערן מאָהילעווער קריַיז.

עס האַלטן וויַיטער אָן די פאַרשיקונגען פון מאַרקולעשט. נאָכן אַרי־בערגיין דעם דניעסטער ביַי ריבניצע, ווערן די דעפּאָרטירטע געטריבן צום בוג־צו, אין די באַלטאַ׳ער און טולטשינער קריַיזן.

## 10טער נאָוועמבער 1941.

אין מאַרקולעשט האָט זיך פאַרענדיקט דאָס דעפּאָרטירן די ייִדן וועל־כע שטאַמען פון די בעסאַראַבער לאַגערן. עס גייען נאָך דורך די לעצטע קאָנוואָיען, וואָס זענען אָנגעקומען מיט דער באַן פון בוקאָווינע. עס ווערט טאַקע געפאָדערט, אַז די דאָזיקע צוגן זאָלן שוין מער ניט געשיקט ווערן קיין מאַרקולעשט.

## קאַפּיטל 2

# דאָקומענטן

### די איניציאַטיווע צו רודפן בעסאַראַבער און בוקאָווינער יידן

#### נומער 31

אויסצוג פון מיכאי אַנטאָנעסקוס רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף דער קאָנפערענץ וואָס איז פאָרגעקומען דעם 3טן יולי 1941 אין אינערן־מיניסטעריום און וועלכע איז שפּעטער דערשינען אין אַ בראָשור, אונטערן טיטול: „דירעקטיוון און אָנווײַזונגען וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן צו די אַדמיניסטראַטיווע אינספּעקטאָרן און סוב־פּרעפעקטן פון בעסאַראַביע און בוקאָווינע.

**10. „עטנישע און פּאָליטישע רייניקונג"**

עס איז איצט פאַר אונדז דער גינסטיקסטער היסטאָרישער מאָמענט פאַר אַ טאָטאַלער עטנישער באַפרײַונג, פאַר אַ נאַציאָנאַלער רעוויזיע און פאַר אויסרייניקן אונדזער נאַציע פון די אַלע עלעמענטן, וועלכע זענען פרעמד איר נשמה און וועלכע זענען אויף איר אָנגעוואַקסן ווי קלעפּיקע פּאַראַזיטישע פלאַנצן, כדי צו פאַרטונקלער איר צוקונפט.

בכדי ניט צו פאַרלירן דעם דאָזיקן איינציק־גינסטיקן מאָמענט, דאַרפן מיר זײַן אומברחמנותדיק.

זאָל זיך קיינער ניט לאָזן פאַרנאַרן פון עפּעס אַ הומאַניטאַרער פי־לאָזאָפיע. די טרויעריקע דערפאַרונג פון דער פאַרגאַנגענהייט האָט אונדז געלערנט, אַז אונטער איר באַהאַלט זיך דער שאַרפסטער ראַסן־אינטערעס. אינטערעס פון אַ ראַסע, וועלכע האָט געוואָלט זײַן באַלעבאָס אויף אַלע־מען, נעמענדיק דערצו צו איר דינסט אַבסטראַקטע פּרינציפּן, הינטער וועלכע עס האָט זיך געפונען אַ פּראָפיטירערישע רעליגיע אויפן חשבון פון אַ נאַציע, וואָס איז געווען שווער־באַלאַסטעט מיט דחקות און נויט.

די עטנישע רייניקונג וועט דורכגעפירט ווערן דורך דערוויַיטערן אָדער איזאָלירן אין אַרבעטס־לאַגערן, אויף ערטער וווּ זיי זאָלן ניט קע־נען אויסאיבן זייערע אומגליקלעכע השפּעות, אַלע יידן, ווי אויך אַלע אי־בעריקע פרעמד־פּאָלקס עלעמענטן, וועמענס שטעלונג איז אַ צווייפל־האַפטע.

אויב עס וועט נייטיק זײַן בכדי צו דערגרייכן די עטנישע רייניקונג, וועלן די פּראָווינץ־גובערנאַטאָרן מעלדן און דורכפירן די געצוווּנגענע מיגראַציעס פון די יידן און פון אַלע איבעריקע פרעמדע עלעמענטן, וועל־כע דאַרפן אַריבערגעטריבן ווערן איבערן גרענעץ, ווײַל זיי האָבן ניט וואָס צו טון אין בעסאַראַביע און בוקאָווינע אין דעם דאָזיקן מאָמענט ווען עס ווערן רעסטאַווירט די נאַציאָנאַלע רעכטן פאַר די דאָזיקע טע־ריטאָריעס.

---

## נומער 32

אויסצוג פון אַ רעדע וואָס יאָן אַנטאָנעסקו האָט געהאַלטן דעם 8טן יולי 1941, אויף אַ קאַבינעט־זיצונג.

„בײַ דער גאַנצער ריזיקע נישט פאַרשטאַנען צו ווערן פון אַ טייל טראַדיציאָנאַליסטן, וואָס קענען זיך נאָך געפינען צווישן אײַך, בין איך פאַר אַ געצוווּנגענער אויסוואַנדערונג פון גאַנצן יידישן עלעמענט פון בעסאַראַביע און בוקאָווינע, וועלכער דאַרף אַרי־

בערגעוואָרפן ווערן איבער דער גרענעץ. איך בין אויך פאַר א געצוווּנ־גענער מיגראַציע פון אוקראַינישן עלעמענט, וועלכער האָט דאָ ניט וואָס צו טון אין איצטיקן מאָמענט.

עס גייט מיר גאָרניט אָן אויב מיר וועלן אַריינגיין אין דער געשיכטע אַלס באַרבאַרן. די רוימישע אימפּעריע האָט אָפּגעטון אַ גאַנצע ריי באַרבאַרישע מעשים פאַרן מיטצייטלערישן האָריזאָנט און איז דאָך געווען די גראַנדיעזסטע פּאָליטישע אינסטיטוציע.

עס איז נאָך אין אונדזער געשיכטע ניט געווען קיין גינסטי־קערער מאָמענט.

אויב עס וועט נייטיק זיין, זאָלט איר שיסן מיטן מאַשינגעווער".

## דאָס אַרעסטירן אַלע יידן פון די בעסאַראַבער דערפער

### נומער 33

קעשענעווער זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאָראַט

צירקולאַר־באַפעל נומער 1
פון 8טן יולי 1941

לויטן באַפעל פון גענעראַל־אינספּעקטאָראַט ביי דער זשאַנדאַרמע־ריע און ביים אינערן־מיניסטעריום, האָב איך איבערגענומען די אָנפירונג פון קעשענעווער זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאָראַט און איך פאָדער ביי אַלע אָפיצירן, אונטער־אָפיצירן און ביים גאַנצן חייל, אַז די ערד וואָס איז ווי־דער־דעראָבערט געוואָרן פאַרן פּרייז פון מקריב זיין דאָס בלוט פון אונ־דזערע ברידער, זאָל אדמיניסטרירט און אָפּגעהיט ווערן מיט ווירדע, כבוד און מענטשלעכקייט לגבי אַלע אנשטענדיקע מענטשן און מיט שטרענגקייט און אומברחמנותדיקייט קעגן די וואָס זענען עובר אויפן געזעץ.

מ ת ת י ה ו   ק א ר פ

## פון אַמטלעכן שטאַנדפּונקט

עס וועלן אידענטיפיצירט און ארעסטירט ווערן אַלע ייִדן פון וועלכן ס'ניט איז געשלעכט און עלטער, וואָס זאָלן זיך נאָך געפינען אין די דערפער, און עס זאָל ראַפּאָרטירט ווערן מצד די באַטרעפנדיקע לעדזשיור־נעם צום אינספּעקטאָראַט, בכדי עס זאָלן ארויסגעגעבן ווערן די ווײַטערדיקע באַפעלן.

קעשענעווער זשאַנד־־אינספּעקטאָראַט
קאָלאָנעל (—) מעקולעסקו

---

# די לאַגערן פון בעלצער קרייז

## נומער 34

א מ ט   פ ו ן   ג ר ו י ס - פּ ר ע ט א ר

נומ. 223 פון 17טן יולי 1941
פון: גרויס־פּרעטאָרס אַמט
צום: העכסטן גענעראַל־שטאַב
2 ט ע   ס ע ק צ י ע

17.7.941
די קהילה זאָל זיי אויסהאַלטן.
זיי וועלן געגעבן ווערן צו אַרבעט.
גענעראַל טאַטאַראַנו

איך האָב דעם כבוד צו ראַפּאָרטירן: בעת די אינספּעקציעס וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין בעלצער קרייז, דעם 16טן און 17טן יולי ה. י., האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז די 8טע ראַיאָן־דיוויזיע האָט אַוועקגעשיקט קיין:
— פאַלעשט־בעליץ, 1546 ייִדן;
— בעליץ, 1235 ייִדן;
ניי־לימבען, אַן ערך 700 ייִדן אין לאַגער אַרײַן. לויט אינפאָרמאַציעס

18.7.941
באפעל צום קעשענעווער און טשערנאוויצער אינספעקטאראט.
גענעראל יאאן טאפאר

זאל נאך די 8טע דיוויזיע שיקן קיין בעלץ־צו אַ ערך 5000 יידן.
— עס האט זיי ניט ווער צו היטן.
— עס האט זיי ניט ווער צו דער־נערן.
מיר בעטן אונדז צו באפעלן וואס צו טון מיט זיי.
גרויס־פרעטאר
גענ. (—) יאאן טאפאר

---

## נומער 35

17,25 18/7 1904
דורך: הוגעס

483
געזען: 17,30 18/7
(—) אומלייענבאר

## טעלעגראמע

### אינערן־מיניסטעריום בוקארעשט

איך ראפארטיר אז אין שטעטל פאלעשט, בעלצער קרייז, געפינען זיך 1546 יידן, אין דארף נײַ־לימבען פון דעם זעלבן קרייז 700, און אין דער שטאט בעלץ 1.300 יידן, מענער, פרויען און קינדער, וועלכע זענען צונויפגענומען געווארן פון דער פראנט־זאנע דורך דער גרויסער איינ־הייט, סטאפ. זיי האבן ניט וואס צו עסן און אויך ניט ווער עס זאל זיי היטן, סטאפ. זייער פארבלײַבן אין בעסאראביע איז ניט אויפן פלאץ, סטאפ. איך בעט אײַך צו באפעלן אז זיי זאלן איבערגעפירט ווערן טיפער אין לאנד אריין אויף ארבעט, סטאפ. איך בעט אויך אונדז צו געבן א ווײַטערדיקן באפעל, סטאפ. נומ. 229 18.7.941.

גרויס־פרעטאר
גענ. יאאן טאפאר

## נומער 36

טעלעגראַמע נום. 305 פון 22טן יולי 1941

### קעשענעווער זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאָראַט

לויטן באַפעל פון ה׳ סובסעקרעטאַר פון אינערן־מיניסטעריום, וועלן די ייִדן פון בעלץ, פאַלעשט און נײַ־לימבען אוועקגעשיקט ווערן אויף אַר־בעט כדי זיי זאָלן זיך דערפון קענען דערנערן; דאָס דאַזיקע — ביז עס וועלן אָנגענומען ווערן אינטערנירונגס־מיטלען.

גענעראַל יאָאַן טאָפּאָר

---

### די אַרומוואַנדערונגען אויף דער מזרח־זײַט און אויף דער מערבֿ־זײַט פון דניעסטער.

## נומער 39

ט ע ל ע פ אָ נ י ש

נום. 71 פון 5טן אויגוסט 1941
פון: פרעטאַריאַלן אַמט פלאָמורא 2
צום: גרויס־פרעטאַר־אַמט

די סאראַקער זשאַנדאַרמען-לעדזשיונע ראַפּאָרטירט, אַז זי האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אומצוקערן די 20.000 ייִדן, פון 4טן אויגוסט אין אָוונט, גלייכצײַטיק מיטן ראַפּאָרט צום פרעטאַראַט.

גיט אַרויס אַ באַפעל דעם טשערנאָוויצער אינספּעקטאָראַט, אַז ער זאָל פון זײַן זײַט פאַראָרדענען דער כאָטינער לעדזשיונע, זיי צו פאַר־האַלטן אין אַ פּראָוויזאָרישן לאַגער ביז נײַע אינסטרוקציעס.

לייטנ. קאָלאָנעל
(—) פאיטעווין

---

## נומער 40

טעלעפאָניש

אריינג. נום. 487
5.8.1941

נום. 814 פון 5טן אויגוסט 1941
פון: טשערנאָוויצער זשאַנדאַרמען־אינספעקטאַראַט
צום: גרויס־פּרעטאר־אַמט

איך ראַפּאָרטיר אַז אַ טייל קאָנוואָיען זענען אָנגעקומען קיין אַטאַקי, סאָראָקער קרײַז, און אַ טייל איז פאַרהאַלטן געוואָרן דורכן קאָמאַנד. פון דער סאָראָקער לעדזשיונע, איידער זי איז אָנגעקומען קיין אַטאַקי.

די באַשפּײַזונג קען ניט געמאַכט ווערן אַפילו ניט פאַר די זשאַנדאַרן וואָס היטן די קאָנוואָיען.

מיר בעטן אײַך צו באַוויליקן און אויפקלערן די דאָזיקע אומקלאָרע סיטואַציע און אַרויסגעבן די פאָלגלעכע באַפעלן.

איך, דער אונטערגעחתמעטער, פאָר קיין כאָטין וווּ עס איז פאַראַן אַ שאַרפער קאָנפליקט צווישן קאָמאַנדאַנט פון דער לעדזשיונע און צווישן קרײַז־פּרעפעקט.

היות איך בין קראַנק, קען איך ניט אָנקומען ביז אַטאַקי.

איך בעט אײַך אויפצוקלערן די האַלטונג פון די זשאַנדאַרן פון דער פּאָליציי־קאָמפּאַניע און פון דער סאָראָקער לעדזשיונע, וועלכע דערלויבן ניט די קאָנוואָיען צו גיין ווײַטער.

קאָלאָנעל (—) מאַנועקוצאַ

---

## נומער 41

טעלעפאָניש

נום. 72 פון 6טן אויגוסט 1941
פון: פּרעטאָריאַן אַמט פלאָמורא 2
צום: אַמט פון גרויס-פּרעטאָר

די סאָראָקער זשאַנדאַרמען־לעדזשיונע ראַפּאָרטירט אַז דעם 5טן אויגוסט האָבן די דײַטשן צוריק אַריבערגעשטעלט איבערן דניעסטער, בײַ

אטאקי, 3000 ייִדן פון די 12.000 וואָס זענען געהאַט אריבערגעפירט געוואָרן קיין מאָהילעוו.

עס ווערט דערוואַרט, אַז אויך די איבעריקע זאָלן צוריקגעשיקט ווערן.

גיט אָרויס אַ באַפעל וועגן פארהאַלטן זיי שפּעטער אין אַ לאַגער.

לייטנ. קאָלאָנעל

(—) פּאיטעווין

---

## נומער 42

טעלעפאָניש

ארײַנג. נומ. 486

5.8.1941

נומ. 86 פון 5טן אויגוסט 1941

פון: פרעטאָריאַלן אַמט פלאָמורא 2

צום: אַמט פון גרויס־פרעטאָר

5-8-1941

עס איז ארויסגעגעבן געוואָרן אַ טעלעפאָנישער באַפעל דעם קאָלאָנעל מאנעקוצא אַז אַלע זאָלן פארהאַלטן ווערן אויפן אָרט.

(—) גענעראַל טאָפּאָר.

בהמשך צום ראַפּאָרט נומ. 956 פון 3טן אויגוסט 1941:

די סאָראָקער זשאַנדאַרמען־לעגיאָנען ראַפּאָרטירט טעלעגראַפיש, אַז אין דער נאַכט פון 4טן אויפן 5טן אויגוסט ה. י. געפינען זיך אויפן שאָסיי ליפּניק־אַטאַקי אַן ערך 20.000 ייִדן, וועלכע זענען געבראַכט געוואָרן פון כאָטין און סטאָראָזשינעץ.

קיין מאָהילעוו קענען זיי מער נישט אריבערגעפירט ווערן, מחמת די דײַטשן זאָגן זיך אָפּ זיי אריבערצולאָזן. עס איז ארויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל זיי צוריקצופירן צו די באַטרעפנדיקע לעגיאָנען.

מיר בעטן אײַך ארויסצוגעבן אַ באַפעל צום טשערנאָוויצער אינספּעקטאָראַט, אַז ער זאָל אָפּשטעלן די עוואַקואַציע פון די ייִדן.

לייטנ. קאָלאָנעל

(—) פּאיטעווין

---

## נומער 43

אריַינג. נומ. 528

8.8.941

נומ. 838, 8-8-941

פון: טשערנאָוויצער זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאָראַט

צום: אַמט פון גרויס־פּרעטאָר

די כאָטינער לעגיאָן ראַפּאָרטירט אַז צווישן סעקוראַן, כאָטינער קרייַז, און אַטאַקי, סאָראָקער קרייַז, זענען אָנגעזאַמלט מאַסן ייִדן, וועלכע זענען עוואַקוירט געוואָרן פון די ווײַטער־אויסגערעכנטע קרייַזן: פון כאָטין — 3340 ייִדן, פון ראַדעוויץ — 4113 ייִדן, פון סטאָראָזשינעץ — 13,852, פון וויזשניצער לאַגער — 1820, פון טשערנאָוויץ — 15,324, ס״ה — 27,849 ייִדן.

חוץ אַט די, זענען שוין פון כאָטינער קרייַז אריבערגעשטעלט געוואָרן איבערן דניעסטער 20.000 ייִדן. דאָס דײַטשישע מיליטער דערלויבט מער ניט צו עוואַקוירן איבערן דניעסטער ניט די ייִדן און ניט די אוקראַינער וועלכע שטאַמען פון אוקראַינע און וועלכע זענען געקומען קיין בעסאַראַביע בעת דער סאָוועטישער אָקופּאַציע.

פון 17טן אויגוסט אָן האָט דאָס דײַטשישע מיליטער אָנגעהויבן צוריקצושיקן פון אוקראַינע קיין בעסאַראַביע די אַלע פּאַרשוינען וועלכע שטאַמען פון בעסאַראַביע און צפון־בוקאָווינע, אָפּגעזען פון זייער עטנישן אָפּשטאַם.

דורכן פּונקט אַטאַקי־כאָטין זענען צוריקגעקערט געוואָרן 570 ייִדן, וועלכע זענען אייגנוויליק געהאַט אַנטלאָפן פון בעסאַראַביע ווי אויך 50 אומגעוווּנטשענע אוקראַינער.

פון דער אנדערער זייט האבן זיי פארבאטן אריבערצופירן 2 געפאנגענע, וועלכע שטאמען פון אוקראינע און זענען דורך די דייטשן באפרייט געווארן פון לאגער, ווי אויך נאך 8 פארשווינען וועלכע שטאמען פון רוסלאנד און וועלכע זענען געקומען קיין בעסאראביע נאכן 28טן יוני 1940. די זשאנדארן וועלכע האבן זיי געוואלט אריבערפירן זענען געדראט געווארן מיט די ביקסן.

מיר זענען אינפארמירט, אז צווישן די יידן וועלכע זענען מאסנהאפט צוגעזאמלט אין סעקוראן (כאטין) און אטאקי (סאראקע), האבן זיך באוויזן פאלן פון פלעק-טיפוס. קיין שפייז האבן זיי נים. זיי קלאגן זיך פאר מיר, אז זיי האבן שוין 5-6 טעג ניט געגעסן. עס זענען פאראן פאלן פון זעלבסטמארד און פון פריגעבורטן. די סאראקער לעדזשיונע באמיט זיך צוריקצושטויסן די דאזיקע יידן צוריק אין כאטינער קרייז אריין. מיר בעטן אייך צו אינטערווענירן ווו עס איז נייטיק בכדי דער ענין זאל וואס גיכער געלייזט ווערן.

קאלאנעל (—) מאנעקוצא

---

נומער 44

טעלעפאניש
אריינג. נומ. 518
8טער אויגוסט 1941

נומ. 74 פון 8טן אויגוסט 1941
פון: פרעטאריאלן אמט פלאמורא
צום: גרויס-פרעטאר

אויפן באפעל נומ. 518/941. איך האב ארויסגעגעבן א באפעל דער סאראקער לעדזשיונע צום אויספירן. איך ראפארטיר אז די לעדזשיונע

האט אגעצט אין דער צפון־טייל פון קרייז (ליפּניק־אטאקי) אן ערך 25.000 יידן, וועלכע שטאמען פון די קרייזן פון טשערנאָוויצער אינספּעקטאראט, וועלכער האט מער ניט קיין יידן אויף זיין טעריטאָריע.

די סאראקער לעדזשיונע האט נישט קיין מעגלעכקייטן, ניט צו שפּייזן און ניט צו אָרגאניזירן קיין לאגערן פאר די דאזיקע פארשווינען, מחמת עס זענען דערצו נייטיק איזאָלירטע בנינים, און זי קען זיי ניט אינטערנירן און היטן מחמת עס סטייען איר ניט דערצו די זשאנדארן.

פארשאפן שפּייז דורך די קהילות איז אומעגלעך, מחמת די קהילות זענען אויפגעלייזט געוואָרן, דורך דעם וואָס אלע יידן זענען צונויפגעזאמלט געוואָרן.

איך בעט אייך ארויסצוגעבן א באפעל דעם טשערנאָוויצער אינספּעקטאראט ארויסצונעמען פון ליפּניק־אטאקי אלע יידן וועלכע געהערן אים, אָרגאניזירן לאגערן אין כאטינער קרייז און זיי צו באשפּייזן מיט די בייטראגן פון אלע קרייז־פּרעפעקטורעס פון וואנען די יידן שטאמען.

גלייכצייטיק ראפּאָרטיר איך, אז דעם 7.8.941 האט די דייטשישע פּאָליציי געפּרוווט אריבערשטעלן איבער דער אטאקער בריק אן ערך 4.500 יידן; אזוי ווי די רומענישע מאכט האט זיי אָפּגעשטעלט, האט די קאָלומנע זיך געמוזט צוריקקערן און וועט מן הסתם געשיקט ווערן קיין יאמפּאָל, בכדי אריבערגעפירט צו ווערן קיין סאראקע. באפעלט אז עס זאָל פּאָראָרדנט ווערן דער סאראקער לעדזשיונע, אז זי זאָל זיי נישט אויפנעמען, מחמת קיין יאמפּאָל קומט אן דייטשיש חייל און עס קענען אנטשטיין קאָנפליקטן.

לייטנ. קאָלאָנעל פּאיטעווין

---

## נומער 45

טעלעפאניש

נומ. 528 פון 8טן אויגוסט 1941
פון: גרויס־פּרעטאָראט־אמט
צום: טשערנאָוויצער זשאנדארמען־
אינספּעקטאָראט.

צום נומ. 738 פון 8טן אויגוסט 1941.

ביז נײַע באַפעלן וועלכע וועלן אינגיכן אַרויסגעגעבן ווערן: נעמט אָן מיטלען אַז אַלע עוואַקואירטע ייִדן זאָלן בלײַבן שטיין ווו זיי געפינען זיך אין לאַגערן, וועלכע איר וועט אָרגאַניזירן בהסכם מיט די פּרעפעקטורעס.

— די לאַגערן וועלן באַקומען מעדיצינישע הילף פון די ייִדישע לאַגער-דאָקטוירים.

— די באַשפּײַזונג זאָל געמאַכט ווערן מיט פרעמדע געלט-פאָנדן, וואָס זאָלן געזאַמלט ווערן בײַ די פון די לאַגערן, אָדער אויב ניט, זאָל די (מיליטערישע) איינהײַט זיי העלפן.

— די וואַך זאָל אַזוי אָרגאַניזירט ווערן, אַז קיינער זאָל מער ניט אַרויסגיין, נייערט אַלע זאָלן בלײַבן אויף די ערטער, אין די באַשטימטע לאַגערן.

— דער דאָזיקער פּראָוויזאָרישער מצב זאָל אָנהאַלטן עטלעכע טעג, ביז עס וועלן אַרויסגעגעבן ווערן נײַע פאַראָרדענונגען.

— די ייִדן וואָס וועלן צוריקגעשיקט ווערן דורך די דײַטשן פון יענער זײַט דניעסטער, זאָלן אויך צונויפגענומען און אינטערנירט ווערן אין לאַגערן.

— די פאַרשוינען וועלכע שטאַמען פון בעסאַראַביע און בוקאָווינע, און וועלכע דאָס דײַטשיש חייל שיקט צוריק קיין בעסאַראַביע, ווי אויך די פאַרשוינען וועלכע זענען אַריבער דעם דניעסטער אײנייִנעם מיטן סאָוועטישן מיליטער, וועלן אינטערנירט ווערן אין לאַגערן, אָפּגעזונדערט פון די ייִדן-לאַגערן, מחמת זיי זענען קאָמוניסטיש געשטימט און זענען שעדלעכע עלעמענטן פאַר דער זיכערקייט פון דער מלוכה.

— אויב דאָס דײַטשישע חייל וועט בשום אופן מער ניט דערלויבן די עוואַקואַציע איבערן דניעסטער, וועט די לאַגע פאַרבלײַבן אַזוי ביז נײַע פאַראָרדענונגען.

פּינקטלעכע דורכפירונג.

פאַרן גרויס-פּרעטאָר באַקומען פון

קאָלאָנעל (—) א. האָדזשיקירעאַ סערזשאַנט (—) ברעאַבו

## נומער 46

קאמאנדאנט פון דער דריטער ארמיי, 2טער עש.

פרעטאריאלער אמט — אריינג. נומ. 587
מיליטערישער פאסט־אמט 30 — 13-8-1941
ראפארט צום — נומ. 1108
הויכן גענ.־שטאב ס. 2 — 10טער אויגוסט 1941
קאל. (—) א. האדזשיקירעא — צום: אמט פון גרויס-פרעטאר
מיליט. פאסט־אמט 85

איך האב דעם כבוד אייך צו ראפארטירן, אז דעם 9טן אויגוסט ה. י. איז אנגעקומען קיין ראשקעוו, ביים עק פון דער בריק וואדו־ראשקו, קיין אוקראינע־צו, א גרופע פון אן ערך 2000 יידן פון די וועלכע זענען געהאט אנטלאפן איניינעם מיט די סאוועטישע חיילות. די דאזיקע יידן זענען צונויפגענומען געווארן אין דער זאנע דורכן רומענישן מיליטער און זענען דורך די סובפרעפעקטורעס אפגעשיקט געווארן אין דער ריכטונג פון זייערע היימען. דער קאנוואי אין וועלכן עס הערשט די גרעסטע נויט, איז אפגעשטעלט געווארן אויף דער לינקער זייט פון דניעסטער. איך האב געשיקט אן אפיציר מיט 20 זשאנדארן בכדי זיי צוריקצושטויסן וואס טיפער קיין אוקראינע.

איך האב פאראדנט די פרעטאריאלע אמטן, אז די יידן זאלן געשטויסן ווערן פארויס קיין מזרח־צו און ניט צוריק.

דעם 10טן אויגוסט ה. י. זענען אנגעקומען קיין בעלץ 14 אוקראינער, וועלכע זענען ארעסטירט געווארן אין אוקראינע דורך דעם פרעטאריאלן אמט פון דער 13טער דיוויזיע (מאיאר מארעאנו) און זענען איבערגעשיקט געווארן קיין בעלץ, כדי אויסגעפארשט צו ווערן, מחמת זיי זענען פארדעכטיק. איך האב פאראדנט דער בעלצער זשאנדארמען־לעדזשיונע, אז זי זאל זיי צוריקברענגען קיין אוקראינע. איך האב באפוילן די פרעטאריאלע אמטן, אז זיי זאלן אפשטעלן אזעלכע אקציעס. די פאר־

דעבטיקע אוקראינער זאָלן אויסגעפּאַרשט ווערן אויפן אָרט און עס זאָל געהאַנדלט ווערן לויט יעדן פאַל נאָך.

איך בעט אָבער צו אינטערווענירן בײַם העכסטן גענ.־שטאַב, אַז עס זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אַ באַפעל אויך צו אַלע גרויסע אײנהײטן, אַ באַפעל וואָס זאָל פאַרשפּרייט ווערן אויך אין רעגימענט, אַז דאָס חייל זאָל בעתן דורכמאַרשירן מער ניט צונויפנעמען קיין ייִדן און זיי ניט צוריקשיקן, נייערט עס זאָל זיי שטויסן אַלץ ווײַטער קיין מזרח־צו, ווײַל אויב ניט וועלן מיר אָנפילן דעם אוקראַאינישן דניעסטער־ברעג מיטן גאַנצן בעסאַראַבער און בוקאָווינער ייִדנטום.

פרעטאר פון דער 3טער אַרמיי, 2טער עש.
לייטנאַנט־קאָלאָנעל (—) זשעאַן פּאיטעווין
ל. ס.

---

# דאָס שאַפן די לאַגערן פון סעקוראַן און יעדינעץ

## נומער 47

3טע אַרמיי, 2טער עש.
פּרעטאַריאַלער אַמט
מיליטערישער פּאָסט־אַמט נומ. 30

אַרייַנג. נומ. 546
9.8.941
נומ. 1080 פון 9.8.941
צום: אַמט פון גרויס־פּרעטאַר

9.8.1941

דער ענין איז זייער באַקאַנט און שוין עטלעכע מאָל ראַפּאָרטירט געוואָרן.
ערשט הײַנט, 18 אַזייגער, האָב איך באַנײַט די פאַראָרדענונג וועגן דעם בייגעלייגטן, בנוגע דעם קאָלאָנעל מאַנעקוצא.
קאָל. (—) א. האַדזשיקירעא

איך האָב דעם כבוד צו באַריכטן אַז אין שטעטל יעדינעץ, כאָטינער קרײַז, געפינען זיך אַן ערך 10.000 ייִדן. זיי לעבן אין די פאַרלאָזטע הײַזער, אין גרעסטן שמוץ.

זיי האָבן נישט קיין זייף, זיי האָבן נישט קיין מעגלעכקייטן זיך צו וואַשן זיך צו באַרייניקן פון די פּאַראַזיטן. עס זענען צווישן זיי פאַראַן אַ סך קראַנקע.

די באַשפּײַזונגס-מעגלעכקייטן זענען מינימאַלע.

די ייִדן זענען נישט איזאָלירט און זיי ווערן ניט געהיט און שטעלן מיט זיך פאָר אַן אינפעקציע-צענטער און אַ פּערמאַנענטע געפאַר פאַר דער באַפעלקערונג און פאַר דער דורכמאַרשירנדיקער אַרמיי.

היות פון בעלץ קען מען נישט רעדן ניט מיט טשערנאָוויץ און ניט מיט כאָטין האָב איך דעם כבוד אײַך צו בעטן, אַז איר זאָלט באַוויליקן צו פאַראָרדענען דעם טשערנאָוויצער אינספּעקטאָראַט, אַז ער זאָל אַהין אַרויסשיקן דעם קאָמאַנדאַנט פון דער כאָטינער לעדזשיונע בכדי צו אָרגאַניזירן די לאַגער-וואַך און גלײַכצײַטיק אויך אָרגאַניזירן דעם אופן פון זייער באַשפּײַזונג.

היות עס זענען נישטאָ קיין קאָמוניקאַציע-מעגלעכקייטן, איז שווער פעסטצושטעלן די רעאַלע לאַגע, וועלכע דאַרף פעסטגעשטעלט און ראַפּאָרטירט ווערן דורכן קאָמאַנדאַנט פון דער לעדזשיונע.

פּרעטאָר פון דער 3טער אַרמיי, עש. 2
(—) זשעאַן פּאַיטעווין.

---

## נומער 48

ט ע ל ע פ אָ נ י ש

אַרײַנג. נומ. 569
11.8.1941
נומ. 858 פון 11טן אויגוסט 1941
פון: טשערנאָוויצער זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאָראַט
צום: אַמט פון גרויס-פּרעטאָר

בהמשך פון אונדזער טעלעפאָנישן ראַפּאָרט נומ. 802 פון 11טן

אויגוסט 1941, בעטן מיר אײַך צו באוויליקן אָנצונעמען דרינגענדיקע מיטלען פארן לייזן די ייִדן־פראַגע אין סעקוראנער לאגער, ווײַל עס איז דאָרט דאָ א געפאַר פון אן עפּי־דעמיע־אויסברוך, מחמת דעם מאנגל אין שפּײַז און היגיענע. די עפּידעמיע וואָלט זיך געקאָנט אויסשפּרייטן איבער דער גאַנצער געגנט.

קאָלאָנעל (—) מאנעקוצא

---

## נומער 49

טעלעפאָניש

ארײַנג. נומ. 555

10-8-1941

נומ. 858 פון 10טן אויגוסט 1941

פון: טשערנאָוויצער זשאַנדארמען־אינספּעקטאָראַט

צום: אַמט פון גרויס-פּרעטאר

איך האָב דעם כבוד צו ראַפּאָרטירן אַז איך האָב אָנגענומען מיטלען אויף צו אינטערנירן די ייִדן אין לאַגערן, אויף אַזאַ מין אופן:

אין סעקוראַן אַן ערך 17.000 ייִדן.

אין בירנאַווא אַן ערך 3.000 ייִדן.

אין בערבען אַן ערך 2.000 ייִדן.

דאָס אַלץ אין כאָטינער קרײַז.

די איבעריקע ייִדן געפינען זיך אין ראַיאָן פון דער סאַראקער זשאַנ־דארמען־לעדזשיונע אין אטאקי, און אַן ערך 10.000 פון יענער זײַט דניעסטער. טראָץ אַלע מיטלען וואָס עס האָבן אָנגענומען די באַטרעפנ־דיקע אַדמיניסטראַטיווע און קאָמונאַלע מאַכט־אָרגאַנען און טראָץ אַלע באַמיִונגען פון דער זשאַנדאַרמעריע אויף צו אָרגאַניזירן די באַשפּײַזונג פאַר די דאָזיקע לאַגערן, קענען אָבער די באַדערפענישן דאָך ניט נאָכגע־קומען ווערן, אין פאַרפּאַרץ מיט דער גרויסער צאָל ייִדן וואָס איז צונויפ־געזאַמלט געוואָרן אין יענער געגנט.

דער דוחק אין עסנווארג איז אויסערגעוויינלעך און עס פעלט באזונ-דערס אויס ברויט. א סך ייִדן האָבן ניט קיין געלט און זענען אויס-געשטעלט צו שטאַרבן פאַר הונגער.

עס זענען אָנגענומען געוואָרן מיטלען אז די פויערים פון די שכנות-דיקע דערפער זאָלן ברענגען עסנווארג אויף צו פאַרקויפן די ייִדן, הן פאַר געלט, הן דורך אַן אויסטויש.

קאַפּיטאַן אַפּרעסקו פון דער כאַטינער לעדזשיונע געפינט זיך אויפן פּלאַץ, בכדי אַנצונעמען די נייטיקע מיטלען.

קאָלאָנעל (—) מאַנעקוצאַ

---

## נומער 50

טעלעפאָניש

11-8-941

עס זאָל ראַפּאָרטירט ווערן די 1200 ייִדן, וועלכע די דײַטשן קערן צוריק אויף דער זײַט דניעסטער.

קאָל. (—) א. האַדזשיקירעאַ

אַרײַנג. נומ. 568

11-8-1941

נומ. 862 פון 11טן אויגוסט 1941

פון: טשערנאָוויצער זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאַראַט

צום: אַמט פון גרויס-פּרעטאָר

צום באַפעל נומ. 528/941 ראַפּאָרטירן מיר אַז אין שטעטל סעקור-ראַן־כאָטין איז געשאַפן געוואָרן אַ לאַגער אין וועלכן עס זענען אינטער-נירט די ווײַטער־אויסגערעכנטע ייִדן:

| | | |
|---|---|---|
| שטאָט כאטין — — — — — — — — | 3.800 | יידן |
| שטעטל נאוואסעליץ — — — — — | 2.800 | " |
| כאטינער קרייז — — — — — | 6.625 | " |
| שטאָט סטאראזשינעץ — — — — — | 1.100 | " |
| סטאראזשינעצער קרייז — — — | 3.180 | " |
| הערצא־דאראהוי — — — — — — | 1.200 | " |
| שטאָט ראדעוץ — — — — — — | 520 | " |
| ראדעוצער קרייז — — — — — — | 580 | " |
| טשערנאָוויצער קרייז — — — — | 977 | " |

ס"ה 20.782 יידן

עס איז פאר זיי פארזיכערט געוואָרן מעדיצינישע הילף.

נעמענדיק אין אכט זייער צו גרויסע צאָל, איז אומעג-לעך זיי צו באַשפּייזן.

פאר דעם דאָזיקן צוועק שלאָגן מיר פאָר צו שאפן א צווייטן לאַגער אין יעדינעץ, כאטינער קרייז, אין מאָהילעוו זענען נאָך דאָ 12.000 יידן, וועלכע די דייטשן האלטן אין צוריקשיקן קיין רומעניע.

דער אינספעקטאָראט קען אויף זיך ניט נעמען די פאראנטוואָרט-לעכקייט פאר זייער צוריקקום.

קאָלאָנעל (—) מאנעקוצא

## נומער 51

**בסוד**

נומ. 619 פון 13טן אויג. 1941

פון: גרויס־פרעטאריאט אמט

צום: העכסטן גענ.־שטאב

צווייטע סעקציע

צום באפעל נומ. „ב"/3803 פון 15טן אויגוסט 1941;
איך האָב דעם כבוד צו ראַפּאָרטירן, אַז מחמת דער צו גרויסער צאָל ייִדן, אַן ערך 20.000, זענען זיי אײַנגעטיילט געוואָרן אין צוויי לאַגערן; אַ העלפט אין סעקוראַנער לאַגער און אַ העלפט — אין יעדינעצער לאַגער.

אונטערן נומ. 518/941 איז פאָראָרדנט געוואָרן דעם טשערנאָוויצער זשאַנדאַרמען-אינספּעקטאָראַט אַז עס זאָלן אָנגענומען ווערן מיטלען פאַר זייער באַשפּײַזונג און היטונג.

פאַרן גרויס־פּרעטאָר
קאָלאָנעל (—) א. האַדזשיקירעא

## די דײַטשן פאָדערן אַז עס זאָלן זיי אַרויסגעגעבן ווערן אינטערנירטע ייִדן פון די לאַגערן.

### נומער 52

טעלעפאָניש
אינטערווענץ בײַם
העכסטן גענ.־שטאַב
2טע ס. קאָל. האַדזשיקירעא

אַרײַנג. נומ. 610
14־8־1941
נומ. 895 פון 14טן אויגוסט, 1941
פון: טשערנ. זשאַנד.־אינספּעקטאָראַט
צומ. אַמט פון גרויס־פּרעטאָר

דער דײַטשישער קאָמאַנדאַמענט פון דער זיכערהייטס-פּאָליציי און די ס. ד. אײַנזאַצקאָמאַנדאָ „ב"/10, פאָדערן, אַז עס זאָלן געשטעלט ווערן צו זייער דיספּאָזיציע, ניט־אָנגעבנדיק דעם מאָטיוו, אַ צאָל פון 27 ייִדן פון סעקוראַנער לאַגער.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז צווישן די דאָזיקע זענען פאַראַן אַ טייל מיט זייערע גאַנצע משפּחות.

מיר בעטן — פאָראָרדנט. קאָלאָנעל (—) מאַנעקוצאַ

## נומער 53

ט ע ל ע פ אָ נ י ש
16-8-1941
2טע ס. קאָל. האדזשיקירעא

נומ. 909 פון 16טן אויגוסט 1941
פון: טשערנאָוויצער זשאַנדארמען-אינספעקטאראַט
צום: אַמט פון גרויס-פּרעטאר.

בהמשך צום ראַפּאָרט נומ. 895 פון 14טן אויגוסט 1941.

מיר בעטן — פאַראָרדנט, היות דער דייַטשישער קאָמאַנדאַמענט האָט איבערגעהזרט די פאָדערונג.

קאָל. (—) מאַנעקוצא

---

## נומער 54

העכסטער גענ.-שטאַב
2טע סעקציע
ביורא נומ. 2
ב ס ו ד

אַריַינג. נומ. 696
21-8-1941
נומ. 3823 „ב" פון 21טן אויגוסט 1941
פון: העכסטן גענ.-שטאַב
2טע סעקציע
צום: אַמט פון גרויס-פּרעטאר

צום נומ. 610/1941;

איך האָב דעם כבוד איַיך צו בעטן, אז איר זאָלט באַוויליקן צו פאַר-אָרדענען, אַז עס זאָל מיטגעטיילט ווערן דעם באַטרעפנדיקן דייַטשישן קאָמאַנדאַמענט, אז בכדי עס זאָל נאָכגעקומען ווערן זייַן פאָדערונג, מוזן מיר געניי קענען די מאַטיוון.

שעף פון דער צווייטער סעקציע
לייטנ. קאָלאָנעל (—) דינולעסקו

שעף פון צווייטן ביוראָ
לייטנ. קאָל. (—) פּעטערעסקו

ט ר אַ נ ס נ י ס ט ר י ע

# די שאַפונג פון ווערטוזשענער לאַגער

## די אינטערנירונג פון די ייִדן וועלכע זענען אַריבער־געבראַכט געוואָרן פון יענער זײַט דניעסטער

### נומער 55

העכסטער גענ.־שטאַב
2טע סעקציע, ביוראָ 2
ד ר י נ ג ע נ ד י ק
ב ס ו ד
17/8
באפעל לייטנאַנט
פאיטעווין דרינגענדיק
גענ. טאָפּאָר

ז יי ע ר ד ר י נ ג ע נ ד י ק
אַרײַנג. נומ. 641
17.8.941
נומ. 3856 ב. פון 17.8.1941
העכסטער גענ.־שטאַב
2טע סעקציע
צום: אַמט פון גרויס־פּרעטאָר

כ'האָב דעם כבוד מודיע צו זײַן:

די אַן ערך 13.000 ייִדן וואָס זענען דורך די דײַטשן אַריבערגעפירט געוואָרן אויף דער מערב־זײַט פון דניעסטער, קיין קאסעוץ (אַקעגן יאַמ־פּאָל) וועלן אינטערנירט ווערן אין ווערטוזשענער לאַגער (20 קמ. אויף דרום־מזרח־צו פון סאָראָקע).

דער לייטנאַנט־קאָלאָנעל פּאַלאַדע, שעף פון יאַסער מיליטעריש־סטאַ־טיסטישן ביוראָ, איז באַאויפטראָגט דורכצופירן די דאָזיקע אָפּעראַציע.

צוליב דעם דאָזיקן צוועק, בעטן מיר אײַך צו פאַראָרדענען, אַז:

דער פּרעטאָריאַלער אַמט „פלאָמורא" זאָל באַלד צוהעלפן צום היטן, טראַנספּאָרטירן א. א. וו. די אינטערנירטע.

עס זאָל געבעטן ווערן אויך די מיטהילף פון דער סאָראָקער פּרעפעק־טורע פאַר די טראַנספּאָרט־מיטלען, באַשפּײַזונג א. א. וו.

דער קעשענעווער זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאָראַט, זאָל, דורך דער סאָראָקער לעגיאָנע, ווי ווײַט מעגלעך העלפן דעם לייטנאַנט־קאָלאָנעל פּאַלאַדע דורכצופירן די מיסיע וואָס ער האָט באַקומען. צוליב דעם דאָזיקן

צוועק זאָל די סאַראַקער לעדזשיונע זיך באַלד שטעלן אין קאָנטאַקט מיטן לייטנאַנט־קאָלאָנעל פּאַלאַדע.

ד. א.　　　　　שעף פון 2טן ביוראָ
שעף פון דער 2טער סעקציע　　　　　לייטנ. קאָלאָנעל (—)
לייטנאַנט־קאָלאָנעל (—) ר. דינולעסקו　　　　　אומלייענבאַר

## נומער 56

זייער דרינגענדיק　　2356　　17/8　　17,35

פון: גרויס־פּרעטאָרס אַמט

צום: פּרעטאַריאַלן אַמט „פלאַמוראַ", 2טער עשאַלאָן.

פאָרט באַלד צו קיין סאַראַקע און בהסכם מיטן לייטנאַנט־קאָלאָנעל פּאַלאַדע און מיטן קאָמאַנדאַנט פון דער סאַראַקער לעדזשיונע זאָלט איר אָננעמען באַלדיקע מיטלען פאַרן טראַנספּאָרטירן, היטן, א. אַ. וו. די אַן ערך 13.000 ייִדן, וועלכע די דײַטשן האָבן אַריבערגעפירט אויף דער מערב זײַט פון דניעסטער, קיין קאַסעוץ, (אַקעגן יאַמפּאָל און זיי זאָלן אינטערנירט ווערן אין לאַגער פון ווערטושען (20 קמ. אויף דרום־מזרח־צו פון סאַראַקע) סטאָפּ.

עס זאָל געבעטן ווערן די מיטהילף פון דער סאַראַקער פּרעפעקטורע בנוגע טראַנספּאָרט־מיטלען, באַשפּײַזונג, מעדיצינישע הילף א. א. וו. סטאָפּ.

ראַפּאָרטירט דרינגענדיק וועגן די אָנגענומענע מיטלען און וועגן די רעזולטאַטן סטאָפּ.

פאַרן גרויס־פּרעטאָר　　　　　נומ. 461 פון 17.8.1941
קאָלאָנעל (—) האַדזשיקירעאַ

## נומער 57

19.8.1941

ראַפּאָרט צום ה. ג. ש., 2טע סעק.

קאָל. האַדזשיקירעאַ

ארײַנג. נומ. 641 — 19.8.1941
פון: יאסער זשאנדארמען־אינספעקטאראט
צום: אמט פון גרויס־פרעטאר.

בעלץ, 689,56 19 11/35 9/8 12,45 אזייגער.

צום טעלעגראפישן באפעל 641. די 13.000 ייִדן זענען אינטערנירט געווארן אין ווערטוזשען, אײַנגעאָרדנט די עוואקואציע קיין ווער־טוזשען פון די לאגערן אלעקסאנדרו טשעלבון און רובעלניצא אויפן 21טן. אלע ייִדן פון דער סאראקער לעדזשיונע זענען אין ווערטוזשענער לאגער. פרעטאר פלאמורא 2 לייטנ. קאלאנעל זשעאן פאיטעווין נומ. 120907.

---

## נומער 58

3טע ארמיי, 2טער עשאלאן
פרעטאריאלער אמט
מיליט. פאסט־אמט נומ. 30
עס זאל געמאכט ווערן
א סטאטיסטיק.
געז. טאפאר

ארײַנג. נומ. 721, 23.8.1941
נומ. 120966 פון 21.8.1941
צום: אמט פון גרויס־פרעטאר

בהמשך פון טעלעגראפישן ראפארט נומ. 120883 פון 17טן אויגוסט 1941, האב איך דעם כבוד צו ראפארטירן:

— די 13,500 ייִדן, וועלכע זענען דורך די דײַטשן אריבערגעשטעלט געוואָרן איבערן דניעסטער קיין קאסעוץ, סאראקע, זענען אינטערנירט גע־וואָרן אין לאגער וואס איז געגרינדעט געוואָרן אין ווערטוזשען־סאראקע.

עס זענען אויך גענומען געוואָרן מיטלען און עס זענען עוואקואירט געוואָרן אין ווערטוזשענער לאגער ארײַן:

— דעם 19טן ד. ח., 4 אזייגער פארטאג, פון לאגער אלעקסאנדרו טשעל בון (רעדיו) סאראקע — 1.600 ייִדן;

— דעם 19טן ד. ח., 18 אזייגער, א קאָנוואָי פון 2000 אַרבעטס־פעיִקע ייִדן פון רובעלניצער לאַגער;

— דעם 20טן ד. ח., 4 אזייגער פארטאָג, — א קאָנוואָי פון אַן ערך 1.500 אינוואַלידן, אַלטע לײַט, פרויען מיט קליינע קינדער א.א.וו. מיט די פורלעך פון רובעלניצער לאַגער.

— דעם 20טן, 18 אזייגער אין אָוונט, דער לעצטער קאָנוואָי פון אַן ערך 2.000 נפשות פון רובעלניצער לאַגער.

בסך הכל האָט דער ווערטוזשענער לאַגער אויפגענומען אַן ערך 22.000 ייִדן.

לויטן באַפעל פון העכסטן גענ. שטאַב וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם לייטנאַנט קאָלאָנעל פאַלאַדע, האָבן אין ווערטוזשענער לאַגער אַרײַן גע־זאָלט עוואַקואירט ווערן אויך די ייִדן וועלכע געפינען זיך אין די לאַגערן פון דער בעלצער זשאַנדאַרמען־לעדזשיונע, אַן ערך 12.000.

אָבער אַזוי ווי נאָכן אויפנעמען די ייִדן פון יענער זײַט דניעסטער, איז שוין געוואָרן אומעגלעך צו אינטערנירן אין לאַגער די דאָזיקע ייִדן, בלײַבט אַז דער ה' לייטנאַנט־קאָלאָנעל פאַלאַדע זאָל זיך שטעלן אין פאַר־בינדונג מיטן ה. ג. ש. בכדי פעסטצושטעלן ווו עס זאָלן אינטערנירט ווערן די ייִדן פון דער בעלצער לעדזשיונע.

פרעטאָר פון דער 3טער אַרמיי, 2טער עש.
לייטנ.־קאָלאָנעל (—) זשעאַן פאַיטעווין.

---

## נומער 59

ב ס ו ד

נומ. 641, 20טער אויגוסט 1941
פון: אַמט פון גרויס־פרעטאָר
צום: העכסטן גענ.־שטאַב, 2טע סעק.

צו אײַער באַפעל נומ. 3856 פון 17טן אויגוסט 1941:

איך האָב דעם כבוד צו ראַפּאָרטירן, אַז די 13.000 ייִדן זענען אינ־טערנירט געוואָרן אין ווערטוזשענער לאַגער.

ביזן 21טן אויגוסט, ה. י. וועלן די ייִדן פון די לאַגערן אַלעקסאַנדרו טשעל בון און רובעלניצע געפירט ווערן אין ווערטוזשענער לאַגער אַרײַן, הגם אַלע ייִדן פון דער סאָראָקער לעדזשיונע זענען אין דעם דאָזיקן לאַגער.

פאַרן גרויס־פּרעטאָר
קאָל. (—) האַדזשיקירעאַ

---

## נומער 60

זאָל ראַפּאָרטירן ווי אַזוי עס איז געמאַכט געוואָרן דער אַריבערפיר, מחמת וואָס פאַר אַ סיבות איז דער אַריבערפיר בכלל געמאַכט געוואָרן? פאַרוואָס איז דערלויבט געוואָרן דער אַריבערפיר? איצט זיי ווידער אַריבערצושטעלן צוריק — איז שווערער.
(—)האַדזשיקירעאַ.

אַרײַנג. נומ. 665 פון 19.8.41
נומ. 106 פון 19טן אויגוסט 1941
פון: קעשענעווער זשאַנד.-אינספעקטאָראַט
צום: גרויס־פּרעטאָר.

מיר ראַפּאָרטירן אַז אין דער נאַכט פון 17טן אויפן 18טן אויגוסט 1941, זענען אַריבערגעפירט געוואָרן פון אוקראַינע קיין בעסאַראַביע, אַקעגן קאָסעוץ, סאָראָקער קרײַז, 12.500 ייִדן.

גיט אַ טעלעגראַפישן באַפעל דער סאָראָקער לעדזשיונע, אַז זי זאָל זיי באַלד צוריקשיקן איבערן דניעסטער קיין אוקראַינע.

קאָלאָנעל (—) מעקולעסקו

---

דריטע ארמיי — אינטערנירונגס־לאגערווערטושען

נומער 61

**חשבון פון די ייִדן וועלכע זענען אינטערנירט געוואָרן אין לאַגער פון שטעטל ווערטוזשען צום 23טן אויגוסט:**

| נאָך דער צענטראַל. | פון רומעניע | אויסלענדער | אַלגעמיינער ס"ה |
|---|---|---|---|
| 23.000 | 22.960 | 49 | 23.009 |

לשם פינקטלעכקייט באַשטעטיקן מיר דעם דאָזיקן צושטאַנד־באַריכט.
קאָמאַנדאַנט פון לאַגער פאַר געפאַנגענע נום. 5
(—) קאָלאָנעל קאָנסטאַנטינעסקו אַלעקס.

25.8.941

צענטראַליזירונג

(—) גענ. טאָפאָר

סעקוראַנער לאַגער — — — — — — — — 10.306
יעדינעצער לאַגער — — — — — — — — 11.762

**חשבון פון דאָרפּישע ייִדישע פאַרמעגנס אין בעסאַראַביע**

נומער 62

נום. ב/3959 פון 20טן אויגוסט 1941
פון: העכסטן גענ.־שטאַב
צום: אַמט פון גרוים־פּרעטאָר, 2טע סעקציע

איך האָב דעם כבוד אײַך צו בעטן, אַז איר זאָלט באַוויליקן צו פאַר־אָרדענען, אַז די זשאַנדאַרמען־לעדזשיונעס פון אונדזערע גרענעץ־געביטן בשכנות מיטן ראַטנפאַרבאַנד זאָלן ראַפּאָרטירן:

19.8.1941
דער ה' אינספּעקטאָר פון די טשערנאָוויצער און קעשענעווער קרײַזן זאָל באַריכטן.
קאָלאָנעל
(—) האַדזשיקירעאַ

— וועגן אַלע שטעטלעך און דערפער וואָס זענען איצט, אָדער זענען געווען פריער באַוווינט נאָר פון ייִדן (ייִדישע קאָלאָניעס), אָנגעבנדיק וועגן יעדן איינעם:
— צי זיי זענען עוואַקואירט געוואָרן אָדער זיי זענען באַוווינט און פון וועמען זיי זענען באַוווינט;

— צי די בנינים זענען אין א מצב אויף צו קענען אין זיי וווינען און וויפל נפשות עס קענען אין זיי וווינען;

— וואס פאר א יידישע אגריקולטור־פארמעגנס געהערן דעם באַטרעפנדיקן ישוב; שטח: גערטנער, אדער אקער־לאנד.

— וואס פאר אן אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען געפינען זיך אין יעדן באטרעפנדיקן ישוב.

מיר בעטן אייך וואס דרינגענדיקער צוצושטעלן צום העכסטן גענעראל־שטאב דעם רעזולטאט, וועלכער זאל דורך אייך צענטראליזירט ווערן.

נאך דעם, וואס איר וועט האבן צענטראליזירט דעם רעזולטאט, בעטן מיר אייך אים וואס דרינגענדיקער צוצושטעלן צום העכסטן גענעראל־שטאב.

ד. א.

| | |
|---|---|
| פארן שעף פון דער 2טער סעקציע | פארן שעף פון 2טן ביורא |
| לייטנ.-קאלאנעל (—) ג. נ. פעטרעסקו | קאפיטאן (—) ג. עוועלעסקו |

## נומער 63

בסוד
ספעצ. געגנט

ארייננ. נומ. 667
9טער סעפטעמבער 1941
נומ. 1220
9טער סעפטעמבער 1941
בעסאראבער זשאנדארמען אינספעקטאראט
קעשענעוו
צום: גרוים־פרעטאר
מיליטערישער פאסט־אמט נומ. 85

צו אייער באפעל נומ. 667/941, אין שייכות מיט די שטעטלעך און דערפער, וואס זענען איצט אדער פריער געווען באוווינט מיט יידן — און צי זיי זענען אין דעם מאמענט עוואקוירט;

איך האָב דעם כבוד בײַצולייגן אַ באַריכט וועגן די ייִדישע קאָלאָניעס און שטעטלעך, ווו איך גיב אָן לעבן יעדן איינעם די הײַזער, גערטנער, שטחים און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואָס זענען געבליבן פֿון די ייִדן, וואָס אויף דער טעריטאָריע פֿון דעם דאָזיקן אינספּעקטאָראַט, וועלכע זענען אַנטלאָפֿן אין ראַטנפֿאַרבאַנד. 1)

מיר ראַפּאָרטירן גלײַכצײַטיק, אַז די ישובים וועלכע זענען אָנגעגעבן אין דעם דאָזיקן באַריכט זענען ניט געווען באַוווינט אויסשליסלעך פֿון ייִדן.

בעסאַראַבער זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאָראַט, קעשענעוו
קאָלאָנעל (—) ט. מעקולעסקו

שעף פֿון פּאָליציי־ביוראָ
קאַפּיטאַן (—) י. וואַלקולעסקו

---

1) צו דעם דאָזיקן באַריכט איז בײַגעלייגט אַ לאַנגער און פֿאַר־פּלאָנטערטער חשבון פֿון וועלכן עס באַקומט זיך דאָך, אַז אין די דערפֿער פֿון באַטינער קרײַז, ווו עס האָבן געוווינט ייִדן, זענען, צווישן אַנדערן, געבליבן די ווײַטער־אויסגערעכנטע פֿאַרמעגנס, וועלכע האָבן געהערט צו ייִדן, וואָס זענען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון זייערע היימען:

וווינונגען מיט אַ קאַפּאַציטעט צו באַזעצן אין זיי 26.000 נפשות; 143 העקטאַר גאָרטן; 3.874 העקטאַר אַקערלאַנד; 7 סיסטעמאַטישע מילן; 2 פּויערישע מילן; 1 צוקער־פֿאַבריק; 4 אייל־פֿאַבריקן; 1 טאַרטאַק; 1 זייף־פֿאַבריק; 1 ביר־פֿאַבריק; 1 ספּירט־פֿאַבריק.

---

## נומער 64

אַרײַנג. נום. 667
20-9-1941
נום. 6982
28-8-1941
טשערנאָוויצער זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאָראַט
צום: גרויס־פּרעטאָר

צו אייער טעלעפאנישן באפעל נומ. 667 פון 19טן אויגוסט 1941, דורך וועלכן עס ווערט באפוילן צוצושטעלן א באריכט וועגן די שטעטלעך און דערפער, וואס ביי דער גרענעץ מיטן ראטנפארבאנד, וועלכע זענען געוועזן באוווינט מיט יידן;

האב איך דעם כבוד ביילייגן א באריכט, וואס איז צוזאמענגעשטעלט געווארן דורך דער כאטינער זשאנדארמען־לעדזשיונע, בהסכם מיט אייער אויבנדערמאנטן באפעל. 1)

די איבעריקע לעדזשיונעס טיילן מיט, אז ביי זיי זענען ניט פאראן אזעלכע פאלן.

| | |
|---|---|
| טשערנאוויצער זשאנד.־אינספעקטאראט | שעף פון פאליציי־ביורא |
| קאלאנעל (—) י. מאנעקוצא | לייטנ. (—) א. פענעטעליאנו |

---

1) צו דעם דאזיקן ראפארט איז ביינעלייגט א טאבעלע, וועלכע אנטהאלט די וויטער־אויסגערעכנטע פארמעגנס, וואס זענען פארבליבן פון די יידן, וועלכע זענען פארטריבן געווארן פון די יידישע שטעטלעך־קאלאניעס.

סאראקער קרייז — שטעטל טעלענעשט — 692 הייזער, 1934 העק. אקערלאנד, 11 מילן, 73 העק. פאשע־לאנד, 5 אייל־פאבריקן, 24 הייזער־פארצעלעס, 5 קאלך־אויוונס, 595 העקטאר וויינגארטן, 1 פאבריק צום ציפן וואל.

אורהיווער קרייז, שטעטל ווערטוזשען, 325 הייזער, 600 העק. וויינגארטן, 353 העקטאר אקערלאנד, 2 מילן.

שטעטל אטאקי — 163 הייזער, 125 העקטאר אקערלאנד, 1 אייל־פאבריק.

שטעטל וואד־ראשקעוו — 36 העק. אקערלאנד, 1 מיל, 12 העק. אקערלאנד, 1 אייל־פאבריק.

## פראָוון פון דער פעדעראַציע פון יידישע קהילות־פאַרבאַנדן צו העלפן די יידן פון די לאַגערן.

### נומער 65

פעדעראציע פון די יידישע קהילות־פארבאנדן אין לאנד

נומ. 968 בוקארעשט, 19טער אויגוסט, 1941

צו דעם ה׳ אינערן־מיניסטער.

ה׳ מיניסטער:

מיר האָבן דעם כבוד פירצוברענגען פאר אייער אויפמערקזאמקייט דאָס ווייטערדיקע:

אין סעקוראן (בעסאראביע) זענען צונויפגענומען געוואָרן 25.000־30.000 יידן — עוואקואירטע פון סטאראזשינעץ, סעלעטין, פוטילא, פלאסקא, וואסקעוץ, וויזשניצע, לוזשאן, ליפקאן, א. א. וו.

זיי האָבן ניט קיין דאך איבערן קאָפּ, ניט קיין שפּייז, ניט קיין מלבושים און ניט קיין מעדיצינישע הילף.

עס איז קיינעם ניט דערלויבט צוצושיקן צו זיי וואָס פאר א ס׳ניט איז הילף. די נויט וואָס הערשט צווישן זיי, פארמשפּט זיי אַלע צום טויט, אָבער זי קען אויך ווערן א דראָענדיקע עפּנטלעכע געפאָר, ווייל אזאַ מין מענטשן־אָנזאמלונג קען זיך פארוואנדלען אין א פונקט ווו עס זאָל אַנטשטיין און פון וואַנען עס זאָלן זיך אויסשפּרייטן אַנשטעקיקע און עפּידעמישע שלאפקייטן.

מיר בעטן אייך צו באוויליקן און באטראכטן, צי עס איז ניט מעגלעך צו באזייטיקן די דאָזיקע געפאָרן, דורך א פאראָרדענונג צוריקצושיקן די עוואקואירטע אהין פון וואנען זיי זענען געקומען און אויף יעדן פאַל, צי עס איז נישט נוצלעך צו פארקלענערן די נויט, מיטן דערלויבן צוצושיקן הילף.

נעמט צו — מיר בעטן עס אייך — ה׳ מיניסטער, די פארזיכערונג פון אונדזער באזונדערער אכטונג.

ד״ר וו. פילדערמאַן — מאטאטיאס קארפּ

פרעזידענט — גענ. סעקרעטאר

## נומער 66

## פעדעראַציע פון די ייִדישע קהילות־פאַרבאַנדן אין לאַנד

נום. 1362 21טער אויגוסט, 1941

צו דעם ה׳
וויצע-פּרעזידענט און צײַטווייליקן פּרעזידענט פון מיניסטאָרן־ראַט.
ה׳ וויצע־פּרעזידענט:

מיר האָבן דעם כּבֿוד אײַך צו בעטן, איר זאָלט באַוויליקן צו פאַר־אָרדענען, אַז עס זאָל אונדז דערלויבט ווערן צו שיקן הילף אין געלט צו די ראשי־הקהל פון אַ טייל ישובֿים אין בעסאַראַביע און בוקאָווינע, ווע־מענס מיטגלידער זענען געבליבן אינגאַנצן אָן מיטלען.

די דאָזיקע הילף זאָל נישט פאַרטיילט ווערן, נײַערט זי זאָל פאַר־ווענדעט ווערן מצד די ראשי־הקהל אויף קאָלעקטיווער הילף, אין נאַטור, דורכן שאַפן פאָלקס־קיכן, מעדיצינישע הילפס-פונקטן א. א. וו. — הילף, וועלכע דאַרף געשיקט ווערן אַמדרינגענדיקסטן, נעמענדיק אין אַכט דעם מצב פון אויסגעשעפּטקייט פון יענע ייִדן און די סכּנה פון שלאַפּקייטן און עפּידעמיעס.

נעמט צו — מיר בעטן עס אײַך, — ה׳ וויצעפּרעזידענט, די פאַרזי־כערונג פון אונדזער באַזונדערער אַכטונג.

ד״ר וו. פילדערמאַן
פּרעזידענט

מאַטאַטיאַס קאַרפּ
גענ. סעקרעטאַר

---

## נומער 67

העכסטער גענ.־שטאַב
1טע סעקציע
קאַנטראָל־ביוראָ וואַטראַ־מאַטאַ, 323

נום. 37871 פון 7טן סעפּט. 1941

העכסטער גענ.־שטאב 1טע סעק.
צום: פארבאנד פון די ייד. קהילות
גאס: ד״ר בורגעלעא נומ. 3, הי.

מיט כבוד ווערט געמאלדן, אז עס איז ניט פארבאטן געווארן צו שיקן הילף צו די יידן וועלכע זענען אינטערנירט אין סעקוראן, נאר אז פארקערט, די דאזיקע הילף איז אפילו געבעטן געווארן ביי די יידישע קהילות פון מאלדאווע.

דער העכסטער גענ.־שטאב האט פאראָרדנט, אז איר זאלט צונויפ־זאמלען יעדער מין הילף, אמגעוווּנטשנסטן אין געלט, וועלכע זאל איבער־געשיקט ווערן אין לאגער אריין דורכן העכסטן גענ.־שטאב, 2טע סעקציע, ביורא פאר געפאנגענע.

| | |
|---|---|
| שעף פון דער 1טער סעקציע | שעף פון קאנטראל־ביורא וואטרא |
| קאלאנעל (—) אומלייענבאר | מאיאר (—) פאפעסקו יעודזשען |

## נומער 68

### פעדעראציע פון די יידישע קהילות־פארבאנדן אין לאנד

נומ. 1010 28טער אויגוסט, 1941

צו דעם ה׳ פרעזידענט פון מיניסטארן־ראט.
ה׳ פרעזידענט:

מיר האבן דעם כבוד אייך צו בעטן, איר זאלט באוויליקן צו פאר־אָרדענען, אז עס זאל דערלויבט ווערן צו שיקן דעלעגאטן מיט הילף און שפייז־ארטיקלען, קליידער, מעדיקאמענטן און געלט, אין די לאגערן פאר יידן, וואס זענען געשאפן געווארן אין סעקוראן, יעדינעץ, אטאקי און אין די איבעריקע ערטער פון בעסאראביע און בוקאווינע, אין וועלכע עס געפינען זיך אינטערנירטע יידן.

בכדי צו שיקן אזא מין הילף האט דער מיליטערישער קאמאנדא־מענט געפאדערט ביי דער יאסער יידישער קהילה, אז זי זאל פארשאפן די נייטיקע סומעס.

דער פארבאנד פון יידישע קהילות אין אלט־רומעניע האט איבער־געוויזן טעלעפאניש דער יידישער קהילה אין יאס די סומע פון 300.000 לעי און די יאסער קהילה האט פון איר זייט נאך צוגעגעבן די סומע פון 200.000 לעי, און האט אויף אזא אופן געשאפן אן ערשטן פאנד פון 500.000 לעי אויף הילף פאר די עוואקואירטע.

אזא מין הילף וואלט אבער געוועזן זייער ווייט פון ווירקזאם, מחמת עס איז נייטיק צו גרינדן אויפן ארט קאנטינעס, אין וועלכע די יידישע באפעלקערונג זאל באקומען שפייז און נישט קיין געלט.

אזוי וואלטן שוין אויך די אייגענע דעלעגאטן פון די קהילות גע־זארגט, אז עס זאלן געשאפן ווערן קליינע מעדיצינישע הילפס־פונקטן, ווו עס זאל געזארגט ווערן פארן געזונט פון די עוואקואירטע, פארמיידנדיק אויף אזא מין אופן, אז עס זאלן זיך יאוועז און פארשפרייטן עפידעמיעס, וועלכע וואלטן מיט זיך פארגעשטעלט אן אלגעמיינע סכנה.

מיר גלויבן, אז איר וועט באוויליקן איינצוזען, אז אונדזער ביטע איז א באגרינדעטע און אז איר גינסטיקע און אומפארזאמטע לייזונג, איז אין אלגעמיינעם אינטערעס.

נעמט צו, ביטע, ה׳ פרעזידענט פון ראט, די פארזיכערונג פון אונ־דזער באזונדערער אכטונג.

ד״ר וו. פילדערמאן
פרעזידענט

מאטאטיאס קארפ
גענ. סעקרעטאר

---

## נומער 69

### אויסצוג פון באשולדיקונגס־אקט וואס עס האט אויסגעארבעט דער פאלקס־טריבונאל קעגן די קאמאנדאנטן פון די לאגערן אין ווערטוזשען און אין מארקולעשט.

דער ה׳ קאלאנעל אגאפיע שיקט צו דער יידישער קהילה אין יאס דעם ה׳ ניקאלאו גר. פעטרע, אלס ספעציעלן שליח, וועלכער איז דאן גע־

ווען א סאָלדאַט ט. ר. (רעדוצירטער טערמין), אַז ער זאָל ברענגען געלט־הילף.

דער ה' ניקאָלאו גר. פעטרע, דער ספּעציעלער שליח פון דער רעגירונג אָנערקענט אין זיינע דערקלערונגען, אַז ער איז געווען אין יאס דעם 9טן סעפּטעמבער 1941, פון וואַנען ער האָט געבראַכט, מצד דער יידישער קהילה, די סומע פון 300.000 לעי פאַר די הצטרכותן פון די אינטערנירטע אין ווערטוזשען.

די דאָזיקע סומע, אָנערקענט דער ה' קאָלאָנעל אגאַפּיע ביי דער אויספאָרשונג, אַז ער האָט זי ריכטיק באַקומען און אַז ער זאָל זי האָבן פאַרווענדעט אויף שפּייז פאַר די אינטערנירטע.

אָבער עס באַקומט זיך פון ערגעץ־ניט, ווי אַזוי די דאָזיקע סומע איז פאַרנוצט געוואָרן.

און נאָך מער: דער ה' ניקאָלאו גר. פּעטרע ווייזט אָן אין זיין דערמאָנטער דעקלאַראַציע אַז אין דעם זעלבן מאָמענט, ווען ער האָט איבערגעגעבן אין די הענט אַריין דעם ה' לאַגער־קאַסיר, אונטערלייטענאַנט פּעטרעסקו, די סומע פון 300.000 לעי, איז לויטן באַפעל פון ה' קאָלאָנעל אגאַפּיע, געגעבן געוואָרן דעם ה' לייטנאַנט יופּו קריסטו, אַלס הלואה, די סומע פון 50.000 לעי, און מיטן איבעריקן געלט ווייסט דער עדות נישט וואָס עס איז געשען.

ווען דער ה' קאָלאָנעל אגאַפּיע זאָל געווען האָבן גוטע כוונות בנוגע די אינטערנירטע, וואָלט ער אודאי געווען איבערגעגעבן די דאָזיקע סומע אין די הענט אַריין דעם יידישן קאָמיטעט, וואָס האָט עקזיסטירט אין לאַגער; דער דאָזיקער קאָמיטעט איז דאָך, איבעריקנס, געווען דער איינציקער באַרעכטיקטער איינצוקאַסירן געלט וואָס האָט זיך באַקומען פון די קהילות פאַר די דעפּאָרטירטע יידן.

## סטאַטיסטיקעס וואָס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין שייכות מיטן דעפּאָרטירן די יידן פון די לאַגערן.

### נומער 70

ט ע ל ע פ אָ נ י ש — נומ. 721 פון 24טן אויגוסט 1941

זשאַנדאַרמען-אינספּעקטאָראַט פון קעשענעוו און טשערנאָוויץ

בכדי צוזאַמענצושטעלן אַ סטאַטיסטיק פון די יידן אין די לאַגערן, ראַפּאָרטירט די צאָל לאַגערן וואָס אויפן שטח פון אייער אינספּעקטאָראַט, ווי אויך די צאָל יידן וואָס געפינט זיך אין יעדן לאַגער, לויט קאַטעגאָריעס: מענער, פרויען, קינדער.

גרויס-פּרעטאָר
געז. יאָאַן טאָפּאָר

---

### נומער 71

ב ס ו ד — נומ. 1104 — אריינג. נומ. 721
31טער אויגוסט, 1941

פון: זשאַנדאַרמען-אינספּעקטאָראַט אין קעשענעוו, בעסאַראַביע
צום: גרויס-פּרעטאָר

צו אייער טעלעפאָנישן באַפעל נומ. 721/941:

איך האָב דעם כבוד אייך צוצושיקן, ביינעלייגט, אַ חשבון פון די יידן וועלכע געפינען זיך אויפן שטח פון דעם דאָזיקן אינספּעקטאָראַט, אינטערנירטע אין לאַגערן, לויט קאַטעגאָריעס.

בעסאַראַביער זשאַנדאַרמען-אינספּ. — שעף פון פּאָליציי-ביוראָ
קאָלאָנעל ס. מעקולעסקו — מאַיאָר טאַמעסקו

---

## זשאַנדאַרמעריע־אינספּעקטאָראַט קעשענעוו — בעסאַראַביע

### חשבון פון די ייִדן, לויט קאַטעגאָריעס, וואָס זענען אינטערנירט אין די לאַגערן, וואָס אויפן שטח פון דעם דאָזיקן אינספּעקטאָראַט:

| נומ. | לעגיאָנע | לאַגער | צאָל ייִדן לויט קאַטעגאָריעס מענער | פרויען | קינדער | סך־הכל |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | בעלץ | נײַ־ליטמבען | 877 | 908 | 849 | 2634 |
| | | רישקאַן | 795 | 1164 | 1113 | 3072 |
| | | רעוצעל | 706 | 1469 | 1060 | 3235 |
| 2 | קאַהול | — | — | — | — | — |
| 3 | נײַ־קיליע | — | — | — | — | — |
| 4 | לאַפּושנאַ | — | — | — | — | — |
| 5 | טשעט. אַלבאַ | — | — | — | — | — |
| 6 | איזמאַיל | — | — | — | — | — |
| 7 | אורהיעוו | — | — | — | — | — |
| 8 | סאָראָקע |ווערטויזשען | 8182 | 8540 | 6247 | 22969 |
| 9 | סיגינאַ | — | — | — | — | — |
| | ס ך ־ ה כ ל | | 10560 | 12081 | 9269 | 31910 |

מיר באַשטעטיקן די גענויקייט פון דער דאָזיקער צונויפשטעלונג.

קעשענעווער זשאַנד.־אינספּעקטאָר — שעף פון פּאָליציי־ביוראָ

קאָלאָנעל ט. מעקולעסקו — מאַיאָר טאָמעסקו

---

### נומער 72

ב ס ו ד — אַרײַנג. נומ. 925

ספּעצ. געגנט — 16טער סעפּט. 1941

ט ר אַ נ ס נ י ס ט ר י ע

פון: טשערנאָוויצער זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאָראַט
צום: אַמט פון גרויס-פּרעטאָר

אַקטן־העפט

געג. טאָפּאָר

איך האָב דעם כּבוד צו ראַפּאָרטירן, אַז די כאָטינער זשאַנדאַרמען־לעדזשיונע באַריכטעט אין איר ראַפּאָרט נומ. 33 פון 28טן אויגוסט 1941 וועגן מצב אין די ייִדן־לאַגערן פון יעדינעץ און סעקוראַן. און אַט ווי דער מצב איז:

## יעדינעצער לאַגער

1. — אַלגעמיינע צאָל פון די ייִדן.

לויט דער ציילונג, וואָס עס האָט געמאַכט דער זשאַנדאַרמען־פּאָסט זענען פאַראַן 12248 ייִדן. לויט דער ציילונג פון אַמט נומ. 4 פאַר היגיענע און פּראָפילאַקטיק זאָל די אַלגעמיינע צאָל ייִדן זײַן פון 11224 נפשות, ד"ה ווייניקער מיט 1024 לויט וויפל עס גיבן אָן די זשאַנדאַרמען.

דער ה׳ פּרעפעקט פון כאָטינער קרײַז האָט פאַראָרדנט, אַז עס זאָל אויסגעאַרבעט ווערן אַ נאָמענטלעכע טאַבעלע, אַזוי אַז עס זאָל דורך דעם פעסטגעשטעלט ווערן גענוי זייער צאָל.

2. — איינקוואַרטירונג.

אַלע ייִדן זענען איינגעקוואַרטירט אין אַ קוואַרטאַל פון 5 גאַסן, אין די הײַזער, וועלכע זענען געבליבן ליידיק, נאָכן עוואַקואירן די אָרטיקע ייִדן. די איינקוואַרטירונג איז געמאַכט געוואָרן בײַ גוטע באַדינגונגען.

3. — באַשפּייזונג.

פון די געלטער, וואָס די פּרעפעקטורע האָט געשטעלט צו דיספּאָזיציע, איז ביז הײַנט פאַרטיילט געוואָרן ברויט אומזיסט די אַלע, וועלכע האָבן אינגאַנצן נישט קיין מיטלען.

דער ה׳ פּרעפעקט האָט באַשטעטיקט, אַז ביז עס וועלן זיך אויסלאָזן די פאָנדן, וואָס ער האָט, זאָלן טעגלעך פאַרטיילט ווערן 1500 לאַבנס ברויט אומזיסט און 1500 אויף דעם פּרײַז פון 10 לעי אַ קילאָ.

עס קומט, אזוי ארום, אויס צו 200 — 400 גר. ברויט טעגלעך אויף א מענטשן, אריינגערעכנט שוין אויך די קליינע קינדער.

אין דעם געוועלב, וווּ עס פארקויפט זיך דאס ברויט פאר די אינטערנירטע, זענען געבליבן עטלעכע הונדערט לאבנס ברויט, וועלכע האבן אנגעהויבן שימלען, מחמת קיינער קויפט זיי ניט, ווארטנדיק אז מען זאל זיי צעטיילן אומזיסט. די יידן קלאגן זיך, אז זיי האבן שוין אינגאנצן נישט קיין געלט-מיטלען, ווייל זיי זענען בארויבט געווארן און דאס וואס איז זיי נאך געבליבן, האבן זיי אויספארקויפט אויף צו קענען לעבן.

אין דער אמתן איז א טייל פון זיי אין א שווערער לאגע, אבער עס זענען נאך דא אויך אזעלכע, וועלכע האבן יא געלט. א באוויז דערויף איז, אז זיי האבן אנגעבאטן דעם סעקציע־שעף 100.000 לעי, כדי ער זאל זיי פארלייכטערן דאס אוועקשיקן קיין טשערנאוויץ צען משפחות. דער ה׳ קרייז־פרעפעקט האט פארגעשלאגן, אז א קאמיסיע, וואס זיי אליין וועלן אויסקלויבן, זאל צונויפנעמען דאס גאנצע געלט, וואס די יידן פארמאגן און דערפון זאל אויסגעגעבן ווערן אויף זייער אויסהאלט.

דער פארשטייער פון די יידן, מיט וועלכן ער האט גערעדט, האט דאס קאטעגאריש אפגעווארפן און דערקלערט, אז זיי האבן נישט קיין געלט. זיי האבן געבעטן א דערלויבעניש, אז צוויי פון זייעריקע זאלן אוועק, באוואכטע, קיין טשערנאוויץ, בכדי דארט צונויפצוזאמלען געלט, באשפייזונג און מלבושים.

דער ה׳ פרעפעקט האט ראפארטירט צום גאווערנאמענט וועגן דעם דאזיקן ענין.

עס זענען ארויסגעשיקט געווארן אויף ארבעט ביי די שאסייען 600 יידן; עס וועט זיי געצאלט ווערן 35 לעי א טאג.

4. — מעדיצינישע הילף.

איידער זיי האבן פארנומען די הייזער, וואס זענען פאר זיי באשטימט געווארן, האט דער אמט נומ. 4 פאר היגיענע און פראפילאקטיק, פון יעדינעץ, דעזינפיצירט אלע יידן. אלע זענען זיי דעפאראזיטירט און אויסגעבאדן געווארן.

די מעדיצינישע הילף איז אין דעם מאָמענט פאַרזיכערט דורך די 15 יידישע דאָקטוירים פון לאַגער.

עס איז פאַר זיי באַשטימט געוואָרן אַ הויז, וואָס דינט אַלס מעדי־צינישער הילפס־צענטער. קיין מעדיקאַמענטן זענען נישטאָ. ביז איצט האָבן זיך באַוויזן די ווײַטער־אויסגערעכנטע עפּידעמיעס:

2 פאַלן פון שקאַרלאַטינע

4 פאַלן פון מאָזלען.

4 פאַלן פון „רויזן".

4 פאַלן פון דעזינטעריע

1 פאַרדעכטיקער טיפוס־פאַל.

אין די ערשטע טעג פון זייער אָנקומען אין לאַגער אַרײַן זענען געשטאָרבן צו 4-5 יידן אַ טאָג; שטופנווײַז זענען די טויט־פאַלן פאַרמינערט געוואָרן.

5. — באַוואַכונג.

ביז איצט איז די וואַך געווען שלעכט אָרגאַניזירט, מחמת דעם מאַנגל אין מענטשן. עס זענען צוגעטיילט געוואָרן טעגלעך פאַר דער וואַך 6 זשאַנדאַרן און 50 פּרעמיליטאַרן, אונטערן באַפעל פון סערזשאַנט־מאַ־זשאָר אולמעאַנו וואַיטשילע.

די פּרעמיליטאַרן האָבן זיך אָבער אַרײַנ־געלאָזט אין גנבענען און אין אַנדערע מיסברויכן, אַזוי, אַז ניט נאָר האָבן זיי נישט פאַרזיכערט די באַוואַכונג, נאָר זיי האָבן איר נאָך געשטערט.

מיטן אָנקום פון דרײַ זשאַנדאַרם־פּלוטאָנען, איז דאָס באַוואַכונגס־פּראָבלעם געלייזט געוואָרן.

צו דער באַוואַכונג האָט אויך מיטגעהאָלפן דאָס פּיאָנערן־חיל פון גאַרניזאָן, אָבער פונקט ווי די פּרעמיליטאַרן, זענען אויך די דאָזיקע סאָלדאַטן באַגאַנ־גען מיסברויכן.

די יידן דערקלערן, אַז זיי האָבן ניט געקענט אָרגאַניזירן קיין אייגענע

וואך, פאר מורא, אז די סאָלדאטן און פּרעמיליטארן זאָלן זיי דערפאר נישט שלאָגן.

די ייִדן זענען אָרגאניזירט לויט דערפער.

אַלע ייִדן פון יעדן דאָרף האָבן זיך אויסגעקליבן אַ שעה. אזוי איז אויך דאָ אַן עלטסטער איבערן גאנצן לאגער. די דאָזיקע עלטסטע האָבן ניט קיין פּאָליצייאישע אויפגאבע. זייער אויפגאבע באשטייט נאָר אין אָנהאַלטן קאָנטאקט מיט דער מאכט, בכדי צו דערליידיקן אַלע ענינים, וועגן וועלכע די ייִדן קומען זיך באַקלאָגן.

## סעקוראנער לאַגער

1. — אַלגעמיינע צאָל פון די ייִדן.

די צאָל ייִדן, לויט דער ציילונג פון די זשאנדארן, גרייכט צו 10.201. לויט דער ציילונג פון דער קאָמונאַלער מאכט — זענען דאָ בלויז 8302 ייִדן. עס באַקומט זיך אַ דיפערענץ פון 1899 פּארשוין.

דער ה׳ פּרעפעקט האָט באַפוילן דורך די פּרעפעקטורעס, אז עס זאָלן אויסגעאַרבעט ווערן נאָמענטלעכע טאַבעלעס; דאַן וועלן מיר האָבן אַ גע־נויע ציילונג.

2. — איינקווארטירונג.

דאָס איז געמאכט געוואָרן אין אַן אָפּגעזונדערטן קווארטאַל אין גוטע באַדינגונגען.

3. — באַשפּייזונג.

די מאטעריעלע לאַגע פון די ייִדן אין דעם דאָזיקן לאַגער איז עטוואָס בעסער, ווי פון די ייִדן אין יעדינעץ. דאָ געפינען זיך די כאָטינער ייִדן וועלכע האָבן נישט געמוזט דורכמאכן קיין צו לאַנגן וועג, אזוי אז זיי זענען נישט געוועזן אזוי אויסגעשטעלט באַרויבט צו ווערן, ווי יענע פון די ווייטערע קרייזן.

אויס אייגענער איניציאַטיוו האָבן זיי אָנגעהויבן צונויפצוזאַמלען געלט פאַר די אָרעמעלייט.

די פּרעפעקטורע האָט זיי אַרויסגעגעבן אומזיסט: 1400 קילאָ צו־קער, 450 קילאָ קיך־בוימל, 81 קילאָ זאַלץ, 200 קילאָ ברויט.

דאָס ברויט ווערט פארקויפט אויף 13 לעי א קילאָ.
עס זענען גענומען געוואָרן אויף אַרבעט:
קיין בריטשאַן צו די וועגן — 150 פערזאָן.
צום דרעשען — קיין זעלענא — 25 פערזאָן;
צום רייניקן די גאַסן אין סעקוראַן — 30 פערזאָן;
צום פאַריכטן די גאַסן — 20 פערזאָן;
קיין ליפּקאַן, צום שאָסיי — 450 פערזאָן.
גרינסן, מילך און פוטער — ווערן אײַנגעקויפט אויפן מאַרק און עס איז דאָ צו קריגן בשפע.

## 4. — מעדיצינישע הילף.

זי איז פאַרזיכערט א דאַנק די 6 ייִדישע דאָקטוירים, וועלכע זענען פאַרטיילט אויף סעקטאָרן. זיי האָבן א באָד, וואָס פונקציאָנירט פערמאַנענט. עס איז פאַראַן א מאַנגל אין פעטראָל און קאַלך. עס איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן א מעדיצינישער הילפס-פונקט.

## 5. — באַוואַכונג.

דאָס דאָזיקע פּראָבלעם איז געלייזט געוואָרן מיטן אָנקום פון 3 פּאָליציי-פּלוטאָנען.

אין לאַגער גופא ווערן די פּאָליציי-פונקציעס אויסגעפירט דורך ייִדן. זיי זענען אײַנגעטיילט געוואָרן אויף גרופּעס; יעדער גרופּע האָט זיך איר קאָמאַנדאַנט.

אין דעם דאָזיקן לאַגער זענען אינטערנירט אויך 1698 ליפּקאַנער ייִדן, וועלכע זענען געהאַט עוואַקויִרט געוואָרן דורך די רוסן און וועמען דאָס דײַטשישע מיליטער האָט צוריק אריבערגעשטעלט קיין בעסאַראַביע.

די לאַגע אין וועלכער זיי זענען אָנגעקומען איז א באַדויערנסווער־

טע. זיי האָבן ניט געהאַט געגעסן זינט 4 טעג, זענען געווען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן און פול מיט פּאַראַזיטן.

אין פאַל ווען די יידן זאָלן נאָך בלייבן אַ סך צייט אין די דאָזיקע לאַגערן, וועט נייטיק זיין צו פאַריכטן די הרובעס, פאַרזיכערן די באַהייצונג, זיי געבן קליידער און וועש, ווייל די מערסטע פאַרמאָגן נישט מער ווי דאָס, וואָס זיי טראָגן אויף זיך. דאָס וועט זיין אויך אין די אינטערעסן פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, וועלכע וואָלט געהאַט צו ליידן, אויב עס זאָלן אויסברעכן עפּידעמיעס.

| | |
|---|---|
| טשערנאָוויצער זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאָר | שעף פון פּאָליציי־ביוראָ |
| קאָלאָנעל י. מאַנעקוצאַ | לייטנ. א. פּענטעליאַנו |

# דעפּאָרטאַציע־צוגרייטונגען

## נומער 73

### טעלעגראַמע צו דער זשאַנדאַרמען־לעגיאָן אין טיגינאַ (בענדער) פאַרן קאָלאָנעל בראַשטעאַנו עמיל

שיפריט

מיר האָבן באַשטימט די ווייטער־אויסגערעכנטע אַריבערגאַנג־פּונקטן: פון קריולען קיין קאַראַנטין און פון רעזינע קיין ריבניצע.

שטעלט פעסט די מאַרשרוטן און אינסטרואירט די זשאַנדאַרמען־פּלוטאָנען אַזוי, אַז דעם 6טן סעפּטעמבער פאַרטאָג זאָלן זיי קענען אָנהייבן דאָס אַריבערפירן.

איר זאָלט האָבן גרייט פּורלעך צום רעקוויזירן ביי די אַריבערגאַנגס־פּונקטן פאַרן באַגאַזש, פאַר פרויען און קראַנקע.

די גרופּעס וועלן זיין צו 1000 פּערזאָן.

נומ. 808 פון 2טן סעפּטעמבער 1941.

גענעראַל יאָאַן טאָפּאָר

באַמערק.: — דער קאָמאַנדאַנט פון דער טיגיענער לעדזשיונע וועט דעשיפרירן דעם באַפעל און וועט אים איבערשיקן מיט א מאָטאָציקליסט־קוריער צום ה' קאָלאָנעל בראַשטעאַנו, כדי ער זאָל נאָך היינט קענען באַשטעטיקן דאָס דערהאַלטן דעם באַפעל.

נומ. 507/2/941. 13,10 עקספּ. האַריאַ 2-9 — 14,35

2/9-1941 (—) מאַקרי

דער דעשיפרירטער באַפעל איז פאַרניכטעט געוואָרן דורך פאַרברענען.

---

## נומער 74

### טעלעגראַמע

נומ. 666 דעם ה' גענעראַל טאָפּאָר, גרויס־פּרעטאָר

צוגעשטעלט אין טיגינא נומ. 71,213 ווערטער, דעם 3/9 8 אַזייגער איבערגעשיקט דעם 3טן, 17 אַזייגער.

לויטן באַשלוס פון ה' מאַרשאַל אַנטאָנעסקו אין פאַרבינדונג מיטן ה' גובערנאַטאָר פון טראַנסניסטריע וועגן טראַנספּאָרט פון דעם, וואָס איז שוין באַוווסט אויפן 15טן וועט צוגעשטעלט ווערן דער מאַרשרוט, די אָפּשטעל־פּונקטן און די איינקוואַרטירונגס־ערטער סטאַפּ.

די דאָזיקע טעלעגראַמע איז מיטגעטיילט געוואָרן אויך דעם ה' גענעראַל וואַיקולעסקו מצד דעם גובערנאַטאָר פון טראַנסניסטריע.

אָקטן־העפט קאָלאָנעל (—) בראַשטעאַנו

(—) גענ. טאָפּאָר נומ. 1146 זשאַנד.־אינספּ־

---

## נומער 75

העכסטער גענ. שטאַב אריינג. נומ. 835

2טע סעקציע 4טער סעפּט. 1941

| | |
|---|---|
| בסוד | נומ. ב/5023 |
| ז. דרינגענדיק | 4טער סעפּט. 1941 |
| אויספירונג | פון: העכסטן גענעראַל־שטאַב |
| גענ. (—) טאָפּאָר | 2טע סעקציע |

צום: אַמט פון גרויס־פּרעטאָר ה. ג. ש.

איך האָב דעם כבוד אײַך צו בעטן, איר זאָלט באַוויליקן צו פאַראָרדענען, אַז די זשאַנדאַרמען־לעגיאָנען זאָלן צושטעלן אַ גענויעם באַריכט וועגן אַלע ייִדן־לאַגערן, אָדער געטאָס פון בעסאַראַביע און אין בוקאָווינע.

פאַר יעדן לאַגער, אָדער געטאָ וועט אָנגעגעבן ווערן די צאָל אינטערנירטע, ווער עס איז באַאויפטראַגט מיט דער באַוואַכונג און באַשפּייזונג.

מיר בעטן אײַך, אַז דער רעזולטאַט זאָל מעגלעך אַמגיכסטן מיטגעטיילט ווערן דעם העכסטן גענ.־שטאַב.

ד. א.

| | |
|---|---|
| פאַרן שעף פון דער 2טער סעקציע | פאַרן שעף פון 2טן ביוראָ |
| לייטנאַנט־קאָלאָנעל (—) ג. נ. פּעטרעסקו | מאַיאָר (—) אומלייענבאַר |

## נומער 76

אַמט פון גרויס־פּרעטאָר

## באַריכט וועגן די צאָל ייִדן־לאַגערן אין בעסאַראַביע און בוקאָווינע

| נומ. | לעגיאָנען | לאַגער | צאָל ייִדן | באַמערק. |
|---|---|---|---|---|
| 1 | כאָטין | סעקוראַן | 10.356 | 60שע פּאָליציי־קאָמפּאַניע |
| | | יעדינעץ | 11.762 | |
| 2 | בעלץ | ניי־לימבען | 2.634 | בעלצער זשאַנד.-לעגיאָנען |
| | | רישקאַן | 3.072 | |
| | | רעוצעל | 3.253 | 1 פּלוטאָן אונטערן באַפ. פון |
| 3 | סאָראָקע | ווערטוזשען | 22.969 | לייטנ. קאָל. קאָנסטאַנטינעסקו |
| | | סך־הכל | 54.046 | |
| | קעשענעווער | געטאָ | 10.400 | 10טע פּאָליציי־קאָמפּאַניע |

פ. ס. די אָריגינעלע טאַבעלע איז איבערגעגעבן געוואָרן דורכן ה' גענעראַל טאָפּאָר פּערזענלעך דער 2טער סעקציע פון ה. ג. ש.

פלוט. (—) אומלייענבאַר

---

## נומער 77

### דער רעזשים און מצב פון די ייִדן אין די לאַגערן פון סעקוראַן, יעדינעץ און ווערטוזשען, פאַר דער דעפּאָרטאַציע.

נום. 7438 11טער סעפּט. 1941

פון טשערנאָוויצער זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאָראַט

צו דער: בוקאָווינער פּראָווינץ־אַדמיניסטראַציע

איך האָב דעם כבוד צו ראַפּאָרטירן:

אויף דער טעריטאָריע פון כאָטינער קרייַז געפינען זיך 2 לאַגערן, אין וועלכע עס זענען אינטערנירט ייִדן. אין סעקוראַן — א צאָל פון 10,201 און אין יעדינעץ — א צאָל פון 12,248 ייִדן.

דער אַמט פון גרויס־פּרעטאָר האָט מיטן טעלעגראַפישן באַפעל נום. 762 פון 5טן אויגוסט ה. י. (בייַגעלייגט א קאָפּיע) באַשטימט א פּאָליציי־קאַמפּאַניע פאַר דער באַוואַכונג, פאַרפליכטנדיק דעם אינספּעקטאָראַט צו געבן די נייטיקע אינסטרוקציעס און אָנווייַזונגען פאַר דער באַוואַכונג, איינקוואַרטירונג און באַשפּייַזונג.

מינדלעך, טעלעפאָניש, איז מיר מיטגעטיילט געוואָרן, אַז די מלוכה גיט נישט קיין געלט פאַר זייער באַשפּייַזונג, אַזוי אַז עס בלייַבט, אַז די קרייַז־פּרעפעקטורע זאָל זיי באַנוצן צו עפנטלעכע אַרבעטן און זיי באַזאָרגן מיט שפּייַז, אָדער זיי זאָלן זיך דערנערן פאַר זייער אייגן געלט.

קומענדיק אַהין, אויפן אָרט, האָב איך אַרויסגעגעבן די בייַגעלייגטע אָנווייַזונג (עס ווערט דאָ בייַגעלייגט א קאָפּיע).

— נעמענדיק אין אַכט דאָס אויבן־אָנגעוויזענע, האָב איך דעם כבוד אייַך באַקאַנט צו מאַכן, אַז:

— אין די לאַגערן געפינען זיך אַ סך אַלטע לייַט, קינדער און פרויען

— די איינקוואַרטירונג איז אין דעם מאָמענט אָקצעפּטירבאַר; אויפן ווינטער איז זייער נייטיק געוויסע אײַנאָרדענונגען און אײַנריכטונגען.

— בײַ דער גאַנצער אויפזיכט און באַוואַכונגס־מיטלען, איז פון דאָרט זייער לײַכט צו אַנטלויפן; עס איז דעריבער נייטיק האָלץ־מאַטער־יאַל און דראָט, בכדי אָפּצושליסן די גרופּע שטיבער, אין וועלכע זיי זענען אײַנגעקוואַרטירט.

די ייִדן זאָגן, אַז זיי האָבן שוין מער נישט קיין געלט אויף צו קויפן זיך שפּײַז — נעמענדיק אין אַכט די לאַגע פון די דאָזיקע שטעטלעך — בעת אַ שלעכטן וועטער און באַזונדערס ווינטער, ווען דער טראַנספּאָרט קומט אָן זייער שווער און ווען די איינוווינער פון די שכנותדיקע דערפער וועלן מער נישט קענען קומען אין שטעטל אַרײַן מיט קיין עסנוואַרג, וועלן דאַן אויספעלן שפּײַז־אַרטיקלען און די אינטערנירטע וועלן דאַן נייטיק קענען האָבן אַפילו דאָס אומבאַדינגט־נייטיקע, — אויף צו דערוואַרעמען אָדער אָפּקאָכן אַ געקעכץ — האָבן זיי גאָרנישט; אַ קליין קוואַנטום האָלץ וואָס האָט זיך דאָרט געפונען — האָט זיך שוין אויסגעלאָזט און אין דעם מאָמענט פאַרברענען זיי די פּלויטן, אָדער זיי רײַסן שטיקער פון דאַך.

— די מערסטע פון זיי האָבן נישט קיין קליידער און אַבסאָלוט גאָרנישט צום אײַנדעקן זיך. היות די מערסטע זענען שוין געהאַט אַריבערגעפירט געוואָרן דורך די דײַטשן, האָבן זיי פאַרלוירן, אָדער עס איז זיי צוגענומען געוואָרן אין אוקראַינע כמעט אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט.

זיי האָבן גאָרנישט מיט וואָס אָפּצוקאָכן עפּעס אויף צו עסן; יעדער קאָכט אין דער שטוב וווּ ער איז איינקוואַרטירט.

מעדיקאַמענטן פעלן.

לויטן באַפעל נומ. 4007 פון עטאַפּן־קאָמאַנדאַנט פון דער דריטער אַרמיי (בײַגעלייגט אַ קאָפּיע), קומט אויס, אַז די דאָזיקע לאַגערן זענען

אָפּהענגיק פון דער אַרמיי. דאָך איז אומפאַרשטענדלעך פאַרוואָס אין סע־קוראַן און אין ברימשאַן האָב איך געטראָפן גראָבן שאַסייען פון 7טן באַ־טאַליאָן טעכנישע מענטשן, וועלכע זענען מאָביליזירט געוואָרן פון די זשור־דעצן, בוזעו, פּראַכאָווא, יאַלאָמיצא — מענטשן וועלכע זענען אַוועקגענו־מען געוואָרן פון זייערע היימען, בכדי צו אַרבעטן אין דער געגנט פון די דאָזיקע עטאַפּן, בעת אין די לאַגערן פון סעקוראַן און יעדינעץ זיצן יידן, וועלכע ווערן צו גאָרנישט באַנוצט.

אין שייכות מיט דעם אויבן־ראַפּאָרטירטן, בעט איך אייך — מיט רעספּעקט — אַז איר זאָלט באַוויליקן צו באַשליסן און אינטערווענירן בײַם העכסטן גענ.־שטאַב, כדי עס זאָל אויפגעקלערט ווערן די דאָזיקע לאַגע און עס זאָל ענדגילטיק באַשלאָסן ווערן וועגן די דאָזיקע לאַגערן, וועגן זייער פונקציאָנירונג, אַדמיניסטראַציע, און אַזוי ווייטער.

זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאָר

קאָלאָנעל (—) י. מענעקוצא

---

## נומער 78

## אויסצוגן פון באַשולדיקונגס־אַקט וואָס עס האָט אויסגעאַרבעט דער פאָלקס־טריבונאַל קעגן די קאָמאַנדאַנטן פון ווערטוזשענער לאַגער.

דער רעזערוו־קאָלאָנעל אַגאַפּיע וואַסילע נעמט איבער די אָנפירונג פון ווערטוזשענער לאַגער דעם 8טן סעפּטעמבער 1941.

אַט ווי עס שילדערט אונדז די לאַגע אין דעם דאָזיקן לאַגער דער ה' קאָלאָנעל אַלעקסאַנדרו קאָנסטאַנטינעסקו, זײַן פאָרגייער בײַ דער אָנפי־רונג פון לאַגער.

„די 22.000 — 23.000 יידן, וואָס זענען אָנגעבראַכט געוואָרן פון בוקאָווינע און בעסאַראַביע דורך די זשאַנדאַרמען־לעדזשיונעס, האָבן ניט געקענט אײַנגעקוואַרטירט ווערן אַלע אין דעם קליינעם שטעטעלע ווער־

טוזשען, אזוי אַז זיי האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אומדערלאָזלעכע מענטשן־אָנהויפונג, ווי עס האָט ניט געקענט פאַרזיכערט ווערן קיין אָפּרו־אָרט פאַר יעדן איינעם. עס איז געווען אַ שרעקלעכע ענגשאַפט און צונויפגעמישטקייט, פרויען קינדער, מיידלעך, מענער, קראַנקע מענטשן, גוסס־דיקע מענטשן, קימפעטאָרינס און צו אַלע צרות — אַן אַ שום מעגלעכקייט זיך צו דערנערן. קאָנסעקווענץ: אַ וואָס אַמאָל גרעסערע שטערבלעכקייט".

און ווייַטער ווייַזט ה' קאָלאָנעל קאָנסטאַנטינעסקו אָן, וויפל די דאָזיקע מענטשן האָבן זיך געמוזט אָנלייַדן ביז זיי זענען אָנגעקומען אין לאַגער אַריַין, אויב טאַקע פאַר זייַנע אויגן זענען אַ טייל פון די נאָר וואָס אָנגעקומענע אויסגעגאַנגען, אַ טייל האָבן געחלשט, די שוואַנגערנדיקע האָבן געבוירן קינדער, און אַלע זענען געווען איַינגעטונקען אין לייַז און מיט טשעריקעס."

דער דאָזיקער צושטאַנד וועלכן ס'איז גאָר אומעגלעך צו באַשרייַבן, האָט אים באַוויגן צו אינטערווענירן בייַם העכסטן גענ.-שטאַב, אַז מען זאָל אים באַפרייַען פון דער דאָזיקער פונקציע, ווייַל, זאָגט ער: „ער האָט נישט געוואָלט ווערן אַ מיט־שותף צו די מעשים, וואָס מען האָט פון אים געפאָדערט".

רעזערוו־לייטנאַנט ד"ר יעפורעסקו אַלעקסאַנדרו זאָגט אָט וואָס: „די דאָזיקע מענטשן זענען אָנגעבראַכט געוואָרן פון אַן אַנדערן לאַגער, וואָס איז געווען איַינגעאָרדנט אין אַ וואַלד, אין אַ באַדויערונגסווערטער לאַגע, אין צעפליקטע קליידער און ניט־דערנערטע. די שטערבלעכקייט האָט גע־האַלטן אין וואַקסן".

רעזערוו־אונטערלייטנאַנט פעטרעסקו. קאָרנעליו שטעלט פעסט און

ווײַזט אָן: די לאַגע פון די מענטשן אין ווערטוזשען איז געווען אַ באַ־דויערנווערטיקע, מחמת אין די גרויסע היצן פון חודש אויגוסט זענען זיי געטריבן געוואָרן פון איין אָרט אין אַנדערן, טעג דורכאַנאַנד. אין ווער־טוזשען פלעגן טאָג־טעגלעך אַ סך אויסשטאַרבן. דאָס סיסטעם פון אומענדלעכן אַרומפירן די ייִדישע אינטערנירטע איז געווען דאָס גרעסטע אומגליק פון דער דאָזיקער צײַט".

קאַפּיטאַן סטאַנעסקו גאָרגע:

„די לאַגע פון די מענטשן, וואָס זענען אָנגעקומען קיין ווערטוזשען איז געווען אַ באַדויערנסווערטע; נישט־געגעסענע, פול מיט טשעריקערס, האָבן זיי זיך קוים געשלעפּט".

דער עדות, מאַגיסטער פּ. גר. ניקאָלאַו, ווײַזט אויך אָן, אַז די אינ־טערנירטע האָבן געוווינט אויף בוידעמער, אין הינער־שטאַלן, קעלערן, שפּײַכלערס, וועלכע זענען אַלע געווען אַבסאָלוט אָנגעפּראַפּט. קיין שום סאַניטאַרע באַזאָרגונג. עס פלעגן שטאַרבן 50-60 מענטשן טעגלעך. זייער ווייניק וואַסער, מען פלעג אָפּשטיין שעהען־לאַנג אין דער ריי נאָך אַ קענדל וואַסער.

אויך קאָלאָנעל אַגאַפּיע ווײַזט אָן אין זיין דערמאָנטן מעמאָראַנדום אַז די מענטשן זענען געווען אויסגעשעפּט, נאַקעט, הונגעריק און קראַנק.

אַזוי האָט אויסגעזען דער ווערטוזשענער לאַגער, אויפן ברעג פון דניעסטער, ווו צענדליקער טויזנטער דעפּאָרטירטע ייִדן, האָבן אַרויסגע־קוקט אויף אַ פּיצל הילף וואָס זאָל ראַטעווען זייער געזונט און לעבן, און דאָס דאָזיקע פּיצל הילף האָבן זיי אָפּגעזאָגט דער קאָלאָנעל אַגאַפּיע וואַ־סילע און דער קאַפּיטאַן בוראַדעסקו, וועלכע האָבן געטון אַלץ, כדי זיי וואָס שווערער צו מאַכן זייער גורל, וועלכן זיי האָבן זיך מיט גאָרניט פאַרדינט.

ה' קאָלאָנעל אַגאַפּיע, אַנשטאַט צו זאָרגן פאַר דער ריינקייט, פון וועלכער עס איז דירעקט געווען אָפּהענגיק דאָס געזונט און לעבן, פון די מענטשן, פלעג אויסנוצן די אַרבעט פון די ייִדן צום פאַבריצירן זייף,

מיט וועלכער ער האָט ספּעקולירט צוליב פּערזענלעכע נוצן, בעת די אינ־טערנירטע און אפילו די זעלנער זענען געווען פול מיט שמוץ און לייז.

ער ווייזט ווייטער אָן אויף די מיסברויכן וואָס עס איז באַגאַנגען דער קאָלאָנעל אַגאַפּיע מיט זיינע אונטעראָרדנטע, און נעמלעך:

1) זיי האָבן אָראָפּגענומען די בלעך פון אַלע דעכער פון דאָרף, בכדי פון איר צו פאַבריצירן פושקעס אויף פעטס, וועלכעס דער קאָלאָנעל אַגאַפּיע, דער קאַפּיטאַן בוראַדעסקו און די איבעריקע אָפיצירן פלעגן אוועקשיקן צו זיך אַהיים.

2) זיי פלעגן איינקאַסירן אומלעגאַלע טאַקסעס ביי די פּויערים, פאַרן רעכט צו פאַרקויפן די אינטערנירטע זייערע פּראָדוקטן.

3) זיי פלעגן איינקאַסירן אַ טאַקסע ביי די ייִדן, וועלכע פלעגן אַרויסגיין פון לאַגער עפּעס קויפן.

4) זיי האָבן אויספאַרקויפט אַ קוואַנטום זאַלץ פון קאָמונאַלן דעפּאָזיט און דער ה' קאָלאָנעל אַגאַפּיע האָט איינקאַסירט דאָס אָפּגענומענע געלט.

5) קאָלאָנעל אַגאַפּיע האָט גענומען ביי די ייִדן די קיילעכדיקע סומע פון 400.000 לעי און צוגעזאָגט דערפאַר זיי צו טראַנספּאָרטירן מיט פור־לעך ביז צום אַריבערגאַנגס־פּונקט קאַסעוץ־טראַנסניסטריע.

6) קאָלאָנעל אַגאַפּיע, זיין געהילף — קאַפּיטאַן ראַדולעסקו, און דער קאַפּיטאַן בוראַדעסקו, האָבן עטלעכע מאָל עקספּעדירט אַהיים, צו זייערע משפחות, צירונג, גאָלדענע רענדלעך, פעלץ־מאַנטלען, און אָנגעגעבן אויפן אַדרעס: „אַלגעמיינער זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאָ־ראַט" בכדי דאָס אַלץ זאָל לייכטער דורכגיין דורכן קאָנטראָל ביים פּרוט. נאָכדעם, ווי עס איז אַדורכגעגאַן דעם קאָנטראָל, פלעגט אָפּ־גענומען ווערן דער אַדרעס פון אינספּעקטאָראַט און אַלץ פלעג אוועק צו די פאַמיליעס פון די אויבנדערמאָנטע.

***

דעם אופן, אויף וועלכן דער קאָלאָנעל אַגאַפּיע האָט זיך צוגעאייגנט די זאַכן, שילדערט דער פּלוטאָניער מאַזשאָר אַפּרעאַ יאָן, שעף פון ווער־

טוזשענער זשאַנדאַרמען־פּאָסט, אין זײַן דעקלאַראַציע וואָס ער האָט אָפּגעגעבן בײַ דער אויבנדערמאָנטער אויספאָרשונג:: „ייִדן, וועלכע האָבן געאַרבעט בײַם ה' קאָלאָנעל אַגאַפּיע, האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן געבראַכט, אויף וויפל ער געדענקט, 12 גאָלדענע זייגערס, 40-30 פינגערלעך מיט טײַערע שטיינער, 200-180 גאָלדענע מטבעות פון צו 5 און 10 רובל שטיק, ווי אויך 12 מטבעות צו 100 רובל שטיק, 5 שטיקער גאָלדענע קייט צו 150 מילימ., 4-3 פּערסישע טעפּיכער, 6-5 וואָלענע קילימעס, 2 אַסטראַכאַנענע פרויען־מאַנטלען, 2 קאַטיקענע פרויען־מאַנטלען, ווי אויך פאַרשידענע מאַנטלען, זומער־מאַנטלען. פאַר דעם אַלעמען איז באַצאָלט געוואָרן די ייִדן מיט נישטיקע פּרײַזן, וויפל ער האָט געוואָלט, און אויב דער ייִד איז געווען עטוואָס רײַכער — פלעג ער אים גאָרנישט באַצאָלן".

***

לייטנאַנט קריסטעאַ געאָרגע דערקלערט: „די האַלטונג פון קאַפּיטאַן בוראַדעסקו בנוגע די אינטערנירטע איז געווען אַ טיראַנישע. ער פלעג שלאָגן און זידלען. אַז ער פלעג אַרײַנקומען אין לאַגער, פלעגן אַלע אינטערנירטע זיך צעלויפן אויסבאַהאַלטן, אַזוי ווי עס באַהאַלטן זיך אויס פייגל, בעת עס דערנענטערן זיך רויב־פייגל. אַרום אים איז געווען בלויז שרעק און טעראָר.

דער עדות וועלכער איז באַאויפטראַגט געוואָרן מצד דעם קאָלאָנעל אַגאַפּיע אויסצופאָרשן אַ קאָנפיסקאַציע פון פאַרשידענע זייגערס און צירונג, וואָס עס האָט דורכגעפירט דער קאַפּיטאַן בוראַדעסקו, האָט פעסטגעשטעלט אין אַ פּראָטאָקאָל, וואָס ער האָט צוגעשטעלט דעם קאָלאָנעל אַגאַפּיע, אַז בוראַדעסקו פלעג קאָנפיסקירן זייגערס און צירונג מיטן אויסרייד, אַז די ייִדן פאַרקויפן זיי די אונטעראָפיצירן.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָט מען אָנגעהויבן אויסצובורוקירן די סטעזשקעס פון ווערטוזשענער לאַגער מיט שטיינער, וועלכע די אינטערנירטע פלעגן מוזן ברענגען צו טראָגן פון דניעסטער.

***

זיי האָבן ארויסגענומען (צו ארבעט) די דאָזיקע מענטשן וואָס זע־נען געווען אָפּגעשוואַכט פון הונגער; פרויען, מיידלעך און קינדער, נאָר כדי צו באַפרידיקן דעם קאַפּריז פון אַט די צוויי. שטעלט אייך פאָר אַ קאַלאָן פון טויזנטער מענטשן מיט שטיינער פון צו 10 און 15 קילאָ אין די הענט, די מענטשן ווערן נאָך דערצו געשלאָגן מיט די פּריקלאַדן, אַזוי אַז זיי זאָלן מוזן לויפן און געבן אַ וואָס גרעסערע לייסטונג; נאַקע־טע, ווייל זיי זענען בארויבט געוואָרן אויף פאַרשידענע אופנים, הונגע־ריקע, ווייל עס איז זיי אפילו נישט דערלויבט געווען עפּעס צו קויפן אויף דעם אַזוי גערופענעם מאַרק, ווייל עס איז נאָך באַשטימט געווען אַ טאַקסע פון צוויי לעי פאַר יעדן מענטש, וואָס וויל גיין עפּעס איינקויפן... קלעפּ זענען געווען אַ נאָרמאַלער פּונקט אויפן סדר־היום יעדעס מאָל ווען די מענטשן זענען ארויסגענומען געוואָרן אויף אַרבעט.

דער זשאַנדארמען־פּלוטאָניער אַפּרעא יאַן, דער „שעף דע פּאָסט" פון ווערטוזשען וויזט אָן אין זיין דעקלאַראַציע פאַרן קריגס־געריכט, אַז דער באַלעבאָס פון דער ווינונג ווו עס האָט זיך אויפגעהאַלטן דער קאַפּי־טאַן ראַדולעסקו פון ווערטוזשען, דער פויער ניקאָלאַיע נאַליוואַיקו, האָט אים ראַפּאָרטירט, אַז קאַפּיטאַן ראַדולעסקו האָט איניינעם מיט נאָך אַ לייטענאַנט אָפּט אַהיימגעבראַכט יונגע יידישקעס, וועלכע פלעגן זיך לייגן מיט זיי, אַ גאַנצע נאַכט פלעגן די יידישקעס שרייען און וויינען.

דאָס דאָזיקע פלעג פּאַרקומען זייער אָפּט, כמעט יעדן אָוונט. אין די דאָזיקע מעשים האָט זיך אויך באַטייליקט דער קאַפּיטאַן בוראַדעסקו און אומצייליקע מאָל האָט ער אויך געבראַכט יידישקעס צו זיך אַהיים.

---

נומער 79

## דאָס דעפּאָרטירן די יידן פון ווערטוזשענער לאַגער

בסוד

ארייננ. נומ. 874

11טער סעפּט. 1941.

נומ. 1550

11טער סעפּט. 1941.

פון: בעסאראבער זשאנדארמען-אינספעקטאראט
צום: אמט פון גרויס-פרעטאר, מיליט. פאסט-אמט נומ. 85

איך האב דעם כבוד אייך ביי צוליייגן א קאפיע פון די אינסטרוקציעס לויטן פלאן, וואס איך האב ארויסגעגעבן די אפיצירן, וועלכע זענען באאויפטראגט צו עוואקואירן די יידן פון ווערטוזשענער לאגער.

דעם 10טן סעפטעמבער 1941 האבן זיך פרעזענטירט אין לאקאל פון דעם דאזיקן אינספעקטאראט דער רעזערוו-לייטנאנט קריסטעא ט. געארגע, דעלעגאט פון ווערטוזשענער לאגער, רעזערוו-לייטנאנט פאפיו קאנסטאנטין פון דער אורהייווער זשאנדארמען-לעדזשיאנע און דער רעזערוו-קאפיטאן ראמאדאן וויקטאר, וועמען מיר האבן איבערגעגעבן די אינסטרוקציעס מיט די באטרעפנדיקע סקיצן.

אזוי איז אויך ארויסגעגעבן געווארן א באפעל, אז די דאזיקע אפעראציע זאל נישט אנגעהויבן ווערן ביז עס וועלן נישט אויסגעפרווט ווערן די בריקן נאך די פארפלייצונגען, וואס האלטן נאך אן, און במשך דער גאנצער צייט, ווי בעת דער דורכפירונג, זאל עקזיסטירן א פעסטער קאנטאקט צווישן אלע אפיצירן, וועלכע זענען באאויפטראגט געווארן מיט דער דורכפירונג.

מיר האבן דעלעגירט דעם לייטנאנט-קאלאנעל לאזאר ראדו, אז אין איינקלאנג מיט אייער נאטע, זאל ער זיך שטעלן אין קאנטאקט מיט לייטנאנט-קאלאנעל פאלאדע אין בעלץ און זאל פעסטשטעלן, וואס זיי וועלן נאך האלטן פאר נייטיק; דערנאך זאל דער לייטנאנט-קאלאנעל לאזאר אריבערפארן אין דער געגנט ווערטוזשען-רעזינע-קאסעוץ, ווו ער זאל קאארדינירן די דאזיקע עוואקואציע.

דעם 11טן סעפטעמבער האט זיך פרעזענטירט אין דעם דאזיקן אינספעקטאראט דער שעף פון 2טן ביורא פון ה. ג. ש., וועמען מיר האבן איבערגעגעבן אן עקזעמפלאר פון דער ארבעט.

אינספעקטאר פון בעסאראבער זשאנדארמעריע, קעשענעוו
קאלאנעל ט. מעקולעסקו

שעף פון פאליציי-ביורא
קאפיטאן י. וואלקולעסקו

## נומער 80

# אינסטרוקציעס אין שייכות מיטן עוואַקואירן די ייִדן פון לאַגער ווערטוזשען־סאראקע.

אין איינקלאַנג מיטן באַפעל פון ה' גענעראַל גרויס־פּרעטאר, באַוויליקט אויסצופירן דאָס ווײַטערדיקע:

די עוואַקואַציע פון די 22.150 ייִדן פון לאַגער אין ווערטוזשען־סאראקע וועט זיך אָנהייבן דעם 12טן סעפּטעמבער 1941, פּונקט 8 אַזייגער, כדי זיי זאָלן אַריבערגעשטעלט ווערן איבערן דניעסטער קיין אוקראַינע.

פאַר דער דאָזיקער עוואַקואַציע ווערן איצט אָנגעגעבן די מאַרשרוטן, נעמלעך:

א) דער מאַרשרוט, וואָס וועט צילן קיין קאַסעוץ הייבט זיך אָן אין ווערטוזשען, אויפן וועג וואָס שנײַדט זיך דורך מערב־צו פון דאָרף קרעמענעא, ווײַטער מיטן שאָסיי גורא, קאַמענקא־סאראקע און סאַראקע־קאַסעוץ.

2) דער צווייטער מאַרשרוט, וועלכער וועט צילן צום אַריבערגאַנגס־פּונקט רעזינע, וועט זיך ציען דורך: ווערטוזשען־וואַסקעוץ־טעפּורדע־קוש־מירקא־מאַטעוץ־רעזינע.

די ייִדן פון לאַגער וועלן אײַנגעטיילט ווערן צו העכסטנס 1600 נפשות אין אַ גרופּע, פאַר יעדן מאַרשרוט, אײַנשליסלעך די קינדער, און וועלן אַזוי אַרום בילדן אַ קאָנוואָי. די דאָזיקע קאָנוואָיען צו 1600 נפשות וועלן געפירט ווערן דורך די אָנגעגעבענע מאַרשרוטן אונטער דער דירעקטער אויפזיכט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די לאַגער־אָפיצירן און מיט דער נייטיקער צאָל זשאַנדאַרן — אויך פון צווישן דער לאַגער־וואַך. דאָס הייסט, אַז די אָנפירונג פון לאַגער וועט געבן צו איין אָפיציר פאַר יעדן מאַרשרוט און די נייטיקע צאָל זשאַנדאַרן פאַר דער באַוואַכונג.

עס וועלן דורכגעמאַכט ווערן 30 קילאָמעטער אַ טאָג און דער גאַנצער מאַרשרוט וועט אײַנגעטיילט ווערן אין דרײַ עטאַפּן: פאַרן מאַרש־

רוט „א" — קאסעוץ — דער ערשטער עטאַפּ פון מאַרש פון ווערטוזשען ביזן דאָרף רעדיו וואָס אויפן שאָסיי גורא קאַמענסאַ־סאַראַקע; צווייטער עטאַפּ — פון דאָרף רעדיו ביז סאַראַקע און דער דריטער עטאַפּ — פון סאַראַקע ביז קאַסעוץ.

פאַרן מאַרשרוט „ב" — רעזינע — ערשטער עטאַפּ פון מאַרש פון ווערטוזשען ביזן דאָרף וואינאַווא; צווייטער עטאַפּ — פון קוהורעשט ביז מאַטעוץ און דער דריטער עטאַפּ — פון מאַטעוץ ביז רעזינע.

די אָפיצירן פון לאַגער וועלן פירן די דאָזיקע קאָנוואָיען און וועלן גיין מיט זיי, אויפן ערשטן מאַרשרוט ביז סאַראַקע, און אויפן צווייטן מאַרשרוט — ביז מאַטעוץ. פון דאַנען וועלן די קאָנוואָיען געפירט ווערן פון אָפיצירן וואָס עס וועלן צוטיילן די לעדזשיונעס.

מיט דער אָנפירונג פון די קאָנוואָיען פון די פונקטן סאַראַקע און מאַטעוץ אָן, ווערט באַאויפטראַגט דער קאַפּיטאַן ראַמאַדאַן וויקטאָר פאַרן וועג סאַראַקע־קאַסעוץ און דער לייטענאַנט פּאַפּיו — פאַרן וועג מאַטעוץ־רעזינע. די דאָזיקע אָפיצירן וועלן זיך געפינען בײַ די פונקטן סאַראַקע און מאַטעוץ אין טאָג פון 14טן סעפּטעמבער, 20 אַזייגער, בכדי צו אָרגאַניזירן דעם מאַרש אויפן צווייטן טאָג צו די אַריבערגאַנג־פונקטן.

די אַריבערגענג — אָן אַ שום פאָרמאַליטעט.

די 800 מענטשן וועלן אַריבערגעשטעלט ווערן דעם 15טן סעפּטעמבער, כדי נישט צו שאַפן קיין שוועריקייטן וואָס זאָלן קענען ברענגען צום באַריקאַדירן די בריקן, און די איבעריקע 800 מענטשן וועלן אַריבערגעפירט ווערן דעם 16טן סעפּטעמבער.

אָט ווי דער דאָזיקער מעכאַניזם וועט פונקציאָנירן לויט דער צײַט נאָך:

יעדע צוויי טעג וועלן זיך אויפסנײַ אַרויסלאָזן צו צוויי קאָנוואָיען פון צו 1600 מענטשן, אויף די זעלביקע מאַרשרוטן, אָפּשטעלנדיק זיך שטענדיק אויף די אייגענע ערטער און וועלן אויך אויף די זעלבע ערטער איבערגעגעבן ווערן צו די זשאַנדאַרן פון די לעדזשיונעס. די אָפיצירן פון די לעדזשיונעס וועלן מיט זיך האָבן זשאַנדאַרן פון די פּלוטאַנען פון יענע שטעט, ווו די לעדזשיונע געפינט זיך, און זיי וועלן באַנוצט ווערן צו דער

באוואכונג פון דעם פונקט אָן, ווו די ייִדן וועלן איבערגענומען ווערן ביזן אריבערגאנגס־פּונקט איבערן דניעסטער. די דאָזיקע צוויי אָפּיצירן פון דער לעדזשיונע וועלן זיך דעריבער געפינען אויף די פונקטן מאטעוץ־סאראקע־קאסעוץ און רעזינע, לויט דער צייט־אויסרעכענונג וואס דאַרף גוט נעמען אין אכט, אז די קאנוואיען וועלן ארויסגיין פון ווערטוזשען יעדע צוויי טעג, דאס הייסט, פונקט וויפל עס דארף געדויערן דאס אריבערפירן און דערנאך וועלן זיי זיך באלד צוריקקערן קיין מאטעוץ און סאראקע, ווו זיי וועלן איבערנעמען נייע קאנוואיען.

די קאמאנדאנטן פון די לעדזשיונעס וועלן צוזאמען מיט די אדמיניסטראטיווע מאכט־ארגאנען צוטיילן צו 50 פורלעך צו יעדן קאנוואי כדי מיט זיי צו פירן דעם באגאזש און די מענטשן, וואס וועלן נישט זיין בכוח צו גיין צו פוס. די קאמאנדאנטן פון די לעדזשיונעס האבן אויך די אויפגאבע ארויסצוגעבן באפעלן צו די זשאנדארמען־פּאסטנס וואס לענגאויס די וועגן, אז זיי זאלן אפרייניקן דעם באדן, באערדיקן די מתים מיט דער הילף פון די ארטיקע איינוווינער און באצייטנס באשטימען די איינקווארטירונגס־לאקאלן, ביי די עקן פון די דערפער, אין שאפעס לויטדיקע בנינים א. א. וו. און זיך אויף אזא אופן באמיען צו פארמיידן עפּידעמיעס.

עס ווערן אויפמערקזאם געמאכט די אפיצירן וועלכע וועלן אנפירן מיט די קאנוואיען, אז זיי זאלן ווארענען די וואך־זשאנדארן נישט צו בארויבן די ייִדן. די יעניקע וועלכע וועלן אפטון אזעלכע מעשים — וועלן דערשאסן ווערן.

פארשריפטן

בנוגע די יעניקע וועלכע וועלן זיך נישט אונטערוואַרפן, וועט געהאנדלט ווערן לויט די באקאנטע און געזעצלעך־פעסטגעשטעלטע נארמעס און פארארדענונגען לויט די דעקרעטן, וואס זענען אין קראפט.

עס ווערט בייגעלייגט א סקיצע פון די מארשרוטן און פון די סטאנציעס.

אינספעקטאר פון בעסאראבער זשאנדארמעריע, קעשענעוו
קאלאנעל מעקולעסקו

## נומער 81

### אויסצוג פון באַשולדיקונגס־אַקט וואָס עס האָט צוגעשטעלט דער עפנטלעכער פּראָקוראָר פון פאָלקס־טריבונאַל קעגן די קאָמאַנדאַנטן פון ווערטושענער לאַגער

דער באַפעל וואָס קאָלאָנעל אַגאַפּיע האָט באַקומען פון גענעראַל טאָפּאָר דעם 13טן סעפּטעמבער 1941, האָט פאָרגעזען אַז עס וועלן צוגעשטעלט ווערן 40־50 פורלעך צו יעדן קאָנוואָי פון 1600 מענטשן, פאַר די אַלטע לײַט, קראַנקע און קינדער.

פון די דעקלאַראַציעס וואָס עס האָבן אָפּגעגעבן די אויסגעהערטע עדות, זעט מען אַז עס זענען קיינמאָל נישט געגעבן געוואָרן מער ווי 6־8 פורלעך צו אַ קאָנוואָי פון 1600 מענטשן.

דער לייטענאַנט קריסטעאַ געאָרגע ווײַזט אָן, אַז עס זענען קיינמאָל נישט צוגעטיילט געוואָרן מער ווי 6 ביז 8 פורלעך אויף אַ קאָנוואָי פון 1600 מענטשן און פאַר די דאָזיקע פורלעך פלעג נישט באַצאָלט ווערן (מצד דער מאַכט).

דער עדות, קאַפּיטאַן סטאַלערו אַלעקסאַנדרו ווײַזט אָן, אַז ער האָט פּערזענלעך באַגלייט אַ טייל פון די דאָזיקע קאָנוואָיען און אַז ער האָט געמאַכט שריפטלעכע פאָרשלאָגן דעם קאָלאָנעל אַגאַפּיע צו פאַרלײַכטערן די שרעקלעכע באַדינגונגען, בײַ וועלכע עס זענען געמאַכט געוואָרן די טראַנספּאָרטן. פון זײַן גבית עדות באַקומט זיך, אַז בײַם אַרויסגיין פון לאַגער האָבן די מענטשן נישט געהאַט קיין עסן, זיי האָבן ניט געהאַט קיין גענוג פורלעך פאַר די אַלטע לײַט, קראַנקע און קינדער. די עטאַפּן פלעגן געמאַכט ווערן אין מיטן פעלד; עס איז נישט געווען קיין גענוגנדיקע באַוואַכונג און דאָס האָט גורם געווען, אַז די דעפּאָרטירטע זאָלן אויפן וועג באַרויבט ווערן דורך דער ציווילער באַפעלקערונג.

אויף זײַנע פאָרשלאָגן האָט קאַפּיטאַן סטאַלערו נישט באַקומען קיין שום ענטפער.

אזוי האָבן די קאָנוואָיען מיט די אומגליקלעכע דעפּאָרטירטע, אויס־געשעפּטע פון הונגער, נויט, קראַנקייטן און באַרויבטע — זיך געצויגן צום „ראַיאָן פון טויט", געיאָגטע פון הינטן מיט אַכזריותדיקע געשרייען און קלעפּ פון די זשאַנדאַרן ביז זיי פלעגן געפינען זייער רו — אין די מערסטע פאַלן שוין אַ באַגערטע — אָדער אין קאַסעוצער וואַלד אָדער אין „ראַיאָן פון טויט" — שוין פון יענער זייַט דניעסטער...

דער וועג צווישן ווערטוזשען און קאַ־סעוצער וואַלד איז געווען פאַרזייַט מיט די וועלכע האָבן שוין ניט געהאַט קיין כוח אפילו זיך צוצושלעפּן ביז צום אַריבערגאַנגס־פּונקט.

דער באַפעל וואָס קאָלאָנעל אַגאַפּיע האָט באַקומען פון ה' גענעראַל טאָפאָר האָט אויך פאָרגעזען, אַז עס דאַרפן אָנגענומען ווערן באַוואַכונגס־מיטלען אַרום די קאָנוואָיען און אַז עס דאַרפן דערשאָסן ווערן די, וועלכע וועלן רויבן.

דער קאָלאָנעל אַגאַפּיע האָט אויך דעם דאָזיקן פּונקט פון באַפעל נישט אויס־געפירט און האָט אפילו ניט פאַראָרדנט אַז עס זאָלן אָנגענומען ווערן עפּעס וואָס ס'ניט איז פאַר אַ מיטלען קעגן די רויבערס.

עס איז זיכער, אַז ווען ער זאָל גע־ווען מיטטיילן זייַנע אונטערגעאָרדנטע דעם דאָזיקן באַפעל, וואָלטן די רויבע־רייען קעגן די דעפּאָרטירטע געווען אויפגעהערט.

אַזוי וואָלט אויך די צאָל טויטע אויפן וועג קיין קאַסעוץ־צו געווען אַ פיל קלענערע, ווען קאָלאָנעל אַגאַפּיע וואָלט געווען צוגעטיילט 40-50 פּורלעך צו אַ

טראַנסניסטריע

קאַנוואַי און נישט קיין 4־5, ווי ער האָט געטון.

---

## נומער 82

### דאָס אויסזען פון מאַרקולעשטער לאַגער. דער ווילדער רעזשים. רויב, דעפּאָרטאַציע.

#### אויסצוגן פון באַשולדיקונגס־אַקט, וואָס עס האָט צוגעשטעלט דער עפנטלעכער פּראָקוראָר ביַים פאָלקס־טריבונאַל, קעגן די אָנפירער פון מאַרקולעשטער לאַגער.

אָט איז דאָס אַלגעמיינע אויסזען פון מאַרקולעשטער לאַגער, ווי עס שילדערט אים טאַקע דער גרויסער פאַרברעכער יאָן מיכאַיעסקו אַליין: „טויזנטער מיַיז האָבן געשווייבלט און געגריבלט אויף די גאַסן און אין די היַיזער. פליגן, אין אַן אומגעווייכלעכער צאָל — זענען געווען דענער־ווירנדיק. עס איז דעריבער געווען אומעגלעך צו שלאָפן. די מיַיז האָבן צעפרעסן אפילו אַ סך חפצים וואָס האָבן געהערט צו די פונקציאָנערן. עס האָבן אָנגעהויבן גיסן רעגנס און עס איז וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ שווערער זיך צו רירן פון איין אָרט צו אַ צווייטן. די בלאָטע איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. אַלע זענען געווען שמוציק און קיין שום מעגלעכקייטן זיך צו באַריייניקן זענען נישט געווען. מיר האָבן זיך וואָכנלאַנג נישט געוואַשן...

עס איז געוואָרן קילער און קיין האָלץ איז נישט געווען. די יידן גיבן אַוועק צו אַ זייגער פאַר אַ ברויט”.

דער באַשולדיקטער יאָן מיכאַיעסקו, אַ העכערער אָנגעשטעלטער פון דער רומענישער נאַציאָנאַל־באַנק, איז געשיקט געוואָרן אין אַריבער־גאַנגס־לאַגער פון מאַרקולעשט בכדי דאָרט צונויפצונעמען דאָס צירונג און די ווערטפולע מעטאַלן וואָס עס באַזיצן די, וועלכע מען עוואַקויִרט

פון בעסאַראַביע און בוקאָווינע, — און בכדי אויסצובייטן די לעים אויף „קאַמע־שיינס״. פאַר דעם דאָזיקן צירונג און פאַר די טײַערע מעטאַלן האָט געזאָלט באַצאָלט ווערן לויטן אָפיציעלן קורס.

דער עדות שטעפאַן דראַגאָמירעסקו, פון פאַך אַ יוּוועליר, וועלכער איז געשיקט געוואָרן אַלס ספּעציאַליסט, כדי אָפּצושאַצן די ווערטפולע חפצים, זאָגט: „ווען איך בין אָנגעקומען קיין מאַרקולעשט, האָב איך דאָרט געטראָפן טויזנטער דעפּאָרטירטע, וועלכע האָבן געלעבט אין אַזאַ מין נויט, אַז ס׳איז גאָרניט צום באַשרײַבן״. אומעטום, אין די קעלערן, קאַנאַלן, הייף — זענען געלעגן מתים״.

איך האָב דאָרט געטראָפן דעם ה׳ יאָאַן מיכאַיעסקו, וועלכער פלעג די גאַנצע צײַט אַרומגיין מיט אַ גראָבן שטעקן און שלאָגן, ווען ער האָט נאָר אָנגעטראָפן פון די דעפּאָרטירטע, און סתם אַזוי — אָן דעם, אַז מען זאָל זיך מיט עפּעס האָבן פאַרזינדיקט. ער פלעג דערפירן די בעסטיאַלישקייט איבער די גרענעצן פון ערגסטן מענטשן. ער פלעג קאָנפיסקירן די פערזענלעכע לעגיטימאַציעס און זאָגן: „אַלע גייט איר צום טויט!״ ער פלעג אפילו אַרויסרײַסן די בינטלעך וואָס זענען געווען לײַכט צום טראָגן.

די אָפּשאַצונגען וואָס איך פלעג מאַכן האָט דער ה׳ מיכאַיעסקו נישט אָנערקענט. ער פלעגט זיך מיט זיי ניט רעכענען און באַצאָלן די באַזיצערס פון צירונג, בײַ וועמען ער פלעגט עס פשוט צונעמען, פיל נידעריקערע פרײַזן, אָפט — פשוט לעכערלעכע, אין רובלס. נאָך די ערשטע צוויי טעג האָט מײַן טעטיקייט אינגאַנצן אויפגעהערט, ווײַל דער ה׳ מיכאַיעסקו האָט באַשלאָסן צו קאָנפיסקירן דאָס גאַנצע צירונג אָן שום פאַרגיטיקונג, אפילו קיין לעכערלעכע, אָדער סימבאָלישע, ווי ביז איצט, אויך מער נישט. לויט זײַן אייגענער איניציאַטיוו האָט ער קאָנפיסקירט פערזענלעך־נייטיקע חפצים בײַ די דעפּאָרטירטע, קאָלדרעס, שטאָפן, זייף, פאָדים, טיי, קאַווע, צוקער. דאָס דאָ־

זיקע פאַרמעגן איז נישט אינווענטאַריאירט געוואָרן. אַזוי פלעגן אויך די דעלעגאַטן פון דער רומענישער נאַציאָנאַל־באַנק צונעמען די זאַכן, וואָס די דעפּאָרטירטע פלעגן מוזן איבערלאָזן, ווײַל עס זענען נישט געווען קיין טראַנספּאָרט-מיטלען, ווי: קישנס, קאָלדרעס און אַנדערע הויז־חפצים.

ה׳ מיכאַיעסקוס אויפפירונג לגבי די דעפּאָרטירטע איז געווען אַ ברוטאַלע. ער פלעג זיי שטענדיק זידלען און שלאָגן.

די סאָלדאַטן און די אָפיצירן פון לאַגער פלעגן בײַזײַן בײַ די דאָזיקע קאָנפיסקאַציעס.

***

אין מאַרקולעשט בין איך געווען צוויי נעכט מיט אַ טאָג. דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט אַ חיה בצורת מענטש — יאָן מיכאַיעסקו פון דער רומענישער נאַציאָנאַל־באַנק. ער פלעגט האָבן אַ פאַרגעניגן פון שלאָגן די דעפּאָרטירטע, ווו ער זאָל זיי נישט געווען טרעפן. מיטן תירוץ, אַז מען דאַרף זי באַזוכן, איז מײַן מאַמע באַרויבט און שרעקלעך צעשלאָגן געוואָרן. זי איז דערפון אין אַ קורצער צײַט אַרום געשטאָרבן.

***

אַלץ פלעג צוגענומען ווערן און מען פלעג דערפאַר גאָרנישט באַצאָלן. אַ ייִדן וועלכער האָט געוואַגט צו פרעגן צי מען גיט אים נישט אַרויס קיין קבלה איז אַזוי מערדערלעך צעשלאָגן געוואָרן, אַז צוויי מענטשן האָבן אים געדאַרפט אַרויסטראָגן און אין צוויי טעג אַרום איז ער געשטאָרבן.

דער עדות מאַלי בינשטאָק דערציילט, אַז נאָך דעם וואָס מען האָט שוין בײַ איר צוגענומען אַלץ וואָס זי האָט פאַרמאָגט, האָט איר נאָך מיכאַיעסקו אויסגעדרייט אַ פינגער, כדי איר אַראָפּצונעמען דאָס חתונה-רינגל. מען זעט נאָך איצט, אַז דער פינגער איז אויסגעדרייט געוואָרן.

זי דערקלערט, אַז לעבן איר האָט מען דערשאָסן אַ בעסאַראַבער פרוי ווייל זי האָט נישט געוואָלט דעפּאָנירן די זאַכן. מיכאַיעסקו האָט אויך זי גופא געשלאָגן. ביי איר זון האָט מען צוגענומען אַ מאַנטל. אויך אַ ווערטפולע קראַוואַט־שפּילקע וואָס ער פלעג טראָגן, האָט אים מיכאַיעסקו אַליין צוגענומען.

דער עדות ברוימבערג קאַרל, ווייזט אָן אַז מיכאַיעסקו האָט זיך מיט אַ גהינומדיקער שנאה גענומען באַרויבן און שלאָגן; ער פלעג שלאָגן מיט אַ לאַנגן שטעקן פון אַנדערהאַלבן מעטער, אַזוי אַז מען פלעג זיך שוין אָפּזאָגן פון גאַנצן באַגאַזש, אַבי אַרויס מיטן לעבן. זיין פרוי און זיין טאָכטער האָט ער אַרויסגעריסן די אויער־רינגלעך פון די אויערן.

אין די 5 טעג וואָס דער עדות איז דאָרט געווען זענען די אינטער־נירטע געשטעלט געוואָרן צו שווערער אַרבעט — אַרבעט אָן אַ שום נוצן אָדער זין — מען האָט דערביי געזידלט, געשלאָגן און באַרויבט.

***

ביים פאַרלאָזן דעם לאַגער פלעגן פאָרמירט ווערן קאָנוואָיען און עס פלעגן נישט גענומען ווערן אין אַכט קיין שום משפּחה־אָנקערענישן. די מענטשן פלעגן צעשיידט ווערן: מענער פון פרויען און קינדער, ברידער פון שוועסטער א. א. וו.

דער עדות אהרן קלינגהאפער ווייזט אָן אַז נאָך דעם וואָס ער איז געשלאָגן און געדראָט געוואָרן מיטן טויט דורך מיכאַיעסקון, האָט מען אים אַלץ צוגענומען, אפילו גאָפּל־לעפל־מעסער. ביי אַ סך האָט מען פריער אַלץ צוגענומען און דערנאָך האָט זיי ערשט מיכאַיעסקו געשלאָגן און געדראָט מיט טויט.

ביי זיין שוועגערין האָט מען אַרויסגעריסן פון די אויערן אַ פּאָר זייער טייערע אויערינגלעך און זיין ברודער האָט מיכאַיעסקו שטאַרק גע־שלאָגן ווייל ער האָט נישט געהאַט אוועקגעגעבן זיין זייגער; נאָך די דאָ־זיקע שרעקלעכע קלעפּ איז זיין ברודער געשטאָרבן.

***

דאָס מיידל קערנער רחל, אַ יתומה פון טראַנסניסטריע, דערקלערט אַז מיכאַיעסקו האָט שרעקלעך געשלאָגן איר פאָטער אין לאַגער, דער־פאַר ווייל ער איז געווען אַ שוחט. פון די דאָזיקע קלעפּ איז איר פאָטער אין עטלעכע טעג אַרום געשטאָרבן.

פון באַריכט וואָס דער באַשולדיקטער מיכאַיעסקו האָט צוגעשטעלט דער רומענישער נאַציאָנאַל־באַנק, נאָכן פאַרענדיקן זיין שליחות אין מאַר־קולעשט, ווערט קלאָר, אַז ער האָט פּערזענלעך אונטערגענומען די איני־ציאַטיוו צו קאָנפיסקירן מלבושים, שפּייז־אַרטיקלען אַ. אַ. וו.

אין דעם דאָזיקן באַריכט ווייזט ער אָן, אַז זיין מיסיע איז געווען צו־נויפצונעמען דאָס צירונג, די ווערטפולע מעטאַלן און אויסצובייטן די לעים. אַזויפיל און מער גאַרנישט.

דאָך אַזוי, הגם ער האָט געהאַט אַזאַ מין באַגרענעצטע שליחות, האָט ער אויס אייגענער איניציאַטיוו און בהסכם מיטן לאַגער־קאָמאַנדאַנט, נאָר כדי אָנצוטון צרות די דעפּאָרטירטע, אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל ביי זיי צונעמען די קליידער, די זייף, זוילן, קאָלדרעס, מאַטראַצן, דעקן, העמדער, ליילעכער, זאָקן, ציכן, מעדיקאַמענטן און אַלץ וואָס וואָלט גע־ווען געקענט זיין נוצלעך פאַרן געזונט און לעבן פון די דעפּאָרטירטע.

ביז ווי וויים עס האָט געגרייכט זיין אכזריות קען מען זען פון דער טייל פון זיין באַריכט, וווּ עס ווערט איבערגעגעבן, אַז צווישן די זאַכן וואָס ער האָט קאָנפיסקירט ביי די דעפּאָרטירטע אויף אַ ווילקירלעכן אופן און אָן אַ שום אינווענטאַר, און הגם זיי האָבן סיי ווי געקענט צעבראָכן ווערן, געפינען זיך צענדליקער קינדער־וועגעלעך פון די בעסטע.

***

מען האָט גענומען געלט אויף פורלעך, אָבער מען האָט נישט געגעבן מער ווי צו 3-4 פורלעך אויף 2000 מענטשן. די פורלעך פלעגן פאָרן בלויז אַ קורצע שטרעקע און דערנאָך פלעג מען הייסן אַראָפּגיין אַלע פרויען און קינדער און די פורלעך פלעגן זיך צוריקקערן. מען האָט ביי די דעפּאָר־

טירטע צוגענומען אַלע דאָקומענטן און מיכאַיעסקו פלעג דערביי שרייען: „יידן און הינט באַדאַרפן נישט קיין דאָקומענטן. דאָרט וווּהין איר גייט איצט, וועט איר געבן די הענט מיט סטאַלינען".

דער עדות יאַאקים בערגמאַן ווייזט אויף אַז, אַז אין קאָמאַנ־דאַמענט פון לאַגער זענען דעפּאָזיטירט געוואָרן סומעס געלט, כדי עס זאָלן געשטעלט ווערן צו דער דיספּאָזיציע פון די אינטערנירטע אַ צאָל פורלעך פאַרן טראַנספּאָרטירן דעם באַגאַזש, דאָך האָבן זיי געמוזט גיין צו פוס און האָבן דעריבער געמוזט איבערלאָזן די גרעסטע טייל באַגאַזש.

דער עדות קאַמיליאַ טאָטנאָוער ווייזט אָן ביים קאָנפראָנ־טירט ווערן מיטן קאָלאָנעל אַגאַפּיע, אַז זי מיט איר מאַן, וועלכער איז שוין געשטאָרבן, האָבן געהאַט געגעבן אַגאַפּיען אַ קייטעלע פון גאָלד און פלאַטינע, אַ גאָלדענעם זייגער און אַ טעפּיך — אַלץ כדי ער זאָל זיי דערלויבן פאָרן מיט אַ פורל; איז הגם ער האָט צוגענומען די אַלע זאַכן בלויז מיט אָט דעם ציל, האָט ה' קאָלאָנעל נישט געהאַלטן קיין וואָרט און זיי האָבן געמוזט גיין צופוס און זיך אָפּלאָזן פון באַגאַזש.

---

## נומער 83

### דעפּאָרטאַציע פון די יידן פון קעשענעווער געטאָ.

| | |
|---|---|
| ב ס ו ד | נומ. 57 |
| זשאַנד.־אַמט | 29טער אָקטאָבער 1941 |
| אַקטן־העפט | פון דער: 23טער פּאָליציי־קאָמפּאַניע |
| (—) גענ. טאָפּאָר | צום: פּרעטאָריאַלן אַמט גלאָריאַ 1, טיגינאַ |

איך האָב דעם כבוד צו ראַפּאָרטירן אַז דעם 29טן אָקטאָבער 1941 האָט די דאָזיקע קאָמפּאַניע עוואַקואירט פון קעשענעווער געטאָ 1004 יידן אויף 123 פורלעך.

זייער אַריבערפיר איבערן גאַנצן וועג ווערט געמאַכט דורכן 20טן

מאשין־געווער־באטאליאן, לויטן געהיימען באפעל נומ. 24206 פון 26טן אקטאבער 1941 פון דעם דריטן ארמיי־קארפוס.

קאמאנדאנט פון דער 23טער פאליציי־קאמפאניע

קאפיטאן (—) אומלייענבאר

(שטעמפל)

---

## נומער 84

בסוד

נומ. 61

31טער אקטאבער 1941

8טער נאוועמבער 1941 ס. 2

פון דער: 23טער פאליציי־קאמפאניע

אקטן-העפט

צום: פרעטאריאלן אמט גלאריא 1

טיגינא (בענדער)

איך האב דעם כבוד צו ראפארטירן, אז דעם 31טן אקטאבער 1941 האט די דאזיקע קאמפאניע עוואקואירט פון קעשענעווער געטא 257 יידן אויף 80 פורלעך.

זייער אריבערפיר וועט געמאכט ווערן דורך דעם 20טן מאשינגעווער־באטאליאן אויפן וועג קעשענעוו־אורהיעוו, לויטן געהיימען באפעל נומ. 24206 פון 26טן אקטאבער 1941 פון 3טן ארמיי־קארפוס.

קאמאנדאנט פון דער 23טער פאליציי־קאמפ.

קאפיטאן (—) אומלייענבאר

(שטעמפל)

---

## נומער 85

### פארצווייפלטע, נאיווע און אומזיניקע רעטונגס־פרוון

### טעלעגראמע

4494 22טער אקטאבער 1941

הילקעוויטש, ברעזיאנו 29 בוקארעשט

קעשענעוו 15־22־25־3945 — צענז 1 פולדזשער.

טעלעגראפירט פולדזשער1) צו די אלע 14 קראנקע אינטערנירטע אין שפיטאל וועלן באקומען מעדיקאמענטן. טעלעגראפירט אויפן אדרעס פון ד״ר פייגעל. פינטשעווסקי. לאגע פארערגערט. ענטפערט.

מילעה סאניא.

## טעלעגראמע

22טער אקטאבער 1941, 4495

כילקעוויטש ברעזאיאנו 29 בוקארעשט.

קעשענעוו 15-22-15-3944, פולדזשער, צענזורירט.

טעלעגראמע באקומען. פאפא געפערלעך קראנק, ראטעוועט דרינגענדיק מעדיקאמענטן. ענטפערט באלד.

מאמע

## טעלעגראמע

טערמין.

23טער אקטאבער 1941, 2192

כילקעוויטש, ברעזאיאנו 29, בוקארעשט

קעשענעוו 14-22-19-3903 דרינגענדיק-צענזורירט.

פאפא אויפן טויטן-בעט. שיקט אומפארזאמט מעדיקאמענטן. רעצעפט שווארצבערג חלפין, ענטפערט באלד.

מאמע

## טעלעגראמע

28טער אקטאבער 1941, 1327

ד״ר אלטדארף, בול. דאמניצעי 9, בוקארעשט.

מאהילעוו 14-26-22-152.

דער טאטע אינטערנירט אין מאהילעווער שפיטאל. שעף-דאקטאר העלמאן און הערער. די מאמע און איך גייען וויַטער.

מאנפרעד.

---

1) „פולדזשער״ — „בליץ-שנעל״ — א רומענישער טעלעגראפישער טערמין.

## טעלעגראמע

צענזורירט 30טער אָקטאָבער 1941, 2751

אדוואָקאַט קאַרפּ, גאַס ד"ר בורגעלעא 3, בוקארעשט

קעשענעוו 10-10-30-19-15-57.

פאַרלוירן פּראָצעס. אַלע קליענטן פאַרמשפּט. מען מוז הייבן אַן אַפּעל בוקארעשט.

אדוואָקאַט מושאַט.

## קאַפּיטל 3

# לעגאַליזירטער רויב

## ד״ר ו. פילדערמאַן אַפּעלירט צו יאָן אַנטאָנעסקו און יאָן אַנטאָנעסקו ענטפערט אויף די אַפּעלן

## געשיכטלעכע כראָנאָלאָגיע

### פון 8טן אָקטאָבער ביזן 15טן נאָוועמבער 1941

**9טער אָקטאָבער 1941.**

עס קומען אָן קיין בוקאַרעשט די ערשטע ידיעות וועגן טראַגישן גורל וואָס ווערט צוגעגרייט פאַר די בוקאָווינער ייִדן. דער פּרעזידענט פון קהילות-פאַרבאַנד, ד״ר ו. פילדערמאַן, שיקט צו אַ דירעקטן אַפּעל צו מאַרשאַל אַנטאָנעסקו, אין וועלכן ער בעט אים אָפּצושטעלן דעם גירוש — וואָס באַטײַט דאָך אייגנטלעך דער טויט — פון די בעסאַראַבער ייִדן און בוקאָווינער ייִדן, אויב דאָס איז מעגלעך און אויב זיי האָבן זיך מיט גאָרניט ניט פאַרזינדיקט.

**11טער אָקטאָבער 1941.**

דער פאָרזיצער פון קהילות־פאַרבאַנד שיקט צו אַ צווייטן אַפּעל צו מאַרשאַל אַנטאָנעסקו און בעט אים ניט צו דערלאָזן, אַז עס זאָל אויסגע־גאָסן ווערן דער טויט־צאָרן אויף די אַלע וועלכע האַלטן בײַם אַוועקגע־שיקט צו ווערן אויף אַ לאַנגן וועג, אין רעגן, קעלט און שניי, נאַקעטע, אָן שפּײַז און אָן באַשפּײַזונגס־מעגלעכקייטן.

באַמ.: — דער מעמאָראַנדום באַציט זיך צום ערשטן קאָנוואָי פון 1500 ייִדן, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון קעשענעוו. דאָס איז געווען איינער פון די אומגליקלעכסטע קאָנוואָיען, היות ער האָט געהאַט אויסצושטיין אי אַ שרעקלעך וועטער, אי שרעקלעכע מענטשלעכע רשעות. בעת אַ מוראַדיקן פראָסט זענען די מענטשן געטריבן געוואָרן צו פוס; נאָר די אַלטע לײַט און קראַנקע זענען אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף פור־לעך. אַ טייל איז אויסגעשטאָרבן פאַר הונגער. אַ טייל איז אויסגעפרוירן געוואָרן און די מערסטע, וועלכע זענען פאַרמאַטערט געוואָרן און געבליבן אַרונטער, זענען אויסגעשאָסן געוואָרן. דער וועג פון קעשענעוו קיין אור־היעוו איז פאַקטיש פאַרזייט געוואָרן מיט מתים.

## 14טער אָקטאָבער 1941.

אויף אַן אוידיענץ וואָס עס האָט אויסגעפועלט דער פאָרזיצער פון קהילות־פאַרבאַנד, ד"ר וו. פילדערמאַן, האָט פראָפ. מיכאַי אַנטאָנעסקו, דער ציַיטווייַליקער פרעמיער, באַשלאָסן אָפּצושטעלן די דעפּאָרטאַציע פון בעסאַראַביע און בוקאָווינע פון ייִדישע אינטעלעקטואַלן, קאָמערציאַנ־טן, בעלי־מלאכות, אָנגעשטעלטע ווי אויך פון יענע, וועלכע האָבן פאַר־מאָגט שטאָטיש אָדער דאָרפיש פאַרמעגן.

נאָכן באַקומען דעם דאָזיקן צוזאָג, שיקט ד"ר וו. פילדערמאַן אַ נײַעם מעמאָראַנדום אין וועלכן ער בעט, אַז עס זאָל אָפּגעלייגט ווערן אויך די דעפּאָרטאַציע פון די איבעריקע ייִדן.

## 19טער אָקטאָבער 1941.

מאַרשאַל אַנטאָנעסקו, דער מלוכה־שעף, ענטפערט מיט אַ בריוו צו ד"ר וו. פילדערמאַן דער פרעזידענט פון קהילות־פאַרבאַנד, אויף די צוויי מעמאָראַנדומס וואָס ער, פילדערמאַן, האָט אים געשיקט אין שייכות מיט די דעפּאָרטאַציעס פון בעסאַראַביע און בוקאָווינע.

דער בריוו טראָגט אַ בולטן פּאָליטישן כאַראַקטער. די דעפּאָרטאַציע ווערט פאָרגעשטעלט אַלס אַ גערעכטיקייטס־אַקט, אַלס אַן אָפּצאָל פאַר־

דעם וואָס די באַפעלקערונג פון די ראַזיקע פּראָווינצן זאָל האָבן געטין אין 1940 ביים אָפּטריט פון דער רומענישער ארמיי, ווי אויך בעת דער סאָוועטישער אָקופּאַציע. די דעפּאָרטאַציע ווערט נאָך באַצייכנט אַלס באַ־רעכטיקטע דערמיט וואָס סאָוועטיש־יידישע קאָמיסאַרן זאָלן האָבן אָפּגע טון אכזריותדיקע מעשים אויפן פּראַנט.

געוויסע דאַקטילאָגראַפישע טעותים, וואָס זענען אייגנהענטיק קאָ־רעגירט געוואָרן באַוויזן, אַז אַנטאָנעסקו מאַכט אַ באַדייטנדיקן אונטער־שייד צווישן יידן פון די דאָזיקע פּראָווינצן און צווישן די פון אַלט־רו־מעניע („רעגאַט").

דער בריוו וועלכער איז דאַטירט דעם 19טן אָקטאָבער און איז באַקאַ־מען געוואָרן דעם 20טן אָקטאָבער, איז דערשינען אין די צייטונגען פון 27טן אָקטאָבער 1941 און ארום אים האָט זיך צעלאָזט אַן אָרגאַניזיר־טער, סם־המוותדיקער און העצערישער פּרעסע־קאַמפּיין, וועלכער האָט אָנ־געצייכנט דעם פּסיכאָלאָגישן הויכפּונקט פון אַנטיסעמיטישן האַס בעת ־ער דאָזיקער מלחמה.

דאָס פאַרעפנטלעכן דעם בריוו און דער פּרעסע־קאַמפּיין, זענען פאָר־געקומען אין עטלעכע טעג ארום נאָך דעם שרעקלעכן אויפריים אין אדעס, בשעת וועלכן עס זענען, מחמת אומפאַרזיכטיקייט, דערהרגעט געוואָרן זייער אַ סך הזכערע רומענישע אָפיצירן.

וועגן דעם דאָזיקן אויפריים האָט מען גאָרנישט באַקאַנט געמאַכט דעם לאַנד. די עפנטלעכע מיינונג האָט אָבער געוווּסט וועגן דער געשעע־ניש און מען האָט אָנגעהויבן וואָס אַמאָל אַלץ העכער צו מורמלען. בכדי אַ סוף צו מאַכן צו די דאָזיקע מורמלערייען איז אונטערגעקומען דעם מאַר־שאַלס בריוו און דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע־קאַמפּיין, אַלס אַן אויס־געצייכנטע דיווערסיע.

גלייכצייטיק מיטן ענטפער וואָס ווערט אַוועקגעשיקט דעם ד"ר וו. פילדערמאַן, באַשטעטיקט מאַרשאַל אַנטאָנעסקו מיכאַי אַנטאָנעסקוס אָנ־גענומענעם באַשלוס וועגן אָפּשטעלן די דעפּאָרטאַציע פון טשערנאָוויץ און וועגן דורכפירן אַ סעלעקציע, לויט וועלכער עס זאָל דערלויבט ווערן צו פאַרבלייבן אין שטאָט העכסטנס 20.000 יידן.

ביי די סעלעקציע־קאָמיסיעס קומט פאָר אַן אומפאַרשעמטער האַנדל.

די מערסטע דערלויבענישן צו פארבלייבן אין שטאט, זענען געקויפט גע־וואָרן פאר שווערע סומעס געלט.

כמעט אלע טראנזאקציעס זענען געמאכט געוואָרן אין דאָלארן, פונט־שטערלינג אָדער נאפּאָלעאָנען. אויף וויפל ס׳איז אלץ ווייטער אָנגע־גאנגען די סעלעקציע, איז יידן דערלויבט געוואָרן צו פארקאָזן ס׳געטאָ און זיך אומצוקערן אין זייערע היימען. א סך פון זיי האָבן געטראָפן זייע־רע וווינונגען חרוב און בארויבט. באזונדערס האָט מען צעכאַפּט מלבו־שים, בעט־וועש, געפעס, קונסט־ארטיקלען, בילדער, קילימעס און ענלעכע זאכן.

ס׳איז ארויסגעגעבן געוואָרן א באפעל צו סעלעקציאָנירן אויך קע־שענעווער יידן, אָבער די דאָרטיקע סעלעקציע־קאָמיסיע איז געווען זייער א שטרענגע און זי האָט אויסגעקליבן צום פארבלייבן אין שטאָט בלויז עטלעכע משומדים און בעלי־מלאכות — סך הכל הונדערט נפשות.

**17טער נאָוועמבער 1941.**

מיטן אָפּשטעלן די דעפּארטאציעס, ווערן אויך אָפּגעשלאָסן די רויב־אקציעס, וואָס עס האָט פאטראָניזירט די נאציאָנאל־באנק. פארשידענע מאכט־אָרגאנען, וועלכע האָבן זיך באטייליקט אין דעם דאָזיקן רויב, פאָ־דערן איצט זייער חלק גאָלד, מטבעות און צירונג, וואָס איז אָנגעזאמלט געוואָרן אין די קאסטנס פון דער נאציאָנאל־באנק. עס ווערט אָפּגעוואָרפן די פאָדערונג פון בוקאָווינער גאווערנאמענט, אים צו געבן א טייל פון די ווערטפולע חפצים, אָבער עס ווערן אים צוגעטיילט די אָנגערויבטע גאָפּל־לעפל־מעסער פאר די אָפיצירישע עס־צימערן. דער נאציאָנאל־באנק ווערט צוגעטיילט דאָס גאנצע אָנגערויבטע גאָלד. דער נאציאָנאלער מינץ־גיסע־ריי — אלע מטבעות. עס ווערט באשלאָסן צו פארקויפן אויף אן עפנטלע־כער ליציטאציע, דורך דעם „רומענישן אנטליי־הויז אויף משכנות, אנאָ־נימע געזעלשאפט” („קאסא דע אימפּרומוט פער אמאנעט שי דע פעסטרא־רע דין ראמאניא, ס. א.”) דאָס גאנצע צירונג און אנדערע ווערטפולע חפצים. די מעכאניזמען פון אלע זייגערס, וועלכע מען האָט דעמאָנטירט כדי אראָפּצונעמען פון זיי דאָס גאָלד, זענען צוגעלאָזט געוואָרן דער זייגער־מאכער־שול וואָס עס האָט געהאט געגרינדעט דאָס ארבעטס־מיניס־טעריום.

## קאַפּיטל 3

# דאָקומענטן

נומער 87

**אויסצוג פון אַ מיטטיילונג וואָס יאָן אַנטאָנעסקו האָט געמאַכט אויף אַ זיצונג פון מיניסטאָרן־ראַט, דעם 6טן אָקטאָבער 1941:**

„וואָס שייך די ייִדן, האָב איך אָנגענומען מיטלען זיי ענדגילטיק און טאָטאַל אַרויסצונעמען פון די דאָזיקע געגנטן. די מיטלען זענען אין גאַנג. איך האָב נאָך אין בעסאַראַביע אַן ערך 10.000 ייִדן, וועלכע וועלן אין עטלעכע טעג אַרום אַריבערגעוואָרפן ווערן איבערן דניעסטער, און אויב די באַדינגונגען וועלן עס דערלויבן, וועל זיי אַריבער־געוואָרפן ווערן אויף יענער זייט אוראַל".

---

**באַפעלן און פאַראָרדענונגען צו קאָנפיסקירן דאָס צירונג און די ווערטפולע מעטאַלן**

נומער 88

הוגעם

בסוד

נאָטע

גובערנאַטאָר פון בוקאָווינע

גובערנאַטאָר פון בעסאַראַביע

ה׳ מאַרשאַל אַנטאָנעסקו באַפעלט, אַז בהסכם מיט דער נאַציאָנאַל־באַנק זאָל אויסגעביטן ווערן דאָס צירונג און די ווערטפולע מעטאַלן וואָס עס באַזיצן די ייִדן, וועלכע ווערן עוואַקואירט פון בעסאַראַביע און בו־קאָווינע, לויט די ווייטער־אָנגעגעבענע נאָרמעס:

— פאַר די דאָזיקע ווערטפולע חפצים וועט באַצאָלט ווערן לויטן אָפיציעלן קורס אין „קאַסע־שיינען", עווענטועל אין רובלס, אָבער בשום אופן נישט אין לעים;

— דער אויסטויש זאָל קאָנטראָלירט ווערן דורך באַגלייבטע מענטשן און עס וועט פאַרמיטן ווערן יעדער מין מיסברויך;

— עס וועלן אָנגענומען ווערן אַלע נייטיקע מיטלען אויף צו פאַר־מיידן יעדער מין אומגעזעצלעכן פאַרקויף און דאָס אויסבאַהאַלטן דורך פאַרגראָבן אָדער צעשטערן;

— די טויש־אָפּעראַציעס וועלן געמאַכט ווערן איידער די ייִדן וועלן פאַרלאָזן די לאַגערן און ביי די אַריבערגאַנגס־פּונקטן קיין אוקראַינע;

— ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט זאָלן זיי שוין אויך אויסגעביטן ווערן, אָבליגאַטאָריש, די לעים אויף „קאַסע־שיינען".

ד. א. נומ. 8597

שעף פון מיליטערישן קאַבינעט פון 5טן אָקטאָבער 1941.

קאָלאָנעל (—) ר. דאווידעסקו

---

## נומער 89

### פינאַנץ־מיניסטעריום
### גענעראַל־דירעקציע פון פאָנדן־באַוועגונג

### בוכהאַלטעריע־אַמט

נומ. 42238/1941

נומ. 268730 — 11טער אָקטאָבער, 1941

אַקטן־העפט 251

צו דער:

רומענישער נאַציאָנאַל־באַנק

סעקרעטאַריאַט.

באַציענדיק זיך צו אייער בריוו נומ. 5013 פון 8טן אָקטאָבער ה.י. אין שייכות מיטן אויפקויפן דאָס צירונג און די ווערטפולע מעטאַלן, וואָס

עס באַזיצן די ייִדן, וועלכע וועלן עוואַקואירט ווערן פון בעסאַראַביע און בוקאָווינע;

האָבן מיר דעם כבוד אײַך מודיע צו זײַן, אַז דאָס פינאַנץ־מיניס־טעריום איז מסכּים, אַז די אויסצאָלונג זאָל געמאַכט ווערן אין רובלס לויט דער קאַטיזירונג פון 1 רובל קעגן 40 לעי.

די חפצים וועלן אויפגעקויפט ווערן דורך אײַערע אמטן אין די באַ־טרעפנדיקע שטעטלעך, דאָס גאָלד וועט באַצאָלט ווערן ווערדליק זײַן וואָג און פיינקייט, לויטן אָפיציעלן קורס פון דער רומענישער־באַנק.

פאַר די טײַערע שטיינער און אַנדערע ווערטפולע חפצים וועט באַ־צאָלט ווערן אויפן גרונט פון אַן אָפּשאַצונג וואָס עס וועט מאַכן אַן עקס־פּערט און נאָר לויט דער קאַטיזירונג פון 20% ווערדליק די דאָזיקע אָפּ־שאַצונגען, וואָס וועט זײַן גלײַך מיט דער פראָפּאָרץ צווישן גאָלד לויטן אָפיציעלן קורס און גאָלד לויטן פרײַען קורס.

מיר בעטן אײַך אָבער צו פאַראָרדענען אײַערע אָפּטיילונגען צו זאָרגן, אַז עס זאָלן **צוריקגעצויגן ווערן אויך די קבלות אויף די דעפּאָזיטירטע רובלס, איידער די ייִדן פון דער דאָזיקער קאַ־טעגאָריע וועלן פאַרלאָזן די ערטער.**

מיר בעטן אײַך אויך איר זאָלט באַוויליקן אָנצונעמען אַלע מיטלען, אַז עס זאָלן נישט באַגאַנגען ווערן קיין מיסברויכן מצד די מאַכט־אָרגאַ־נען, וועלכע וועלן געשיקט ווערן צוליב דעם דאָזיקן ציל.

פאַרן מיניסטער — פאַרן גענעראַל־דירעקטאָר

(—) קאָנסטאַנטין פאַנדעלע — (—) אומלייענבאַר

---

**דער ערשטער אַפּעל וואָס עס האָט צוגעשיקט צו יאָן אַנטאָנעסקו דער פּרעזידענט פון דער פעדעראַציע פון ייִדישע קהילות־פאַרבאַנדן ד"ר וו. פילדערמאַן**

**נומער 94**

**פעדעראַציע פון ייִדישע קהילות־פאַרבאַנדן**

נומ. 1347 — 9טער אָקטאָבער 1941

צו דעם ה׳ מאַרשאַל יאָן אַנטאָנעסקו
פירער פון דער מלוכה און פּרעזידענט פון מיניסטאָרן־ראַט.
ה׳ מאַרשאַל,

מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אַ טייל בוקאָווינער ייִדן וועלן אַרי־בערגעשיקט ווערן קיין בעסאַראַביע, אַז די בעסאַראַבער ייִדן דאַרפן אַרי־בערגעשיקט ווערן קיין אוקראַינע און אַז דאָס דאָזיקע איבערשיקן — איז פאַר זיי אַלצאיינס ווי דער טויט, נעמענדיק אין אַכט די באַדינגונגען.

איך בעט אייַך, אויב עס איז ווי ס׳ניט איז מעגלעך, און א ו י ב זיי האָבן זיך מיט גאָרניט ניט פאַרזינ־דיקט, איר זאָלט אָפּשטעלן די דאָזיקע אויסוואַנדערונג.

נעמט צו, ביטע, ה׳ מאַרשאַל, די פאַרזיכערונג פון מייַן טיפער אַכטונג.

פּרעזידענט

(—) ד״ר וו. פילדערמאַן

פּ. ס. דער ספּעציעלער צייכן איז נאָך ניט אָפּגעשאַפט געוואָרן אין בוקאָווינע.

---

נומער 100

## די ווידוי פון געוועזענעם טשערנאָוויצער בירגער־מייסטער ד״ר טראַיאַן פּאָפּאָוויטש

פון רעדאַקציע:

די דאָזיקע „ווידוי״ פאַרנעמט אין רומענישן אָריגינאַל אַריבער 20 זייַטן אַלבום־פאָרמאַט און זי איז אויסן צוויי זאַכן: 1) דערווייַזן, אַז דער מחבר פון דער ווידוי האָט כסדר געקעמפט קעגן דער ייִדן־אויסראָטונג און אַז 2) די האַנדלונג קעגן די ייִדן איז געווען די מערדערישסטע, וואָס מ׳קען זיך גאָר פאָרשטעלן. מיר געפינען ניט פאַר נייטיק צו געבן דעם גאַנצן טעקסט פון דעם דאָזיקן דאָקומענט, אָבער מיר געפינען פאַר אומבאַדינגט נייטיק צו ברענגען דעם תמצית פון דער דאָזיקער שריפט.

אין זייַן אַרייַנפיר־וואָרט זאָגט ד״ר טראַיאַן פּאָפּאָוויטש: „אויסער

יעדן ספק, אז דאָס מיטל צו דעפּאָרטירן די ייִדן קיין טראַנסניסטריע בלייבט אַ ניט־באַטראַכטער אַקט מצד דעם פירער פון שטאַט, מאַרשאַל אַנטאָנעסקו, אַן אוממענטשלעכער, ברוטאַלער, ווילדער אַקט, וואָס האָט טיף צעטרייסלט דאָס וועזן פון אונדזער פאָלק, אַן אַקט, וואָס האָט באַ־פרייט די מיאוסטע אינסטינקטן אין מענטשן־שנאה און זשאַדנעקייט".

„די דאָזיקע ווידוי — שרייבט דער געוו. טשערנאָוויצער בירגער־מייסטער אין אַן אַנדער אָרט פון זיין אַריינפיר־וואָרט — פאַר דעם פּנים פון מיין גאַנצן פאָלק, שטאַמט פון דעם ווילן צו באַשולדיקן די דאָזיקע, וואָס זייערע מעשים באַשולדיקן זיי... דאָס איז אַ ווידוי פון אַ געוויסן, וואָס האָט, איבערלעבנדיק די שווערסטע טראַגעדיע, געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט געקענט צו מילדערן דעם צאָרן... איך ווייס, אַז אַ סך וועט זי ווי טאָן, אָבער איך ווייס, אַז נאָך מער וועט זי טרייסטן... אויב איך האָב געהאַט דעם כח ניט צו מיטגיין מיט דעם שטראָם, איז דאָס געווען דער זכות פון די דורות פּאַפּען (גלחים), פון וועלכע איך קום אַרויס און וועל־כע האָבן מיך געלערנט ליב צו האָבן מענטשן און ס'איז דאָס פאַרדינסט פון אַלע לערער פון סוטשאַווער (שאָצער) ליציי, וועלכע האָבן מיך דער־צויגן אין ליכט פון די שיינקייטן פון די טוגנטן פון קלאַסיציזם".

אין טעקסט דערציילט דערנאָך דער מחבר ווי אַזוי ער איז געווען אַ קעגנער פון קעניג קאַראָל, וואָס האָט פאַרגוואַלדיקט דעם ווילן פון פאָלק און ווי אַזוי ער האָט זיך גיך אַנטוישט אין דעם. מען האָט אים אָבער ביז אין לעצט געהאַלטן פאַר אַנטאָנעסקוס אַ מענטש און מען האָט אים באַ־שטימט אַלס בירגערמייסטער פון טשערנאָוויץ, אין דער צייט, ווען דאָרט האָט געהערשט אַ מיליטערישע רעגירונג. דער מיליטערישער גובערנאַטאָר ראָשיאַנו האָט די טשערנאָוויצער ייִדן נאָך באַהאַנדלט מיט חסד, אָבער ווען ער איז געשטאָרבן און זיין פּלאַץ האָט פאַרנומען גענעראַל קאַלאָ־טעסקו, האָבן זיך אָנגעהויבן די ריכטיקע רדיפות. מען האָט פאַרבאָטן ייִדישע פּראָפעסיאָנאַלן צו אַרבעטן. ייִדישע מעדיקער האָבן געקענט באַ־דינען נאָר זייערע גלויבנס־חברים. מען האָט פאַרבאָטן ייִדן צו באַזוכן מלוכה־שולן און מען האָט געשלאָסן אַלע פּריוואַטע שולן. מען האָט גע־שלאָסן אַלע סינאַגאָגן און געבעט־הייזער און מען האָט פאַרבאָטן צו דאַ־

װענען אַפֿילו אין די גרעסטע יום־טובֿים. זײ האָבן ניט געטאָרט צוגײן צו די פֿענצטערלעך אין די עפֿנטלעכע אַנשטאַלטן (בענק און פּאָסט) און זײ האָבן ניט געקענט אָפּנעמען דאָס געלט, װאָס מען האָט זײ געשיקט — אַלס הילף, אָדער, װײַל ס'איז זײ געקומען. מען האָט זײ געצװוּנגען צו אָפּגעבן אױסלענדישע דיװיזן און ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און מאַשינען, אונטער דראָונגען מיט טױט־שטראָף. מען האָט זײ געשלעפּט צו צװאַנגס־אַרבעט. אױך די אינטעלעקטואַלן האָט מען געשלעפּט. מען האָט בײַ זײ צוגענומען די רעכט צו האַנדלען און אָנפֿירן מיט זײערע אונטערנעמונגען. מען האָט בײַ זײ צוגענומען די רעכט אױף ברױט. זײ האָבן ניט געטאָרט אַרײַנגײן אין מאַרק. אין גאַס האָבן זײ געמעגט זיך באַװײַזן נאָר דרײַ שעה אין מעת־לעת — פֿון צען ביז אײנס אַזײגער. מען האָט זײ ניט אַרײַנגעלאָזט אין די שפּיטאָלן און סאַנאַטאָריעס. מען האָט זײ ניט דערלױבט זיך צו האַלטן רײן און זײער שמוץ האָט געשאַפֿן אַ גהינום, צו װעלכן מען דאַרף דאַנטעס פּעדער. „אַ פּסיכאָז פֿון משוגעת האָט פֿאַרכאַפּט אַזױ פֿיל פֿאַראַנטװאָרטלעכע פֿאַקטאָרן, האָט זײ דעפֿאָרמירט די מענטאַליטעט אין זײ געמאַכט פֿאַר שותּפֿים צו דער שאַנדע, װאָס אומבאַװוּסטזיניקע האָבן אַרײַנגעשריבן אין דער געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק". דער מחבר פֿון דער װידױ פֿאַרשטײט ניט װי אַזױ די ייִדן האָבן דאָס אַלץ אַריבערגעטראָגן פּאַסיװ און זײ זענען ניט באַגאַנגען קײן אַקטן פֿון סאַבאָטאַזש און רעװאָלט. דער אײנציקער עפֿנטלעכער אַנשטאַלט, װוּהין די טשערנאָװיצער ייִדן האָבן געקענט אַרײַנגײן פֿרײַ, איז געװען די מוניציפּאַליטעט. מען האָט די ייִדן גערופֿן אין די אַנטיסעמיטישע צײַטונגען „דאָס פֿאָלק פֿון טראַיאַן" (װײַל דער בירגערמײסטער האָט געהײסן טראַיאַן).

טראַיאַן פּאָפּאָװיטש דערצײלט װי אַזױ ער האָט אַ לאַנגע צײַט ניט דערלאָזט, אַז מען זאָל די ייִדן אַרײַנזעצן אין אַ געטאָ; װען מען האָט גײם געװאָלט שיקן „שטודירן" די געטאָס פֿון פֿראַנקפֿורט, קראָקע, לובלין א. א., האָט ער זיך אָפּגעזאָגט און דערװיזן, אַז אין טשערנאָװיץ קען מען דאָס ניט באַװײַזן. די שטאָט האָט דעמאָלט געהאַט 140.000 אײנװױנער און די ייִדישע „מינאָריטעט" איז באַשטאַנען פֿון 70.000 נפֿשות. ער האָט געמוזט נאָכגעבן און שאַפֿן אַ געטאָ. דערנאָך האָט זיך אָנגעהױבן

א וואקכאנאַליע מיט דעפּאָרטירן. מען האָט דאָס גערופן מיט דעם שיינעם נאָמען „עוואַקואירן". און ווען ער האָט געזען, אַז ער קען ניט אַלע ראַטע־ווען, האָט ער אויסגעבעטן אַ סעלעקציאָנירונג און ער שילדערט ווי אַזוי די אַלע ייִדן האָבן געוויינט, ווען ער האָט זיי געגעבן אַ האָפענונג ניט דעפּאָרטירט צו ווערן און ווי אַזוי ער אַליין האָט געוויינט.

און דער געוועזענער בירגערמייסטער פון טשערנאָוויץ שילדערט ווי אַזוי עס איז געשען די פאַרשיקונג. (ער רופט דאָס מיט דעם סלאַוישן וואָרט „פּאָכאָדאַ", וואָס ווערט גענוצט אין רומעניש). מען האָט זיי צוי־נויפגענומען צו צוויי טויזנט אין אַ גרופּע. מען האָט זיי געפירט אין דער בלאָטע און אַריינגעשטופּט צו 40־50 אין אַ וואַגאָן. שוידערלעכע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט. מען האָט צעטיילט פאַמיליעס. קינדער זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן און עלטערן זענען געבליבן, אָדער פאַרקערט. נישט נאָר שוועסטער און ברידער האָט מען צעטיילט, נאָר אויך מאַן און ווייַב. דער עקסאָד פון די טשערנאָוויצער איז אַ טראַגיש קאַפּיטל אין דער גע־שיכטע פון דער מענטשהייט". צוויי מאָל האָט מען די טשערנאָוויצער ייִדן אַרויסגעשיקט, איין מאָל אין ווינטער 1941, ווען עס האָבן געגאָסן רעגנס, געפאַלן שניי און עס האָט געהערשט אַ מוראָדיקע קעלט און אייז מאָל אין זומער 1942, ווען די היץ איז געווען אַ ווילדע און מען איז אומ־געקומען פאַר דורשט.

און די גאַנצע רייזע דערנאָך... טויטע האָט מען אַרויסגעוואָרפן פון די באַנען, איבערגעלאָזט אין די וואַקזאַלן, לעבעדיקע האָבן געליטן הונ־גער, דורשט, זענען געפאַלן. פון אַ גרופּע פון זעכציק קינדער איז איינס געבליבן לעבן... און ווען זיי זענען אָנגעקומען אין די באַשטימטע ערטער, האָבן זיי גאָרניט געהאַט. די שטערבלעכקייט האָט נעגרייכט ביז פופציק, זיבעציק און אפילו 85 פּראָצענט. מען איז אויסן געווען איין זאַך מיט דעם אַלעמען: אומברענגען. מען האָט פאַרבאָטן, אונ־טער דער דראָונג פון טויטשטראָף זיי צו שיקן שפּייַז. פאַר אַנטלויפן האָט מען הינגעריכטעט. מען האָט זיי איבערגעגעבן די דייַטשן איבער דעם בוג בלומרשט פאַר אַרבעט, אָבער די כוונה איז געווען — אויסראָטן. „אָט דאָס איז דער מאַרטירער־מאַרש פון די דאָזיקע, וואָס זענען געשיקט גע־

וואָרן קיין טראַנסניסטריע. דאָס אַלץ האָט פּאַסירט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, דער יאָרהונדערט פון משוגעת". דאָס אַלץ האָט מען געטאָן אין נאָמען פון „הייליקן קריג", „באַפרייַאונג" און „קרייציקונג". דאָס אַלץ האָט מען געטאָן אין נאָמען פון אַ מענטשלעכקייט, פון אַ ציוויליזאַציע און פון אַ רעליגיע, וואָס איז אין איר תמצית מחילהדיק און אין נאָמען פון „שאַפער פון אַ נייַ פאָלק"... „מיט דעם בלוט פון די מאַרטירירטע — ענדיקט טראַיאַן פּאָפּאָוויטש זייַן ווידוי — מיט די נשמות פון די געשאַפענע אין איבערמענטשלעכן געשטאַלט, מיט דער שרעק פון די דאָזיקע, וואָס זענען געבאָדן געוואָרן אין די וואַסערן פון טויט, מיר די גייַסטלעכע פון אָט דער ווילדער רעליגיע, האָבן אַרייַנגעשריבן אַן אַפּאָקאַליפּטיש שאַנד־בלאַט אין תהלים פון אונדזער פאָלק".

צום שלום פון זייַן ווידוי גיט טראַיאַן פּאָפּאָוויטש אַביסל סטאַטיסטיק. ביז דעם ערשטן וועלט־קריג האָט די בוקאָווינע געהאַט 90.000 ייִדן, וואָס האָבן באַטראָפן 10 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג; דער דאָזיקער פּראָצענט האָט אָנגעהאַלטן ביז 1940, ווען די צאָל האָט געגרייכט ביז 120 טויזנט. 70 טויזנט ייִדן האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין טשערנאָוויץ, וואָס האָט בכלל געהאַט 140.000 נפשות. דער מחבר ווייסט ניט ווי אַזוי אין 1941 זענען אין טשערנאָוויץ געווען נאָר 50 טויזנט ייִדן. גאַנץ איז געבליבן די ייִדישע באַפעלקערונג אין דרום־בוקאָווינע. אַ פאַקט איז, אַז ווען די רומענער זענען צוריקגעקומען קיין צפון־בוקאָווינע אין 1941, האָבן זיי דאָרט געטראָפן 65־70 טויזנט ייִדן, פון זיי ניט מער ווי 50 טויזנט אין טשערנאָוויץ. די פאָלקס־ציילונג, וואָס מ'האָט דעמאָלט דורכגעפירט האָט געוויזן כמעט 49 טויזנט ייִדישע נפשות. נאָך די צוויי דעפּאָרטירונגען איז געבליבן 16.569 נפשות. פון טשערנאָוויץ אַליין האָט מען עוואַקויִרט 28.391 ייִדן.

## דער צווייטער אַפּעל פון ד"ר וו. פילדערמאַן, פּרעזידענט פון דער פעדעראַציע פון יידישע קהילות־פאַרבאַנדן צו יאָן אַנטאָנעסקו

### נומער 101

פעדעראַציע פון יידישע קהילות־פאַרבאנדן

1356 — 11טער אָקטאָבער 1941

המשך פון נומ. 1347

צום ה' מאַרשאַל אַנטאָנעסקו

פירער פון דער מלוכה.

ה' מאַרשאַל,

איך האָב היינט באַקומען אַ פאַרצווייפלטן אַפּעל פון דער אָנפירער־שאַפט פון קעשענעווער געטאָ.

דעם 8טן ד. ח. פאַרטאָג זענען אַרויסגעגאַנגען פון געטאָ 1500 מענטשן, די מערסטע צופוס, מיטנעמענדיק מיט זיך נאָר אַזויפיל וויפל זיי האָבן געקענט האַלטן אין דער האַנט, דאָס הייסט — כמעט אַלע זענען אויסגעשטעלט אומצוקומען, מחמת אין דרויסן איז קאַלט און זיי זענען נאַקעט, אָן עסן און אָן דער קלענצטער מעגלעכקייט באַזאָרגט צו ווערן מיט שפּייז, אויף אַ וועג פון ווינציקסטנס 8 טעג, אין רעגן, קעלט און שניי.

נאָר די קראַנקע, די אַלטע לייט און די קינדער זענען געפאָרן אין פורלעך. ד. ה. אַז אויך די קראַנקע זענען נישט געשוינט געוואָרן; דאָס הייסט אַז אויך די פרויען האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן צו פוס.

דאָס איז דער טויט, דער טויט פאַר קיין שום שולד נישט, סיידן פאַר דער שולד פון זיין יידן.

איך בעט זיך ביי אייך נאָך אַמאָל, ה' מאַרשאַל, איר זאָלט ניט דערלאָזן, אַז אַזאַ מין דערשיטערנדיקע טראַגעדיע זאָל אויסגעפירט ווערן.

נעמט אָן, ביטע, ה' מארשאַל, די פאַרזיכערונג פון מײַן טיפסטן רעספּעקט.

פרעזידענט

(—) ד"ר וו. פילדערמאַן

---

**דאָס אָפּשטעלן די דעפּאָרטאַציעס פון טשערנאָוויץ. עס ווערן סעלעקציאָנירט און באַפרײַט פון דעפּאָרטאַציע עטלעכע קאַטעגאָריעס ייִדן.**

## נומער 102

**די אוידיענץ פון פרעזידענט פון די קהילות־פאַרבאַנדן, ד"ר וו. פיל־דערמאַן, בײַם צײַטווייליקן פרעזידענט פון מיניסטאָרן־ראַט, מיכאי אַנטאָנעסקו.**

פעדעראַציע פון די קהילות־פאַרבאַנדן

1368 — 14טער אָקטאָבער 1941

צום ה' פּראָפעסאָר מיכאי אַנטאָנעסקו
צײַטווייליקער פרעזידענט פון מיניסטאָרן־ראַט.
ה' פּרעמיער,

איך בין אײַך טיף דאַנקבאַר פאַרן צוזאָג אָפּצושטעלן דאָס עוואַקוירן פון בוקאָווינע און בעסאַראַביע די אינטעלעקטואַלן, סוחרים, בעלי־מלאכות און די יעניקע, וועלכע האָבן פאַרמאָגט דאָרפיש אָדער שטאָטיש פאַרמעגן.

איך דערלויב זיך פאַר אײַך איבערצוחזרן די בקשה צו באַשטעטיקן אָן אָפּלייג פאַר די איבעריקע.

אין דער אמתן האָט מען מיר הײַנט טעלעפאָנירט, אַז הן אין בוקאָווינע, הן אין בעסאַראַביע קומען פאַר אַ סך זעלבסטמאָרדן און היות די מענטשן קענען גאָרנישט מיטנעמען מיט זיך — צעפּטרן זיי עס אינגאַנצן, פאַרקויפנדיק עס פאַר כמעט־אומזיסט, א. א. וו.

איך בעט אייך, ווײַזט ארויס א רחמנות-זשעסט, וואָס וואָלט דאָך נישט געוועזן קעגן די מלוכה־אינטערעסן, און אזוי ווי די דײַטשן האָבן צוריקגעשיקט קיין בעסאראביע די ערשטע קאָנוואָיען, וואָס זענען פון דאָרט אוועק צוריק מיט צוויי חדשים, פאָראָרדנט איר, אז עס זאָלן צו־ריקגעשיקט ווערן צו זייערע היימען די וועלכע זענען עקספּעדירט גע־וואָרן, ווער שמועסט אז צווישן די דעפּאָרטירטע זענען דאָ אויך ייִדן פון אַלט־רומעניע, וועלכע זענען דאָרט פאַרכאַפּט געוואָרן און זיי האָבן גע־וואָלט, אָבער ניט געקאָנט באַצײַטנס רעפּאַטריאירט ווערן. צווישן זיי גע־פינען זיך אויך וועטעראַנען פון רומענישע מלחמות, דעקאָרירטע, אינוואַ־לידן אָדער מלחמה־יתומים.

פון די אומצאָליקע צוגן, וואָס זענען אוועק פון בוקאָווינע זענען, אי־בעריקנס, די מערסטע נישט אָנגעקומען און עס איז פאַראַן אַ סכנה, אז די מענטשן זאָלן אויסשטאַרבן אויפן וועג פון קעלט און פאַר הונגער.

נעמט אָן, ביטע, ה׳ פּרעמיער, די פאַרזיכערונג פון מײַן ספּעציעלער שעצונג.

פּרעזידענט

(—) ד״ר וו. פילדערמאַן

---

## יאָן אַנטאָנעסקוס ענטפער אויף די אַפּעלן וואָס זענען צו אים געשיקט געוואָרן.

נומער 103

דער פירער פון רומענישן שטאַט.

ה׳ פילדערמאַן,

אין צוויי נאָכאַנאַנדיקע פּעטיציעס שרײַבט איר מיר וועגן דער „דער־שיטערנדיקער טראַגעדיע״ און איר „בעט זיך״ בײַ מיר מיט רירנדיקע ווערטער, דערמאָנענדיק „געוויסן״ און „מענטשלעכקייט״, און איר שטרײַכט אונטער, אז איר זענט „מחויב״ צו אַפּעלירן „צו מיר״ און „נאָר״ צו מיר, פאַר די ייִדן פון רומעניע, וועלכע ווערן אריבערגעפירט אין גע־טאָס, וואָס זענען פאַר זיי צוגעגרייט בײַם בוג.

כדי אַרײַנצומישן אויך טראַגישקייט אין אײַער אינטערווענץ, שטרײַכט איר אונטער, אַז דאָס דאַזיקע מאָסמיטל „איז דער טויט, דער טויט, דער טויט פֿאַר קיין שום שולד נישט, פֿאַר קיין שום שולד נישט, סײַדן פֿאַר דער שולד פֿון זײַן ייִדן".

ה' פֿילדערמאַן, קיינער קען נישט זײַן עמפּפֿינדלעכער ווי איך פֿאַר די לײַדן פֿון דערדריקטע און שוצלאָזע. איך פֿאַרשטיי אײַער ווייטיק, אָבער איר דאַרפֿט אויך פֿאַרשטיין, באַזונדערס דאַרפֿט איר, איר אַלע, פֿאַרשטיין, צו דער צײַט, מײַן אַמאָליקן ווייטיק, דעם ווייטיק, וואָס איז געווען פֿון אַ גאַנצן פֿאָלק.

דענקט איר, צי האָט איר אַמאָל אַ דענק געטון, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין אונדזערע נשמות פֿאַראַיאָרן, בײַם עוואַקואירן בעסאַראַביע, און וואָס עס קומט פֿאַר הײַנט, ווען יעדן טאָג און יעדע שעה באַצאָלן מיר מיט גרויסמוט און מיט בלוט, מיט זייער אַ סך בלוט, פֿאַר דער שנאה מיט וועלכער אײַערע בעסאַראַבער גלויבנס־ברידער האָבן אונדז באַהאַנדלט בײַם צוריקציען זיך פֿון בעסאַראַביע? דערמאָנט איר זיך, ווי אײַערע גלויבנס־ברידער האָבן אונדז באַהאַנדלט בײַם צוריקקערן זיך און ווי אַזוי זיי האָבן אונדז באַהאַנדלט פֿונעם דניעסטער ביז אדעס און אין די געגנטן בײַם אַזאָווישן ים?

אָבער, ווי עס איז שוין בײַ אײַך טראַדיציאָנעל, ווילט איר זיך אויך דאָס מאָל פֿאַרוואַנדלען פֿון באַשולדיקטע אין באַשולדיקער, און איר מאַכט זיך, אַז איר האָט פֿאַרגעסן די סיבות, וועלכע האָבן גורם געווען צו דער לאַגע אויף וועלכער איר באַקלאָגט זיך. דערלויבט מיר אײַך צו פֿרעגן, און דורך אײַך — צו פֿרעגן אַלע אײַערע גלויבנס־ברידער, וועלכע האָבן אַפּלאָדירט אויף אַזויפֿיל התלהבותדיקער אויף וויפֿל די לײַדן און קלעפּ וואָס מיר פֿלעגן באַקומען — פֿלעגן זײַן אַלץ גרעסער:

וואָס האָט איר געטון פֿאַראַיאָרן? ווען איר האָט געהערט ווי אַזוי עס זענען זיך באַגאַנגען די בעסאַראַבער און בוקאָווינער ייִדן קעגן דעם רומענישן מיליטער, וואָס האָט זיך צוריקגעצויגן, און וואָס האָט ביז אין יענעם מאָמענט פֿאַרטיידיקט די רו און דעם וווילטאָג פֿון די דאַזיקע ייִדן?

איך דערמאָן אײַך, אַז:

נאָך פאַרן באַווײַזן זיך פון סאָוועטישן חייל, האָבן די דאָזיקע בעסאַראַבער און בוקאָווינער ייִדן וועלכע איר פאַרטיידיקט, באַשפּיגן אונדזערע אָפיצירן, זיי אַראָפּגעריסן די עפּאָלעטן, זיי צעפּליקט די אוני-פאָרמעס און ווען זיי האָבן נאָר געקענט — האָבן זיי אויף אַ נידערטרעכ־טיקן אופן דערהרגעט די סאָלדאַטן מיט שטעקענעס. מיר האָבן באַוויזן.

די דאָזיקע נידערטרעכטיקע האָבן אויפגענומען דאָס אָנקומען פון סאָוועטישן מיליטער מיט בלומען און האָבן עס געפּײַערט מיט אויסער־געוויינלעכע פרייד. מיר האָבן פאָטאָגראַפיעס, וועלכע באַווײַזן עס.

בעת דער באָלשעוויסטישער אָקופּאַציע, האָבן יענע, אויף וועלכע איר האָט איצט אַזאַ רחמנות, פאַראַטן די גוטע רומענער, זיי פאַרמסרט און איבערגעגעבן צום קאָמוניסטישן צאָרן און אַרײַנגעבראַכט צער און אבלות צו אַ סך רומענישע משפחות.

פון קעשענעווער קעלערס ווערן טאָג־טעגלעך אַרויסגענומען שרעק־לעך צעפּײַניקטע טויטע קערפּערס פון אונדזערע מאַרטירערס. אַזוי זענען זיי באַצאָלט געוואָרן דערפאַר ווײַל במשך 20 יאָר האָבן זיי געהאַלטן אויסגעשטרעקט אַ פרײַנטלעכע האַנט צו די דאָזיקע אומדאַנקבאַרע חיות.

דאָס זענען באַקאַנטע פאַקטן, וועלכע זענען אײַך אַליין אויך באַ־קאַנט און וועגן וועלכע איר קענט זיך אין יעדן מאָמענט דערוויסן אַלע פּרטים.

האָט איר זיך אַמאָל אַ פרעג געטון פאַרוואָס ייִדן האָבן אונטער־געצונדן זייערע הייזער פאַרן אָפּטרעטן? קענט איר זיך אויפקלערן פאַר־וואָס בעת אונדזער פאַרויסמאַרש האָבן מיר אָנגעטראָפן 14־ און 15־יע־ריקע ייִדישע קינדער מיט פולע קעשענעס גראַנאַטן?

האָט איר זיך אַמאָל אַ פרעג געטון וויפל פון אונדז עס זענען געפאַלן — נידערטרעכטיק דערהרגעטע — דורך אײַערע גלויבנס־ברידער, וויפל פון זיי עס זענען באַגראָבן געוואָרן איידער זיי זענען נאָך געווען טויט. אויב איר ווילט באַווײַזן אויך אויף דעם דאָזיקן געביט — וועט איר זיי האָבן.

דאָס זענען אַקטן פון שנאה, אַ דערפירטע ביז שגעון, וועלכע אײַערע ייִדן האָבן אַרויסגעוויזן קעגן אונדזער טאָלעראַנטן און גאַסטפרײַנטלעכן

פאָלק, וואָס איז אָבער היינט באַוווּסטזיניק און ווירדיק בנוגע זײַנע רעכטן.

אַלס ענטפער אויף דעם גרויסמוט מיט וועלכן זײ[1] זענען אויפגענומען און באַהאַנדלט געוואָרן צווישן אונדז, האָבן אײַערע ייִדן, בײַם ווערן סאָוועטישע קאָמיסאַרן, געשטויסן דאָס סאָוועטישע חייל אין דער אָדעסער געגנט מיט נאָך ניט־געהערטן טעראָר, וועגן וועלכן עס האָבן מודה געווען רוסישע געפאַנגענע, צו אַן אומזיניקער שחיטה, אַבי אונדז גורם צו זײַן וואָס מער שאָדנס.

אין דער געגנט פון אַזאָוויש ים האָט אונדזער מיליטער, בעת אַ צײַטווײַליקן צוריקטריט — איבערגעלאָזט אויף אַן אָרט פאַרוווּנדעטע אָפיצירן און סאָלדאַטן. ווען מיר האָבן זיך אַהין צוריקגעקערט, האָבן מיר געטראָפן די פאַרוווּנדעטע — שרעקלעך צעפּײַניקט. מענטשן, וועלכע האָבן געקענט געראַטעוועט ווערן — האָבן אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם-צי אין שרעקלעכע יסורים.

מען האָט זײ אויסגעשטאָכן די אויגן, אויסגעשניטן די צונג, נאָז און אויערן.

שטעלט איר זיך פאָר, ה' פּילדערמאַן, דאָס דאָזיקע בילד?

פרעגט זיך, פאַרוואָס אַזויפיל האַס מצד רוסישע ייִדן, מיט וועלכע מיר האָבן קײנמאָל גאָרנישט געהאַט קיין געמיינזאַמעס?

אָבער זייער שנאה איז אַלעמענס, דאָס איז אײַער שנאה.

ווערט נישט געריִרט, אויב איר האָט באמת נשמות, פון דעם וואָס איז עס נישט ווערט, ווערט געריִרט פון דעם וואָס איז עס יאָ ווערט.

וויינט אײנײנעם מיט די מאַמעס, וועלכע האָבן מיט אַזויפיל יסורים פאַרלוירן זייערע קינדער, און נישט מיט יענע וועלכע האָבן זיך אַליין געטון און טוען אויך אײַך אַן אַזויפיל שלעכטס.

מאַרשאַל אַנטאָנעסקו

19-10-1941

---

1) אין דעם טעקסט וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די צײַטונגען איז דערשינען „איר זענט אויפגענומען געוואָרן". אין אָריגינאַל, וועלכן אַנטאָנעסקו האָט אייגנהענטיק קאָרעגירט איז געשטאַנען — „זיי זענען אויפגענומען געוואָרן".

פּ. ס. — אַ פּאַרוואונדעטער זעלנער פון פּיאַטראַ נעאַמץ, איז באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט לויטן באַפעל און פאַר די אויגן פון די סאָוועטישע יידישע קאָמיסאַרן, טראָץ דעם וואָס דער אומגליקלעכער האָט זיך געבעטן מען זאָל אים נישט באַגראָבן, אַנווייזנדיק, אַז ער האָט פיר קינדער.2)

---

## די פאַרפאָלגונג קעגן פּרעזידענט פון די יידישע קהילות־פאַרבאַנדן, ד"ר וו. פילדערמאַן

### נומער 104

אדוואָקאַטן־קאָרפּאָראַציע פון אילפאוועץ*) קרייז
גענעראַל־רעגיסטראַטור
אַריינגעקומען דעם 27טן אָקטאָבער 1941, נומ. 9054.
קאָנסיליום פון אילפאוועץ אדוואָקאַטן־פאַריין

נעמענדיק אין אַכט די שולד ווערט אָפיציעל דעלעגירט דער ה' ראַטמאַן גאָרסקי, בכדי דרינגענדיק אויסצופאָרשן דעם פאַל.

(—) אומלייענבאַר

אקטן־העפט נומ. 570 28-10-1941

איך בעט עס פאָרצוברענגען פאַרן ראַט פון דער קאָמיסיע.

(—) אומלייענבאַר

קאָנסיליום פון אילפאוועץ אדוואָקאַטן־פאַריין
אַריינגעקומען דעם 5טן נאָוועמבער 1941, נומ. 5672.
6טער נאָוועמבער 1941.

---

2) דער טעקסט וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די צייטונגען, האָט נישט אנטהאַלטן די דאָזיקע צושריפט, וואָס איז אין אָריגינאַל געווען צוגעשריבן מיט דער האַנט.

3) דער קרייז אין וועלכן בוקאַרעשט געפינט זיך, הייסט אילפאוו — איבערזעצער.

עס וועט ארויסגערופן ווערן דער אדוואָקאַט ה׳ פילדערמאַן, בכדי אויסגעפּאָרשט צו ווערן, אויף דאָ־נערשטיק, דעם 6טן נאָוועמבער, ה. י. 9 אזייגער, דער ה׳ געריכטס־שרײַבער קאָטארו וועט אָננעמען מיטלען אז די רוף־פּראָצעדור זאָל דערפילט ווערן און וועט מיר צוווייסן טון בײַם דורכפירן די אויספאָרשונג.

(—) גארסקי

צו דעם ה׳ דעקאַן פון אילפאוועד אדוואָקאַטן־פאַריין.

ה׳ דעקאַן,

מיר, די אונטערגעשריבענע מיטגלידער פון אילפאוועד אדוואָקאַטן־פאַריין האָבן גענומען צו קענטעניש פון דער פרעסע, דעם ענטפער וואָס דער ה׳ מאַרשאַל אַנטאָנעסקו האָט געגעבן דעם אדוואָקאַט וו. פילדער־מאַן, וועלכער האָט אומצאָליקע מאָל אינטערוועניךט לטובת די זשידאַ־נעס („זשידעס”) פון בוקאָווינע, בעסאַראַביע און רוסלאַנד, אלס פּרעזי־דענט פון אלע זשידאָווסקע פעדעראַציעס פון לאַנד.

דער דאָזיקער פאַרשווין האָט מיט זײַנע אינטערווענצן ארויסגעוויזן א סאָלידאַריזירונג מיט די קרימינעלע אקציעס פון אונדזערע שטענדיקע שונאים און דערמיט ווערט ער אומווירדיק נאָך ווייטער צו זיין א מיט־גליד פון אונדזער אדוואָקאַטן־קערפּערשאַפט.

מיר קוואַליפיצירן די דאָזיקע האַנדלונג זײַנע אלס א באַליידיקונג קעגן דער נאַציע און, פאָלגלעך, בעטן מיר אייך, אז ער זאָל באַלד אויס־געשלאָסן ווערן פון אדוואָקאַטן־פאַריין.

דאָס דאָזיקע מאָסמיטל זאָל אָנגענומען ווערן אויך קעגן אלע זײַנע גלויבנס־ברידער וועלכע האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט דער דאָזיקער טרויעריקער האַנדלונג, שוין דערמיט אליין וואָס זיי האָבן אים דערפאַר נישט געטאַדלט.

מיט אכטונג — מ. טורקו

(—) יאן פאַשקאַנו, ניקאָלאַיע דומיטרעסקו, וויקטאָר טעטערעשאַנו, אל. וו. יאנעסקו, לוטשיאַן סטענקולעסקו, ר. יאנעסקו, א. קאָנסטאַנטי־נעסקו, קאָנסט. ראַדו, נ. איליעסקו, ג. פלאָרעסקו, ראַדו פּאַסקו, אפּאָס־

טאַלעאַנו, קאַסטאַקע יאַן, ד. מ. פּאַפּעסקו, אַדריאַן קאָנסטאַנטינעסקו, עמיל אַטאַנאַסעסקו, ג. פלאַריאַן. עס קומען נאָך ווייטער 42 אומלייענבאַרע חתימות.

---

## נומער 105

### פאַרבאַנד פון קריסטלעכע רומענישע אַדוואָקאַטן

ה' דעקאַן, מיר האָבן דעם כבוד אייך מיטצוטיילן:

דער קאָמיטעט פון פאַרבאַנד פון די קריסטלעכע רומענישע אַדוואָקאַטן ביים אַדוואָקאַטן־פאַריין פון דער הויפּטשטאָט, האָט אויף דער אָפּגעהאַלטענער זיצונג פון 27טן אָקטאָבער 1941, אונטערן פאָרזיץ פון ה' אַדוואָקאַט עמאַניאל סלאַטינעאַנו, באַשלאָסן:

צו אינטערווענירן ביים דיסציפּלינאַרן ראַט פון אילפאָווער אַדוואָקאַטן־פאַריין, אַז עס זאָל צוגעצויגן ווערן צו אַ גערעכט און באַשטראָפט ווערן דער ה' אַדוואָקאַט פילדערמאַן, וועלכער האָט זיך פאַרשולדיקט קעגן דער קאָרפּאָראַציע פון וועלכער ער איז אַ מיטגליד מיט זיין אַנטיפּאַטריאָטישער טעטיקייט, וואָס איז נישט אין הסכם מיט די פּרינציפּן, וואָס דינען אַלס יסוד פון דער אַדוואָקאַטישער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע.

צווישן די מאָטיוון וואָס פיגורירן אין פּאָרפּראָיעקט פון אַדוואָקאַטן־געזעץ, זענען פעסטגעשטעלט געוויסע ריכט־נאָרמעס אויפן געביט פון פּראַקטיצירן די פּראָפעסיע, וועגן פּראָפעסיאָנעלער אויטאָנאָמיע און סאָלידאַריטעט, און עס ווערט צוגעגעבן אַז די אַדוואָקאַטן־קערפּערשאַפט באַקומט אַ פרייהייט צו האַנדלען, וועלכע איז (אָבער) אונטערגעוואָרפן נאָר די העכסטע נאַציאָנאַלע אינטערעסן, וועלכע פאַלן אַרונטער אונטער דער דיסציפּלין פון די אַלגעמיינע, פּערמאַנענטע מלוכה־אינטערעסן.

עס קען היינט נישט אונטערשיידט ווערן אַ בירגערס פּאָליטישע טעטיקייט, וואָס געהער צו דער פאַרגאַנגענהייט מחמת די פּאָליטישע פּאַרטייען זענען אויפגעלייזט און די פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט קען אויס־

געפירט ווערן נאָר אין די באַשטימטע גרענעצן פון אונדזער אָרגאַנישן געזעץ און פון די וויטאַלע פאָדערונגען פאַר אונדזער קאָנסערווירונג און אַנטוויקלונג אַלס אַ מערהייטלעכע און לאַנד־שעפערישע נאַציע.

אָבער דער ה׳ אַדוואָקאַט פילדערמאַן האָט מיט זיין פאַראורטייל־באַרער האַנדלונג עובר געווען אויף די עלעמענטאַרע פליכטן וואָס עס ליגן אויף אונדז אַרויף די עפּאָכע־מאַכנדיקע אומשטענדן, וואָס עס לעבט איצט איבער אונדזער אומה, און פאַרוואַנדלענדיק זיך אין אַ טשעמפּיאָן פון די טיפע און אומבאַרעכטיקטע נקמה־געפילן, וואָס זיינע גלויבנס־ברידער האָבן שטענדיק געפילט צו אונדז — ווי עס באַקומט זיך פון דעם לאַפּידאַרן בריוו וואָס דער שטאַטס־פירער האָט אים צוגעשיקט — גלויבן מיר, אַז ער האָט זיך אינגאַנצן דעסאָלידאַריזירט פון דער גאָר־גרויסער מערהייט פון זיינע פאַך־קאָלעגן, און אָננעמענדיק אַזאַ מין שטעלונג אַלס רומענישער בירגער — אין אייגנשאַפט אויף וועלכער מיר זענען שטאָלץ — האָט ער געוואָרפן אַ שאַנד־פלעק אויף מענטשן, וועלכע זענען מקריב זייער לעבן פאַרן נצחון פון אַ גלויבן, אין וועלכן ער האָט ביי־געטראָגן נאָר לפנים, נאָר בכדי דערמיט בלויז צו דערגרייכן מאַטעריעלע נוצן.

מיט יודאישע פילפולים האָט ער באַשמוצט די איינגעבוירענע גרונט־געפילן פון מין מענטשן, ווי אויך זיין צובונד צום פאָטערלאַנד און האָט זיך, אַזוי אַרום, פאַרזינדיקט מיט זיין אַנטינאַציאָנאַלער און אַנטיפּאַטריאָ־טישער טעטיקייט, פאַר וועלכן מיר פאָדערן, אַז ער זאָל באַשטראָפט ווערן.

איר, ה׳ דעקאַן, איינינעם מיטן דיסציפּלינאַרן ראַט, וואָס וואַקסט אַרויס פון אונדזער קאָרפּאָראַציע; איר וועלכע האָט צווישן אַנדערע שלי־חותן אויך די פון זיין אַ פאַנצער פאַרן אומבאַרירלעכן כאַראַקטער פון רומענישן אַדוואָקאַטן־פאַריין, איר קענט ניט ניט־נעמען אין אַכט און בלייבן גלייכגילטיק צו דער געגוג ערנסטער האַנדלונג פון ה׳ אַדוואָקאַט פילדערמאַן און לאָזן אומבאַשטראָפט די אויסער־פּראָפעסיאָנעלע טעטי־קייט פון אַ מיטגליד פון אַדוואָקאַטן־פאַריין, וועלכער האָט אַליין אויף זיך אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל, דאַן ווען מיט שווייגן און פאַרלייקענונג האָט

ער מסכים געווען צו זײַן דער פֿאַרײַנטערעסירטער פּאַרטיידיקער פֿון אַלע אכזריותן און מעשים תעתועים וואָס עס האָט דורכגעפֿירט זײַן אומה, צום שאָדן פֿון די יעניקע, וועלכע האָבן מיט זייער לײַכטגלייביקייט באַהאַנדלט אַזוי גרויסמוטיק די אומגעווינטשענע; מיר פֿאָדערן דעריבער אַז ער זאָל אויף שטענדיק אויסגעשלאָסן ווערן פֿון רומענישן אַדוואָקאַטן־צעך.

באַוויליקט, ביטע, ה׳ דעקאַן, אָנצונעמען דעם אויסדרוק פֿון אונדזערע בעסטע געפֿילן.

(—) ע. סלאַטינעאַנו, פּרעזידענט (—) סאַרע מירעאַ, סעקרעטאַר

---

## מען טיילט זיך אײַן מיטן רויב

### נומער 110

רומענישע נאַציאָנאַל־באַנק

בוקאַרעשט בוקאַרעשט, 17טער נאָוו. 1941

73360

צו דעם ה׳ פֿינאַנץ־מיניסטער.

ה׳ מיניסטער,

היות דאָס איבערנעמען די ווערטפֿולע חפֿצים פֿון די בעסאַראַבער און בוקאָווינער ייִדן האָט זיך פֿאַרענדיקט, בעטן מיר אײַך, אַז איר זאָלט באַוויליקן צו באַשטימען אײַערן אַ דעלעגאַט, אין וועמענס אָנוועזנהייט עס זאָלן אויפגעעפֿנט ווערן די קאַסטנס, וועלכע אַנטהאַלטן די דאָזיקע חפֿצים, בכדי צו מאַכן דעם געהעריקן אינווענטאַר.

מיר האַלטן פֿאַר נייטיק, אַז אַ חוץ דעם דאָזיקן דעלעגאַט אײַערן; און אַ חוץ אונדזערע דעלעגאַטן, זאָלן אויך בײַזײַן אַ 3–2 באַוווסטע יוועלירן, וועלכע זאָלן גלײַכצײַטיק מיטן רעגיסטרירן די חפֿצים זיי אויך אָפּשאַצן.

נעמט אָן, ביטע, ה׳ מיניסטער, די פֿאַרזיכערונג פֿון אונדזער באַזונדערער שעצונג.

רומענישע נאַציאָנאַל־באַנק

(—) דעמעטרעסקו (—) ניקולעסקו

## נומער 111

רומעניע
בוקאָווינער גאָווערנאַמענט
טשערנאָוויץ, 22טער נאָוו. 1941
אדמיניסטראַטיווער דירעקטאָראַט
נום. 100/88
אַמט פון אַלג. סעקרעטאַריאַט
צו דער רומענישער נאַציאָנאַל-באַנק
בוקאַרעשט.

מיר האָבן דעם כבוד אייַך צו בעטן, איר זאָלט באַוויליקן צו פאַר־אָרדענען, אַז פון די חפצים וואָס זענען קאָנפיסקירט געוואָרן בייַ די ייִדן פון דער פראָווינץ בוקאָווינע, זאָלן צוריקגעגעבן ווערן דעם דאָזיקן גאָ־ווערנאַמענט, די אַלע חפצים וואָס זענען נישט פון קיין ווערטפולן מעטאַל.

גובערנאַטאָר פון דער פראָווינץ בוקאָווינע
פאַרן: גענעראַל ק. קאַלאַטעסקו
(—) אומלייענבאַר

---

## נומער 112

רומענישע נאַציאָנאַל־באַנק
בוקאַרעשט
בוקאַרעשט, 24טער נאָוו. 1941
פ. 73430

צו דעם ה׳ פינאַנץ־מיניסטער.

ה׳ מיניסטער,

מיר שיקן אייַך דאָ, בייַגעלייגט, די ווענדונג נום. 100/88 פון 22טן נאָוועמבער ה. י. פון בוקאָווינער גאָווערנאַמענט, דורך וועלכער מיר ווערן געבעטן אים איבערצוגעבן די אַלע חפצים, וואָס זענען ניט פון קיין ווערט־פולן מעטאַל, וואָס אונדזערע דעלעגאַטן האָבן איבערגענומען בייַ די ייִדן, וואָס זענען עוואַקוירט געוואָרן פון בוקאָווינע און בעסאַראַביע.

מיר טיילן אייַך מיט, אַז צווישן די דאָזיקע איבערגענומענע חפצים

זענען פאַראַן אויך קלענערע קוואַנטומס גאָפּל־לעפּל־מעסערס פון אַלפּאַקאַ, וואָס די טשערנאָוויצער מיליטערישע אײנסן וואָלטן באַדאַרפט האָבן פאַר זײערע עס־צימערן.

מיר בעטן אײַך צו באַוויליקן אונדז מיטצוטײלן אײַער באַשלוס.

נעמט אָן, ביטע, ה׳ מיניסטער, די פאַרזיכערונג פון אונדזער באַזונדערער שעצונג.

בײַגעלײגט: 1 בריוו.  רומענישע נאַציאָנאַל־באַנק

(—) דעמעטרעסקו  (—) ניקולעסקו

---

## נומער 113

### פינאַנץ־מיניסטעריום

### גענעראַל־דירעקציע פון פאָנדן־באַוועגונג

דורך אונדזער ווענדונג נומ. 268730 פון 11טן אָקטאָבער 1941 האָבן מיר אײַך באַשטעטיקט די באַדינגונגען בײַ וועלכע עס זאָל געמאַכט ווערן דער אויפקויף פון צירונג און פון די ווערטפולע מעטאַלן בײַ די ייִדן, וואָס ווערן עוואַקוּאירט פון בעסאַראַביע און בוקאָווינע.

היות די אײַנקויף־אָפּעראַציע איז שוין פאַרענדיקט, בעטן מיר אײַך איר זאָלט באַוויליקן צו פאַראָרדענען, אַז עס זאָל אונדז צוגעשיקט ווערן אַן אינווענטאַר פון די דאָזיקע חפצים, אין שײכות מיט זײער פאַרווערטונג.

אין הסכם מיטן באַשלוס פון ה׳ וויצע־מיניסטער, מירטשעאַ וואָלקאַנעסקו, בעטן מיר אײַך צו נעמען צו קענטעניש, אַז דאָס גאָלד און זילבער — אין מטבעות אָדער אומאויסגעאַרבעטס — דאַרף אײַך איבערגעגעבן ווערן לויט דעם אָפיציעלן פּרײַז.

וואָס שײַך די זאַכן וואָס זענען אויסגעאַרבעט פון גאָלד און פון זילבער, וועלן זײ אויספאַרקויפט ווערן אויף אַ ליציטאַציע דורך דעם „אָפּ־

שפּאָר און אנטליי־הויז אויף משכנות״, ווען מיר וועלן פאר דעם צוועק איבערגעבן אַ ספּעציעלן מאנדאט.

פארן מיניסטער — גענ. דירעקטאָר

(—) ק. פאנדעלע — (—) אומלייענבאר

## נומער 114

### פינאַנץ־מיניסטעריום

### גענעראַל־דירעקציע פון פאָנדן־באַוועגונג

נום. 23343, 27טער פעבר. 1943

צו דער: — אקטן־העפט 278

רומענישער נאציאָנאַל־באַנק, דעוויזן־אָפּטיילונג

מיר האָבן דעם כבוד אייַך צוּווּיסן צו טון, אַז לויט דער מיניסטאָרן־רעזאָלוציע בנוגע דעם מעמאָראַנדום פון דער דאָזיקער גענעראַל־דירעקציע נום. 96858 פון 25טן פעברואר 1943, איז באַשטעטיקט געוואָרן, אַז היות עס האָבן נישט געקענט ליציטירט ווערן די מאַשינעריעס פון די זייגערס, וואָס זענען איבערגענומען געוואָרן ביַי די ייִדן, און וועלכע זענען דעמאָנטירט געוואָרן כדי צו צעשמעלצן דאָס גאָלד, זאָלן זיי אַוועקגעגעבן ווערן אומזיסט דער זייגערמאַכער־שול, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורכן אַרבעטס־מיניסטעריום.

מיניסטער — גענ. דירעקטאָר

(—) אומלייענבאר — (—) אומלייענבאר

## נומער 115

### פינאַנץ־מיניסטעריום

### גענעראַל־דירעקציע פון פאָנדן־באַוועגונג
### בוכהאַלטעריע־אַמט

נום. 157138, 20טער מאַי, 1942

צו דער: — אקטן־העפט 278

רומענישער נאַציאָנאַל־באַנק

אינספּעקטאָראַט פאר דעוויזן און טויש מיט אויסלאַנד.

אין משך פון אונדזער ווענדונג נומ. 155040 פון 5טן מאַי, ה. י. און אין איינקלאַנג מיט דער רעזאָלוציע פון ה' פינאַנץ-מיניסטער בנוגע דעם מעמאָראַנדום נומ. 941, האָבן מיר דעם כבוד אייך צו בעטן איר זאָלט באַוויליקן צו פאַראָרדענען, אַז עס זאָל איבערגעגעבן ווערן מיט אַן אינווענטאַר דעם „רומעניש אַפּשפּאַר־ און אַנטלײַ־הויז אויף משכנות א. ג." דאָס צירונג און די ווערטפולע חפצים, וואָס די מלוכה האָט איבערגענומען אין בעסאַראַביע און בוקאָווינע.

פאַרן מיניסטער — גענ. דירעקטאָר

(—) קאָנסט. פאַנדעלע — (—) ע. וואַטאַו

---

## נומער 116

### פינאַנץ־מיניסטעריום

## גענעראַל־דירעקציע פון פאָנדן־באַוועגונג
## קאַסע־אַמט

נומ. 11836/11837/1943

נומ. 167027 — 15טער יוני 1943

אַקטן־העפט 216

צו דער:

רומענישער נאַציאָנאַל־באַנק, דעוויזן־אינספּעקטאָראַט

מיר האָבן דעם כבוד אייך צו וויסן צו טון, אַז לויט דער מיניסטאָרן־רעזאָלוציע בנוגע די מעמאָראַנדומס פון דער דאָזיקער גענעראַל־דירעקציע, וועלכע זענען רעגיסטרירט געוואָרן אונטער די נומ. 11836 און 11837 פון 12טן יוני, 1943, איז באַשטעטיקט געוואָרן, אַז:

א) די חפצים פון ווערטפולן מעטאַל וואָס זענען איבערגענומען געוואָרן ביי די ייִדן וועלכע זענען עוואַקואירט געוואָרן פון בעסאַראַביע, בר קאָווינע און אָדעס, און וועלכע האָבן נישט געקענט פאַרוועטעט ווערן אויף אַן עפנטלעכער ליציטאַציע, מחמת זיי זענען געווען צעשעדיקט, זאָלן איבערגעגעבן ווערן דער נאַציאָנאַלער מינץ־גיסעריי, כדי זיי זאָלן צע־

שמאָלצן ווערן און שפּעטער פּארקויפט ווערן אויפן חשבון פון דער מלוכה, צו די מיליטערישע אינסטיטוציעס, צוזאַמען מיטן מעטאַל־געמיש, וואָס וועט זיך באַקומען פון די מעטאַלענע מטבעות וואָס זענען צוריקגעצויגן פון צירקולאַציע.

ב) די רוסישע מטבעות פון קופּער און ניקל, וואָס זענען איבערגענומען געוואָרן ביי די יידן פון בעסאראביע, בוקאָווינע און אדעס, זאָלן אויך איבערגעגעבן ווערן דער נאַציאָנאַלער מינץ־גיסעריי, כדי פּארקויפט צו ווערן, אויפן חשבון פון דער מלוכה צו די מיליטערישע אינסטיטוציעס, אינאיינעם מיטן מעטאַל־געמיש וואָס וועט זיך באַקומען פון די פּאַר־מל־חמהדיקע רומענישע מטבעות פון קופּער־ניקל ווי אויך פון די קופּער־ניקלנע מטבעות וואָס האַלטן אין צוריקגעצויגן ווערן.

מיניסטער — (—) אומלייענבאַר

גענ. דירעקטאָר — (—) אומלייענבאַר

## קאַפּיטל 4

# עס ווערן דעפּאָרטירט אויך בעסאַראַבער ייִדן פון אַלט־רומעניע

### 3טער סעפּטעמבער 1942

אויפן גרונט פון אַ פאַראָרדענונג פון אינערן־מיניסטעריום, אַרעס־טירט די הויפּטשטאָטישע פּאָליציי־פּרעפעקטורע אין בוקאַרעשט 395 ייִדן, פון וועלכע אַ טייל זענען פאַרדעכטיקט אין קאָמוניזם און די איבעריקע — די גרעסטע טייל — זענען פון די יעניקע וועלכע האָבן אין דעצעמ־בער 1940 אָנגעגעבן ביטעס אַריבערצופאָרן קיין בעסאַראַביע; די דאָזיקע ביטעס זענען געפונען געוואָרן אין די אַרכיוון פון דער סאָוועטישער אַמ־באַסאַדע אין בוקאַרעשט. די אַרעסטירטע, צווישן וועלכע עס געפינען זיך גאַנצע משפּחות, זענען אינטערנירט געוואָרן אין צוויי ייִדישע שולן.

### 8טער סעפּטעמבער 1942

די ייִדן וועלכע זענען אַרעסטירט געוואָרן דעם 3טן סעפּטעמבער, ווערן דעפּאָרטירט קיין טראַנסניסטריע. אויפן וועג וועט זייער צאָל אויס־וואַקסן ביז 578 נפשות, ווייל ביי די באַן־סטאַנציעס וועלן נאָך צו זיי צוגעגעבן ווערן ייִדן, וועלכע זענען פאַר די זעלביקע חטאים אַרעסטירט געוואָרן אין די פּראָווינץ־שטעט.

אינאיינעם מיט זיי ווערן אויך אויפגעלאָדן אויף די משא־וואַגאָנעס און אַוועקגעשיקט קיין טראַנסניסטריע 407 ייִדישע קאָמוניסטן, אָדער ייִדן וועלכע מען פאַרדעכטיקט אין קאָמוניזם, וואָס זענען געווען אינטער־נירט אין לאַגער פון טערגול זשיו.

מיט דעם זעלביקן צוג ווערן עקספּעדירט קיין טראַנסניסטריע 554 ייִדן, פֿאַרדעכטיקטע אין קאָמוניזם, וועלכע זענען ביז דאַן געווען פֿרײַ אין פֿאַרשידענע שטעט פֿון לאַנד, באַזונדערס אין בוקאַרעשט, טימישאָ־ רא, אַראַד, גאַלאַץ, ראַמאַן, באַטאַשאַן און יאַס און 85 ייִדן, וועלכע זענען צו יענער צײַט אָפּגעזעסן אין תּפֿיסות פֿאַרשידענע שטראָפֿן, אַלס פֿאַר־ אורטיילטע פֿאַר קאָמוניזם.

## 12טער סעפּטעמבער

דער צוג מיט די דעפּאָרטירטע, וואָס איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון לאַנד דעם 8טן סעפּטעמבער, קומט אָן קיין טיראַספּאָל. בעת דער רײַזע איז דער רעזשים געווען זייער אַ שטרענגער. די דעפּאָרטירטע האָבן נישט געטאָרט אויסשטייגן פֿון צוג אַפֿילו נישט צוליב שפּײַז, אָדער וואַסער און נישט אַפֿילו כּדי צו דערלייַדיקן די דרינגענדיקסטע מענטשלעכע באַדערפֿענישן.

אין טיראַספּאָל ווערט דער קאָנוואָי צעטיילט אויף צוויי: די קאָ־ מוניסטן ווערן אַוועקגעשיקט קיין וואַפּניאַרקע און די יעניקע וועלכע האָבן געהאַט אָנגעגעבן ביטעס וועגן רעפּאַטריאַציע אין ראַטנפֿאַרבאַנד — ווערן אָפּגעשיקט קיין בערעזאָווקע.

## קאַפּיטל 5

# לעבן און אומקום אין טראַנסניסטריע

## געשיכטלעכע כראָנאָלאָגיע פון 1טן אָקטאָבער 1941 ביזן 20טן מאַרץ 1944

### 1טער אָקטאָבער 1941

די ערשטע פאַרשיקטע ייִדן פון רומעניע, וועלכע האָבן באַטראָטן די טראַנסניסטריער ערד, געהערן צו די אומגליקלעכסטע. דאָס זענען געווען יענע בעסאַראַבער ייִדן, וועלכע זענען — נאָכן איבערלעבן די שחיטות — צונויפגעטריבן און געיאָגט געוואָרן, פריער דורכן רומענישן מיליטער און שפּעטער דורכן דײַטשישן, אויף ביידע זײַטן דניעסטער. צעפּײַניקטע, באַרויבטע און אויסגעהונגערטע, זענען זיי געטריבן געוואָרן דורך מאָהילעוו, זיך אָפּגעשטעלט אויף קוים דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן אין סקאַזינעץ, און נאָך דעם וואָס אַריבער אַ דריטל פון זיי איז אומגעקומען, זענען זיי אָנגעבראַכט געוואָרן אין שרעקלעכן לאַגער פון ווערטוזשען. פון דאָרט האָבן זיך די ערשטע קאָנוואָיען אַרויסגעלאָזט אין וועג אַרײַן דעם 16טן סעפּטעמבער און נאָך צוויי וואָכן פון יסורים האָבן זיי אָנגעהויבן קרײַצן דעם דניעסטער בײַ קאַסעוץ קיין יאַמפּאָלע און רעזינע־צו, אין דער ריכטונג פון ריבניצע. פון די דאָזיקע אַרײַנגאַנג־טויערן האָבן זיך פאָרמירט די נײַע קאָנוואָיען, וועלכע זענען געטריבן געוואָרן אויף די וועגן, וואָס פירן צום בוג. נאָכן אָפּרוען זיך אַ ווײַלע אין בירזולאַ, איז דער ערשטער קאָנוואָי סוף כל סוף אָנגעקומען און זיך אָפּגעשטעלט אין גראַזדאַזוקע. אויפן וועג זענען זיי אויסגעשטאַנען די קלעפּ און דעם חוזק פון אונטעראָפיציר טאַר־

קא, אונטער וועמענס אָנפירונג עס זענען דערשאָסן געוואָרן עטלעכע פאַר־שיקטע און איצט ביַים אָנקומען צו אַן אָפּרו־שטעלע, זענען זיי ערשט אי־בערגעענטפערט געוואָרן צו עפּעס אַ קאַפּראַל, וועלכער באַטיטלט זיך אַליין אַלס „קאָמאַנדאַנט פון לאַגער גראַזדאַוּוקאַ" און וועלכער „נעמט זיי אי־בער", ציילנדיק זיי מיט קלעפּ פון אַן אייזערן דרענגל איבער די פּלייצעס.

די קאָנוואָיען האַלטן זיך אין איין ציען, אויף פאַרשידענע וועגן, אָבער יעדער איינער מיט זיַין אייגענעם אומגליקלעכן גורל.

## 13טער אָקטאָבער 1941

אין אַטאַקי, אַקעגן מאָהילעוו, האָבן זיך אָנגעהויבן אָנזאַמלען וואָס אַמאָל אַלץ מער יִידן, וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן אויף דעפּאָר־טאַציע. דאָס זענען אַממערסטן געווען בוקאָווינער יִידן, סיַי פון יעדינעצער און סעקוראַנער לאַגערן, וועלכע מען האָט מיט עטלעכע טעג צוריק אָנ־געהויבן צו עוואַקואירן, סיַי יִידן וועלכע מען האָט אַראָפּגענומען פון די צוגן, וואָס זענען אָנגעקומען פון סוטשעאַווע, גורא הומאָרולוי און אַנדערע ישובים. נאָכן אַדורכגיין דעם אָפיציעלן צאָל־אַמט פון דער נאַציאָנאַל־באַנק און אַלע איבעריקע צאָל־אַמטן, איבער וועלכע ווער ס'ניט איז האָט אַ דעה, שאַפט זיי אויס אייגענער איניציאַטיוו און לטובת עצמו; נאָך דעם וואָס זיי פאַרלירן שוין יעדן זכר פון אידענטיטעט אָדער דיפערענ־צירטקייט, מיטן אָוועקגעבן און צעשטערן אַלע פּערזענלעכע דאָקומענטן, נאָכן אויסשטיין די „שפּאַסעריַיען" פון די אָפיצירן, וועלכע האָבן געהאַט אַ טבע ביַים אַריבערפירן זיי דעם דניעסטער צו וואַרפן מענטשן אין וואַ־סער אַריַין בכדי צו זען, צי עס וועט זיך איבערחזרן „דער נס פון ים סוף", זענען די ערשטע דעפּאָרטירטע קוים אָנגעקומען קיין מאָהילעוו.

די שטאָט איז אינגאַנצן געהאַט פאַרוויסט געוואָרן פון דער מלחמה און צום איבעריקן איז זי נאָך חרוב געוואָרן בעת די קאַטאַסטראָפאַלע פאַרפלייצונגען פון דניעסטער, וואָס זענען געהאַט פאַרגעקומען אין אוי־גוסט. סיַי די עפנטלעכע בנינים סיַי די פּריוואַטע הייזער זענען געוועז

אָן טירן, אָן פענצטער, אייניקע אפילו אָן אַ דאַך. קוים מיט צרות האָבן די דעפּאָרטירטע — אפילו די וועלכע עס איז נאָך געלונגען עפּעס אָפּצו־ראַטעוועז פון זייער פאַרמעגן — באַוויזן צו קריגן אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ. די מערסטע זענען, באַלד ביים אָנקומען אין שטאָט אַריין, געטריבן געוואָרן דורך די זשאַנדאַרן צו אַ גרופּע חרובע קאַזאַרמעס, וועלכע זיינען איינגיכן פאַרוואַנדלט ווערן אין „מאָהילעווען לאַגער", און, עטוואָס שפּע־טער, בעת דער פלעק־טיפוס־עפּידעמיע, וועט דאָ דער מלאך־המות איינ־גאַנצן איבערנעמען די ממשלה. פאַרן אַריבערגיין דעם דניעסטער האָבן נאָך אייניקע אָנפירנדיקע ייִדן אַרויסגעשיקט פון אַטאַקי קיין צענטראַל־רומעניע די לעצטע אַפּעלן און הילפס־רופן.

זייערע פאַרצווייפלטע צער־געשרייען זענען אָבער אומזיסט. די העכערע רומענישע מאַכטהאָבער זענען אומברחמנותדיק און די ייִדישע — פאַראַליזירט.

## 1טער נאָוועמבער 1941

די קאָנוואָיען האָבן זיך געהאַלטן אין איין ציען במשך דעם גאַנצן חודש אָקטאָבער דורך די דריי דורכגאַנג־פּונקטן: ריבניצע, יאַמפּאָלע און מאָהילעוו. אין די ערשטע צוויי שטעט איז קיינעם נישט דערלויבט גע־וואָרן צו פאַרבלייבן. די דעפּאָרטירטע, וועלכע זענען דאָרטן אַרומעט גע־פירט געוואָרן, פלעגן געטריבן ווערן אַלץ ווייטער־צו צום ברעג פון בוג, וווּ זיי זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין די געטאָס פון בערשאַד, אַבאַדאַווקע, ציבולאַווקע, אַנאַפאָל, אוסטעאַ און אַנדערע. לעגנאַוויס די אַלע ווייַן, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט צו פוס, האָבן זיי געמוזט קעמפן מיט אַ ווינ־טער, וואָס האָט זיך אין יענעם יאָר פאַרפירט און דעריבער די מערסטע פון זיי אַ פּאַק געטון כמעט אָן קליידער, איינגעטונקענע אין דער קלעפּי־קער בלאָטע פון די רויע וועגן; און דער עיקר האָט זיי אַ פּאַק געטון די זשעדנעקייט און די ווילדקייט פון זייערע שומרים. אַ סך זענען אויסגע־הרגעט געוואָרן; זייער אַ סך זענען פאַרפרוירן און אויסגעהונגערט גע־וואָרן, אָדער עס זענען זיי סתם אויסגעגאַנגען די כוחות. די מתים פלעגן נישט באַערדיקט ווערן, נאָר סתם אַוועקגעוואָרפן ווערן אויף די פעלדער,

## בילדער פון טראַנסניסטריע



ייִדן, וואָס זענען צוריקגעבליבן פון קאָנוואָי, זענען בארױבעוועט און געשאָסן געוואָרן.



נאָך דעם, וואָס אַ קאָנוואָי איז דורכגעגאַנגען צווישן בירזולא און גראָזדאָווקע.

## בילדער פון טראַנסניסטריע



מען גייט צו דער ארבעט



מען גייט צוריק פון דער ארבעט

ווי הינט און קראָען פלעגן פאַרענדיקן דאָס, וואָס עס האָבן אָנגעהויבן מענטשן. זעלטן־ווען פלעג אַמאָל אַ מאַמע זיך אײַנשטעלן ס׳לעבן (מען פלעג דערפאַר דערשיסן) און מיט די הוילע נעגל עטוואָס אויפגראָבן די פאַרפרוירענע ערד און אין איר באַהאַלטן דאָס קינד, וואָס איז אויסגעגאַנגען אויף אירע אָרעמס. אין די ישובים וווּהין זיי זענען פאַרשיקט געוואָרן פלעגן די דעפּאָרטירטע — אין די מערסטע פאַלן — נישט געפינען ווו זיך צו באַזעצן, סײַדן אין שטאַלן אָן טירן און אָן פענצטער, אין חזיר־שטאַלן, שאַפעס און ענלעכע לאָקאַלן, אָפט איניינעם מיט די בהמות. די ווענט פון אָט די שטאַלן פלעגן אָפט פאָרשטעלן אַ שוידערלעך בילד פון לאַנגע שורות מענטשן, וועלכע זענען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן זיי, שוין אינגאַנצן אויסגעשעפּטע, און וועלכע האָבן שוין נישט גערעדט, נישט געקרעכצט, נישט געגעסן, נישט געשאָלטן, נאָר אין אַ צושטאַנד פון אַבסאָלוטער אָפּגעשוואַכטקייט פלעגן זיי אַזוי אָפּוואַרטן שעהען־לאַנג אָדער טעג, ביז דער טויט פלעג זיי אַוועקלייגן, אָדער אויף דער ערד אָדער אויף אַנדערע מתים. דאָס וואָרט „טויטן־ווענט" איז מיט אַמאָל געבוירן געוואָרן אין פאַרשידענע עקן טראַנסניסטריע אין האַרבסט 1941. אַזוי האָבן בײַם אָנהייב אויסגעזען די געטאָס אויף די ברעגן פון בוג.

אויך אין מאָהילעוו איז די מאַכט נישט געווען גענייגט צו דערלויבן די פאַרשיקטע ייִדן צו פאַרבלײַבן אין שטאָט. דאָ האָבן זיך אָבער געשאַפן אַזעלכע באַדינגונגען, וועלכע האָבן דערמעגלעכט אַ טייל פון די ייִדן, וואָס זענען אַריבער דעם דניעסטער בײַ אַטאַקי, אַז זייער גורל זאָל אין דער צוקונפט אָפּהענגיק זײַן פון זייער אייגענעם ווילן. פאַר אַ טייל איז אָבער גראָד אָט דער אויסוואַל געווען פאַטאַל.

דאָ אַרומעט זענען אַרײַנגעקומען קיין טראַנסניסטריע די ייִדן פון דרום־בוקאָווינע און אַ טייל טשערנאָוויצער און דאָראָהויער ייִדן. אייניקע זענען אַוועקגענומען געוואָרן דירעקט פון פּראָדוקטיווער אַרבעט. אַ טייל פון זיי — פאַרמעגלעכע מענטשן — האָבן באַוויזן, טראָץ אַלע אָרגאַניזירטע רויבערײַען, אַריבערצופירן איבערן דניעסטער כאָטש עפּעס פון זייער שווער־דערוואָרבענעם פאַרמעגן. אַזוי האָבן זיי געהאַט מיט וואָס אײַנצוקויפן אַביסל חסד. פון צווישן די אָנגעקומענע האָבן די סוטשעאַווער און קימ־

פאַלונגער ייִדן אײַנגעקויפט טראַנספּאָרט־מיטלען און זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן קרײַז. מיט דײַטשישע לאַסט־אויטאָס, פאַר וועלכע זיי האָבן באַצאָלט דער פּרעפעקטורע, דעם סובפּרעפעקט און פּרעטאָר, מיט צו 50 ביז 125.000 לעי יעדן איינעם, זענען אַוועק די ערשטע קאָנוואָיען, פון וועלכע ס'האָבן זיך שפּעטער געשאַפן די געטאָס פון שאַרגראַד, קאַפּאַיגאַראַד, דזשורין, מוראַפּאַ, זשמערינקע און אַנדערע. זייער ווייניק איז אָבער געווען באַשערט דאָס מזל אַוועקצופאָרן מיט לאַסט־אויטאָס.

די אָרעמעלײַט, וועלכע זענען נישט געווען בכוח צו באַצאָלן די דיזיקע סומעס וואָס עס האָט געקאָסט דער טראַנספּאָרט, אָדער טאַקע אפילו יענע וועלכע האָבן יאָ געהאַט צו באַצאָלן, אָבער זיי זענען שוין מער נישט אַרײַן אין די אויטאָס, זענען אַוועק צו פוס, אין רעגן און שניי, איבער רוי־צעווייקטע וועגן. די יסורים אין די קאָנוואָיען זענען געווען שרעקלעכע און פאַר אַ טייל — אפילו פאַטאַל. פון ערשטן טראַנספּאָרט ייִדן, וועלכע זענען אָנגעקומען פון סוטשעאַווע, איז אַ טייל געטריבן געוואָרן צו פוס קיין לוטשינעץ, קיין קאַפּאַיגאַראַד, קיין באַר, אין דער צפון־מערבדיקער זײַט פון טראַנסניסטריע, איבער אַ דאָרפישן וועג, וואָס איז פון איין עק ביזן אַנדערן געווען איין שטיק טיפער און קלעפּיקער זומפּ. דאָרט, ווו דער דאָזיקער וועג קרייצט דעם שאָסיי מאָהילעוו־אַזאַרינעץ, האָבן 28 מענטשן שוין פשוט נישט געקענט אַרויסשלעפּן די פיס פון דער בלאָטע. פון זייער מאָרדעווען זיך און דרײַען־זיך, זענען זיי נאָך מער אַרײַנגעטראָבן אין דער בלאָטע. קיינער האָט זיי נישט געטאָרט העלפן. דער אַדוואָקאַט, ד״ר אברהם שאַפּירער פון סוטשעאַווע האָט געפּרוּווט קעגן דעם צו פּראָטעסטירן און אינטערווענירן בײַ די זשאַנדאַרן און איז דערפאַר דערשאָסן געוואָרן. די קאָנוואָיען האָבן פאַרבײַגעצויגן נעבן די דאָזיקע פאַרצווייפלטע מענטשן און בלויז געקענט צוזען, ווי זיי וואַרטן אויפן טויט. זיי זענען אַלע אויסגעשטאָרבן. צווישן זיי זענען געווען: דאָס פאָרפאָלק הערמאַן און מאַלי דאַיפּיג, קאַקאַ היינינג — געביירענע דאָלפען, מ. היינינג, די זקנה קערזנער און אַנדערע.

ענלעכע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויף אַ סך טראַנזיטטריער

שאַסייען. עטלעכע הונדערט ייִדן זענען אויסגעשטאָרבן — איינגעזונקע־
נע אין די זומפּן.

א טייל דעפּאָרטירטע האָבן זיך איינגעשטעלט ס׳לעבן און געבליבן אין שטאָט. קלייניקע גרופּעס, וואָס פּלעגן זיך צונויפנעמען ארום א מור־טיקן מענטשן האָבן געבילדעט די ערשטע קערנס פון א קאָלעקטיוו לעבן. אזא איז געווען די גרופּע פון ד״ר שטערן, וועלכע איז באשטאַנען פון ראַ־דעוויצער ייִדן. די דאָזיקע גרופּע האָט זיך אָרגאַניזירט, כדי צוצושטעלן ארבעטס-הענט דער מאַכט און צו זאָרגן פאַרן מושב־זקנים, וואָס זיי האָבן אין איילעניש געשאַפן, בכדי דאָרט צו באַזעצן די אַלע, וואָס האָבן ניט געקענט געפירט ווערן ווייטער. אַן אנדערע גרופּע האָבן געבילדעט די ייִדן פון איצקאַן און בורדוזשען, געוועזענע ארבעטער און אָנגעשטעלטע פון דער צוקער־פאַבריק, וועלכע האָבן אויך זיך גענומען די אויפגאַבע צו פאַ־ריכטן די חרובֿע צוקער־פאַבריק פון ווינדיטשען.

א נאָך וויכטיקערע גרופּע האָט זיך צונויפגעזאַמלט ארום דעם אינזש. ס. יעגענדאָרף, ווען די מאַכטהאָבער האָבן געפאָדערט, אַז ייִדן־ספּעציאַ־ליסטן זאָלן ווידער לאָזן אין גאַנג די שטאָטישע עלעקטרישע סטאַנציע. די דאָזיקע גרופּע פון אַן ערך 500 נפשות האָט קודם באַקומען די אויפגאַ־בע פאַר אַלעמען ווידער אויפצושטעלן די אינדוסטריעלע אינסטאַלאַציעס פון דער פאַבריק פון מעטאַל־פּלאַטן פאַר עלעקטרישע קאָנדענסאַטאָרס; די דאָזיקע פאַבריק, וועלכע איז באַקאַנט געוואָרן מיטן נאָמען „די גיסעריי״ האָט זיך אינגיכן פאַרוואַנדלט אין א וויכטיקן פאַקטאָר פאַר דער טראַנס-ניסטריער עקאָנאָמיק, און גלייכצייטיק אויך אין אַן אינטערעסאַנטן סאָ־ציאַלן עקספּערימענט. די גאַנצע גרופּע האָט באַקומען דערלויבעניש צו פאַרבלייבן אין מאָהילעוו.

די ייִדן, וועלכע זענען פאַרבליבן אין שטאָט אָן דערלויבעניש, האָבן געמוזט אונטערנעמען א באַשטענדיקן קאַמף קעגן די רדיפות און דראָ־אונגען, וואָס האָבן אויף זיי געלויערט יעדע רגע. ביז עס איז אָנגענומען געוואָרן א באַשלוס וועגן זייער גורל און ענדגילטיקן פאַרשיקונגס־אָרט, פּלעגן די מאַכטהאָבער אַלעמאָל צונויפנעמען ווען זיי האָבן אָנגעטראָפן — מיט דער הילף פון מיליטערישע פּאַטרולן אָדער אוקראַאינישע מיליציאַ־

נערן — און זיי וועקשיקן אויף ארבעט, פאר וועלכער נישט מ'האט באצאלט און נישט מ'האט אפילו געגעבן אויף צו עסן.

## 16טער נאוועמבער 1941

א מאסיווער קאנוואי מיט דאראהויער יידן גייט דורך שארגאראד, אויפן וועג צו א ישוב וואס אויפן ברעג פון בוג. די מענטשן זענען שוין אזוי אויף צרות, אז די אוקראינישע פויערטעס, וואס זענען אהער געקומען אויפן באזאר, זענען זיך אויף זיי מרחם און שענקען זיי אוועק דאס גאנצע עסנווארג, וואס זיי האבן אהער ארויסגעבראכט צום פארקויפן; זיי קניען פאר דער פרעטורע און וויינענדיק בעטן זיי זיך ביים פרעטאר דינגעלעגאן, אז ער זאל דעם דאזיקן קאנוואי דערלויבן צו פארבלייבן אין שטעטל. קוים מיט צרות און מיט ווייטיקן האבן די אנפירער פון לאקאלן געטא אויסגעפועלט פארן קאנוואי א פראוויזארישע דערלויבעניש אויף צו פארבלייבן דא ביזן פרילינג.

## 16טער נאוועמבער 1941

איינער פון די קאנוואיען, וואס האט זיך ארויסגעלאזט פון מארקולעשט, האט אויפן וועג איבערגעלאזט א סך מתים — אומגעקומענע פון הונגער, פון אויסגעשעפטקייט, אדער וועמען די זשאנדארן האבן דערשאסן — אין קריזשאפאל, אין וואפניארקע און אין ציבולעווקע. איצט איז דער קאנוואי אנגעקומען קיין אבאדאווקע, ווו עס האט זיך געשאפן א צענטער פאר צונויפזאמלען די דעפארטירטע, בכדי פון דאנען זאלן זיי פארטיילט ווערן איבער פארשידענע שטעטלעך פון ראיאן און קרייז.

אויפן גאנצן וועג האבן די מענטשן גארנישט באקומען צו עסן און אזוי ווי זיי זענען געהאט באראבעוועט געווארן, האבן זיי גארנישט געהאט מיט וואס זיך עפעס צו קויפן, אזוי אז זיי האבן זיך דערנערט מיט גראזן און קרייטעכצער.

אין אבאדאווקע האט מען די דעפארטירטע איינגעקווארטירט אין שטאלן. אונטער דער אנפירונג פון פרעטאר, פון זשאנדארמען־קאמאנ־

דאנט און פון זײַן אָרדענאַנץ („דענשטשיק״), זענען זיי ווידער בארויבט געוואָרן פון לעצטן ביסל האָב און גוטס. אַרײַנגיין אין שטאָט אַרײַן האָט מען דערלויבט נאָר די וועלכע האָבן באַצאָלט מיט גאָלד, דאָלאַרן, אָדער צירונג. אַלע איבעריקע זענען פאַרבליבן אין די שמוציקע שטאַלן. און דער־פון זענען געפאַלן נײַע קרבנות.

א גרופּע פון 780 דעפּאָרטירטע ייִדן פון אבאדאַווקע איז געשיקט גע־וואָרן קיין לוכאַווע, אויפן ברעג פון בוג. דער פּרימאַר (סטאַראָסטע) האָט אויפגענומען דעם קאָנוואָי מיט די רייד: „אָט דאָ וועט זײַן אײַער קבר״. די דעפּאָרטירטע זענען אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן אין א שטאַל אָן פענצטער, וואָס איז העלפט געווען פאַרנומען פון בהמות. לויטן באַפעל פון דעם דאָ־זיקן פּרימאַר, זענען די טירן געהאַלטן געוואָרן צוגעשלאָסן און נאָר איין מאָל אין צוויי טעג האָבן די דעפּאָרטירטע געמעגט אַרויסגיין אין דרויסן. נאָר דאַן האָבן זיי בגנבה זיך געמעגט באַזאָרגן מיט וואַסער פון א ריטש־קע.

## 18טער נאָוועמבער 1941

די אָפּגעשוואַכטקייט פון דער פאַרצווייפלטער, דעזאָריענטירטער ייִדישער מאַסע, און דער כאַאָס האָבן צוגענומען בײַ אַלעמען ס׳גלײַכגע־וויכט; ערשט גאַנץ שפּעטער איז דערמעגלעכט געוואָרן, אַז עס זאָל קומען א גײַסטיקע אויפגעלעבטקייט בײַ עטלעכע מענטשן, וועלכע זענען געווען מסוגל אַוועקצושטעלן דעם סקעלעט פון אַן אָרגאַניזירטן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אין מאָהילעוו האָט זיך געשאַפן א ייִדישער קאָמיטעט פאַר אַרבעט־קאָאָרדינירונג און פאַר הילף די עוואַקואירטע ייִדן. פון גרינדונגס־פּראָטאָ־קאָל איז צו זען, אַז דער סובפּרעפעקט פון זשודעץ, וועלכער האָט גע־שאַפן דעם קאָמיטעט, האָט אַרויסגעגעבן אָנווײַזונגען ווי אַזוי ער דאַרף פונקציאָנירן און אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אין פאַל מען וועט זיך נישט האַלטן שטרענג בײַ די פאַרשריפטן, וועלן די קאָמיטעט־מיטגלידער באַ־שטראָפט ווערן. דער סובפּרעפעקט האָט אונטערגעשטראָכן, אַז קיין שום ייִד טאָר זיך נישט ווענדן מיט וואָס ס׳ניט איז פאַר א ביטע דירעקט צו

דער מאכט, נייערט אלץ מוז געמאכט ווערן דורך דער פארמיטלונג פון קאמיטעט.

און ענלעכער קאמיטעט האט זיך א סך פריער געהאט געשאפן אין שארגאראד.

### 18טער נאוועמבער 1941

אין ציבולאווקע זענען 2000 דעפארטירטע צונויפגעשטופט געווארן אין א געביידע ווו אויף א נארמאלן אופן וואלטן קוים אריין 200. הגם זייער נאענט פון דארטן איז געווען א ברונעם, האבן די יידן אים נישט געטארט נוצן און זענען געצוווּנגען געווארן צו טרינקען וואסער פון עפעס א זומפיק טייכל און א סך זענען דערפון קראנק געווארן.

### 20טער נאוועמבער 1941

אין מאהילעוו האט זיך פארמירט א נייע גרופע פון 176 ראשי משפחות (646 נפשות), ארום דעם אדוואקאט דאנילאוו. די גרופע האט באקומען דערלויבענישן צו בלייבן אין שטאט, פארן באצאלן דעם סוב-פרעפעקט מאיסעוו א האלבן מיליאן לעי. אין עטלעכע טעג ארום האט א צווייטע דאנילאוו-גרופע (166 ראשי משפחות) באקומען דערלויבע-נישן צו פארבלייבן אין שטאט, פאר די זעלבע קאנדיציעס ווי די ערשטע.

### 25טער נאוועמבער 1941

א טייל פון די דעפארטירטע יידן וועלכע האבן זיך אפגערוט אין בערשאד ווערן עוואקוירט קיין וואיטאווקע, באנדיזאווקא, מאניקאווקא און אנדערע דערפער אויפן ברעג פון בוג, ווו זיי מאטערן זיך אין די שטאלן פון די קאלכאזן. בכדי צו מעגן פארבלייבן אין בערשאד, דארף מען באצאלן דעם פרעטאר קאנסטאנטין אלעקסאנדרעסקו צו 10.000 לעי פאר יעדער משפחה-מיטגליד.

אנדערע דעפארטירטע פון אבאדאווקע ווערן געטריבן קיין מאלאק-נעיא, אין אזעלכע שווערע באדינגונגען, אז א סך מענטשן שטארבן אויס אויפן וועג.

## 30טער נאָוועמבער 1941

די לעצטע קאָנוואָיען פון טשערנאָוויץ און דאראהוי זענען אריבער דעם דניעסטער. פון די 118.000 מענטשן, וואָס די מאכטהאָבערס באַהויפּטן, אַז עס זענען דעפּאָרטירט געוואָרן, איז בערך אַ העלפט אריבער קיין מאָהילעוו. נאָר אַ פערטל פון זיי (אַן ערך 15.000) איז געלונגען צו פארבלייבן אין שטאָט און בלויז אַ דריטל פון די פארבליבענע האָבן באַקומען דערלויבענישן, פאר וועלכע זיי האָבן, איבעריקנס, גאַנץ טייַער באַצאָלט. די פּרעפעקטורע פאַראָרדנט, אַז די דאָזיקע דערלויבענישן דאַרפן וויזירט ווערן און באַשליסט — מער נישט ארויסצוגעבן קיין נייַע.

גלייכצייַטיק ווערט, לויטן באַפעל פון דער פּרעפעקטורע, באַקאַנט געמאַכט די דעפּאָרטירטע ייִדן, אַז די יעניקע וואָס מען וועט טרעפן וווּינען אין שטאָט אָן די דאָזיקע דערלויבעניש, וועלן דערשאָסן ווערן דערוויַיל ווערט פאַראָרדנט צו עוואַקואירן אויף כוח די אַלע וואָס געהערן צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע. די זשאַנדאַרמען־לעדזשיונע (לייטנ. איליוצע) פירט שטרענג אוים דעם באַפעל. די מענטשן ווערן געכאַפּט אויף דער גאַס, זיי ווערן צונויפגענומען אין קינאָ־זאַל און פון דאָרטן — פארשיקט וויַיטער אין קאָנוואָיען. אויף אַזאַ אופן ווערן צעשיידט און צעשפּרייט משפּחות, וויַיל עס טרעפט זיך אָפט, אַז אַ טייל משפּחה־מיטגלידער — באַזונדערס עלטערן — ווערן עוואַקואירט, בעת די קינדער בלייַבן אויפן אָרט, ווי אויפן וואַסער.

## 1טער דעצעמבער 1941

אין אַלע ערטער ווו עס זענען איַינגעקוואַרטירט געוואָרן דעפּאָרטירטע ייִדן, הייבן אָן בושעווען עפּידעמיעס פון דיזענטעריע, טיפוס און פלעק־טיפוס. די ערשטע קאָנוואָיען וואָס זענען אָנגעקומען קיין בערשאַד האָבן שוין געטראָפן אַ טיפוס־עפּידעמיע צווישן די אָרטיקע איינוווינער. אין שאַרגאָראָד, ווו די דעפּאָרטירטע האָבן זיך אָנגעהויבן באַזעצן נאָך פון 16טן אָקטאָבער אָן, באַווייַזן זיך די ערשטע טיפוס־פאַלן ערשט אין

א חודש ארום. אין מאָהילעוו האָט זיך נאָך קיין טיפוס נישט באַוויזן, אָבער וואָס אַמאָל יאָוועז זיך אַלץ מער פאַלן פון פאַראַטיפוס.

### 5טער דעצעמבער 1941

אין לאָקאַל פון געוועזענעם אוקראַינישן שפּיטאָל, וואָס איז איצט איינגאַנצן צעשטערט, געלינגט דעם מאָהילעווער יידישן קאָמיטעט צו שאַפן א שפּיטאָל פאַר אָנשטעקיקע שלאַפקייטן, מיט 30 בעטלעך, אין וועלכע עס ווערן איזאָלירט א טייל טיפוס־קראַנקע.

### 5טער דעצעמבער 1941

דער פּרעטאָר פון שאַרגאַראָדער ראיאָן, דינדרעלעגאַן, רופט צו זיך אין ביוראָ אַריין דעם דאָקטאָר מ. פּוהרער פון סוטשעאַווא. מיטן תירוץ, אַז דער דאָקטאָר איז נישט געקומען תיכף, הייסט ער אַז מען זאָל אים דערפאַר שלאָגן און טאַקע פאַר זיינע אויגן ציילט מען אָפּ דעם דאָקטאָר 25 קלעפּ מיט א שטעקן.

### 10טער דעצעמבער 1941

יאָן אַנטאָנעסקו באַפעלט, אַז דער באַגאַזש פון די דעפּאָרטירטע יידן קיין טראַנסניסטריע, וואָס איז פאַרבליבן אין אַטאַקי, זאָל איבערגעגעבן ווערן דעם מאָהילעווער יידישן קאָמיטעט.

### 10טער דעצעמבער 1941

פינף חדשים נאָך דעם, וואָס הונדערטער טויזנטער מענטשן זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע היימען, צוויי חדשים נאָכן אָנהייבן די אייגנטלעכע דעפּאָרטאַציע, נאָך דעם וואָס צענדליקער טויזנטער מענטשן זענען אויסגעשטאָרבן פאַר הונגער און פון שלאַפקייטן, נאָך דעם וואָס עס האָבן אויסגעבראָכן פאַרלענדנדיקע עפּידעמיעס, וועלכע קענען נישט באַקעמפט ווערן, ווייל עס פעלן אוים מעדיקאַמענטן, זייף, פּעטראָל, קליידונג, ברענשטאָף, שפּייז אא״וו, באַשליסט דער פּרעזידענט פון מיניסטאָרן־ראַט צו דערלויבן דער פעדעראַציע פון יידישע קהילות־פאַר־

באנדן צו שיקן הילף, אין געלט און אין מעדיקאמענטן, צו די ייִדן, וועל־כע זענען דעפּארטירט אין טראנסניסטריע.

דאס מיטטיילן די דאזיקע באשטעטיקונג איז געווען דער לעצטער קאנטאקט פון דער אנטאנעסקו־רעגירונג מיט דער טראדיציאנעל־קהלי־שער ייִדישער ארגאניזאציע. אין זעקס טעג ארום איז זי אויפגעלייזט געווארן און איר ארט האט פארנומען אויך א ייִדישע אנפירונג אבער — שוין אן ארגאניזירטע לויטן דייטש־פאליציייאישן שטייגער. דער דא־זיקער נייער אנפירונג — א פחדנישער און קנעכטישער און דעריבער אזא, וואס האט פארמאגט זייער ווייניק גוטן ווילן — איז איבערגעגעבן געווארן די אויפגאבע צו העלפן די דעפּארטירטע ייִדן פון טראנס־ניסטריע.

פון אנהייב אן האט די „צענטראלע פון רומענישע ייִדן”, דורך איר ווארט־טרעגער, דעם גענ. סעקרעטאר ד״ר נ. גינגאלד, אנגענומען א שטאנדפּונקט, אז די הילף־אקציע פאר די דעפּארטירטע דארף אינגאנצן אויפגעגעבן ווערן, מחמת דער געדאנק פאר זיך איז דער רעגירונג נישט צום הארצן, מחמת אלע דעפּארטירטע ווערן געהאלטן אלס שונאים פון לאנד און דארפן דעריבער אלס אזעלכע באטראכט ווערן אויך מצד ייִדן. איבעריקנס — פלעג זאגן ד״ר גינגאלד — ווען די יעניקע וואס וועלן אויף זיך נעמען די הילפס־אויפגאבע, גלייכצייטיק נעמען אויף זיך אן ערנסטע פאראנטווארטלעכקייט און פערזענלעכע ריזיקע. וואס שייך אים אליין — האלט ער, אז זיין קאמפּעטענץ שטעלט זיך אפּ ביים פּרוט, אזוי אז ווייטער מישט ער זיך נישט.

דער הילפס־קאמיטעט, וואס איז געהאט געשאפן געווארן ביי דער פעדעראציע פון ייִדישע קהילות־פארבאנדן נאך אין יאנואר 1941, באלד נאכן אויפשטאנד פון דער אייזערנער גווארדיע, האט נישט געקענט אנ־נעמען אזא מין שטאנדפּונקט, האט אפּגעווארפן די הנחות און חששים פון גענעראל־סעקרעטאר פון דער צענטראלע פון רומענישע ייִדן, האט פארשטאנען אז ער דארף איבערנעמען די אויפגאבע און די פאראנט־ווארטלעכקייט. אויסנוצנדיק דעם פאקט, וואס איינער פון די באגייס־טערטסטע איניציאטארן פון דער הילפס־אקציע פאר די דעפּארטירטע

דער אַדוואָקאַט ד״ר מ. צימער, האָט געגאָסן פון מיכאַי אַנטאָנעסקוס אַכטונג, האָט מען געזוכט זיך צו דערוויסן דעם לעצטנס מיינונג. נעמענדיק אין אַכט די אָנצוהערענישן פון פּרעמיער און די שריפטלעכע הסכמה פון אַלע פאַקטישע אָנפירערס פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז ד״ר צימער איינגעגאַנגען זיך צו באַטייליקן אין דער „צענטראַלע״ בכדי אָנצופירן אינייניעם מיטן אַדוואָקאַט א. שוועפעלבערג און פרעד שאַראַגאַ, די הילפס־אַרבעט פאַר די דעפּאָרטירטע. די איבעריקע הילפס־אויפגאַבעס פון אַן אַנדערן כאַראַקטער האָבן געהאַט די באַטרעפנדיקע סעקציעס פון דער יידן־צענטראַלע.

ד״ר גינגאָלד איז געווען געצוווּנגען אויף דער דאָזיקער לייזונג. אָבער ער האָט זיך רעזערווירט דאָס רעכט פון קאָנטראָל און פון מוזן מיט־אונטערשרייבן די קאָרעספּאָנדענץ פונעם הילפס־קאָמיטעט. דאָס איז געווען איינע פון די סיבות וואָס האָבן געשטערט דער טעטיקייט פון קאָמיטעט, ווייל די פּאַפּירן פלעגן מוזן וואַרטן טעג און וואָכן גאַנצע אויף דער חתימה פון גענעראַל־סעקרעטאַר און דאָס פלעגט ברענגען צו פאַרשפּעטיקונגען אָדער אָפּהאַלטן ביים שיקן די הילף.

## 10טער דעצעמבער 1941

לויטן באַפעל פון גאַווערנאַמענט ווערן אין גאַנץ טראַנסניסטריע אויסגעביטן די רובלס אויף מאַרקן, לויטן קורס: 1 מאַרק רקקש („רייכס־קרעדיט־קאַסענשיין״) פאַר 20 רובל. די פּויערים האָבן אָבער נישט סיין צוטרוי צום נייעם געלט און געבן שוין עסנוואַרג נאָר פאַר זאַכן.

## 15טער דעצעמבער 1941

די מאָהילעווער זשאַנדאַרמען־לעגיאָן טוט צוּוויסן די דעפּאָרטירטע יידן, אַז זיי דאַרפן אויספילן דעקלאַראַציעס וועגן באַגאַזש און פאַרמעגן, וואָס זיי האָבן מיט זיך געהאַט אין מאָמענט, ווען זיי זענען דעפּאָרטירט געוואָרן פון זייערע אָפּשטאַם־שטעטלעך קיין טראַנסניסטריע.

**20טער דעצעמבער 1941**

אין מאָהילעוו ווערט געשאַפן דאָס „קאָאָרדינירביוראָ פון יידישער ארבעט" (ב. ק. מ. ע.), וואָס האָט די אויפגאַבע צוצושטעלן ארבעטס־הענט פאַר די מאַכט־אָרגאַנען און אונטערנעמונגען. עס ווערט דורכגע־פירט א ציילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג וואָס געפינט זיך אין שטאָט און עס ווערן דערביי ספּעציעל באַצייכנט די ארבעטס־פעיקע מענער צווישן 16 און 60 יאָר.

**20טער דעצעמבער 1941**

עס ווערן אויפגעכאַפּט עוואַקואירט פון מאָהילעוו יידן וועלכע האָבן נישט קיין פאַרבלייב־דערלויבענישן. עס ווערן צונויפגענומען אין לאַגער — א געוועזענע קאַזאַרמע — אריבער 500 מענטשן, פון וועלכע א קליי־נער טייל געלינגט פאַר געוויסע סומעס געלט, זיך ארויסצורוקן און פאַר־בלייבן אין שטאָט. די איבעריקע, אָבער, זענען געטריבן געוואָרן ווייטער־צו, צו פוס.

**22טער דעצעמבער 1941**

עס קומט אָן קיין מאָהילעוו א טייל באַגאַזש פון די דעפּאָרטירטע, וואָס איז געהאַט געבליבן אין אטאַקי און וועלכער דאַרף לויט אַגמאַ־נעםקום א באַפעל צוריקגעקערט ווערן דורכן יידישן קאָמיטעט. פאַק־טיש איז איבערגעגעבן געוואָרן נישט מער ווי א קליינע צאָל קישנס און דעקן, וועלכע דער קאָמיטעט פאַרנוצט אין שפּיטאָל.

**25טער דעצעמבער 1941**

עס באַווייזן זיך די ערשטע פאַלן פון פלעק־טיפוס אין מאָהילעוו.

**31טער דעצעמבער 1941**

די שרעקלעכע לאַגע פון די יידן אין מאָהילעוו איז באַקאַנט אויך די מושלים, וועלכע טוען אַלץ כדי די דאָזיקע לאַגע נאָך צו פאַרערגערן. די מאָהילעווער זשאַנדאַרמען־לעדזשיונע ראַפּאָרטירט מיט צו־

פרידנקייט, אַז עס איז פאַרקלענערט געוואָרן די מעגלעכקייט צו באַקומען געלט אָדער שפּייז פון אַלט־רומעניע נאָך דעם, וואָס עס זענען אָנגענומען געוואָרן די געהעריקע מיטלען אויף די גרענעץ־פּונקטן און עס זענען אַלץ געכאַפּט געוואָרן די יעניקע, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט אַזעלכע אַריבערפירן.

גלייכצייטיק ווערט אויך אָנערקענט אין ראַפּאָרט דאָס פאַרעטערישע מיטל, וואָס ווערט אָנגעווענדט כדי צו אַנטדעקן די יעניקע, וועלכע זוכן איינצושטעלן אַ פאַרבינדונג מיט רומעניע. די זשאַנדאַרמען־לעגיאָן, וועלכע האָט ווערבירט יידישע אַגענטן, וועלכע זי האָט אַריינגעפירט צווישן דער יידישער מאַסע, כדי זיי זאָלן דאָ אויפקלויבן אינפאָרמאַציעס און מסרן.

## 5טער יאַנואַר 1942

אין אבאַדאַווקע האָט דער פלעק־טיפוס זיך שרעקלעך צעבושעוועט און קען שוין מער נישט באַקעמפט ווערן. דער גאַנצער לאַגער ווערט דערקלערט אַלס אָנגעשטעקט; ער ווערט אַרומגערינגלט מיט שטעכיק דראָט און געהיט דורך וואַך־זעלנער. די אינטערנירטע האָבן נישט קיין רעכט אַרויסצוגיין אפילו וועגן איינשאַפן זיך עסן, אַזוי אַז אַ חוץ פון דער עפּידעמיע, שטאַרבן אַ סך אויס פשוט פאַר הונגער.

## 5טער יאַנואַר 1942

די פרעטאָרן פון די ראַיאָנען שאַרגאָראַד און קאַפּאַיגאָראַד פאָדערן ביי די אָנפירערס פון די יידישע קאָלאָניעס פון די וויכטיקע ישובים, זיי זאָלן באַצאָלן צו 5.000 לעי פאַר יעדן ייִדן, אַלס טאַקסע פאַר וווינרעכט. פון די דינגענישן וואָס זענען וויי־טער פאָרגעקומען איז קלאָר געוואָרן, אַז די סומעס זענען געווען באַשטימט פאַר פערזענלעכע נוצן. דער פרעטאָר דינדעלעגאַן האָט זיך שפּעטער צופרידנגעשטעלט מיט אַנדערהאַלבן מיליאָן לעי.

## 5טער יאַנואַר 1942

אין בערשאַד זענען די דעפּאָרטירטע יידן די גאַנצע צייט טעראָרי־

זירט געוואָרן דורכן קאָמאַנדאַנט פון דער זשאַנדאַרמען־סעקציע. דאָס אַרויסגיין פון געטאָ איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ שפּיאָנאַזש־אַקט. פאַר־קויפן מלבושים — האָט מען נישט געטאָרט. די וועלכע מ׳האָט דערביי געכאַפּט, האָבן פאַרלוירן דאָס לעצטע מיטל אויף אײַנצוקויפן זיך עפּעס אויף צו עסן, ווײַל אָדער מ׳האָט זיי די זאַכן קאָנפיסקירט, אָדער מ׳האָט זיי פאַרברענט.

אַנשטאָט דעם דאָזיקן קאָמאַנדאַנט איז באַשטימט געוואָרן לייטנ. געאָרגע פּעטרעסקו, אַ מענטש מיט אַ נשמה, אַ דאַנק וועמען עס האָט זיך פאַרבעסערט די סיטואַציע אין לאַגער.

### 8טער יאַנואַר 1942

אין בערשאַד איז געשטאָרבן פון פלעק־טיפוס ד״ר לאַזאַר גרייף. זײַן פרוי בעאַטריטשע איז באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד אינאיינעם מיט זייער איינציק קינד.

### 13טער יאַנואַר 1942

אין שאַרגאָראַד איז געשטאָרבן פון פלעק־טיפוס די פרוי טע־רעזע ראָבינסאָן, איר ברודער, ד״ר ראַבינ־סאָן, געוועזענער טריבונאַל־פּאָרזיצער און זײַן שוועסטער, פרוי ד״ר מאַרבאַך, באַגיין זעלבסטמאָרד לעבן טויטן גוף פון זייער שוועס־טער.

### 15טער יאַנואַר 1942

אין מאָהילעוו איז אַרעסטירט געוואָרן אַ רומענישער פּלוטאָניער, וועלכער האָט געבראַכט געלט פון רומעניע פאַר די דעפּאָרטירטע. די סו־מעס, וואָס מ׳האָט ביי אים געפונען אין מאָמענט פון אַרעסט, און אפילו יענע, וואָס ער האָט שוין געהאַט איבערגעגעבן צו די וועמען זיי זענען געווען באַשטימט, זענען קאָנפיסקירט געוואָרן.

אַן ענלעכער אַרעסט און קאָנפיסקאַציע זענען פאָרגעקומען אויך אין בערשאַד.

### 20טער יאַנואַר 1942

אין ציבולאַוועקע זענען פון די 2000 ייִדן, וואָס זענען דאָרט אינ־טערנירט געוואָרן אין נאָוועמבער 1941, געבליבן לעבן נישט מער ווי 180 (100 מענער, 76 פרויען און 4 קינדער) און כמעט ביי זיי אַלע זע־נען אָפּגעפרוירן געוואָרן די פינגער פון די הענט און פיס.

פאַר געוויסע סומעס געלט אָדער פאַר די קליידער, וואָס זענען זיי נאָך פאַרבליבן, ווערן זיי דערלויבט צו וווינען אין דאָרף.

די זעלבע לאַגע איז אויך אין בודי ווו ביים אַנהויב זענען געווען אַן ערך 1200 ייִדן, צווישן וועלכע — 600 פון סטאַראָזשינעץ. זיי האָבן די גאַנצע צייט געלעבט אין שטאַלן און די גרעסטע טייל פון זיי איז אויס־געשטאָרבן. צווישן די אויסגעשטאָרבענע איז אויך געווען דער רב שלום גינסבערג, פון סטאַראָזשינעץ, מיט זיין גאַנצער משפחה פון 10 נפשות.

### 20טער יאַנואַר 1942

ביים מאָהילעווער ייִדישן קאָמיטעט ווערט געשאַפן אַ געריכט־ביוראָ, אויף צו משפטן און צו באַשטראָפן די אַלע, וואָס שטעלן זיך נישט צו צו דער אַרבעט.

### 22טער יאַנואַר 1942

דער אָנפירער פון אַרבעטס־ביוראָ ביים מאָהילעווער ייִדישן קאָמי־טעט ווערט אַרעסטירט און געשלאָגן, ווייל ס'איז נישט מעגלעך געווען צוצושטעלן די געפאָדערטע צאָל מענטשן צו דער אַרבעט.

### 25טער יאַנואַר 1942

די זשאַנדאַרמען־לעדזשיונע פון מאָהילעוו פאָדערט ביים ייִדישן קאָמיטעט איר צוצושטעלן אויפן צווייטן טאָג 1200 ייִדן, וועלכע זאָלן אַרבעטן ביים אָפּרייניקן די גאַסן פון שניי. אויב די דאָזיקע צאָל וועט נישט צוגעשטעלט ווערן, דראָט די לעדזשיונע צו שיסן דעם אָנפירער

פון אַרבעטס־ביוראָ און אַלע מיטגלידער פון יִדישן קאָמיטעט און אַלע דעפּאָרטירטע — אַוועקצושיקן צום בוג.

**25טער יאַנואַר 1942**

די מערהייט דעפּאָרטירטע יִדן געפינט זיך אין די מאָהילעווער, טולטשינער און באַלטער זשודעצן. צעוואָרפענע גרופּעס זענען פאַרבליבן, אָדער בלאָנדזשען אַרום אין שטעטלעך פון אַנדערע זשודעצן (זשו־גאַסטרו, דובאַסאַר), געיאָגטע און גערודפטע פון די מאַכט־אָרגאַנען, ספּעציעל — פון די זשאַנדאַרן.

**26טער יאַנואַר 1942**

אין מאָהילעוו ווערן אַרויסגענומען צו דער אַרבעט אַלע יִדישע מענער אָן אונטערשיד פון עלטער אָדער פיזישן צושטאַנד. די מערסטע זענען נאַקעט. אין אַ שרעקלעכן פראָסט ווערן זיי געשיקט אַרבעטן, צען קילאָמעטער ווייט פון דער שטאָט, ווו זיי ווערן געהאַלטן אויף ביינאַכט. אַ סך פון זיי זענען צוריקגעבראַכט געוואָרן פאַרפרוירענע.

**31טער יאַנואַר 1942**

די עפּידעמישע פלעק־טיפוס כאַפּט אַרום כמעט אַלע ערטער פון צפון־טראַנסניסטריע, ווו עס וווינען דעפּאָרטירטע יִדן. נאָר אין עטלעכע דערפער ווו די וווינונגס־באַדינגונגען זענען געווען עטוואָס מענטשלע־כע (דזשורין, מוראַפאַ, זשמערינקע), ווייסט מען כמעט נישט פון דער שלאַפקייט. אַמשרעקלעכסטן איז די עפּידעמיע אין בערשאַד, שאַרגאַ־ראַד און מאָהילעוו.

**5טער פעברואַר 1942**

דער טראַנסניסטריער גאָווערנאַמענט טיילט מיט דער יִדן־צענ־טראַלע די באַדינגונגען אויף צו שיקן הילף צו די דעפּאָרטירטע יִדן.

**6טער פעברואַר 1942**

165 אויפן שאַרגאָראָדער בית־עולם זענען אַנגעבראַכט געוואָרן

מתים, וועלכע קענען נישט באערדיקט ווערן, ווייל די ערד איז פאר־פרוירן. אויף א 40־גראדיקן פראסט האט מען אנגעצונדן א פייער, וואס האט געברענט 24 שעה דורכאנאנד און נאר איז קוים געלונגען דערנאך אויסצוגראבן א געמיינזאמען קבר.

אין בערשאד בלייבן די מתים ליגן צו 3-4 וואכן נישט־באערדיקט איבערן פראסט און ווייל עס פעלן אוים קברנים. געווען טעג ווען ס'האבן זיך צונויפגעזאמלט צו 200 מתים א טאג.

## 8טער פעברואר 1942

אין דארף טראפאווא דערלויבט נישט די מאכט צו באערדיקן 16 מתים, וועלכע מוזן איבערגעלאזט ווערן אויפן פעלד, פאר די הינט.

דאס זעלבע קומט פאר אין נאענטן דארף, אזארינעץ.

## 10טער פעברואר 1942

אין שארגאראד שטארבט, אלס קרבן פון זיין פליכט־אויספילונג, ד"ר אהרן הערמאן פון סוטשעאווא. אין דעם זעלביקן טאג און אין דעם אייגענעם צימער שטארבט אויך זיין שווער, קערנער. דעם דאקטערס פרוי באגייט זעלבסטמארד.

## 11טער פעברואר 1942

דער גענעראל־אינספעקטאראט פון דער זשאנדארמעריע שלאגט פאר צו עוואקואירן די יידן פון מאהילעווער קרייז אויף דער טעריטאריע פון באלטער קרייז, צו מזרח־צו פון דער באן־ליניע זשמערינקע־אדעס און בעט דערויף די באשטעטיקונג מצד דעם טראנסניסטריער גאווער־נאמענט.

## 16טער פעברואר 1942

דער פרעפעקט פון מאהילעווער קרייז באפעלט, אז עס זאלן גע־מאכט ווערן די צוגרייטונגען צום עוואקואירן פון דער שטאט 4.000 יידן, וועלכע זאלן קאלאניזירט ווערן אין סקאזינעץ. דער יידישער קא־

# בילדער פון טראַנסניסטריע



דער בית־עלמין אין שאַראָגראָד



**דער בית־עלמין אין בערשאַד**

אין מיטן — א דענקמאָל פון די לעבנגעבליבענע פאַר די 20 טויזנט אומגעבראַכטע דעפּאָרטירטע ייִדן.

# דער געטאָ אין בעלץ



אין הויף פון באַנק „מאָלדאַוואַ"



אַ ווינקל פון געטאָ

מיטעט ווערט באאויפטראגט צו שיקן א קאמיסיע פון טעכניקערס און ספעציאליסטן, וועלכע זאלן שטודירן אויפן ארט די וווינונגס-מעגלעכ־קייטן און זאלן בארעכענען וויפל עס דארף באטרעפן דער לעבעדיקער און טויטער אינוועטאר, וואס עס וואלט נייטיק געווען.

## 17טער פעברואר 1942

אין גאנץ טראנסניסטריע, אבער באזונדערס אין די קלענערע ער־טער, האבן יידן אויסצושטיין געברענטע צרות פון ווי עפעס א בעסטיע, וואס איז דארט דער גאנצער מושל. אין אבאדאווקע, למשל, ציטערן אלע דעפארטירטע פארן אינזשיניער שטעפאנעסקו פון אגריקולטור־צענטער. הגם זיינע פונקציעס האבן נישט קיין שום שייכות מיט יידן, גיט ער אבער אלע מאל ארויס נייע גזרות קעגן זיי. ער שלאגט, פייניקט און נעמט זיך אליין ס'רעכט ארויסצוגעבן דערלויבענישן אויף וווין־רעכט אין אבאדאווקע די יעניקע, וועלכע באצאלן דערפאר גרויע סומעס געלט.

## 3טער מארץ 1942

נאכן ארבעטן טאג און נעכט דורכאנאנד ביים ראטעווען די יידישע באפעלקערונג פון פלעק־טיפוס, איז ד"ר אברהם רייכער, דער שעף פון דער שארגאראדער קאלאניע געשטארבן אלס א קרבן פון זיין ארבעט, נאך דעם וואס ער איז אליין פארשלאפט געווארן אויף דער קרענק צו וועלכער ער האט זיך באמיט צו מאכן א סוף. דער דאקטער וועלכער האט אים באהאנדלט, ד"ר הארט, פון וואמא, שטעקט זיך אויך אן מיט דער שלאפקייט און שטארבט אין עטלעכע טעג ארום. זיין פרוי איז באגאנגען זעלבסט־מארד.

## 7טער מארץ 1942

דאס נאציאנאלע ווירטשאפטס־מיניסטעריום אויטאריזירט די רו־מענישע יידן־צענטראלע אוועקצושיקן א טראנספארט מעדיקאמענטן

פאַר די דעפּאָרטירטע ייִדן אין טראַנסניסטריע, אָבער בתנאי אַז עס דאַרפן אײַנגעצאָלט ווערן די צאָל־אַמט־שטייערן.

**12טער מאַרץ 1942**

44 ייִדן ווערן אַוועקגעשיקט אין די לאַגערן פון באַלקי, אין זשמע־רינקע; זיי ווערן אויף אַזאַ אופן באַשטראָפט פאַרן נישט קומען צו דער אַרבעט.

**18טער מאַרץ 1942**

אין מאָהילעוו האָט זיך אײַנגעשטעלט אַן אָנהייב פון אַדמיניס־טראַטיווער אָרגאַניזאַציע און סאָציאַלער הילף. ביז איצט האָבן זיך גע־שאַפן: אַ מושב זקנים, אַ שפּיטאָל פאַר אָנשטעקיקע שלאַפקייטן און אַ שפּיטאָל פאַר נישט־אָנשטעקיקע שלאַפקייטן; אַ פאָלקס־קיך, אַ בית־יתומים און אַן אַמט פאַר ציווילן רעגיסטער.

**20טער מאַרץ 1942**

אויפן וועג פון שאַרגאַראַד קיין מאָהילעוו האָבן די זשאַנדאַרן גע־כאַפּט זעקס ייִדן, וועלכע זענען געגאַנגען קיין מאָהילעוו זיך זען מיט קרובים, וואָס זענען אָנגעקומען פון רומעניע. לויטן באַפעל פון שאַרגאַ־ראַדער ראַיאָן־פּרעטאָר, דינדעלעגאַן, זענען זיי דערשאָסן געוואָרן אויפן שאַרגאַראַדער בית־עולם.

**22טער מאַרץ 1942**

קיין מאָהילעוו קומט אָן דער ערשטער טראַנספּאָרט מיט מעדיקאַ־מענטן, וואָס עס האָט אַרויסגעשיקט די אויטאָנאָמע הילפס-קאָמיסיע.

**26טער מאַרץ 1942**

דער מאָהילעווער ייִדישער קאָמיטעט באַריכטעט אין אַ מעמאָראַנ־דום צום קאָמאַנדאַנט פון דער זשאַנדאַרמען־לעגיאָן וועגן די מעג־לעכקייטן אײַנצואָרדענען אין סקאַזינעץ אַ קאָלאָניע פון עטלעכע טויזנט ייִדן. די אויספירן ווײַזן אָן, אַז נאָר נאָך ראַדיקאַלע צוגרייטונגען, אויף

וועלכע עס וואלטן נייטיק געווען הוצאות וואס ס'איז אומעגלעך צו דעקן, וואלט מען דארט געקאנט באזעצן העכסטנס 2.500 דעפארטירטע.

**31טער מאַרץ 1942**

די עפידעמיע פון פלעק־טיפוס גרייכט צו דער מאקסימאלער אינ־טענסיווקייט אין אלע אנגעשטעקטע ישובים. אין מאהילעוו, פונקט ווי אין שארגאראד, איז שוין נישט פאראן קיין יידיש הויז וווּ עס זאל נישט זיין קיין קראנקער, און די שפיטאלן, וואס זענען ארגאניזירט געווארן מיט פרימיטיווע מיטלען, קענען שוין נישט נאכקומען אזויפיל מיטן אי־זאלירן די אנגעשטעקטע. די דאקטוירים פאלן איינער נאכן אנדערן, אלס קרבנות פון זייער פליכט־אויספירונג. אין מאהילעוו זענען פאר־שלאפט געווארן, נאך אין פעברואר, 25 דאקטוירים, צווישן וועלכע אויך דער שעף־דאקטער; און אין שארגאראד זענען פון די 27 דאקטוירים קראנק געווארן 23, ד"ה 85½%; פון זיי זענען געשטארבן 12, ד"ה 52½%. אפילו די קברנים באווייזן שוין ניט אפצוטון אזויפיל ארבעט וויפל די פארלענדנדיקע מגפה גיט זיי. אויפן מאהילעווער בית־עולם ליגן שטענדיק 70־80 נישט באערדיקטע מתים. מען גראבט שוין אפילו נישט קיין אינדיווידועלע קברים, נאר גרויסע געמיינזאמע קברים. מיט די מיטלען צום באקעמפן די מגפה, וואס די דעפארטירטע יידן האבן מיט גרויס מי געשאפן, ווערט געפירט א הערא‍ישער, אבער ווייניק ווירקנ־דיקער קאמף, מחמת עס פעלט אן א שיעור: מעדיקאמענטן, דעפאראזי־טאציע־מיטלען (זייף, פעטראל, דעזינפעקציע־אפאראטן), האלץ צום הייצן, שויבן צו די פענצטער, טירן צו די וווינונגען או"וו, און דער עיקר — מחמת דער גלייכגילטיקייט פון די אומבאוווסטזיניקע מאכט־האבערס.

אויפן ברעג פון בוג איז די צאל קרבנות פון דער טיפוס־מגפה גרע־סער ווי אין אנדערע געגנטן. די אלגעמיינע נויט אין וועלכער די דע־פארטירטע לעבן דא, האט נישט דערמעגלעכט צו שאפן עפעס ס'ניט איז פאר אן אפוווער־מיטל. די עפידעמיע האט.דא דורכגעמאכט איר נאטיר־לעכע אנטוויקלונג אן אפהאלטן ביזן סוף. אין דער שטאט בערשאד און

אין די איבעריקע שטעטלעך פון ראַיאָן זענען אויסגעשטאָרבן פון טיפוס אַן ערך 20.000 מענטשן. אין אוסטיע אַליין, 5 קילאָמעטער פון בוג, זע־נען פון 2.500 דעפּאָרטירטע אויסגעשטאָרבן 1.600.

## מאַרץ 1942

די אויטאָנאָמע הילפס־קאָמיסיע, וועלכע האָט פונקציאָנירט ביז דער אויפלייזונג פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס, אין די ראַמען פון דער פעדעראַציע פון יידישע קהילות־פאַרבאַנדן, איז אויך אונטערן נייעם רעזשים פון דער „צענטראַלע פון רומענישע יידן" אויפגעהאַלטן געוואָרן כדי צו אָרגאַניזירן און העלפן די דעפּאָרטירטע יידן אין טראַנסניסטריע.

נאָכן באַקומען די אויטאָנאָמיע, וואָס איז גאַראַנטירט געוואָרן דורכן פונקציעס־רעגולאַמין פון די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן, האָט די קאָ־מיסיע באַלד אָנגעהויבן די אַרבעט אונטער דער אָנפירונג פון ד"ר מ. צימער, אַדוואָקאַט א. שוועפעלבערג, פּרעד שאַראַגאַ און ד"ר ע. קאַס־טינער.

די קאָמיסיע האָט באַלד ביים אָנהויב אָפּגעשאַפט דאָס באַשטייע־רונג־סיסטעם, וואָס איז געווען פאַרהאַסט מיט זיין ווילקירלעכקייט און זיך איינגעשאַפט די ערשטע פאָנדן דורך זאַמלונגען.

פאַרשטייט זיך, אַז די רעזולטאַטן זענען ביים אָנהויב געווען גאַנץ בלאַסע. מען פלעגט דאַרפן אַפּעלירן וועגן געלט־ביישטייערן און קליידער צו אַ באַפעלקערונג ביי וועלכער עס איז געווען אין פולן גאַנג דער פּראָצעס פון מאַסן־פאַראָרעמונג און וועלכע האָט אין משך פון 6 חדשים געהאַלטן אין איין אויסגעפרעסט ווערן פון איין זייט דורכן געזעץ, וואָס האָט אָבליגירט אוועקצוגעבן אַ געוויסע צאָל קליידער און פון דער אַנדערער זייט — דורכן קאַמפּיין, וואָס עס האָט דורכגעפירט די „מלוכהשע דערגאַנצונג־הלוואה" (אימפּרומוטול אינטרעדזשירעי).

דאָך איז נאָך אין חודש פעברואַר געשיקט געוואָרן דער ערשטער טראַנספּאָרט מעדיקאַמענטן און אָנהייב מאַרץ — די ערשטע געלט־אַי־בערווייזן.

**2טער אַפּריל 1942**

נאָענט פון שאַרגאַראַד האָט אַ זשאַנדאַר געטראָפן אויפן וועג דעם דעפּאָרטירטן ייִדן אַלערהאַנד און האָט אים דערשאָסן.

**4טער אַפּריל 1942**

אין לאָקאַל פון מאָהילעווער מושב זקנים ווערט געשאַפן דאָס בית יתומים נומ. 1. עס ווערן אינטערנירט יתומים, וועמענס עלטערן זענען אויסגעשטאָרבן במשך דעם ווינטער 1941־1942 און וועלכע זענען גע־וואָרן וואַגאַבונדן און בעטלערס. בײַם אָנהויב האָט דער בית־יתומים גע־האַט 120 בעטלעך.

**4טער אַפּריל 1942**

לויטן באַפעל פון קאָמאַנדאַנט פון דער זשאַנדאַרמען־לעדזשיונע ווערן אין ריבניצע דערשאָסן 48 דעפּאָרטירטע ייִדן, ווײַל זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון געטאָ.

**4טער אַפּריל 1942**

עס ווערט איבערגעחזרט דער באַפעל צו עוואַקואירן 4000 ייִדן פון מאָהילעוו קיין סקאַזינעץ.

**7טער אַפּריל 1942**

אין מאָהילעוו הייבט זיך ווידער אָן די טיפוס־עפּידעמיע, ווײַל מ׳האָט נישט געקענט אויספירן צו מאַכן קיין אַנטי־טיפוס איינשפּריצונ־גען.

**8טער אַפּריל 1942**

דער ייִדישער קאָמיטעט אין אבאַדאָווקע נעמט אָן מיטלען אַז עס זאָלן צונויפגענומען און באַערדיקט ווערן, אין געמיינזאַמע קברים, אַלע

מתים, וואָס זענען נישט באַערדיקט געוואָרן אין משך פון דעם ווינטער און זענען די גאַנצע צײַט געליגן אונטער שניי.

## 8טער אַפּריל 1942

אין שארגאראד ווערט אויפגעדעקט, אַז דער דעפּאָרטירטער ייִד פּוקס, אַן אַפּשטאַמיקער פון באָלאַטשעאַנע, האָט געגנבעט עטלעכע קילאָ מעל. די זשאַנדאַרן צווינגען אים צו באַווײַזן ווי אַזוי ער האָט דורכגעפירט די גנבה, און בשעת פוקס דראַפּעט זיך אַרויף אויף אַ לייטער און ווײַזט ווי אַזוי ער איז אַריבערגעשפּרונגען איבער אַ פּלויט, צילט אין אים איינער פון די זשאַנדאַרן און טויט אים אויפן אָרט.

## 25טער אַפּריל 1942

דער פּאָרזיצער פון מאָהילעווער ייִדישן קאָמיטעט און עטלעכע ראָשי הקהל ווערן גערופן אין דער פּרעפעקטורע, וווּ מען איז זיי מודיע, אַז אין שטאָט וועלן נישט קענען פאַרבלייבן מער ווי 3000 ייִדן און די איבעריקע וועלן דאַרפן עוואַקוּאירט ווערן קיין זשמערינקע.

## 29טער אַפּריל 1942

די מאָהילעווער פּרעפעקטורע קערט זיך ווידער צוריק צו איר באַשלוס פון מיט 4 טעג צוריק, וועגן עוואַקוּאירן די גרעסטע טייל ייִדן פון דער שטאָט.

## 30טער אַפּריל 1942

די עפּידעמיע פון פלעק־טיפוס שטילט זיך באַדייטנדיק אײַן אין די אַלע טראַנסניסטריער ישובים, וווּ זי האָט פריער געבושעוועט. אין שאַרגאַראַד איז די צאָל קראַנקע געפאַלן אָבער די צאָל טויט־פאַלן איז געשטיגן פון 12 אויף 36 פּראָצענט.

אין מאָהילעוו איז ערשט איצט מעגלעך צוצוטרעטן צו אַ ווירקעוודיקן קאַמף קעגן דער עפּידעמיע. דער פרילינג איז געקומען צו דער צײַט און געלייזט דאָס שווערע פּראָבלעם פון באַהייצונג. אַ גרויסע טייל פון

מעדיציניש און סאַניטאַרן־פּערסאָנאַל האָט שוין דורכגעמאַכט די גע־פערלעכע קרענק און היות זיי זענען שוין אימוניזירט — קענען זיך איצט די דאָזיקע מענטשן אַריינוואַרפן אין דער אַרבעט מיט נאָך מער באַגייסטערונג. די אָנפירונג מיט דער סאַניטאַרער אַרבעט אין גאַנצן קרייז איז דעם 17טן אַפּריל איבערגעגעבן געוואָרן אַ מענטשן, וועלכער איז אַנטשלאָסן אויסצוּוואָרצלען די שלאַפקייט. דאָס איז דער דאָקטאָר מאַיאָר ק. קירילע. אַ דאַנק זיין ענערגיע און גוטן ווילן — אַגב איז ער דער איינציקער ביי וועמען דער יידישער קאָמיטעט האָט אַזעלכע אייגנשאַפטן אָנגעטראָפן במשך די גאַנצע 5 חדשים, וואָס די עפּידעמיע האָט אָנגעהאַלטן — איז דערגרייכט געוואָרן, אַז בלויז אין צען טעג אַרום זאָל דער שפּיטאָל פאַרדרייפאַכן די צאָל בעטלעך, אַזוי אַז גאָר אינגיכן האָבן אַלע נייע פאַלן געקאָנט איזאָלירט ווערן. די דעפּאַראַזיטיר־אַרבעט איז אויך אינטענסיפיצירט געוואָרן. די דעזינפעקציע־אַפּאַראַטן אויף דאַמף האָבן איצט געהאַט גענוג הייצונג און האָבן שוין געקאָנט אַרבעטן אויף דער גאַנצער פּאַרע. פּעטראָל האָט מען באַקומען גענוג, אַזוי אַז מען האָט זיך געקאָנט פאַרגינען אים צו נוצן וויפל ס'איז נאָר נייטיק גע־ווען פאַר סיסטעמאַטישע און מאַסיווע דעזינפעקציעס. ווען די דאָזיקע באַדינגונגען, וועלכע זענען געווען געווענדט נאָר אין ווילן אָדער אומ־ווילן פון דער מאַכט, וואָלטן געווען געשאַפן געוואָרן מיט 4 חדשים צו־ריק, וואָלטן געווען געראַטעוועט געוואָרן צוויי דריטל פון די פאַרלוירענע לעבנס.

### 19טער מאַי 1942

דער גאָווערנאַמענט פון טראַניסטריע באַפעלט צו עוואַקואירן פיר טויזנט יידן פון דער שטאָט מאָהילעוו.

### 22טער מאַי 1942

אויספירנדיק דעם באַפעל פון טראַנסניסטריער גאָווערנאַמענט, באַפעלט דער זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאָראַט פון טראַנסניסטריע, אַז פיר טויזנט יידן זאָלן עוואַקואירט ווערן פון מאָהילעוו אין 48 שעה, אין אַ

לאגער אַרײַן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין די קאַזאַרמעס. וואָס אויפן בארג, הינטער דער שטאָט סקאַזינעץ.

**25טער מאַי 1942**

דער אַדמיניסטראַטיווער גענעראַל־אינספּעקטאָר דימיטריע שטע־פּאַנעסקו, וועלכער איז באַאויפטראַגט געוואָרן מצד דעם גאָווערנאַמענט דורכצופירן ספּעציעלע שליחותן אין מאָהילעווער קרײַז, אָרגאַניזירט מיט אַלע פּרטים די עוואַקואַציע קיין סקאַזינעץ. אין אַ מעמאָראַנדום פון יידישן קאָמיטעט ווערט אָנגעוויזן, אַז עס איז אוממעגלעך אויסצופירן זײַנע דראַקאָנישע אינסטרוקציעס; דער פּרעפעקט, קאָלאָנעל נאַסטוראַש, וואַרפט אָפּ דעם דאָזיקן מעמאָראַנדום, הגם ער מאַכט געוויסע מילדע־רונגען אין די ערשטע פאַראָרדענונגען.

**29טער מאַי 1942**

אויפן שאָסיי וואָס פירט פון מאָהילעוו קיין שאַרגאַראַד, לעבן אַלטן בית־עלמין, נעמט זיך צונויף די ערשטע גרופּע פון טויזנט מענטשן, אויף וועמען ס'איז געפאַלן דער גורל אַוועקגעשיקט צו ווערן אין סקאַזי־נעצער לאַגער אַרײַן. באַוואַכטע פון זשאַנדאַרן, וועלכע שלאָגן זיי מיטן באַגאַזש אויף די פּלייצעס — לאָזן זיך די יידן אַרויס אויף אַ וועג, וואָס וועט פאַר אַ סך פון זיי זײַן דער לעצטער.

**30טער מאַי 1942**

דער צווייטער קאָנוואָי מיט מאָהילעווער יידן ווערט אַרויסגעשיקט קיין סקאַזינעץ. אַהין ווערן אויך אַוועקגעשיקט יידן פון דאָרפישע ישו־בים (ווינדיטשען, יאַרוגאַ, אַזאַרינעץ, קראַסנאַ און אַנדערע).

**30טער מאַי 1942**

לויט אַ באַפעל פון פּרעמיער, פאַראָרדנט דער באַפולמעכטיקטער רעגירונגס־פאָרשטייער פאַר יידישע ענינים דער „יידן־צענטראַלע", אַז

זי זאָל אָננעמען מיטלען אויף צו שיקן הילף, אין געלט און אין מעדי־קאַמענטן, צו די דעפּאָרטירטע ייִדן אין טראַנסניסטריע.

**30טער מאַי 1942**

אין אבאַדאווקע ווערט פאַראָרדנט צו עוואַקואירן 150 דעפּאָרטיר־טע ייִדן — אַלס שטראָף פאַרן נישט פאַרשרייַבן זיך בעת דער ציילונג.

**מאַי 1942**

אין אַלע טראַנסניסטריער מקומות, וווּ עס וווינען ייִדן, אָבער באַ־זונדערס אין מאָהילעוו, נוצן אויס די מאַכטהאָבערס זייער קראַפט אויף צו באַפרידיקן אַלע זייערע תאוות, אפילו — די סאַדיסטישסטע. אָן אַ שיעור מיידלעך און פרויען זענען פאַרגוואַלדיקט געוואָרן, טראָץ זייער קעגנשטעלן זיך און זייערע ווײי־געשרייען.

די מאָהילעווער זשאַנדאַרן האָבן זיך אפילו אָנגעטון דאָס פאַרגע־ניגן צונויפצונעמען אין דער לעדזשיונע אַ גרויסע צאָל יונגע און שיינע מיידלעך און פרויען. מיטן אויסרייד, אַז מ׳דאַרף דורכפירן אַ מעדיצי־נישע אונטערזוכונג — האָבן אַלע פרויען געמוזט דורכדעפּילירן אינגאַנצן נאַקעטע פאַר די בעסטיעס.

**2טער יוני 1942**

פון מאָהילעוו ווערן אַרויסגעשיקט די לעצטע צוויי קאָנוואָיען קיין סקאַזינעץ. בסך הכל זענען עוואַקואירט געוואָרן 3000 דעפּאָרטירטע.

**3טער יוני 1942**

נאָכן פעסטשטעלן, אַז די טראַנסניסטריער ייִדן שטייען גאָר נישט אויס די אַלע צרות וואָס מ׳האָט אויף זיי גוזר געווען, פאַראָרדנט דער טראַנסניסטריער גאָווערנאַמענט, אַז זיי זאָלן אינטערנירט ווערן אין געט־טאָס און צוגעטיילט ווערן אויף אַרבעט, אין פאַבריקן און אויפן פעלד.

**5טער יוני 1942**

די פלעק־טיפוס־עפּידעמיע, וואָס האָט אָנגעהויבן שוואַכער ווערן מיטן אָנקום פון פרילינג, האַלט איצט אין פאַרשווינדן כמעט אומעטום.

די יעניקע וועלכע האָבן זי איבערגעלעבט, גרייטן זיך צו צו דער פאַר־טיידיקונג קעגן נייַע סכנות און ציען אונטער די טראַגישע באַלאַנסן פון די דאָזיקע שוידערלעכע ווינטערס.

אין דער שטאָט מאָהילעוו זענען פאַרצייכנט געוואָרן 4.401 טיפוס־פאַלן, פון וועלכע — 1.254 — טויט־פאַלן, דאָס הייסט — 28 פּראָ־צענט. אָבער די דאָזיקע ציפערן זענען נישט קיין אויסשעפּלעכע, ווייַל נישט אַלץ איז פאַרצייכנט געוואָרן. מען שאַצט, אַז אין שטאָט זענען געווען אַן ערך 7000 קראַנקע, פון וועלכע אַ העלפט, בערך, איז אויס־געשטאָרבן.

אין די איבעריקע מקומות וווּ עס האָבן געוווינט ייִדן איז געווען אַ גרעסערער פּראָצענט, הן פון קראַנקע, הן פון טויט־פאַלן. אָפטמאָל איז אויסגעשטאָרבן מער ווי אַ העלפט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. אין בערשאַד איז, מחמת די דאָרטיקע וווינונגס־באַדינגונגען, אויסגעשטאָרבן 85% פון דער באַפעלקערונג. קיין פּינקטלעכע סך־הכלען וועט מען שוין קיינמאָל נישט האָבן, ווייַל פון ערשטן ווינטער, לכל הפּחות, איז נישט געפירט געוואָרן קיין רעגלמעסיקע רעגיסטראַציע פון די מתים, און נישט פון זייער באַערדיקונג. די מענטשן פלעגן אָפּשטאַרבן וווּ ס'ניט איז און אַזוי פלעגן זיי אויך צונויפגעזאַמלט ווערן, פון די הייזער אָדער פון די וועגן, און אַרייַנגעוואָרפן ווערן אין געמיינזאַמע קברים, אויב זיי פלעגן בכלל נישט בלייַבן ליגן ביזן פאַרפוילט ווערן אויף די פעלדער עס ווערט גערעכנט, אַז די עפּידעמיעס פון ווינטער 1941־1942 האָבן אויסגעקאָסעט אַ העלפט פון די ייִדישע דעפּאָרטירטע, וועלכע האָבן גע־האַט איבערגעלעבט די שחיטות און עינויים קשים פון די לאַגערן און קאָנוואָיען און האָבן דערלעבט אַריבערצוקומען פון יענער זייַט דניעס־טער אין די חדשים אָקטאָבער־נאָוועמבער 1941. די דאָזיקע השערה ווערט אויך באַשטעטיקט אין אַן אָפיציעלן באַריכט פון שטאַטס־סוב־סעקרעטאַר בייַם אינערן־מיניסטעריום, גענעראַל ק. צ. וואַסיליו, וועלכער וויַיזט אָן, אַז עס זענען עוואַקואירט געוואָרן 110.033 ייִדן, פון וועלכע עס האָבן שוין אין סעפּטעמבער 1943 נישט געלעבט מער ווי 50.741. די

אבידה פון 59.392 נפשות ווערט קודם־כל צוגעשריבן אויפן חשבון פון די עפּידעמיעס.

## 10טער יוני 1942

אין סקאזינעץ איז דער לאַגער איינגעאָרדנט געוואָרן אין די חרובע קאַזאַרמעס פון דער געוועזענער מיליטערישער שול, אויף ביידע זייטן פון שאָסיי. די בנינים פון דער רעכטער זייט האָבן נאָך ווי עס איז געקאָנט אויספּאַריכט ווערן, פאַרשטייט זיך — אויף אַ פּרימיטיוון אופן, אָבער דאָך אויף אַזויפיל, אַז מען זאָל אין זיי קענען וווינען. אָבער די פון דער לינקער זייט זענען געווען אָן טירן, אָן פענצטער און דילן, און אַ טייל — אויך אָן דעכער. אמתע שטאַלן, אין וועלכע די מענטשן האָבן זיך געמוזט פּלאָגן במשך עטלעכע חדשים, אין אַ שרעקלעכער ענגשאַפט.

אין די בנינים פון דער רעכטער זייט שאָסיי זענען גראד אינטערנירט געוואָרן עטלעכע פאַרשיקטע, וועלכע האָבן נאָך פאַרמאָגט ברעקלעך פון זייער פאַרמעגן אָדער וועלכע האָבן, דורך זייערע פאַרבינדונגען, נאָך געקאָנט באַקומען אַ ביסל הילף פון מאָהילעוו. אין דער לינקער זייט, אָבער, פון שאָסיי, האָט געהערשט דער הונגער. פאַר אַ סך אינטערנירטע איז די איינציקע שפּייז געווען דאָס גראָז פון די פעלדער, אָדער די בלעטער פון די ביימער. וואַסער האָט אויך אויסגעפעלט און מען איז אָפטער געשטאָרבן פון דורשט ווי פון הונגער. בכדי צו באַקומען וואַסער, האָבן די יידן געמאַכט אייניקע אויסגראָבונגען נאָענט פון לאַגער. קיין וואַסער האָבן זיי נישט געפונען, אָבער דערפאַר האָבן זיי זיך דערגראָבן צו אַן אַנטי־טאַנק־קאַנאַל, וואָס איז געווען פול מיט מתים, אויף וועלכע עס זענען נאָך געווען שטיקלעך מלבושים, באַגאַזש־רעשטלעך און פערזענלעכע דאָקומענטן. דאָס זענען געווען די קערפּערס פון בעסאַראַבער יידן, וועלכע דאָס דייטשישע חיל האָט דאָ אויסגעהרגעט אין אויגוסט 1941. דער לאַגער איז באַלד ביים אָנהויב אַרומגערינגלט געוואָרן מיט שטעכל־דראָט, דורך וועלכן די אינטערנירטע פלעגן זיך אַמאָל דורכגנבענען, מיט סכנות נפשות, כדי אַריינצוכאַפּן זיך אין דער שטאָט אַריין, וואָס איז געלעגן 10 קילאָמעטער פון לאַגער. זיי פלעגן

וויסן פון פריער, אַז מען וועט זיי כאַפּן, און אַז מען וועט זיי אין בעסטן פאַל צוריקברענגען אין לאַגער אַריין, אָבער זיי פּלעגן האָפן, אַז ביים צוריקקערן זיך, וועלן זיי באַוויזן עפּעס צוריקברענגען פאַר די הונגעריקע מיילער. די מיליציע-וואַכלייט פלעגן מיט באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט לאַקערן כדי צו אַנטדעקן אַזעלכע פּרוּוון און אַ סך דעפּאָרטירטע זענען אויסגעשאָסן געוואָרן.

## 10טער יוני 1942

די יידישע קאָמיטעטן האָבן אונטערגענומען אַן ענערגישע דעפּאַראַזיטירונג און דעזינפעקטיר-אַקציע, בכדי צו פאַרניכטן די לעצטע שפּורן פון פלעק-טיפוס און צו פאַרמיידן דעם אויסברוך פון אַ נייער מגפה. פון 25טן אַפּריל אָן, דאָס הייסט בלויז אין 6 וואָכן, האָבן די ספּעציעלע עקיפּן דורכגעפירט אין מאהילעוו, אין 528 אָנגעשטעקטע הייזער, די וויטער-אויסגערעכנטע אָפּעראַציעס: 8.973 דעפּאַראַזיטירונגען מיט דעזינפעקציע-אַפּאַראַטן אויף דאַמף; 3.695 דעפּאַראַזיטירונגען — דורך דורכזידן דאָס וועש און 4.258 — דורך פּעטראָליזירונגען.

ענלעכע מיטלען זענען אָנגענומען געוואָרן אויך אין שאַרגאַראָד, די צווייטע נעסט פון שלאַפקייטן אין מאהילעווער קרייז.

## 12טער יוני 1942

אין נאָמען פון דער 3-טער אַרמיי, ערשטע וואַך-דיוויזיע, פאַראָרדנט דער פּרעפעקט פון מאהילעווער קרייז, אַז אין יעדער קאָלאָניע זאָל דערשאָסן ווערן צו איין יידן, וועלכער איז געכאַפּט געוואָרן עטלעכע מאָל ביים פאַרלאָזן די באַשטימטע וווינונג. אין דעם זעלבן באַפעל ווערט אויך פאַראָרדנט מודיע צו זיין אַלע ראשי הקהל, אַז זיי וועלן דערשאָסן ווערן, אויב די יידן וועלכע געפינען זיך אונטער זייער יורידיקציע וועלן נישט רעספּעקטירן די אַרויסגעגעבענע פאַראָרדענונגען.

אויפן גרונט פון דעם דאָזיקן באַפעל זענען אַלע ראשי הקהל געצוווּנגען געוואָרן אונטערצושרייבן דעקלאַראַציעס, אַז זיי האָבן גענו־

מען צו קענטעניש, אַז זיי וועלן דערשאָסן ווערן, אויב עפּעס אַ מיט־גליד פון דער קאָלאָניע וועט געטראָפן ווערן אויסערן געטאָ.

**14טער יוני 1942**

קיין סערעבריא, ביי מאהילעוו, איז אָנגעקומען אַ קאָנוואָי מיט דע־פּאָרטירטע, וועלכע זענען נישט לאַנג אַרויסגעטריבן געוואָרן פון טשער־נאָוויץ. לויטן באַפעל פון אַדמיניסטראַטיוון גענעראַל־אינספּעקטאָר, די־מיטריע שטעפּאַנעסקו, ווערן זיי אויסערגעוויינלעך שטרענג געהיט, אַז קיינער פון זיי זאָל זיך נישט קענען אַריינכאַפּן אין שטאָט אַריין, ווו אַ סך פון זיי האָבן קרובים און פריינט, פון וועלכע עס האָבן זיי צעשיידט די יסורים פון די לעצטע 8 חדשים. עס איז זיי נישט געלונגען זיך מיט עמיצן צו זען און אין דעם זעלביקן אָוונט זענען זיי נאָך אַריינגעזעצט געוואָרן אין וואַגאָנעס און אַוועקגעשיקט געוואָרן צום ברעג פון בוג, אין דער געגנט פון לאַדיזשין.

**14טער יוני 1942**

דער מאהילעווער יידישער קאָמיטעט, אונטערן פאָרזיץ פון אינ־זשעניער ס. יעגענדאָרף, ווערט אָפּגעזאָגט מצד דער מאַכט, וועלכע באַ־שטימט אַ נייע אָנפירונג. די נייע יידישע ראשי הקהל ווערן געצוווּנגען אונטערצושרייבן אַ דעקלאַראַציע, אַז זיי וועלן באַצאָלן מיט זייער אייגן לעבן פאַר יעדן פאַל, ווען עמיצער וועט אַנטלויפן פון סקאַזינעצער לא־גער.

**16טער יוני 1942**

די פּרעפעקטורע פון מאהילעווער קרייז שיקט אַרויס אינסטרוק־ציעס צו אַלע פּרעטורעס, לעדזשיונעס און פּרימאַריעס, ווי אַזוי צו אָר־גאַניזירן די געטאָס.

אינעם באַפעל, וואָס איז ביי־געלייגט צו די דאָזיקע אינסטרוקציעס, שטרייכט אונטער דער פּרעפעקט, קאָלאָנעל נאַסטוראַש (דער דיקטער

פאיאנע וואלבורע), אז דאס אויספירן דעם דאזיקן באפעל „איז א פרא־גע פון רומענישער ערע און ווירדע"...

## 17טער יוני 1942

די פרעפעקטורע פון מאהילעווער קרײַז באאויפטראגט א גרופע פון 12 קאמונאלע וואכלײַט צו היטן דעם סקאזינעצער לאגער.

## 18טער יוני 1942

די פאראָרדענונג נומ. 23 פון 11טן נאוועמבער 1941 פון טראנס־ניסטריער גאווערנאמענט, לויט וועלכער עס איז באשלאסן געוואָרן אז פאר זייער ארבעט זאל די ייִדן באצאלט ווערן צו 1 מארק (אין „רײַכס־קרעדיט־קאסע־שײַנען") א טאג פאר געוויינלעכע ארבעטער און צו צוויי מארק (ר. מ. ק. ש.) פאר קוואליפיצירטע ארבעטער, איז ביז איצט גע־בליבן אויף פאפיר. נאך אן אינספעקציע, וואס יאן אנטאנעסקו האט דורכגעפירט דעם 11טן יוני אין אן ארבעטס־אפטייל, ווערט לויט זײַן באפעל ווידער באנײַט די דאזיקע פאראָרדענונג. די מאהילעווער פרי־מאריע אינטענדענץ פאָדערט בײַם ייִדישן קאמיטעט אויסצוארבעטן די אויסצאל־טאבעלעס.

## 20טער יוני 1942

א נײַער קאנוואי מיט דעפארטירטע, וואס זענען ארויסגעטריבן גע־וואָרן פון לאנד קומט אן קיין סערעבריא בײַ מאהילעוו. דאס זענען 450 דאראהויער ייִדן, די מערסטע — מענער, וועלכע האבן זיך דעם פארגאנ־גענעם נאוועמבער, בעת זייערע פרויען און קינדער זענען פארשיקט גע־וואָרן, זיך געפונען אין בראילער קרײַז אויף צוואנגס־ארבעט. הגם זייערע משפחות געפינען זיך כמעט אלע אין מאהילעוו, ווערט אבער קיין איי־נעם פון זיי נישט דערלויבט דא צו פארבלײַבן און לויט א באפעל פון אדמיניסטראטיוון אינספעקטאר, ד. שטעפאנעסקו, ווערט צוליב דעם דא־זיקן צוועק אײַנגעשטעלט א שטרענגע וואך. דער איינציקער חסד, וואס דער דאזיקער שטעפאנעסקו האט געטון מיט די אומגליקלעכע איז געווען

דאָס וואָס ער האָט דערלויבט די משפּחות צו גיין ווײַטער אײנײנעם מיט די, וואָס זענען נאָר וואָס אהער אַנגעטריבן געוואָרן פון לאַנד. אויף אַזא אופן ווערט דער קאָנוואָי, וועלכער לאָזט זיך אויפן צווייטן טאָג אוועק צום בוג-צו, פאַרגרעסערט ביז 950 נפשות.

**28טער יוני 1942**

די מאהילעווער זשאנדארמען-לעדזשיונג באַפעלט צו עוואקואירן קיין סקאזינעץ נאָך 500 ייִדן.

דער פּרעטאר פון יארישעווער ראיאָן פאַראָרדנט אַז אַלע ייִדן פון דאָרף ווינדיטשען זאָלן עוואקואירט ווערן אין א וואַלד אַרײַן. מיט גרויס מי פועלט אויס דער מאהילעווער ייִדישער קאָמיטעט דערווײַל אָפּצורופן די גזירה.

**28טער יוני 1942**

א טייל ייִדן, וואָס זענען דעפּאָרטירט אין שארגאראד, ווערן איצט עוואַקואירט אין די אַרומיקע דערפער: רודאנסקע, פּאסענקע, קאפּוסטער־נע, נאסינקאָווע, איוואשקאָוץ, דערעבטשין, קאנאטקאָוץ, לאַזאווע און פּאַליטאנקי.

די געגנט איז באַרימט מיט פּאַרטיזאנישער טעטיקייט און דער טע־ראָר מצד דער אָקופּאַנטישער מאַכט איז דאָרט א סך א הארבערער ווי אין אַנדערע געגנטן.

**30טער יוני 1942**

אין אַלע טראנסניסטריער לאַגערן און געטאָס האָבן זיך די ייִדן גאַנץ גיך געמוזט צוגעוווינען צו באַפּן קלעפּ, ווי צו איינער פון די אָן א שיעור פּורעניותן. עס האָבן געשלאָגן די אַפּיצירן, די פּלוטאָניערן, פּשוטע סאָל־דאטן, די פּרעטארס, אַלע אַדמיניסטראַטיווע מושלים; עס פלעגן שלאָגן אָן רחמנות און אָן א שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט די אַלע וועמען עס האָט זיך נאָר געגלוסט צו שלאָגן ייִדן. איבעריקנס איז אין אַלע פאַראָרדענונ־גען, וואָס עס האָט אונטערגעשריבן דער גובערנאַטאָר אַלעקסיאַנו און

וועלכע זענען אויסגעקלעפט געוואָרן איבער אַלע קאָלאָניעס — דאָס שלאָגן געוועזן פאַרויסגעזען אַלס ספּעציעלע שטראָף, וואָס ווערט אָנגעווענדט בלויז אויף יידן.

אין דער מאהילעווער זשאנדארמען־לעדזשיונע פלעגן די ייִדן גע־שלאָגן ווערן פון דער טיר אָן ביז לעצטן ביורא, דורך וועלכן זיי פלעגן מוזן דורכגיין. די וועלכע זענען אהין פאַרבעטן געוואָרן האָבן קיינמאָל נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ נייע ליידן עס דערוואַרטן זיי דאָרט, אָבער איין זאַך האָבן זיי געוואוסט פון פריער: אַז אַבי זיי וועלן נאָר אהין אריין, וועלן זיי שוין נישט ארויס ביז זיי וועלן נישט כאַפּן קיין קלעפּ. עס איז אָבער אויך אמת, אַז אָפטמאָל איז דאָס אריינכאַפּן קלעפּ געווען די לייכטסטע אָפּקומעניש.

אין בערשאַד פלעג דער קאָמאַנדאַנט פון דער זשאנדארמען־סעקציע, לייטנאַנט גריגאָרעסקו, נישט וואַרטן, אַז די ייִדן זאָלן קומען צו איב, נאָר ער פלעג אריינגיין אין געטאָ און שלאָגן, אָן אַ שום סיבה און אָן אַ שום תירוצים, ווען ער האָט נאָר באַגעגנט.

אין ווינדיטשען איז דער גרויסער שלעגער געווען סערגיע ראַבליצקי, וועלכער האָט קיין שום שייכות נישט געהאַט מיט קיין ייִדן, אָדער מיטן געטאָ און איז גאָר געווען דער אָנפירער פון דער צוקער־פאַבריק.

אין לאַדיזשין האָט געשלאָגן דער אַפּטייקער וואַסילעסקו, דער אָנ־פירער פון דעפּאַראַזיטאַציע־אַמט אין די שטיינהאַקערייען. נאָך ווילדער, אָבער, ווי ער, האָט דאָרט געשלאָגן דער אונטערלייטענאַנט יעגאַקיצע, פון דער טולטשינער זשאַנדאַרמען־לעדזשיונע.

## 1טער יולי 1942

דער דריטער קאָנוואָי מיט דעפּאָרטירטע טשערנאָוויצער ייִדן, וואָס איז אָנגעקומען מיט אַן אָוונט פריער קיין וואַלעטשינעץ, האָט איבערגע־נעכטיקט הינטער אַ באַרג, איז דערנאָך אריבער דעם דניעסטער אונטער די קלעפּ פון די זשאַנדאַרן און אָנגעקומען צום אַזוי גערופענעם צאָל־אַמט, וואָס האָט פונקציאָנירט אויף דער אוקראַינער זייט פון טייך. דאָס דורכגיין דורכן צאָל־אַמט איז באַשטאַנען פון אַ נייער ריי ליידן, וואָס

האָבן זיך געצויגן אַ גאַנצן טאָג. אין יעדן ווינקעלע איז געווען אַן אַנ־דערע צרה. דאָ האָט אַ זשאַנדאַר געצוווּנגען אַ גרופּע אַלטע לײַט און פּרוּוון צו מאַכן מיליטערישע איבונגען. אָט האָט ער זיי באַפוילן זיך אויס־צושטעלן אין אַ גלייכער ריי און אָט, פּלוצים — זיך צו צעלויפן, און מיטאַמאָל — זאָלן זיי זיך גאָר אַנידערוואַרפן צו דער ערד און אין אַ סעקונדע אַרום — זאָלן זיי שוין ווידער שטיין גלייך, יעדער איינער אויף זײַן פריערדיקן פּלאַץ. דערבײַ האָט ער געשלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס די אַלע, וואָס האָבן זיך נישט באַלד צוריקגעקערט אויף זייערע ער־טער. אין אַ צווייט ווינקל האָבן קלייניקע גרופּקעלעך באַדאַרפט פאַרנע־מען יעדער איינס אַ באַשטימט פּלאַץ. די זשאַנדאַרן האָבן אַלע מאָל גע־שטויסן איין גרופּע צום אָרט, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר אַ צווײ־טער, כדי פון דאָרט זאָלן זיי די דאָרטיקע בעסטיעס צוריקשטויסן מיט קלעפּ; אַזוי האָט זיך די שפּיל איבערגעחזרט אָן אַ סוף. אויף אַ צווייט אָרט איז געשטאַנען אַ קאַפּיטאַן — אַ דאָקטער — מיט אַ לייטנאַנט און ביידע האָבן געלערנט די סאָלדאַטן:

„זעלנער! דערלאַנג זיי נישט מיטן שטעקן. שטעך בעסער אַרײַן די באַיאָנעט אין די דאָזיקע באָלשעוויקעס!" סוף־כּל־סוף האָט מען בײַם עק פון אַ לאַנגער ריי אָנגעהויבן דורכצופירן די צאָל־רעוויזיע, וועלכע איז באַשטאַנען אין אַ שטרענגער באַזוכונג וואָס עס האָבן דורכגעפירט די סאָלדאַטן. די קלענערע חפצים פלעגן די דאָזיקע סאָלדאַטן באַלד פאַר־האַלטן. די ווערטפולערע — פלעגן צונעמען די אָפיצירן.

אָבער אָט איז שוין אַדורך אויך די רעוויזיע און די אומגליקלעכע האָבן ווידער איבערגענעכטיקט הינטער אַ באַרג. גאַנץ פרי איז שוין פאַר זיי געשטאַנען דאָס בילד פון די קומענדיקע לײַדן. אויפן שאָסיי פון מאָ־הילעוו־צו האָט זיך געצויגן אַ קאָלאָנע איינגעהויקערטע, אָפּגעשוואַכטע מענטשן מיט אַש־גרויע פּנימער, אָנגעטוענע אין שמאַטעס, וועלכע פלעגן זיך קוים מיט צרות שלעפּן, און דערצו נאָך מיט מיליטערישע שריט, אונטער דער השגחה און קלעפּ פון די זשאַנדאַרן. דאָס זענען געווען די על־טערן, ברידער אָדער קינדער פון די נאָר וואָס אָנגעקומענע, וועמען מען האָט געטון די גרויסע טובה און דערלויבט צוצוקומען אויף אַ רגע צו זייע־

רע ליבע. אָבער תיכּף נאָך דעם, וואָס בלויז געציילטע פון די אַלע, וואָס האָבן זיך געזוכט מיט פאַרבענקטע אויגן, האָבן באַוויזן זיך צו טרעפן, איז באַפוילן געוואָרן זיך צו צעשיידן. אויף דער אַרענע איז איצט אַרויף דער אונטערלייטענאַנט יעגאַקיצע פון דער טולטשינער זשאַנדאַרמען-לע־דזשיונע, וועלכער איז פון דאָרט געקומען מיט דער ספּעציעלער מיסיע איבערצונעמען די קרבנות. ער איז געווען איינער פון די ווילדסטע בעסטי־עס צווישן די אַלע, וואָס האָבן געהערשט אין טראַנסניסטריע. ער האָט געהאַט אַ שוואַרץ פּנים און אַ שוואַרצע נשמה, אַ שלעכטער און אומברח־מנותדיקער, אַ געלט-זשעדנער און בעל-תּאווהניק, אַ שיכּור, אַ סאַדיסט און אַ ווייבערניק. במשך עטלעכע חדשים וועט ער פּייניקן אָן רחמנות די אַלע, וועלכע ער נעמט איצט איבער בײַם ברעג פון דניעסטער, כּדי זיי צו פירן אויסצושטיין זייער ווייסטן גורל בײַ די וואַסערן פון בוג.

דערווײַל האָט ער מיט זײַן האַראַפּניק בלויז צעשיידט די, וועלכע האָבן קוים באַוויזן אַ רעד צו טון עטלעכע ווערטער צווישן זיך. דערנאָך האָט ער באַפוילן זיך צו לאָזן אין וועג אַרײַן. ווידעראַמאָל זידלערײַען און שטעקנעס און דער צוג האָט זיך אָנגעפילט מיט די אָנגעקומענע פון טשערנאָוויץ און מיט עטלעכע פון מאָהילעוו, וועלכע האָבן אייגנוויליק באַהעפט זייער גורל מיטן גורל פון זייערע ליבע. אין דעם געאייל האָבן די זשאַנדאַרן אַרײַנגעשטופּט מיט געוואַלד אין די וואַגאָנעס אַרײַן אויך אַ טייל מאָהילעווער, וועלכע האָבן געוואָלט און געהאַט ס'רעכט זיך צוריק־צוקערן אין שטאָט אַרײַן. און דער צוג איז אַוועק.

## 1טער יולי 1942

עס ווערט געגרינדעט די מאָהילעווער געטאָ, וואָס באַשטייט נישט מער ווי פון עטלעכע גאַסן. אויף אָן ענגן פּלאַץ זענען געצוווּנגען געוואָרן צו לעבן צונויפגעדריקט צו 20־30 פּערזאָן אין אַ צימער, די 16.000 ייִדן פון דער שטאָט. אַזוי ווי אַ גרויסע טייל פון די בינינים איז געהאַט צע־שטערט געוואָרן פון די פאַרפּלייצונגען, זענען הונדערטער משפּחות גע־צוווּנגען געוואָרן צו שלאָפן אונטערן פרײַען הימל, בלויז הינטער ווענט, אָן אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ.

אַזוי ווערן איַינגעשפּאַרט אין געטאָס אויך די ייִדן פון די איבעריקע קאָלאָניעס פון מאָהילעווער קרייַז.

זינט זייער אָנקום קיין טראַנסניסטריע זענען אַלע ייִדן געצוווּנגען געוואָרן צו טראָגן אויף דער לינקער ברוסט, אַלס אָפּצייכן, דעם מגן־דוד. דאָרט ווו די פּאַראָרדענונגען זענען אָנגעווענדט געוואָרן באַזונדערס שטרענג, האָט מען דעם אָפּצייכן באַדאַרפט טראָגן אויך אויפן רוקן, באַזונדערס די ייִדן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין עפנטלעכע אינסטיטוציעס. אין אַ טייל ערטער — ווי למשל שאַרגאַראַד און זשמעריקנע — זענען אויך די הייזער געווען באַצייכנט מיט מגן־דודים. דאָס טראָגן דעם צייכן איז אָפּגעהיט געוואָרן אויך אינעווייניק אין די געטאָס, אָן אויפהער, ביז דער באַפרייונג.

### 3טער יולי 1942

דער קאָנוואָי מיט דאַראַהויער ייִדן, וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון סערעבריע קומט אָן קיין אַלעאַניצע, טולטשינער קרייַז. באַלד ביַים אויסשטייגן פון צוג זענען די מענטשן אַוועקגעשיקט געוואָרן אין דער לאַדיזשינער שטיינהאַקעריי אויפן ברעג פון בוג און נאָך אַ פּיַיניקנדיקער דעפּאַראַזיטירונג ווערן זיי געהאַלטן עטלעכע טעג אָן עסן. קוים מיט צרות ווערט סוף־כל־סוף דערלויבט, אַז אַ דעלעגאַט זאָל גיין איינשאַפן שפּיַיז, וועלכע ער קען אָבער נישט באַקומען, סיַידן אַז ער באַצאָלט פאַר איר מיט מלבושים, מחמת די מאַרקן „ר. מ. ק. ש.״ ווערן פּשוט נישט אָנגענומען אויפן מאַרק.

### 3טער יולי 1942

אַלס ענטפער אויף אַ געהיימען ראַפּאָרט פון דער מאָהילעווער פּרעפעקטורע, פּאַראָרדנט דער טראַנסניסטריער גאָווערנאַמענט צו עוואַקוירן נאָך 3.000 ייִדן פון דער שטאָט.

### 5טער יולי 1942

עס ווערט פּאַראָרדנט צו עוואַקואירן אין וואַלד אַריַין די ייִדן פון קאַפּאַיגאַראַד. מען האָט שוין אָנגעהויבן דורכצופירן די אָפּעראַציע, אָבער

מ'האָט זי אָפּגעשטעלט אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון מאָהילעווער יידישן קאָמיטעט.

### 5טער יולי 1942

פון דער אויטאָנאָמער הילפס־קאָמיסיע אין בוקארעשט קומט אָן דער ערשטער טראַנספּאָרט שפּייז פאַר די דעפּאָרטירטע וועלכע געפינען זיך אויפן שטח פון מאָהילעווער קרייז.

### 5טער יולי 1942

דורך אַ צירקולאַר־באַפעל, וואָס ווערט צעשיקט צו אַלע פּרעטורעס, לעדזשיונעס און פּרימאַריעס פון קרייז, פאַראָרדנט דער מאָהילעווער פּרעפעקט, קאָלאָנעל נאַסטוראַש, אַז אַנשטאָט אַלע יידן וואָס אַרבעטן אין פאַרשיידענע אונטערנעמונגען זאָלן אויפגענומען ווערן אוקראַינער, אויב זיי זאָלן אפילו מוזן אָנגעבראַכט ווערן פון אַנדערע מקומות.

### 6טער יולי 1942

נאָך אַ 5־טאָגיקער רייזע איבער אַ דיסטאַנץ, וואָס האָט געקאָנט דורכגעמאַכט ווערן אין 5 שעה, קומט אָן דער צוג מיט אָפּגעשלאָסענע וואַגאָנען — וועלכער פירט די לעצטע פּאַרטיע דעפּאָרטירטע יידן פון טשערנאָוויץ — צום באַשטימטן פּלאַץ: די שטיינהאַקעריי לאַדיזשין. די צעשעדיקטע אינסטאַלאַציעס, עטלעכע פאַרזשאַווערטע וואַגאָנעס אויף טיילווייז־דעמאָנטירטע רעלצן, עטלעכע חרובע באַראַקעס אָן טירן און אָן פענצטער און אַ ריזיקער בנין וועמענס פּראָפיל זעט זיך אָן אויפן שפּיץ פון אַ באַרג — דאָס איז די אַזוי־גערופענע שטיינהאַקעריי. דערווייל פּרוּוון זיך די יידן אַ לאָז טון צו די באַראַקעס, כדי צו לאָזן אויסרוען די פאַרמאַטערטע ביינער, אָבער דאָס איז נישט דערלויבט. עס קען דאָס נישט דערלאָזן דער ה' סוב־לאָקאָטענענט — אַפּטייקער וואַסילעסקו. ער פאָדערט אַז פריער זאָל דורכגעמאַכט ווערן די קאַראַנטינע און דערנאָך — די דעפאַראַזיטאַציע. ער שלאָגט אויף רעכטס און אויף לינקס. ער האַלט אויך אַ רעדע, אין וועלכער ער זאָגט בעיקר: „דאָ זענט איר שוין מער נישט

קיין דאָקטוירים, אינזשעניערן, אָדער אַדוואָקאַטן. דאָ זענט איר נישט מער ווי זשידאַנעס, פּשוטע נומערן, וועלכע דאַרפן בלינד אויספאָלגן אַלע אַרויסגעגעבענע באַפעלן. דאָ וואַרט אויף אייך פריער דער הונגער און דערנאָך — דער טויט". סוף־כל־סוף באַשטימט ער אַן אָרט אויפן ברעג פון בוג, ווו אַלע וועלן זיך באַדאַרפן אָפּרוען במשך עטלעכע טעג, ביז עס וועט געמאַכט ווערן די קאַראַנטינע און די דעפּאַראַזיטירונג. כדי נאָך מער אָנצוטון יסורים, קלויבט וואַסילעסקו אויס טאַקע פון צווישן די ייִדן גופא אַ חיה בצורת מענטש, לויט זיין אייגענער געשטאַלט נאָך, אַ געוויסן לע־דערמאַן, אַ געוועזענער וועכטער פון טשערנאָוויצער משוגעים־הויז, וועמען ער גיט איבער די פולסטע מאַכט איבער זיינע אייגענע ברידער. ער איז דער, וואָס האָט אָנגעפירט די דעפּאַראַזיטיר־אָפּעראַציעס. מיט אַ גראָבן שטעקן פון וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשיידט, האָט ער געשלאָגן, וועמען עס האָט זיך אים געגלוסט, האָט אָנגעראַבעוועט וויפל ער האָט געקענט ביי אָרעם און ביי רייך און איטלעכן געפּייניקט. ער האָט למשל באַפוילן, אַז אַלע פרויען זאָלן אָפּגעשוירן ווערן, אָבער עס זענען דערפון באַפרייט געוואָרן די יעניקע, וועלכע האָבן באַצאָלט די טאַקסע, וואָס ער האָט באַשטימט.

פאַרשטייט זיך, אַז לעדערמאַנס נידערטרעכטיקע טעטיקייט האָט די ייִדן נישט פאַרשפּאָרט די איבעריקע עינויים, וואָס עס האָבן צוגעטראַכט די סוב־לאָקאָטענענטן וואַסילעסקו און יענאַקיצע. אויך זיי פלעגן שלאָגן און באַפעלן צו שלאָגן — צו 25 קלעפּ — און אויך זיי פלעגן ראַבעווען און פאַרגוואַלדיקן די מיידלעך און די יונגע פרויען.

אָבער די דעפּאַראַזיטאַציע איז אויך דורך. די מענטשן האָבן זיך צונויפגעדריקט אין די באַראַקן; 1800 נפשות האָבן אָנגעפולט אַ רוים וואָס איז קוים געווען אומשטאַנד אַריינצונעמען אַ צענט חלק דערפון. דעם עודף פון די דריי קאָנוואָיען האָט מען איינגעאָרדנט אין דער סביבה: 1.800 אין טשעטווערטינאַווקע, 600 אין לאַדיזשין און 600 אין אַלעאַני־צע. דאָ וועלן זיי במשך אַ חודש צייט דאַרפן אויסשטיין אַ נאָכאַנאַנדיקע ריי ליידן, ביז עס וועט זיך ערשט אָנהייבן זייער גרויסע טראַגעדיע.

## 6טער יולי 1942

דער באפולמעכטיקטער מצד דער רעגירונג צו רעגלאמענטירן דעם רעזשים פאר יידן, גיט ארויס א באפעל, אז די הילף־פארטיילונג אין טראנסניסטריע זאל געמאכט ווערן לויט א געוויסער פראפארץ, וואס ער האט באשטימט: טיראספאל: 0.50%; בערעזאווקע 2%; דובאסאר — 0.70%; אדעס — 1%; מאהילעוו — 60%; טולטשין — 5,50%; ריבניצע — 2%; באלטא — 18,50%; אטשלוקאוו — 1.30%; זשור־גאסטרו — 8%; גאלטא — 1,50%.

## 10טער יולי 1942

נאכן פארעפנטלעכן יאן אנטאנעסקוס באפעל, אז די ארבעט וואס עס מאכן די יידן זאל באצאלט ווערן לויט די פאראָרדענונגען אין דער ארדאנאנץ נומער 23, באשטימט די מאהילעווער פרעפעקטורע, וועלכע האט במשך 8 חדשים אבסאלוט גארנישט באצאלט פאר דער ארבעט, אז אויף דעם חשבון זאלן איבערגעגעבן ווערן די יידן 8 וואגאן תבואה, וועל־כע שטעלן אבער מיט זיך נישט פאר מער ווי א גאר קליינע טייל פון די סומעס, וואס עס קומט די יידן פאר דער גאנצער צייט.

## 15טער יולי 1942

ארום דעם אלעאניצער געטא, וואס איז איינגעארדנט אין א שטאל ווערט אנגעצייכנט מיט אן אקער־אייזן א גרענעץ־פאס. דאס אריבערטרע־טן די דאזיקע ליניע — ווערט באשטראפט מיט טויט.

## 16טער יולי 1942

פון אבאדאווקע ווערן ארויסגעשיקט 300 מענטשן קיין בירזולא אין קיין באלטע אויף שווערער, אויסשעפנדיקער ארבעט. קיין עסן ווערט זיי נישט מיטגעגעבן, אבער דערפאר ווערן זיי א גאנצן וועג געשלאגן דורך די זשאנדארן.

### 18טער יולי 1942

די מאהילעווער זשאנדארמעריע־לעדזשיונע טוט צו וויסן דעם יידישן קאמיטעט, אז 2.400 דעפארטירטע און 600 ארטיקע (אוקראאינער) יידן וועלן אינגיכן דעפארטירט ווערן אין לאגער ארײַן פון פעטשיארא. נאך פארשידענע השתדלותן איז אויסגעפועלט געווארן אפצורופן די עוואקואציע.

### 30טער יולי 1942

עס וואקסט אומאויפהערלעך די צאל אינטערנירטע קינדער אין מאהילעווער בית־יתומים. בעת דער עוואקואציע קיין סקאזינעץ האבן א סך עלטערן ארײַנגעגעבן זייערע קינדער אין בית־יתומים בכדי אויף אזא אופן זיי ראטעווען פון א זיכערן טויט. בכן געפינען זיך שוין בײַ היינטיקן טאג אין בית־יתומים אן ערך 450 אינטערנירטע קינדער.

די סאניטארע לאגע צווישן די אינטערנירטע קינדער אין בית־יתומים איז פון טאג צו טאג אלץ ערגער. לייכט־אנגעטוענע, מיט די פיס אײַנגעהילט אין שמאטעס, זענען זיי נאך דערצו פול מיט לייז, מיט פארשידנערליי הויט־בײַסעניש, הויט־שלאפקייטן און לײַדן פון דיזענטעריע. א סך פון זיי האבן במשך דעם שווערן ווינטער אפגעשפארט בראנדיקע וונדן אויף די אפגעפרוירענע פיס און אנצינדונגען אין מויל (גינגיוויטיס, סטאמאטיטיס).

### 1טער אויגוסט 1942

זינט זיי זענען אנגעקומען קיין טראנסניסטריע זענען די יידן — בעיקר די מענער אבער אפט אויך די פרויען — פון 16 ביז 60 יאר, און אויך 12־יאריקע קינדער און 70־יאריקע זקנים — געצווונגען געווארן צו טוען די עפנטלעכע ארבעטן, לויט ווי עס האבן באפוילן די מאכטהאבערס. דאס ווערבירן די ארבעטער איז לכתחילה געמאכט געווארן אן א שום ארגאניזירטקייט און אן א שום קריטעריום. די זשאנדארן און מי־

ליציאָנערן פּלעגן פּשוט כאַפּן די מענטשן פון דער גאַס, אָדער פון די הייזער און זיי אַוועקשיקן אויף אַרבעט. שפּעטער האָבן זיך אומעטום אָר־גאַניזירט ייִדישע ביוראָען צום קאָאָרדינירן די אַרבעט. די דאָזיקע ביוראָען האָבן אַרײַנגעבראַכט אַביסל אָרדענונג, באַזונדערס בײַם סעלעקציאָנירן די אומפּעיִקע פאַר אַרבעט, די צוגעפּאַסטע צו געוויינלעכער אַר־בעט, אָדער צו קוואַליפיצירטער. זיי האָבן אויך אַרײַנגעבראַכט אַ שטיקל סדר אין ראָטאַציע־סיסטעם.

די דערגרייכונגען פון דער ייִדישער אַרבעט זענען פון אָנהייב אָן גע־ווען אָנזעעוודיקע. דאָס ווידעראויפשטעלן די בנינים אין דער שטאָט מאָ־היליעוו; דאָס ווידער לאָזן אין גאַנג אַלע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען; דאָס ווידעראויפבויען די בריק איבערן דניעסטער; דאָס לאָזן אין גאַנג די עלעקטרישע סטאַנציע אין שאַרגאָראָד; די ווידעראויפריכטונג פון די אָרטיקע פאַבריקן און פון ער קאָמונאַלער באָד; דאָס אויספלאַסטערן דעם שאָסיי צווישן מוראפא און יאראשינקא; דאָס אײַנאָרדענען קאָמונאַלע און געגנטלעכע שניידערײַ, שוסטערײַ און שלאָסערײַ־וואַרשטאַטן, ווי אויך אַנדערע אַרבעטן — דאָס אַלץ איז געווען דאָס אויסשליסלעכע ווערק פון ייִדן — פאַרטריבענע, אויסגעהונגערטע, אָפּגעריסענע און אָפּגעשלי־סענע אויב נישט נאַקעט און באָרוועסע, גייסטיק־דערשלאָגענע, אָפּגע־שוואַכטע פון שלאָפלקייטן, שטענדיק אין דערוואַרטונג פון נײַע וואַגלענישן און אונטער פּערמאַנענטער טויט־געפאַר.

פאַר אָט דער גאַנצער אַרבעט איז נישט באַצאָלט געוואָרן און גאָר זעלטן פלעג עס געשען, אַז די וועלכע האָבן אויסגענוצט די דאָזיקע אַרבעט זאָלן געבן די אַרבעטער אַ מינימאַלע, מיזערנע דערנערונג.

פון 15טן דעצעמבער אָן האָבן מאָהילעווער ייִדן אַליין געלייסטעט 102.086 ניט־קוואַליפיצירטע און 28.325 קוואַליפיצירטע אַרבעטס־טעג, פאַר וועלכע עס איז זיי געקומען צו באַצאָלן לויט דער אָרדאַנאַנץ נומ. 23 און לויט באַפעלן פון אויבן — 160.903 ר. ק. ק. ש.; דאָך איז אין דער גאַנצער צײַט נישט באַצאָלט געוואָרן מער ווי 41.483 ר. ק. ק. ש. אין אַנדערע ערטער איז די לאַגע געווען נאָך ערגער און אין די דערפער איז בכלל אַבסאָלוט גאָרנישט געצאָלט געוואָרן.

### 18טער אויגוסט 1942

לויט א באפעל פון מארשאל אנטאנעסקו פאראָרדנט די מאָהילעווער פרעפעקטורע אומצוּוואָרפן 100 הייזער־בלאָקן אויפן ברעג דניעסטער. דאָס אומוואַרפן די הייזער און דאָס אָפּרייניקן דאָס פּלאַץ פון גראָז — ווערט דורכגעפירט נאָר מיט יידישע אַרבעטער.

נאָך 8 טעג אַרבעטן טאָג און נאַכט ווי אמתע שקלאַפן, ווערט די אַרבעט פאַרענדיקט.

### 19טער אויגוסט 1942

לויט דער פאָדערונג פון דער „טאָדט"־אָרגאַניזאַציע און מיט דער הסכמה פון פרעפעקט פון טולטשינער קרייז, קאָלאָנעל לאגין, ווערן איבערגעגעבן די דײַטשן און אַריבערגעשטעלט איבערן בוג 3000 יידן פון די וואָס זענען דעפּאָרטירט געוואָרן אין חודש יוני פון טשערנאָוויץ. עס זענען נאָך געבליבן: 400 יידן אין דער שטיינהאַקעריַי, 140 אין לאַדיזשין, 80 אין אַלעאַניצע און אַן ערך 1000 אין טשעטווערטינאָווקע. פון די דאָזיקע 3.000 יידן האָט זיך שוין כמעט קיינער נישט צוריקגעקערט. די אַלטע לײַט, א טייל פרויען, א גרויסע טייל פון די קינדער און די וועלכע האָבן שוין סתם נישט געהאַט קיין כוח — זענען אויסגעשאָסן געוואָרן באַלד אין די ערשטע טעג. די איבעריקע זענען אויסגעהרגעט געוואָרן ביסלעכווײַז, אויף וויפל זיי האָבן שוין מער נישט געקאָנט אויסגעניצט ווערן צו דער אַרבעט.

### 20טער אויגוסט 1942

אַזוי ווי אין מאָהילעווער בית־יתומים ווערט שוין אומדערטרעגלעך־ענג, ווערט געשאַפן אין לאָקאַל פון געוועזענעם שפּיטאָל־לאַגער דאָס בית־יתומים נומער 2, וווּ עס ווערן נאָך אינטערנירט 200 קינדער.

### 22טער אויגוסט 1942

לויט דער איניציאַטיוו פון סובלאָקאָטנענט יענאַקיצע און פאַר א גרויסער סומע געלט, ווערט דערלויבט עטלעכע יידן פון דער שטיינהאַקע־

ריַי אוועקצוגיין קיין לאדיזשין. נאָכן דורכמאַכן א וועג פון 27 קילאָמע־טער אונטער די קלעפּ פון די סאָלדאטן און אונטער יענאקיצעס האַ־ראפּניק, ווערט באַפוילן זיי צוריקצוקערן, נאָך דעם וואָס די פורלעך מיט באַגאזש זענען איבערגעקערט געוואָרן אין מיטן וועג, כדי עס זאָלן אים צערויבן די פורמאַנעס און די פויערים פון דער סביבה.

## 26טער אויגוסט 1942

עס ווערט פאַראָרדנט צו צעשפּרייטן די ייִדן פון דער שטיינהאַקע־ריי. א טייל, א העלפט בערך, ווערט אוועקגעשיקט קיין טשעטווערטי־נאווקע; די איבעריקע — קיין לאדיזשין, ווו עס ווערט זיי נישט דער־לויבט אַריינצוקומען אין דאָרף אַריַין, און זיי ווערן אײַנגעקוואַרטירט אין די שטאַלן פון קאָלכאָז. אין דער שטיינהאַקעריי זענען נאָך פאַרבליבן א 60 משוגעים, וועלכע זענען אין דעם זעלבן טאָג אויסגעשאָסן געוואָרן.

## 28טער אויגוסט 1942

די ייִדן וועלכע זענען מיט צוויי טעג צוריק געשיקט געוואָרן קיין לאדיזשין, ווערן צוריקגעבראַכט אין דער שטיינהאַקעריי.

## 2טער סעפּטעמבער 1942

די מאָהילעווער זשאַנדאַרמעןָ־לעדזשיונע פאָדערט ביַי דער פּרעפעק־טורע, אז זי זאָל פאַראָרדענען דער מאָהילעווער פּרימאַריע אַרויסצוגעבן דעם ייִדישן קאָמיטעט דעם נייטיקן מאַטעריאַל אויף אַרומצוצוימען דעם געטאָ. צוליב דעם דאָזיקן צוועק האָט די פּרעפעקטורע פאַראָרדנט סיַי דעם ייִדישן קאָמיטעט, סיַי דעם מאָהילעווער זשאַנדאַרמען־סעקטאָר, באַלד אָנצוהייבן די אַרבעט.

## 7טער סעפּטעמבער 1942

לויט א באַפעל פון טראַנסניסטריער גאָווערנאַמענט ווערן דעפּאָנירט אין דער מאָהילעווער פּרעפעקטורע אַלע אַלטע באַנקנאָטן פון צו 500 לעי, כדי זיי זאָלן דאָ אויסגעביטן ווערן. אויף אַזאַ אופן ווערט צונויפגענומען

פון די דעפּאָרטירטע אַריבער אַ מיליאָן לעי, פאַר וועלכע זיי האָבן גאָר־ניט נישט צוריקבאַקומען.

**12טער סעפּטעמבער 1942**

עס ווערט פאַראָרדנט אויפצולייזן דעם סקאַזינעצער לאַגער. די ספּע־ציאַליסטן ווערן צוריקגעבראַכט קיין מאַהילעוו. די איבעריקע ייִדן ווערן איבערגעשיקט אין די לאַגערן פון וואַראַשילאָווקאַ, קראַסנאַיע און טיוּר־ריף. אין לאַגער פאַרבלייבן נאָר די געשוואָלענע פון הונגער, וועלכע מען קען נישט פירן; במשך עטלעכע טעג שטאַרבן זיי אַלע אויס.

**12טער סעפּטעמבער 1942**

קיין טאַריספּאָל קומט אָן אַ צוג מיט דעפּאָרטירטע ייִדן פון לאַנד. דאָס זענען 407 געוועזענע אינטערנירטע אין לאַגער פון טערגול זשיו פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט, 85 דירעקט־פאַראורטיילטע פאַר קאָמוניס־טישער טעטיקייט, 554, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן מחמת מ׳האָט זיי חושד געווען, אַז זיי זענען קאָמוניסטישע סימפּאַטיזירער און 587 — וועלכע האָבן אין 1940, בעתן טעראָר פון דער אײַזערנער גוואַרדיע, אָנגעגעבן ביטעס וועגן רעפּאַטריאַציע קיין ראַטנפאַרבאַנד.

די פון ערשטע דרײַ קאַטעגאָריעס זענען באַשטימט געוואָרן אוועק־געשיקט צו ווערן אין לאַגער אַרײַן פון וואַפּניאַרקע. די פון דער לעצטער קאַטעגאָריע ווערן פאַרשיקט קיין מאָסטאַוואַי־בערעזאָווקע, ווו עס געפינט זיך אַ וויכטיקער שטאָב פון דער געשטאַפּאָ.

**13טער סעפּטעמבער 1942**

די ייִדן, וואָס זענען מיט דרײַ וואָכן צוריק איבערגעשיקט געוואָרן פון דער שטיינהאַקעריי קיין טשעטווערטינאָווקע, ווערן צוריקגעשיקט אין דער האַקעריי.

**15טער סעפּטעמבער 1942**

בכדי נאָכצוקומען די אָן אַ שיעור פאַרשידנערליי באַדערפעניש פון אַ 15.000־נפשותדיקער באַפעלקערונג וואָס באַשטייט פון דעזאָריענטיר־

טע, דעמאָראַליזירטע, פאַראָרעמטע און גערודפטע מענטשן, וואָס האָבן פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט, האָבן די מאָהילעווער ראשי־הקהל געשענקט אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט דער אדמיניסטראַטיווער אָרגאַניזירט־קייט. ביים יידישן קאָמיטעט פונקציאָנירן די וויטער־אויסגערעכנטע אַד־מיניסטראַטיווע אינסטיטוציעס: 1) אַ ביוראָ פאַר ארבעט־קאָאָרדינירונג, 2) אַן אידענטיפיקאַציע־ביוראָ, 3) אַן אַמט פון ציווילן רעגיסטער, 4) אַ פּאָסט־אַמט און 5) אַ באַשטייערונגס־אַמט.

## 15טער סעפּטעמבער 1942

פון לאַדיזשין, אויפן ברעג פון בוג, ווערן אַוועקגעשיקט 550 יידן (300 דעפּאָרטירטע און 250 אָרטיקע) אויף יענער זייט טייך, קיין קראַס־נאָפּאָלסק, אין לאַגער אריין.

## 16טער סעפּטעמבער 1942

דער צוג, וואָס איז אַרויסגעפאָרן פון טיראַספּאָל מיט די יידישע „קאָ־מוניסטן", קומט אָן, נאָך אַ פּאָר טעג פון אַ יסורימדיקן וועג, קיין וואַפּ־ניאַרקע. די דעפּאָרטירטע ווערן איינגעקוואַרטירט אין דעם לאַגער, וואָס איז ספּעציעל געשאַפן געוואָרן אין אַ ריי בנינים, געוועזענע קאַזאַרמעס, וואָס זענען חרוב געוואָרן בעת דער מלחמה, אָן טירן, אָן פענצטער און אָן פּאָדלאָגעס. אַ זייער שטרענגע וואַך איזאָלירט די אינטערנירטע פון דער דרויסנדיקער וועלט.

ביים אָנקומען אין לאַגער אריין האָט דער קאָמאַנדאַנט, קאָלאָנעל מורדזשעסקו, זיי אויפגענומען מיט דער דראָונג, אַז פון דאָרט וועלן זיי שוין אַרויס „אויף אַלע פיר, אָדער אָנגעשפּאַרטע אויף שטעקענעס".

## 22טער סעפּטעמבער 1942

קיין מאָסטאָוואַי איז אָנגעקומען דער קאָנוואָי מיט יידן, וועלכע האָבן אין 1940 אָנגעגעבן ביטעס וועגן רעפּאַטריאַציע פון רומעניע קיין ראַטנ־פאַרבאַנד. די יידן ווערן איינגעקוואַרטירט אין אַ פאַרלאָזטן שלאָס, וווּ איבער נאַכט ווערן זיי באַרויבט דורך די וועכטער. באַזונדערס נעמט מען ביי זיי צו די קליידונג.

אויפן צווייטן טאָג קומט צו גיין אין שלאָס אַרײַן אַ דײַטשישער ס. ס.-אָפיציר מיט עטלעכע סאָלדאַטן און אַ גאַנצע קאָלאָנע משא־אויטאָס. די 587 ייִדן, וואָס זענען נאָך וואָס אָנגעבראַכט געוואָרן פון רומעניע, ווערן איצט אויפגעלאָדן אויף די משא־אויטאָס און אַוועקגעפירט אין ס.ס.־צענטער פון ראַשטאַדט, 8 קילאָמעטער ווײַט פון מאַסטאַוואַי. דאָרט באַגעגענען זיי זיך מיט אַ צווייטן קאָנוואָי פון אָרטיקע ייִדן וועלכע זענען אָנגעבראַכט געוואָרן פון סוכאַי באַלקאַ כדי צו דערגענצן די צאָל ביז דער קײַלעכדיקער ציפער 1.000. א ל ע ז ע נ ע ן א ו י ס ג ע ש א ס ן ג ע ו ו א ָ ר ן א י ן ד ע ר נ א ַ כ ט פ ו ן י ו ם ־ כ י פ ו ר.

על פּי נס זענען ניצל געוואָרן 16 דעפּאָרטירטע.

## 24טער סעפּטעמבער 1942

אין סירבקאַ, אַ דאָרף לעבן אָדעס, האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ צוג מיט 196 דעפּאָרטירטע ייִדן, וואָס זענען אָנגעבראַכט געוואָרן פון לאַנד. ס'איז דער ערשטער קאָנוואָי פון באַשטראָפטע דורכן העכסטן אַרמיי־שטאַב, פאַרן עובר זײַן אויף די פאַראָרדענונגען וועגן אָבליגאַטאָרישער אַרבעט־דינסט, פאַרשפּעטיקן אָדער פאַרפעלן אַ טאָג צו דער אַרבעט.

זיי ווערן פאַרשפּאַרט אויף דרײַ טעג אין שטאַלן, ביז אַ וואַך־פּלוטאָניער ברענגט פון אָדעס דעם באַפעל זיי אַרויסצושיקן אויף אַרבעט אין דער פאַרם פון ווייגאַדאַ.

## 29טער סעפּטעמבער 1942

דער טראַנסניסטריער זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאָר גיט איבער דעם באַפעל, וואָס איז שוין באַשטעטיקט געוואָרן מצד דעם גובערנאַטאָר, אַז 3000 מאָהילעווער ייִדן זאָלן עוואַקואירט ווערן קיין פּעטשיאַראַ, טולטשינער קרײַז.

## 29טער סעפּטעמבער 1942

פון בערשאַד ווערן געשיקט מענטשן אויף אַרבעט אין דער באַלטער שטאָף־פאַבריק. עס ווערן אויך געשיקט די פרויען.

עס ווערט נישט דערלויבט קיין ייִדן אַרײַנצוקומען אויפֿן מאַרק כּדי זיך אײַנצוקויפֿן שפּײַז־אַרטיקלען. עס ווערט פּראָיעקטירט אוועקצושיקן די אַרטיקע (אוקראַינער) ייִדן אין אַן אַנדערן לאַגער אַרײַן.

### 30טער סעפּטעמבער 1942

אין אַבאַדאַוווקע און אין בערשאַד ווערן אינטענסיפֿיצירט די רדיפֿות. צענדליקער ייִדן ווערן געשיקט צו קריגס־געריכטן פֿאַרן חטא פֿון האָבן אַרויסגעגאַנגען פֿון געטאָ. זיי ווערן פֿאַרמשפּט אויף איבער אַ יאָר תּפֿיסה.

### 2טער אָקטאָבער 1942

פֿון מאַהילעוו און פֿון מאַהילעווער קרײַז ווערן רעקרוטירט 700 ייִדן (100 פֿון שאַרגאַראַד), וועלכע מען שיקט אַוועק אין קריזשאָפּאָלער וואַלד צום האַקן האָלץ. אײַנגעקוואַרטירטע אין אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען, נישט־דערנערטע און זייער לייכט אָנגעטועטע — ווערן אַ סך פֿון זיי פֿאַר־שלאָפֿט און אַנדערע — גייען אויס פֿאַרפֿרוירענע.

### 3טער אָקטאָבער 1942

דער פּרעטאָר פֿון שאַרגאַראַדער ראַיאָן, דינדעלעגאַן, פֿאַראָרדנט אַז 1.500 מענער ביז אין דער עלטער פֿון 60 יאָר און פֿרויען ביז 50 יאָר, זאָלן אַרויסגיין אויף אַרבעט צום אָראָפּנעמען דעם טאַבאַק־שניט. ס׳איז נישט מעגלעך געווען צונויפֿצונעמען מער ווי 1100 מענטשן. אַ דערצאָרנ־טער האָט דער פּרעטאָר אַ גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין שלאָגן ווי אַ משוגענער וועמען ער האָט נאָר באַגעגנט.

### 5טער אָקטאָבער 1942

מאַיאָר אַאַרעשאַנו, דער קאָמאַנדאַנט פֿון מאַהילעווער זשאַנדאַרמען־לעגיאָן, קומט קיין שאַרגאַראַד בכדי פֿערזענלעך צוזיסן צו טון די אָנ־פֿירערס פֿון געטאָ, אַז ער האָט פֿאַראָרדנט צו עוואַקוּאירן קיין פּעטשיאָ־ראַ 3000 ייִדן פֿון דער געגנט: צו טויזנט ייִדן פֿון יעדן איינעם פֿון די

געטאָס אין שארגאראד, דזשורין און מוראפא. נאָך לענגערע אונטער־האנדלונגען איז דער מאיאָר איינגעגאנגען בטל צו מאכן די גזירה, נאָך דעם וואָס ער האָט באקומען דעם אָפּגערעדטן שכר: א בריליאנט פון אַנ־דערטהאלבן קאראט.

## 12טער אָקטאָבער 1942

אין מאָהילעוו הייבט מען אָן צו עוואקואירן 3000 יידן קיין פּע־טשיארא, אין לאגער אריין. גענעראל איליעסקו, דער טראנסניסטריער זשאנדארמען-אינספּעקטאָר, רעקאָמענדירט אז עס זאָלן געשיקט ווערן די סאמע אָרעמסטע, מחמת — לויט זיין מיינונג — זענען זיי דאָך אויף יעדן פאל פארמשפּט צו אונטערגאנג און דעם לאגער אין פּעטשיארא איז ספּע־ציעל געשאפן געוואָרן צוליב דעם דאָזיקן צוועק.

דער יידישער קאָמיטעט אינטערווענירט ביי דער זשאנדארמען־לע־דזשיונע, אז די דעפּאָרטירונג זאָל דורכגעפירט ווערן פּארטיעסווייז, צו 500 נפשות א פּארטיע.

אזויווי דער לאגער האָט געהאַט א שם אין גאנץ טראנסניסטריע אַלס דער „לאגער פון טויט", לויט ווי עס איז אפילו געווען אויפגעשריבן אויף א שילדל ביים אריינגאנגס-טויער, האָט די געטאָ-באפעלקערונג געזוכט אַלערליי מיטלען זיך אַרויסצודרייען פון דער דאָזיקער עוואקואציע. און סיי נאָר די, וועלכע זענען געליגן אויסבאהאלטן אין קעלערס און היילן, סיי נאָר די, וועלכע זענען אַנטלאָפן אין סאמע רעגנצייט אויף די פעל־דער און זיך באהאלטן אין די פּאפּשויעס און אין קאנאוועס — נאָך זיי אַלע האָבן זיך געיאָגט זשאנדארן מיט ספּעציעלע פּאָליציי־הינט.

די עוואקואירטע זענען אויפגעלאָדן געוואָרן צו 80 פּערזאָן אין א וואגאָן מיט די טירן און פענצטער פארהאַקט בעת דעם גאנצן וועג. די מיט וויניקער ווידערשטאנדס-קראפט זענען אויסגעשטאָרבן אויפן וועג — דערשטיקטע.

אויסגעלאָדן האָט מען זיי אויף דער סטאנציע איזראַילאָווקא — 14 קילאָמעטער פון פּעטשיארא.

פון דאנען האָט מען זיי געפירט צו פוס ביזן לאגער אריין און א

גאנצן וועג האבן זיי די זשאנדארן געשלאָגן און איבער זיי זיך איזדיעקעוועט.

## 14טער אָקטאָבער 1942

אין גייסין, א לאגער פון יענער זייט בוג, וווּהין עס זענען אָנגעבראַכט געוואָרן ייִדן פון גאַנץ טראַנסניסטריע, ווערט דורכגעפירט די ערשטע „ליקווידאַציע". א גרופּע ס.ס.־סאָלדאַטן האָבן דערצו אויסגעקליבן 230 עלטערע ייִדן, פרויען און קינדער, וועלכע מען האָט אויסגעשאָסן. די מאַמעס וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט און נישט געוואָלט אָוועקגעבן זייערע קינדער צו די תּלינים, זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט, אַפילו אויב זיי האָבן נישט געהערט צו דער פּאַרטיע, וואָס האָט געזאָלט אויסגעשאָסן ווערן.

## 16טער אָקטאָבער 1942

דער אָבערפעלדפעבל האַנס רוקער, שעף פון א לאגער פון יענער זייט בוג, איז געקומען צו גיין צום קאָמאַנדאַנט פון פּעטשיאַר לאַגער און ביי אים געפאָדערט אַלע יונגע מיידלעך צווישן 14 און 20 יאָר, כּדי זיי זאָלן געשיקט ווערן אַלס קראַנקנשוועסטער אין די דייטשישע שפּיטעלער פון וויניצער געגנט. עס זענען אַזויאַרום אויסגעקליבן געוואָרן 150 מיידלעך, וועלכע מען האָט איבערגעגעבן צו די בעסטיעס.

מען האָט די מיידלעך אויפגעלאָדן אויף משא־אויטאָס און אוועקגעפירט אין א וואַלד אַריין צווישן באַר און וויניצע. דאָרט האָט מען זיי אויסגעטון און קודם צעשלאָגן און אָנגעפּייניקט און דערנאָך האָבן זיי געמוזט באַפרידיקן די מערדערס סאַדיסטישע אינסטינקטן. נאָך דעם זענען זיי אויסגעשטעלט געוואָרן אין א ריי און מען האָט זיי אַלע אויסגעשאָסן. איין און איינציק מיידל — פרידא קאַפלער — איז ניצול געוואָרן א דאַנק א דייטשישן זעלנער, וועלכער איז אַליין אויך אַמאָל געווען אינטערנירט אין לאַגער פון דאַכאַו.

### 20טער אָקטאָבער 1942

אין באַר, אין דער צפון־געגנט פון טראַנסניסטריע, האָט די דײַטשישע מיליטערישע מאַכט באַפוילן צונויפצונעמען אַלע ייִדן פון ראַיאָן, סײַ די דעפּאָרטירטע, סײַ די אָרטיקע. זייער צאָל דערגרייכט צו 12.000 נפשות. עס ווערט בײַ זיי צוגענומען דער גאַנצער באַגאַזש, ווײַל היות עס איז געווען אַ רעדע, אַז זיי וועלן געשיקט ווערן אויף אַרבעט, האָבן די מענטשן מיט זיך מיטגעבראַכט אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָך פאַרמאָגט. דערנאָך זענען זיי אַרויסגעפירט געוואָרן אַרויס דער שטאָט אויף אַ פרײַ פעלד, וווּ עס זענען באַצײַטנס צוגעגרייט געוואָרן ריזיקע גריבער. מיט צוויי מאַשינגעווערן איז די גאַנצע מאַסע אויסגעקאָסעט געוואָרן. אייניקע קינדער זענען אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן לעבעדיקערהייט אין קבר אַרײַן און די זויג־קינדער האָט מען אָנגעכאַפּט בײַ די פיסלעך און צעריסן אויף צווייען. נאָר אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון דער רומענישער מאַכט אין באַלקי איז אויסגעפּועלט געוואָרן די רעטונג פון עטלעכע דאָקטוירים און ספּעציאַליסטן. עטלעכע פאַרוווּנדעטע האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן און זענען, אַזוי אַרום, ניצול געוואָרן.

### 26טער אָקטאָבער 1942

עס גייט אָן דאָס אוועקשיקן ייִדן פון מאָהילעוו קיין פּעטשיאַראַ. דער קאָמאַנדאַנט פון דער זשאַנדאַרמען־לעדזשיונע ראַפּאָרטירט, אַז עס איז נאָך אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ קאָנוואָי פון 200 נפשות.

### 30טער אָקטאָבער 1942

די עפּידעמיע פון פלעק־טיפוס באַווײַזט זיך ווידעראַמאָל. די מענטשן זענען שוין אָבער איצט צוגעגרייט צו באַקעמפן די מגפה, וועלכע באַווײַזט זיך שוין מער נישט אויסצושפּרייטן.

### 1טער נאָוועמבער 1942

אין מאָסטאַוואַיער זשאַנדאַרמען־פּאָסט זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן 90 ייִדן, אַנטלאָפענע פון פוילן. מען ווערט וועגן דעם געוויר אין

נאָענטסטן דײַטשישן ס.ס.-צענטער, ראשטאַדט, פון וואַנען עס ווערט אַרויסגעשיקט אַ גרופּע סאָלדאַטן, וועמען די ייִדן ווערן איבערגעגעבן. נאָך דעם וואָס זייער באַגאַזש איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן די רומענישע און דײַטשישע סאָלדאַטן — זענען די 90 ייִדן אַוועקגעפירט געוואָרן קיין ראשטאַדט און דאָרט זענען זיי אויסגעהרגעט געוואָרן.

## 6טער נאָוועמבער 1942

פון יענער זײַט בוג האָט דאָס דײַטשישע מיליטער אונטערגענומען אַ ברײַטע אויסראָטונגס־אַקציע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, צווישן וועלכער עס געפינען זיך אַ סך דעפּאָרטירטע ייִדן פון טראַנסניסטריע, וועלכע זענען אַנגעבראַכט געוואָרן פון די געטאָס וואָס אויף דער רעכטער זײַט פון דניעסטער.

אין גאַריסין קומט פאָר אַ צווייטע ליקווידאַציע, בעת וועלכער עס ווערן אויסגעהרגעט 1000 ייִדן.

אין בראַילאָוו, לעבן זשמערינקע, איז די שחיטה געווען אַן אַלגעמיינע. עס זענען בלויז ניצול געוואָרן 250 מענטשן וועלכע האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן און זיך אויסצובאַהאַלטן אין זשמערינקע.

אין באַר איז די טאָטאַלע אויסראָטונג פאָרגעקומען דעם 20טן אָקטאָבער. נאָר אַ פּערציק דאָקטוירים און ספּעציאַליסטן זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן דורך דער רומענישער מאַכט פון באַלקי. זיי זענען אָבער געפאָדערט געוואָרן דורך די דײַטשישע מאַכטהאָבערס. מ'האָט זיי, פאָלגלעך, איבערגעפירט צו די דײַטשן און דאָרט זיי דערשאָסן.

## 8טער נאָוועמבער 1942

במשך די לעצטע פיר וואָכן האָט מען איבערגעשיקט פון מאָהילעוו קיין פּעטשיאַרא 5 קאָנוואָיען, וועלכע האָבן אַנטהאַלטן אַן ערך 1.500 אַבסאָלוט אומבאַמיטלטע פּערזאָנען, אַזוי ווי עס איז נישט דערפילט געוואָרן די געפאָדערטע צאָל, האָט דער מאַיאָר אַרעשאַנו, דער קאָמאַנדאַנט פון דער זשאַנדאַרמען-לעדזשיאָנע, פּערזענלעך דורכגעפירט די עוואַקואַציע אין אַ גרופּע הייזער, ווו עס האָבן געוווינט די אָרעמסטע מענטשן און ע־

האט באפוילן מען זאל אויך ארויסטראגן אויף טראג־בעטלעך די קראנקע פון שפיטאל.

אין לאגער־בנין זענען צונויפגענומען געווארן 250 אפגעריסענע, און אפגעשליסענע, כמעט נאקעטע מענטשן. אויפן צווייטן טאג האבן זיי געזאלט אויפגעקלאדן ווערן אויף א צוג וואס גייט קיין פעטשיארא, אבער איבער נאכט איז אויסגעפאלן א טיפער שניי. די מערסטע וואלטן נישט געווען אויסגעהאלטן דעם וועג. מיט גרויסע שוועריקייטן און קרבנות האט דער יידישער קאמיטעט אויסגעפועלט, אז זיי זאלן נישט אוועקגעשיקט ווערן און אז זיי זאלן באפרייט ווערן פון לאגער.

די נויט אין פעטשיארער לאגער איז א שוידערלעכע.

## 10טער נאוועמבער 1942

די דעפארטירטע פון ווינגאדא, פון דער גרופע וואס איז אהין פארשיקט געווארן לויט א באפעל פון העכסטן גענעראל־שטאב, האבן פארענדיקט די ארבעט אין דער פארם. במשך 6 וואכן האבן זיי געפירט א געמוטשעט לעבן, געוווינט אין שטאלן און געארבעט פון כאור הבוקר ביז שפעט אין אוונט, מיט די זשאנדארן איבערן קאפ און דערצו נאך באקומען ווייניק און שלעכט עסן און אויסגעשטאנען די קלעפ און דעם חוזק פון אדמיניסטראטאר גאגלעאצע. דארט זענען געשטארבן פון הונגער און פון דערשעפטקייט היינריך גרינבערג, מאיר היידענבערג, ארנאלד קאהן און איסאק גרינבערג.

איצט נייטיקט מען זיך שווין אין יידישער ארבעט אין אלעקסאנדראווקע. ס׳איז נייטיק צו צעגראבן דעם גובערנאטאר אלעקסיאנוס ווייַנגארטן. עס לאזט זיך ארויס אין וועג אריין א קאנוואי — טייל וויַז אין פורלעך, אבער די מערסטע צו פוס — דריַי אזייגער נ. מ. און נאכן געיאגט ווערן א גאנצן טאג, קומען זיי אן צוויי אזייגער ביינאכט קיין אלעקסאנדראווקע.

## 13טער נאָוועמבער 1942

נאָכן ליקווידירן דעם טקאזינעצער לאַגער און נאָך דער עוואַקואַציע קיין פּעטשיארא, איז באַדייטנדיק געשטיגן די צאָל יתומים און סתם היימלאָז־ארומבלאָנדזשענדיקע קינדער. א סך עלטערן האָבן בכיוון איבערגעלאָזט זייערע קינדער, בכדי זיי נישט צו פירן צו א זיכערן טויט קיין פּעטשיארא.

דער יידישער קאָמיטעט זעט איין, אז עס איז נויטיק צו שאפן א דריטן בית־יתומים, וועלכער ווערט געגרינדעט אין בנין פון דער געוועזענער שול נומ. 2, פון וועלכער עס זענען עוואַקואירט געוואָרן אלע איינוווינער.

אין אנדערע מקומות איז מעגלעך געווען איינצוואָרדענען בעסערע לעבנס־באַדינגונגען פאר די קינדער פון די יתומים־הייזער. אין שארגאַראד, למשל, ווו עס געפינען זיך 262 קיילעכדיקע יתומים איז אין יוני געשאפן געוואָרן א בית־יתומים, וואָס האָט געקאָנט אריינגעמען 152 קינדער צווישן 1 און 15 יאָר. זיי פלעגן אריינקומען אין בית־יתומים אין א שרעקלעכן פיזישן צושטאנד: אנעמישע, שוואכע, אונטערדערנערטע, שמוציקע, מיט הויט־שלאפקייטן, נאקעט־און־באָרוועסע. נאָך 8 טעג אָפּזיין אין בית־יתומים פלעגן זיי אָנהייבן קומען צו די כוחות און אין 6 חדשים ארום פלעגן זיי שוין גרייכן צו א געזונט־צושטאנד פון נאָרמאלע קינדער. ביים דערעפענען דאָס בית־יתומים האָבן די 152 קינדער געוווֹיגן אלע איינינעם 4578 קילאָ, אין סעפּטעמבער, ד. ה. אין דריי חדשים ארום, האָבן זיי שוין אלע איניינעם געוווֹיגן 4855 קילאָ. און אין נאָוועמבער — 5429 קילאָ, ד. ה. אז נעמענדיק אין אכט זייער עלטער, האָבן זיי שוין אלע געוווֹיגן נאָרמאל.

## 18טער נאָוועמבער 1942

נאָך דעם וואָס עס איז אָנגעקומען א ראפּאָרט פון טראַנסניסטריער גאָווערנאַמענט וועגן דער לאַגע פון די 1179 אינטערנירטע אין לאַגער פון וואפניארקע, וועלכע גייען אָנגעטון אין זומערדיקע מלבושים, דערלויבט

יאַן אַנטאָנעסקו אַז די „ייִדן־צענטראַלע" זאָל זיי אַרויסשיקן קליידער פון רומעניע.

## 20טער נאָוועמבער 1942

אין פּעטשיאַרא ווערן אַרויסגענומען 500 ייִדן און אַריבערגעפירט אויף יענער זײַט בוג ווו זיי ווערן איבערגעגעבן די דײַטשן, וועלכע האָבן פריער געוואָלט אַרויסנעמען פון לאַגער טאַקע אַלע ייִדן.

## 22טער נאָוועמבער 1942

אין שאַרגאַראָד ווערט פעסטגעשטעלט אַז עס פעלן עטלעכע פורלעך מיט בוראַקעס. דער געגנט־פּרעטאָר באַשולדיקט די ייִדן פון דער שטאָט, אַז זיי זאָלן האָבן באַגאַנגען די גניבה. אין דער באַגלייטונג פון זשאַנדאַרן רײַסט ער זיך אַרײַן אין די ביוראָען פון דער קאָלאָניע, דראָעט צו עוואַקויִרן אַלע ייִדן און באַזונדערס — דעם פּאָרזיצער, ד"ר מ. טײַך, מיט זײַן פרוי און גאַנצע משפּחה. דערנאָך לאָזט ער זיך אַוועק דורכצופירן אַ רעוויזיע אין די ייִדישע הייזער. נאַטירלעך האָט ער מער נישט געפונען ווי עטלעכע קילאָ. אַלע ייִדן, וועלכע האָבן צו זייער אומגליק אין יענעם טאָג געהאַט בוראַקעס בײַ זיך אין שטוב, זענען געבראַכט געוואָרן אין די ביוראָען פון דער קאָלאָניע און דאָרט האָט מען זיי מערדערלעך געשלאָגן. די מערסטע האָט געשלאָגן דער פּרעטאָר דינדעלעגאַן פּערזענלעך.

צווישן די געשלאָגענע איז געווען אויך דאָס מיידעלע קערבים, וועלכע איז געקומען זען, וואָס עס איז געשען מיט איר פאָטער, ווען מ'האָט אַרויסגענומען פון בעט. דאָס מיידעלע האָט אויסגעהאַלטן די קלעפּ אָן אַ טרער און איין וואָרט זיך צו קלאָגן.

## 28טער נאָוועמבער 1942

דער טראַנסניסטריער גאָווערנאַמענט באַשטעטיקט, אַז די ייִדן־צענטראַלע זאָל אַרויסשיקן פון רומעניע קליידונג פאַר די אינטערנירטע אין פּעטשיאַרא.

אין די דרײַ מאָהילעווער יתומים־הייזער געפינען זיך 800 קינדער,

וועלכע לעבן אין שרעקלעכער נויט. זיי וווינען אין גרויסע אָבער שמוצי-קע, נישט־געהייצטע און נישט־געלופטערטע צימערן. אייניקע — טאַקע פאַרשטונקענע, מחמת די קינדער וואָס האָבן נישט קיין קליידער קענען נים ארויסגיין אין דרויסן און מוזן טון זייערע באַדערפענישן אין צימער, אין פעסלעך. אָט דאָ וועגעטירן די מערסטע טאָג און נאַכט אין די בעט־לעך, ווײַל אונטער די קאָלדרעס אָן ליילעכער ליגן זייערע נישט־דערנער־טע, קראַנקע און אויסגעשעפּטע גופימלעך אינגאַנצן נאַקעטע. אין איין בית־יתומים האָט די שטערבלעכקייט געגרייכט צו דער שרעקלעכער פּראָ־פּאָרץ פון 18%, אין 15 טעג.

**30טער נאָוועמבער 1942**

אין דער שטיינהאַקעריי פון לאַדיזשין קומען אָן 600 אַרטיקע ייִדן, וועלכע מ׳האָט ארויסגעטריבן פון יאַמפּאָל.

**5טער דעצעמבער 1942**

מיט דער הילף פון רומענישן אָפיציר יאַנעסקו האָבן די דײַטשן גע-כאַפּט די לעבנגעבליבענע פון דער שחיטה אין בראַילאָוו, וועלכע זענען געהאַט אַנטלאָפן קיין זשמערינקע און לויט אַ באַפעל פון ס.ס.־אָפיציר גראַף, זענען זיי אַלע אויסגעשאָסן געוואָרן.

**24טער דעצעמבער 1942**

בעת אַ ליקווידאַציע אין קראַסנאָפּאָלסק האָט מען געכאַפּט דרײַ ייִדישע קינדער, וועלכע האָבן זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן און מען האָט זיי דערשאָסן פּונקט אין דער נאַכט פון ניטל, אַזוי ווי עס האָט זיי עס געהאַט צוגעזאָגט מיט אַ צײַט צוריק אַ דײַטשישער אָפיציר. זייערע אַן אייגע-נער פעטער האָט זיי געמוזט אויסגראָבן דעם קבר.

**26טער דעצעמבער 1942**

די דעפּאָרטירטע פון אַלעקסאַנדראָווקע האָבן שוין געענדיקט דאָס פאַרגראָבן אַלעקסיאַנוס ווײַנגאָרטן. זיי האָבן זיך אויך דאָ אָנגעפלאָגט 6

וואָכן בײַ שווערער האַרעוואַניע און מיט ווייניק און שלעכט עסן, אָבער זיי האָבן שוין נישט געוווינט אין קיין שטאַלן, נאָר אין אַ פּאַרלאָזטער קאַזאַרמע, וועלכע זיי האָבן מיט די אייגענע הענט אַזוי אײַנגעריכטעט, אַז מען זאָל אין איר קענען וווינען, הגם זיי האָבן זיך דאָ אויפגעהאַלטן צו 30־40 מענטשן אין אַ צימער.

מיטן אויסרייד, אַז זיי וועלן שוין אַהיימפאָרן, האָט מען בײַ זיי צו־גענומען אַ סך געלט און דערנאָך האָט מען זיי אויפגעלאָדן אויף וואַגאָ־נעס. פון איצט אָן הייבט זיך אָן זייער גרויסע טראַגעדיע.

## 27טער דעצעמבער 1942

אין וואַפּניאַרקער לאַגער באַווײַזט זיך דער ערשטער פאַל פון „פּיז־ראַפּאַרעזאַ ספּאַסטיקאַ", דערפאַר ווײַל מ'האָדעוועט די מענטשן מיט פּי־ראָזש־לינדזן.

די אינטערנירטע אין וואַפּניאַרקע לײַדן זייער פון וואַסער־מאַנגל, ווײַל דער לאַגער־קאָמאַנדאַנט האָט באַפוילן צו שליסן די וואַסער־לייטונג, וועלכע ווערט בלויז געעפנט פון צײַט צו צײַט.

## 27טער דעצעמבער 1942

אין קריזשאָפּאָל זענען מחמת דער קעלט אויסגעשטאָרבן 14 מענטשן, וועלכע זענען געווען צו־לײַכט אָנגעטון. און נאָך דערצו אויסגעשעפּט פון אַרבעט. גלייכצײַטיק זענען אויסגעבראָכן עפּידעמיעס פון טיפוס, געלזוכט און דיפטעריע. איצט ווערט שוין די אַרבעט־אָפּטיילונג צוריקגעשיקט קיין מאָהילעוו, אָבער עס פאַרבלײַבן 15 מענטשן, וועלכע קענען נישט טראַנס־פּאָרטירט ווערן, מחמת זיי זענען געשוואָלן פון הונגער. אויפן וועג קיין מאָהילעוו זענען נאָך אויסגעשטאָרבן 18 מענטשן.

## 1טער יאַנואַר 1943

אַ דעלעגאַציע אין באַשטאַנד פון 4 מיטגלידער פון הילפס־קאָמיטעט בײַ דער „רומענישער ייִדן־צענטראַלע" אין שפּיץ מיטן ה' פרעד שאַראַגאַ און אָנגעפירט פון פּרעמיערס אַ דעלעגאַט, פאָרט אַרויס אין די טראַנס־

ניסטריער לאגערן פאר דעפארטירטע, כדי זיי צו ברענגען הילפס־מיטלען און צו ארגאניזירן די הילפס־ארבעט פאר זיי.

דאס איז דער ערשטער קאנטאקט, וואס די מאכט דערלויבט צווישן די יידן וואס זענען פארבליבן אין לאנד און צווישן די דעפארטירטע.

מיט א יאר צוריק איז דאס זעלבע באשטעטיקט געווארן מצד דעם אינערן־מיניסטעריום (ווענדונג נומ. 034190 פון 24טן יאנואר 1942) אבער מחמת אלעקסיאנו, דער טראנסניסטריער גובערנאטאר, איז געווען קעגן דעם, איז די דאזיקע דערלויבעניש אפגערופן געווארן.

## 4טער יאנואר 1943

אויף א באזוך אין לאגער פון וואפניארקע האט דער טראנסניסטריער גובערנאטאר, ג. אלעקסיאנו, גערעדט פאר עטלעכע יידישע אדוואקאטן, געוועזענע פאך־קאלעגן זיינע, און צו זיי געזאגט: „דאס לאנד וואס איר האט נישט ליב געהאט, וועט אייך איצט שיקן מעדיקאמענטן". אלעקסיאנוס לאנד איז געווען די אויטאנאמע הילפס־קאמיסיע, וועלכע האט געשיקט די מעדיקאמענטן.

## 9טער יאנואר 1944

אויף א באראטונג מיט פארשטייער פון די יידישע קאמיטעטן פון מאהילעווער קרייז האט א סעקרעטאר פון רעגירונגס־פרעזידיום, וועלכער האט באגלייט די קאמיסיע וואס איז געשיקט געווארן מצד דער יידן־צענטראלע, י. מומויאנו, דערקלערט צווישן אנדערן:

„אויף די טויערן פון בית־עלמינס שרייבט מען אויף, אז די וועלכע קומען דא אריין האבן שוין מער נישט קיין האפענונג ארויסצוקומען. דאס איז איצט אייער גורל. דער געדאנק אז אייער רעטונג קען קומען פון דער מזרח־זייט — דארף אינגאנצן פארשווינדן פון אייערע קעפ. באגראבט אלע אייערע האפענונגען, אז איר וועט נאך אמאל קרייצן דעם דניעסטער".

## 10טער יאנואר 1943

אויף דער פארזאמלונג פון יידישע דאקטוירים אין מאהילעוו, האט

דערקלערט אַ דאָקטער, אַ מאַיאָר, וואָס איז געשיקט געוואָרן מצד דעם טראַנסניסטריער גאָווערנאַמענט: „מיר האָבן אײַך אהער פאַרשיקט כדי איר זאָלט דאָ אויסשטאַרבן, אָבער פון דער אַנדערער זײַט פאָדערן מיר פון אײַך, אַז עס זאָלן נישט עקזיסטירן קיין עפּידעמיִשע שלאַפקייטן".

## 14טער יאַנואַר 1943

נאָך אַ וועג פון 19 טעג אין וואַגאָנען פאַר בהמות, אָן שפּײַז און אָן וואַסער, בײַ אַ 40־גראַדיקן פראָסט, זענען די דעפּאָרטירטע פון אַלעקסאַנדראָווקע אָנגעקומען קיין באָגדאַנאָווקע. דאָ זענען זיי אַרײַנגעשטופּט געוואָרן אין אַ חזירים־שטאַל, ווּהין מ'האָט זיי אפילו נישט געוואָלט אַרײַנגעבן קיין שטרוי פאַר געלעגערס. „דאָס שטרוי איז פאַר די חזירים און נישט פאַר קיין ייִדן" האָט געזאָגט דער אַדמיניסטראַטאָר פון דער פאַרם.

אויפן וועג פון אַלעקסאַנדראָווקע זענען אויסגעשטאָרבן 11 מענטשן פון הונגער און קעלט. די ערשטע 4 מתים זענען געבליבן ליגן צווישן די סטאַנציעס. די איבעריקע האָט מען געפירט מיט זיך און מקבר געווען אין באָגדאַנאָווקע.

## 15טער יאַנואַר 1943

אין קראַסנאָפּאָלסקער לאַגער, פון יענער זײַט בוג, גרייטן די דײַטשן צו אַ נײַע „ליקווידאַציע". זיי באַפעלן אויסצושיסן 100 ייִדן, אָבער צענדליקער יונגעלײַט פון די באַדראָטע געלינגט צו אַנטלויפן. די דײַטשן זענען זיך נוקם און אַנשטאָט 100, דערשיסן זיי 200 ייִדן.

## 15טער יאַנואַר, 1943

אין בערשאַד ווערט דורכגעפירט אַ „ראַציע", כדי צו כאַפּן ייִדן וועלכע זענען אַנטלאָפן פון דער שטיינהאַקעריי. אַלע אַרעסטירטע זענען איבערגעשיקט געוואָרן צו אַ קריגס־געריכט. אַנדערע 36 ייִדן, באַשולדיקטע אַז זיי האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון אַרבעט, ווערן אויך אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין באַלטע. בעתן אַרעסט איז נישט דערלויבט געוואָרן זייערע משפחה-מיטגלידער צוצוקומען צו זיי אויף צו ברענגען זיי עסן.

### 18טער יאַנואַר 1943

אין בראצלאו איז דער בערלינער ס.ס.־לייטנאנט, ראָבערט שטאָלצ־מאַן, אַריינגעקומען מיט א וועכטער־גרופּע אין לאַגער אַריין און באַפוילן, אַז אַלע אינטערנירטע זאָלן זיך אויסשטעלן מיט די פּנימער צו דער וואַנט. ער האָט דאָן אויסגעקליבן 15 מענטשן פון צווישן די נאַקעט־און־באָרוועסע, זיי אַרויסגעפירט אין פעלד אַריין און זיי דאָרט דערהרגעט.

### 18טער יאַנואַר 1943

אין די דערפער פון דער באַרער געגנט קומט אָן א באַפעל, אַז אַלע ייִדן, וואָס געפינען זיך אין די דאָזיקע קאָלאָניעס, זאָלן צונויפגענומען און אוועקגעשיקט ווערן אין א ספּעציעלן לאַגער קיין באַלקים. דאָ ווערן צונויפגענומען 1.200 מענטשן אין א שטאַל. דאָס באַזאָרגן זיך מיט עסנ־וואַרג איז פאַרבאָטן. ס'איז אויך פאַרבאָטן אַרויסצוגיין פון לאַגער. א 500 מענטשן זענען אויסגעשטאָרבן פאַר הונגער און פון שלאַפקייטן און עט־לעכע צענדליק זענען אויסגעשאָסן געוואָרן בשעת זיי האָבן געפּרוּווט אַרויסצוגיין פון דער שטאַל. ווען ס'איז זיך צעגאַנגען דער שניי האָט מען געפונען צענדליקער מתים.

### 24טער יאַנואַר 1943

פרעד שאראגע, דער אָנפירער פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט באַזוכט די געטאָס, עקספּאָנירט פאַר די בוקאַרעשטער ראשי הקהל, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דער כאָר־שול, וועגן דער טראַגישער לאַגע אין טראַנס־ניסטריע.

### 27טער יאַנואַר 1943

אין יאַמפּאָל ווערן דערשאָסן 72 דעפּאָרטירטע, דערפאַר, וואָס מען האָט זיי געטראָפן אויסערן געטאָ.

### 28טער יאַנואַר 1943

די פוראַזש־לינדזן מיט וועלכע מען שפּייזט נאָך אַלץ די אינטערניר־טע אין לאַגער פון וואַפּניאַרקע, מאַכן וויַיטער אָן צרות. די צאָל קראַנקע און פאַראַליזירטע גרייכט שוין צו 611.

## 29טער יאַנואַר 1943

דער באַפולמעכטיקטער מצד דער רעגירונג פאַרן רעגלאַמענטירן דעם מצב פון די ייִדן באַפעלט דער „ייִדן־צענטראַלע" צו אינטענסיפיצירן די זאַמלונגען, בכדי צוצושטעלן אַ גיכע און ערנסטע הילף די ייִדישע דע־פּאָרטירטע פון טראַנסניסטריע, היות בעת די אויספאָרשונגען, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן אויפן אָרט איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַז די ביז איצט געשיקטע הילף איז געווען אַבסאָלוט נישט־גענוג, נעמענדיק אין אַכט די פילזײַטיקע באַדערפענישן פון דער דעפּאָרטירטער ייִדישער באַ־פעלקערונג.

**באַמערקונג**: די רומענישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן נישט קאָ־רעספּאָנדירט דירעקט מיט דער הילפס־קאָמיסיע, אַזוי אַז אַלע באַפעלן און באַשטעטיקונגען פלעגן פאָרמעל אַדרעסירט ווערן צו דער „ייִדן־צענ־טראַלע", אָבער זיי פלעגן, פאַרשטייט זיך, זײַן באַשטימט פאַר דער קאָ־מיסיע. דאָס רוב מאָל פלעג דאָס שיקן אַזעלכע באַפעלן פּראָוואָצירט ווערן טאַקע פון די קאָמיסיע־אָנפירער, כדי אַזוי אַרום צו סטימולירן דעם גוטן ווילן, אָדער טאַקע צו צוימען די בייזוויליקייט פון איינציקע אָנפירער פון דער „ייִדן־צענטראַלע".

## 5טער פעברואַר 1943

אין באַגדאַנאַווקע זענען די באַשטראָפטע דורכן העכסטן גענעראַל־שטאַב אָפּגעזעסן דרײַ וואָכן אין אַ חזרים־שטאַל. עסנוואַרג האָבן זיי באַ־קומען נאָר אַזויפיל וויפל עס איז זיי געלונגען צו באַקומען. פאַר קליי־דונג, בײַ די עטלעכע אָרטיקע ייִדן, וואָס זענען געהאַט געבליבן לעבן נאָך דער שחיטה פון 1941. און אַזוי זענען זיי אין דער שטאַל אויסגעשטאָרבן 7 פון זיי, צווישן וועלכע עס זענען געווען: **לאַזער בעלצער**, **ניקו נאָלדענבערג**, **סאַלאָמאָן ליווינער**, **יוסף כהן** און אַנדערע.

איצט ווערן זיי געפירט קיין גאַלטאַ. אויך דאָ האָבן זיי נישט קיין שפּײַז און אויך דאָ קומט זיי אויס צו ציטערן פאַר קעלט אין זייער „ווי־

נונג" — אַ פאַרלאָזטע שטאַל מיט אַ צעמענטענער פּאָדלאָגע, אָבער נאָכן באַגדאַנאַווקער גהינום, אַטעמען זיי אָפּ מיט פאַרלייכטערונג.

## 6טער פּעברואַר 1943

דער וואַפּניאַרקער לאַגער באַקומט אַ נײַעם קאָמאַנדאַנט: קאַפּיטאַן סעווער בוראַדעסקו. נאָך דעם, וואָס די אינטערנירטע האָבן געמוזט אויסשטיין דעם האַס פון קאָלאָנעל מורדזשעסקו, די גייציקייט און אוממענטשלעכקייט פון זײַן נאָכפאָלגער, קאַפּיטאַן קריסטאָפאַר פּאַפּעסקו, ווערט זייער לעבן איצט נאָך שווערער אונטערן נײַעם קאָמאַנדאַנט, מיט וועמענס אָנקום עס הייבן זיך אָן די אמתע אומגליקן אין לאַגער.

## 11טער פּעברואַר 1943

אַזוי ווי דער קאָמאַנדאַנט פון בערשאַדער ראַיאָן, לייטנאַנט געאָרגע פּעטרעסקו, ווײַזט אַרויס אַ מענטשלעכע באַציאונג צו די דעפּאָרטירטע ייִדן, שיקט די מאַכט אַראָפּ אויף זײַן אָרט אַ בעסטיע — דעם לייטנאַנט געאָרגע גריגאָרעסקו.

## 12טער פּעברואַר 1943

דער דריטער אַרמיי-קאָרפּוס גיט אַרויס אַ ריי שטרענגע באַפעלן בנוגע דעם רעזשים פאַר די מאהילעווער ייִדן, אָבער דאָס אַלץ פּראָוויזאָריש „ביז עס וועט אָנקומען דער ענטפער פון טראַנסניסטריער גאָווערנאַמענט, ווו עס איז אינטערוועגירט געוואָרן, אַז מען זאָל זיי עוואַקואירן צום בוג-צו".

## 14טער פּעברואַר 1943

אויף דער חתונה פון אַ יונגן פּאָרל אין בראַצלאַו איז געווען פאַרזאַמלט אַ גרעסערע צאָל ייִדן וועלכע האָבן געטרונקען „צויקא" (פלוימען-בראָנפן). אַלס שטראָף האָט דער לאַגער-קאָמאַנדאַנט אויסגעשטעלט די גאַנצע מאַסע אין אַ קאָלאָנע און געצוווּנגען אַלע ייִדן דורכצוגיין דורך טירן ווו אַ ס.ס.פּאַטרול איז געשטאַנען באַוואָפנט מיט ווידלעס און מיט זיי געשלאָגן יעדן ייִדן אין בויך אַרײַן. עטלעכע אינטערנירטע, צווישן

וועלכע עס איז געווען אויך א דאקטער, האבן נישט געוואלט אויסשטייז אזעלכע עינויים און דער קאמאנדאנט האט זיי דערשאסן.

## 14טער פעברואר 1943

א גרופע פון קארגע 300 טשערנאוויצער יידן, וועלכע זענען געהאט אנטלאפן פון די לאגערן ביים בוג און זיך אויסבאהאלטן אין אבאדאווקע, ווערט ארעסטירט, אפגעהאלטן עטלעכע טעג אן עסן און דערנאך שיקט מען זיי אלע צוריק צום בוג.

## 1טער מאַרץ 1943

א דאנק דער געלט־גייציקייט פון קאפיטאן אמברוס, דער קאמאנ־דאנט פון דער באלטער זשאנדארמען־לעדזשיונע, באקומען א דערלויבע־ניש זיך איבערצופירן אין שטאט אריין א טייל פון די יידן, וועלכע זענען דעפארטירט געווארן לויט א באפעל פון העכסטן גענ.־שטאב און פאר־שפארט געווארן אין א שטאל. פאר דעם דאזיקן חסד באקומט דער קא־פיטאן אברום צו 60.000 לעי פאר א משפחה.

די יעניקע וועלכע קענען נישט באצאלן אזא מין סומע — ווערן צו־געטיילט אויף ארבעט אין די קאלכאזן פון קרייז.

## 10טער מאַרץ 1943

דער מאהילעווער יידישער סאניטארן־אמט מאכט איטלעכן אנטי־טיפוס־פאראטיפוס־אימפונגען און אימוניזירט אזוי ארום די געטא־באפעל־קערונג. די צאל קראנקייט־פאלן איז איצט א מינימאלע.

נאך דעם, וואס עס איז דערשטיקט געווארן די פלעק־טיפוס־עפי־דעמיע, ווערן איינגעריכטעט אין מאהילעווער שפיטאל פאר אנשטעקיקע שלאפקייטן צוויי פאוועליאנען פאר קראנקע קינדער פון די יתומים־היי־זער. דא האבן זיי א ספעציעלע נארונג און באקומען געניגנדיקע פארציעס עסן.

## 15טער מאַרץ 1943

פון פעטשיאראר לאגער ווערן 220 פערזאן ארויסגעשיקט אויף אר־בעט אין דער פארם ראהני.

## 29טער מאַרץ 1943

בשעת אַן אַפּעל אין אַ דײַטשישן לאַגער אין בראַצלאַוו, ווערט פעסטגעשטעלט, אַז עס פעלן 6 פּערזאָן. דער קאָמאַנדאַנט מעלדעט, אַז אויב די אַנטלאָפענע וועלן נישט געפינען ווערן, וועלן דערשאָסן ווערן 60 מענטשן. מען געפינט אָבער די 6 אַנטלאָפענע און מען ברענגט זיי צוריק אין לאַגער אַרײַן. דאָ שטעלט מען זיי אויס קעגן די פאַרטיקע קברים, מען טוט זיי אויס נאַקעט און מען קאָסעט זיי אויס מיט מאַשינגעווער.

## מאַרץ 1943

די אָנפירערשאַפט פון שאַרגאַראָדער געטאָ שטעלט אײַן אַ פאַרבינדונג מיט די אָנפירער פון די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען אין דער געגנט. דורך זייער קאָמאַנדאַנט אַלעקסאַנדער גאָלדשמידט און דורכן אַדוואָקאַט לעוו אַלעקסאַנדראָוויטש שײַן פון ווינניצאַ — פון דער גרופּע וואָס פון יענער זײַט בוג, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די טראַנסניסטריער קאָלאָניעס. עס זענען געגעבן געוואָרן שפּײַז-פּראָדוקטן, מעדיקאַמענטן, קליידונג, געלט און אינפאָרמאַציעס און עס איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אַ פאַרבינדונג מיטן סאָוועטישן קאָמאַנדאַנט פון איוואַשקעוויץ.

## מאַרץ 1943

אָנהייבנדיק פון חודש אָקטאָבער 1942 אָן, האָט דער ה' ווילהעלם פישער, פאָרשטייער פון ייִדישן וועלט-קאָנגרעס אין רומעניע, באַוויזן אײַנצושטעלן אַ קאָנטאַקט מיט אָנפירנדיקע ייִדישע קרײַזן פון אויסלאַנד, באַזונדערס — פון דער שווײַץ. (ד"ר א. זילבערשטיין, זשענעוו, רעפּרעזענטאַנט פון ייִדישן וועלט-קאָנגרעס און סאַלי מאיער, סט. גאַלען, דזשאָינט-פאָרשטייער פאַר אייראָפּע). אַזוי ווי עס זענען געשטעלט געוואָרן צו זײַן דיספּאָזיציע פאָנדן, וועלכע מען האָט נאָך דערווײַל נישט געקענט אַרײַנברענגען אין לאַנד אַרײַן, האָט ער זיך געליגן בײַ עטלעכע פאַרמעגלעכע מענטשן פאַרשידענע סומעס, אויף אומצוקערן זיי שפּעטער, אָדער ערשט נאָך דער מלחמה. אויף אַזאַ אופן האָט ער געהאַט צו דער

האָט אַ פאָנד פון 28 מיליאָן לעי לויט דער דעמאָלטדיקער ווערט — אַן ערך 70.000 דאָלאַר פון וועלכע אַ העלפט איז איבערגעשיקט געוואָרן, דורך ספּעציעלע קוריערן, אויף הילף פאַר די טראַנסניסטריער ייִדן.

## אַפּריל 1943

פון טולטשינער לאַגער ווערן אַרויסגעשיקט אַן ערך 100 ייִדן, מע־נער און פרויען איבער די פאַרמען פון קרייַז. עטלעכע פון זיי זענען אַרייַנ־געפאַלן צו די דייַטשן און האָבן זיך שוין מער נישט צוריקגעקערט.

## 1טער מאַי 1943

איבער דער העצע פון קאַפּיטאַן בוראַדעסקו, דער לאַגער־קאָמאַנ־דאַנט אין וואַפּניאַרקע, ברעכט אויס אַ בונט פון די קרימינעלע אינטער־נירטע — גנבים, וועלכע מען האָט אַהער אַנגעבראַכט פון דער תפיסה אין זשילאַווא און אוקראַינישע אינטערנירטע — און עס קומט צו אַן אַלגע־מיין געשלעג. הגם די ייִדן האָבן זיך נישט מער ווי פאַרטיידיקט, ווערן אַ סך פון זיי באַשטראָפט.

## 4טער מאַי 1943

פון מאָהילעווער געטאָ זענען נאָך דעם 1טן מאַי אַרויסגעשיקט גע־וואָרן 555 אַרבעטער קיין טריכאַטי, אויף יענער זייט בוג, לעבן ניקאָ־לאַיעוו. כדי די צאָל צו דערגרענצן ביז 1000 זענען נאָך אַרויסגעשיקט גע־וואָרן: 175 פון שאַרגאַראַד, 150 פון דזשורין און 120 פון מוראַפאַ. צווישן די געשיקטע אויף שווערער אַרבעט זענען געווען קראַנקע מענטשן, קאַלי־קעס אָדער סתם אומפעיקע צו אַרבעט. דער קאָלאָנעל לאַגין האָט באַזונ־דערס פאַראָרדנט, אַז אַלע ייִדן וועלכע אַרבעטן אין די פרעטורע-ביוראָען, כמעט אויסשליסלעך אינטעלעקטואַלן, זאָלן געשיקט ווערן מיט דער ערש־טער פאַרטיע. זענען זיי געפאָרן אַ גאַנצע וואָך צייַט אין אַפּגעשלאָסענע וואַגאָנעס פאַר בהמות. זיי זענען איבערגענומען געוואָרן דורך דייַטשישע סאָלדאַטן און געציילט האָט מען זיי מיט קלעפּ פון גומי־שטעקנס איבער די פּלייצעס. זיי זענען אייַנגעקוואַרטירט געוואָרן אין שטאַלן, אַן ליכט און

מיט נאסע ווענט. פארן פארלאזן די שטאל אן א דערלויבעניש האט מען באשטראפט מיט דערשיסונג. זיי ארבעטן צו 14-15 שעה א טאג ביים בויען א בריק פון 1365 מעטער די לענג איבערן בוג. פאר זייער ארבעט באקומען זיי שטענדיק דאס זעלבע עסן: א הירזש־זופ מיט 200 גראם ברויט א טאג.

**10טער מאי 1943**

פון פעטשיארער לאגער נעמט מען ארויס 600 פערזאן — מענער, פרויען און יונגע מיידלעך — און מען פירט זיי אוועק אויף יענער זייט בוג.

**18טער מאי 1943**

פון בערשאד ווערן איבערגעשיקט צו א קריגס־געריכט קיין טיראספאל 20 פרויען, וועלכע מען באשולדיקט אין פארלאזן די געטא. זיי ווערן פאראורטיילט אויף שטראפן פון צו 6 חדשים ביז א יאר תפיסה.

**20טער מאי 1943**

אין מיראספאל ווערט געמשפט דער מאהילעווער יידישער קאמיטעט, וועלכער ווערט באשולדיקט אין א פרווו צו געבן כאבאר. ביים פראצעס דערקלערט דער אינספעקטאר טוגוי, טעקסטועל: „איך בין געשיקט געווארן קיין מאהילעוו כדי אויפצודעקן די טונקעלע געשעפטן צווישן די מאכט־ארגאנען און די זשידאווס. איך בין אהין געפארן מיט דער בפירוש׳ער כוונה צו פראוואצירן דאס געבן כאבאר״.

די באשולדיקטע זענען באפרייט געווארן.

**26טער מאי 1943**

דער שטאטס־פירער פארארדנט צו דעפארטירן קיין טראנסניסטריע דעם געוועזענעם פארזיצער פון דער פעדעראציע פון יידישע קהילות־פארבאנדן, ד״ר וו. פילדערמאן, ווייל אויף דער ביטע פון פארזיצער פון דער „יידן־צענטראלע אין רומעניע״ האט ער דעם דאזיקן צוגעשטעלט אן




דײַטש געלט — ר. ק. ק. ס. (רײַכסקרעדיט קאַסן שײַן) מטבע אָן קײן שום גאַראַנטיע, װאָס איז אומגעגאַנגען אין אָקופּירטן געביט.




בריװעלע פֿון פּרעזידענט פֿון די שװײצאַרישע קהלות, סאַלי מײער, געשריבן אויף ראַזיר־מעסערלעך.

## 5טער יוני 1943

אין טריבאַטי פירן די ייִדישע אַרבעטער אַ געמוטשעט לעבן. צו דער איבערמאָסיקער אַרבעט, צום מאַנגל אין שפּייַז און צו די מיזערנע וווינונגס־באַדינגונגען קומען נאָך צו די רדיפות מצד די וועכטערס און זייערע שעפן. די אַרבעט און די רדיפות ווערן אָנגעפירט דורכן דייַטשישן אינזשעניער נוימאיער. לויט זייַנעם אַ באַפעל האָבן די ייִדן געדאַרפט דעפּאָנירן דאָס גאַנצע געלט און אַלע ווערטפולע חפצים; ווער עס האָט דאָס נישט געטון — האָט אים געדראָט טויט־שטראָף. איבעריקנס איז טויט־שטראָף דאָ געווען אַן אָפטע שטראָף פאַר יעדער מין עבירה. דער יוגנטלעכער פראָים גאָלדענבערג פון בורדוזשען איז דערשאָסן געוואָרן אויף טויט דורך אַ וואַך־זעלנער פון לאַגער, נאָר ווייַל ער איז אַרויסגעגאַנגען פון אַזוי־גערופענעם שלאָפצימער. אַנדערע דרייַ יוגנטלעכע זענען דערשאָסן געוואָרן דערפאַר, ווייַל זיי האָבן באַקומען בריוו פון זייערע קרובים אין טראַנסניסטריע.

דער זעלבער אינזשעניער נוימאיער האָט אויך דערפונדן די פּייניקונגען וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן „ראַנדן". אין זייַן אַנוועזנהייט פלעגן זיך די ייִדן מוזן אויסזעצן אין צוויי רייען, איינס קעגן ס'אַנדערע, און זיך דערלאַנגען איינער דעם אַנדערן פּעטש, אָדער זיך אַרייַנלאָזן אין אַן אַלגעמיין געשלעג מיט אייזערנע דרענגלעך. הינטער יעדן ייִדן פלעג שטיין אַ דייַטשישער זעלנער, וועלכער פלעג אים שלאָגן אָן רחמנות מיט קויטשוק־קישקעס. די דאָזיקע סצענעס פלעגן זיך געוויינלעך איבערחזרן יעדן אָוונט, נאָך דעם וואָס די ייִדן פלעגן צוריקקומען פון דער אַרבעט.

## 8טער יוני 1943

פו גאַנצן מאהילעווער קרייַז ווערן צונויפגענומען ייִדן, וועלכע מען שיקט אַרבעטן בייַ טאָרף, אין טולטשין. די וווינונגס־באַדינגונגען זענען דאָ פון די ערגסטע און די אַרבעט — אַ שרעקלעך־אויסשעפּיקע. פון פאַרטאָג אָן ביזן אָוונט אַרבעטן די ייִדן ווי די שקלאַפן, שטייענדיק ביז איבער די קניעס אין זומפּ, געיאָגטע פון די ספּעציעלע נוגשים וועלכע די

אונטערנעמונג האָט אוועקגעשטעלט כדי אַרויסצופּרעסן וואָס מער לייס־טונג. פאַר דער גאַנצער אַרבעט באַקומען די אַרבעטער אַ טעלער זופּ אָן פלייש יעדן טאָג.

**18טער יוני 1943**

אין פּעטשיאַרא זענען צוויי ייִדן געשטאַנען בײַם פּלויט פון לאַגער און איינגעקויפט קאַרשן בײַ עמיצן פון יענער זײַט. אַ זשאַנדאַר און אַ מיליציאָנער האָבן זיי באַמערקט און זיך פאַרוועט צווישן זיך ווער עס וועט בעסער צילן אין די ייִדן. ביידע האָבן גוט געצילט און די צוויי ייִדן זענען דערשאָסן געוואָרן.

**20טער יוני 1943**

מחמת דער אומדערטרעגלעכער לאַגע בײַם אַרויסנעמען דעם טאָרף אין טולטשין אַנטלויפן אייניקע ייִדן פון דער אַרבעט. די מערסטע אַנט־לאָפענע ווערן דערשאָסן אויפן וועג. טאָג־טעגלעך קומען אָן ידיעות וועגן נײַע מתים. וואָס ליגן אויף די וועגן.

**20טער יוני 1943**

אין מאָהילעוו ווערן קאָנצענטרירט אַלע מענער און אויך אַ סך פרויען צום בויען די בריק איבערן דניעסטער. מען אַרבעט אויך אין נאַכט־שיכטן. די גאַנצע צײַט ווערן די ייִדן שלעכט באַהאַנדלט. אין די ערשטע טעג טרײַבן זיי די דײַטשן אין וואַסער אַרײַן — איינגאַנצן אָנגעטוענע.

**25טער יוני 1943**

לויט אַ באַפעל פון גאָווערנאַמענט ווערן די ייִדן פון אוסטעא עוואַ־קואירט אין אַ קאָלכאָז אַרײַן קיין לוכאווא, בײַם בוג.

**25טער יוני 1943**

פון אָבאָדאָווקע ווערט אוועקגעשיקט קיין ניקאָלאַיעוו, צו די דײַטשן, אַ פּאַרטיע פון 1560 ייִדן ביז קיין באַלטע, אַ מהלך פון 80 קילאָמע־

טער, גייען זיי צו פוס, און פון דאָרטן ווערן זיי אויפגעלאָדן אויף וואגאָ-נעס. עס ווערט זיי נישט געגעבן און זיי קענען זיך אַליין אויך נישט איינשאַפן קיין עסן אין וועג אַרײַן.

## 30טער יוני 1943

די לאַגע פון די קינדער אין די מאהילעווער יתומים־הייזער האָט זיך באַדייטנדיק פאַרבעסערט. זיי באַקומען נארהאפטיקע שפּײַז. עס זענען איצט אינטערנירט 632 קינדער אין די דרײַ יתומים־הייזער.

פון חודש מאַי אָן איז נישט פאַרצייכנט געוואָרן קיין איין טויט־פאַל צווישן די קינדער. אין חודש יאַנואַר האָט די קינדער־שטערבלעכ־קייט שוין געהאַט געגרייכט צו 9.42%.

## 30טער יוני 1943

זינט זיי זענען נאָך אריבערגעקומען קיין טראַנסניסטריע זענען די דעפּאָרטירטע ייִדן — באַזונדערס די פון מאהילעווער קרײַז — געצוווּנ־גען געוואָרן צו אַרבעטן בײַ די אַזוי גערופענע גזעלשאַפטלעך־נוצלעכע אַרבעטן, דאָס רוב מאָל — איבער זייערע כוחות און אודאי נישט לויט זייערע פעיִקייטן. ווען נישט דער ווילדער עקספּלואַטאַציע- און דערנידע־ריקונגס־רעזשים, וואָס עס האָבן אומעטום איינגעפירט די נוגשים און וועכטערס, ווען נישט די שרעק פאַר דער גרוזאַמער נויט אין די אויסער־לעבע דעטאַשאַמענטן (טולטשין, וואַרוואַראָווקע, טריכאַטי און אַנד.) וואָלטן די מענטשן גיכער געווען געוואָלט אַרבעטן איידער אָנצוקומען צו קהלישער שטיצע. דער דעקרעט נומער 23 פון טראַנסניסטריער גאָווערנאַ־מענט, וואָס הגם ער איז געווען אַ פּאָליציייאַישער אוקאַז, האָט ער אָבער פאַרט מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס פונדאַמענטאַלע געזעץ פאַר די דעפּאָר־טירטע ייִדן און האָט פאַרגעשריבן, אַז זייער אַרבעט דאַרף באַצאָלט ווערן. בײַ דעם גאַנץ קליינלעכן טאַריף — איין אָדער צוויי ר. ק. ק. ש. אַ טאָג — ווען מען וואָלט אים אָבער געווען ערלעך אויסגעצאָלט, וואָלטן אויס־געמיטן געוואָרן אַ סך אומגליקן און אַ סך לעבנס וואָלטן נישט געווען פאַרשניטן געוואָרן.

אָבער די רשעות פון די מושלים, באַזונדערס פון די פּרעפעקטן און גאָר באַזונדערס פון מאהילעווער פּרעפעקט, קאָלאָנעל לאגין, האָט געשטערט די אויסצאָלונגען.

פון 18טן דעצעמבער 1941 אָן, האָבן די ייִדן פון דער שטאָט מאהילעוו און פון די וויכטיקסטע קאָלאָניעס פון קרייַז (שארגאראד, מוראפא, דזשורין) אויסגעפירט ארבעטן פאַר א ווערט פון:

| | | | |
|---|---|---|---|
| שטאָט מאהילעוו | ר. ק. ק. ש. | 238.500 | |
| שארגאראד (ביזן 30טן אַפּריל 1943) | ״ | 76.490 | |
| מוראפא (ביזן 15טן פעברואר 1943) | ״ | 30.012 | |
| דזשורין (ביזן 15טן פעברואר 1943) | ״ | 34.863 | 387.865 |

אויפן חשבון פון די סומעס וואָס זענען געקומען פאַר די דאָזיקע ארבעטן, זענען אויסגעצאָלט געוואָרן:

| | | | |
|---|---|---|---|
| אין דער שטאָט מאהילעוו (שפּייַז־פּראָדוקטן און מזומן) | ר. ק. ק. ש. | 35.808 | |
| מוראפא שפּייַז־פּראָדוקטן) | ״ | 5.500 | |
| שארגאראד (שפּייַז־פּראָדוקטן) | ״ | 8.800 | |
| דזשורין (שפּייַז־פּראָדוקטן) | ״ | 6.250 | 56.358 |

עס זענען פאָלגלעך אויסגעצאָלט געוואָרן ניט מער ווי 14,50% און עס איז נאָך געבליבן אויסצוצאָלן א רעשט פון 331.507 ר. ק. ק. ש., וועלכע האָבן, לויטן אָפיציעלן קורס פון 60 לעי א מארק, באַטראָפן 19.890.420 לעי.

די דאָזיקע סומע פאַר וועלכער מען האָט דאַן געקאָנט אייַנקויפן 220 וואַגאָן תבואה, פון וועלכע מען האָט געקענט געבן צו 250 גראַם ברויט א טאָג, במשך 7 חדשים, צו 40.000 דעפּאָרטירטע ייִדן פון מאהילעווער קרייַז — די דאָזיקע סומע איז קיינמאָל נישט אויסגעצאָלט געוואָרן, פּונקט ווי עס זענען נישט אויסגעצאָלט געוואָרן קיין שום שכירותן פאַר שפּעטערדיקע ארבעטן, וואָס די ייִדן האָבן אָפּגעשקלאָפּט ביז צו דער באַפרייאונג.

## יוני 1943

די הילפס-אַרבעט פאַר די טראַנסניסטריער ייִדן גייט צו שווער. די נויט ווערט וואָס אַמאָל גרעסער, ווײַל הגם עס איז שוין אומגעקומען אַריבער אַ העלפט פון די דעפּאָרטירטע — זענען שוין אַדורך כמעט צוויי יאָר זינט זייער פאַרלאָזן די היימען און די אָרעמע רעזערוון האָבן זיך שוין אויסגעלאָזט. אָן אויפהער פאַרגרעסערט זיך אַלץ די צאָל פון יענע וועלכע קענען שוין נישט העלפן קיין אַנדערע, נײַערט זיי מוזן שוין אַליין אָנקומען נאָך הילף.

און בעת עס שטייגט די נויט בײַ די דעפּאָרטירטע און זייערע הילפס-רופן ווערן וואָס אַמאָל אַלץ פאַרצווייפלטער, ווערט אָבער אַלץ קלענער די הילפס-פעיִקייט פון די וועלכע זענען געבליבן אין דער היים. די רומעניזיר־אַקציע וואָס דער אַנטאָנעסקו־רעזשים האָט אונטערגענומען איז אין פולן גאַנג אויף אַלע געביטן: אַרבעט, אומבאַוועגלעך פאַרמעגן, עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען. דאָס אַרבעטס-מיניסטעריום מעלדעט אַז 70% פון די ייִדישע לוינאַרבעטער זענען שוין פאַרטראַטן דורך נישט־ייִדן. דער נאַציאָנאַלער רומעניזיר־אינסטיטוט האָט שוין כמעט אינגאַנצן פאַרענדיקט דאָס אַרויסטרײַבן פון זייערע וווינונגען סײַ די ייִדישע לאָקאַטאָרן, סײַ די ייִדישע הייזער־אייגנטימער. אַ גרויסע טייל ייִדן וועלכע וואָלטן נאָך געקענט פאַרדינען אויף פּרנסה — געפינען זיך אין די אַרבעטס-אָפּטיילונגען און אַנדערע האָבן געמוזט באַצאָלן ריזיקע שטייערן בכדי פון דאָרט באַפרײַט צו ווערן, איבער אַלעמען אָבער דריקט, שוין זינט 2 חדשים, דער עול פון דער אויסנעמלעכער קאָנטריבוציע פון נישט ווייניקער ווי 4 טויזנט מיליאָן לעי — וועלכע באַטרעפן לויט דעם דעמאָלטדיקן ווערט אַ סכום פון 8.000.000 דאָלאַר — אַ סומע וואָס אַנטאָנעסקו האָט זיך איינגעקשנט אַרויסצובאַקומען פון די פאַראָרעמטע ייִדן.

ס'איז געווען נאַטירלעך, אַז דאָס זאָל זיך אָפּרופן אויף דער אַרבעט פון דער הילפס-קאָמיסיע. די זאַמלונגען האָבן שוין מער נישט געקענט דערגרייכן קיין רעזולטאַטן און די „ייִדן-צענטראַלע” האָט זיך אָפּגעזאָגט אויף וויפל ס'ניט איז עפּעס צו שטיצן. פאַרקערט: ווען זי האָט נאָר גע-

קראָגן אַ געלעגנהייט אָפּצוטארען סומעס געלט ביי דער הילפס־קאָמיסיע האָט זי זיך גאָרנישט געוואָקלט עס צו טון. עס איז, למשל, געהאַט באַ־שלאָסן געוואָרן אַז גלייכצייטיק מיטן איינקאַסירן די ראַטעס פאַר דער אויסנעמלעכער קאָנטריבוציע, זאָל אויך צוקומען אַ קוואָטע פון 15% וואָס זאָל זיין באַשטימט אויסשליסלעך פאַר דער הילפס־קאָמיסיע. אָבער הגם די „צענטראַלע" האָט איינגעקאַסירט אויפן חשבון פון דער קאָנטרי־בוציע 734 מיליאָן לעי און חוץ דערינען אויך די 15% וועלכע האָבן באַ־טראָפן נאָך 110 מיליאָן לעי פאַר דער הילפס־אַרבעט פון דער קאָמיסיע, האָט זי איר אָבער נישט איבערגעגעבן מער ווי 16.626.535 לעי.

כדי ווייטער אָנצוגיין מיט אַ ווירקזאַמער הילפס־אַרבעט איז נאָך געבליבן איין־און־איינציקע האָפענונג: הילף פון אויסלאַנד. עס איז אָבער זייער שווער געווען אָנצוהאַלטן די פאַרבינדונגען. דער בריוו־אויסטויש האָט זיך געפירט זייער פּאַוואָליע און איז, חוץ אַלעמען, געווען זייער אַ געפערלעכער ענין. קיין באַגלויבטע קוריערן האָט מען נישט געקענט גע־פינען אין אַ צייט ווען דער גאַנצער פאַרקער מיט דער דרויסנדיקער וועלט איז קאָנטראָלירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ.

אָבער פלוצים כאַפּט זיך ווידער אַריין אַ שטיקל האָפענונג. בעת ד"ר פילדערמאַן איז געווען דעפּאָרטירט אין טראַנסניסטריע איז צום ה' וויל־העלם פישער, פאָרשטייער פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין רומעניע, גע־קומען אַ שווייצאַרישער זשורנאַליסט, האַנס וועלטי, און אים איבערגע־געבן אַ בריוו פון ה' סאַלי מאַיער, פרעזידענט פון די שווייצאַרישע יידי־שע קהילות און דזשאָינט־פאָרשטייער פאַר גאַנץ אייראָפּע. חוץ אַ וואַרע־מער רעקאָמענדאַציע פון קוריער, זענען אין בריוו אויך געווען — אין אַ פאַרשטעלט לשון — אָנווייזונגען און צוזאָגן בנוגע אַ גרויס מאַסשטאַ־ביקער הילפס־אַקציע, וואָס זאָל קומען פון אויסלאַנד. וועלטי האָט עטלע־כע מאָל געמאַכט די רייזע שווייץ־רומעניע, פירנדיק מיט זיך באַריכטן און מינדלעכע גרוסן, וועלכע האָבן פאַרלייכטערט דאָס באַקומען די פאָנדן.

**5טער יולי 1943**

פון טריכאַטי ווערן צוריקגעשיקט קיין מאָהילעוו אַן ערך 30 יידן,

וועלכע האָבן געליטן אַקצידענטן בײַ דער אַרבעט און קענען שוין צו גאָר־ נישט נישט באַנוצט ווערן. צווישן זיי געפינט זיך אויך אַ קראַנקער, 59־ יאָריקער ייִד. דער דײַטשישער קאָמאַנדאַנט קערט אים צוריק פון וועג, וואַרפט אים אַרײַן אין אַ קעלער אַרײַן און באַפעלט, אַז מען זאָל דעם קע־ לער פאַרשטאָפּן. שפּעטער שטאָפּט דער מערדער אויף אַ לאָך פון קעלער און דערשיסט דאָרט דעם ייִדן.

צוזאַמען מיט די איבערגעבליבענע האָבן זיך אויך צוריקגעקערט 18 ייִדן פון שאַרגאָראָד, וועלכע זענען אָפּגעזאָגט געוואָרן פון אַ דײַטשישער קאָמיסיע אַלס אומפּאַסיקע צו דער אַרבעט.

דער קאָמאַנדאַנט פון דער מאָהילעווער זשאַנדאַרמען־לעגיאָן, מאַ־ יאָר באַטאַראַאָגאַ, געפעלן נישט די דאָזיקע צוריקגעקערטע און ער פאַר־ אָרדנט, אַז די אַלע ייִדן זאָלן צוריקגעשיקט ווערן קיין טריכאַטי. מיט גרויסע צרות — ווײַל מען האָט נאָר וואָס געהאַט געשענקט דעם מאַיאָר אַ בריליאַנט, וואָס האָט די ווערט געהאַט אַ האַלבן מיליאָן לעי — האָט מען אויסגעפועלט בײַ אים די גרויסע טובה, אַז אַנשטאָט קיין טריכאַטי זאָל מען די ייִדן שיקן אַרבעטן בײַם טאָרף, אין טולטשין.

## 8טער יולי 1943

דער פאָרזיצער פון מאָהילעווער ייִדישן קאָמיטעט באַקומט אַ דער־ לויבעניש דורכצופירן אַן אינספּעקציע־טור איבער אַלע געטאָס פון קרײַז. אין האַלטשינעץ און גראַביווצי איז די נויט אַן אומבאַשרײַבלעכע. די ייִדן וועלכע וווינען דאָ אין עטלעכע זעמליאַנקעס, האָבן אויסגעגראָבן אַ גע־ פּגרט פערד וואָס איז שוין געווען באַשפּריצט מיט קאַרבאָל און עס אויפ־ געגעסן. אין קאַנאַטקעוויץ האָט מען אַרײַנגעזעצט 70 פּערזאָן אין אַ שטאַל אין מיטן אַ פּוסטע פעלד און די גאַנצע צײַט האָבן זיי נישט געהאַט קיין שום מלבושים. אומעטום — די זעלביקע נויט. די באַדערפענישן זענען גרויס און די הילף, וואָס קומט אָן פון לאַנד — קלעקט נישט אויף אַרײַנ־ צוברענגען וואָס פאַר אַ ס'ניט איז באַדייטנדיקע פאַרבעסערונג.

### 11טער יולי 1943

דער רעזשים אונטער וועלכן עס לעבן די ייִדן, וואָס אַרבעטן ביים אַרויסנעמען דעם טאָרף אין טולטשין איז אַזאַ שרעקלעכער, אַז נישט קוקנדיק אויף אַלע סכנות געפינען זיך מוטיקע, וועלכע וואַגן פון דאָרט צו אַנטלויפן. אַ גרופּע פון 13 אַנטלאָפענע צווישן וועלכע עס זענען אויך אברהם בעקער, שמעלצער און שפּערבער פון שאַרגאָראַד — זענען געכאַפּט געוואָרן דורך זשאַנדאַרן אין דאָרף זשוראַווקאַ, טולטשינער קרייז. אַזוי ווי די זשאַנדאַרן האָבן חושד געווען אַז די ייִדן האָבן ביי זיך געלט, האָבן זיי זיי אַוועקגעפירט אין וואַלד אַריין און דערשאָסן. עס האָט זיך געראַטעוועט בלויז איינער אַ פאַרוווּנדעטער, וועלכער האָט זיך באַוויזן דורכצוגנבענען ביז מאָהילעוו און דאָרט זיך אויסצובאַהאַלטן.

### 15טער יולי 1943

אין אָבאָדאָווקע ווערט אַרויסגעשיקט, צו פוס און אָן עסן אין וועג אַריין, אַ פּאַרטיע אַרבעטער צום אַעראָדראָם, וואָס ביי באַלטע.

### 27טער יולי 1943

די סאָלדאַטן פון דער „טאָדט"-אָרגאַניזאַציע פּרוּוון דורכצופירן אין מאָהילעוו אַן אַטענטאַט קעגן ד"ר וו. פילדערמאַן.

### 27טער יולי 1943

זינט עס האָט איבערגענומען די מאַכט דער נייער פּרעפעקט פון מאָהילעווער קרייז, קאָלאָנעל לאַגין, איז דער רעזשים פאַר די ייִדן פון דער שטאָט און פון גאַנצן קרייז, געוואָרן אַ פיל שטרענגערער. לויט זיינער אַ פאַראָרדענונג טאָר קיין שום ייִד זיך צו אים נישט ווענדן מיט קיין וואָרט און טאָר אויך נישט אַריינטרעטן אין פּרעפעקטורע-לאָקאַל. די ייִדן וועלכע קענען מער נישט אויסהאַלטן דעם הונגער, און דערוועגן זיך, דעריבער, אַרויסצוגיין פון געטאָ כדי זיך איינצוקויפן שפּייז-פּראָדוקטן, ווערן אי-

בערגעשיקט צום מיליטערישן פּרעטאראַט, וועלכער פּסקנט צו שווערע שטראָפן: 25 ריטער אָדער תּפיסה. אַנדערע ווערן איבערגעשיקט צום קריגס־געריכט ווו זיי באַקומען נאָך שווערערע שטראָפן.

שטרענגע באַפעלן זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן איבערן גאַנצן קרייז צו דערשיסן אויפן אָרט אַלע ייִדן, וועלכע מען וועט טרעפן אויסער די געטאָס אין וועלכע זיי וווינען. די ייִדן וועלכע זענען אַנטלאָפן פון די לאַ־גערן, מחמת דער ביטערער נויט — האָבן זיך שוין אַהין מער קיינמאָל ניט צוריקגעקערט. זייער טויט גייט דורך אומבאַמערקט. ווענן אייניקע פאַלן טויט מען צווויסן דעם קאָמיטעט.

אין מאהילעוו, למשל, ווערן געכאַפּט אויפן וועג 4 ייִדן, וועלכע זע־נען אַנטלאָפן פון געסטערוואַרקאַ. מען ברענגט זיי אין שטאָט אַריין און מען שיסט אויף זיי ביים ברעג פון דניעסטער. צוויי פון זיי זענען געפאַלן טויט אויפן אָרט און די איבעריקע זענען נאָר פאַרווונדעט געוואָרן און באַוויזן זיך צו ראַטעווען.

אַנדערע צוויי אַרבעטער פון דער בריק איבערן דניעסטער ווערן דער־שאָסן דורך די דייטשן, דערפאַר ווייל מען האָט ביי זיי געפונען בריוו, וואָס זיי האָבן געהאַט אָנגעשריבן צו זייערע קרובים איז לאַנד און אין די דאָזיקע בריוו געבעטן הילף.

## 2טער אויגוסט 1943

לויט אַ פאָדערונג פון די דייטשן, וואָס אויף יענער זייט בוג, באַפעלט דער פּרעפעקט פון טולטשינער קרייז, אַז מען זאָל זיי איבערגעבן 200 ייִדן. אין יענער צייט האָט דאָס איבערגעבן אַ ייִדן צו די דייטשן געהייסן — אים צו דערשיסן. מיט אַ יאָר צוריק, ווען דער מענטשלעכער שכל האָט זיך נאָך נישט געקענט פאָרשטעלן די טעווטאָנישע ווילדקייטן, האָט אַזאַ באַפעל איבערצושיקן אַ ייִדן צו די דייטשן, נאָך נישט געמאַכט קיין באַ־זונדערן איינדרוק. עס האָט זיך אפילו געטראָפן, אַז אייניקע ייִדן זאָלן זיך געוועז אייגנוויליק צושטעלן אַהינצו, האָפנדיק אַז דאָרטן וועלן זיי כאָטש האָבן גענוג עסן אָדער, ווינציקסטנס, אַ מענטשלעכערע באַהאַנד־לונג. איינגיכן האָבן זיי אָבער איינגעזען, אַז זייערע האָפענונגען זענען גע־

ווען אומזיסט און שפּעטער פּלענען זיי זיך אַרומקוקן און שוין פאַרשטיין זייער שווידערלעכע לאַגע. נאָר דורך אַנטלויפן האָבן זיך געקענט ראַטע־ווען עטלעכע פון די טויזנטער ייִדן, וואָס די רומענער האָבן געהאַט אי־בערגעליפערט צו די דײַטשן.

אין זומער 1943 האָבן שוין סײַ די ייִדן סײַ די רומענישע מושלים געוווּסט וועגן אַט די אַלע פּרטים. דערפאַר איז דער באַפעל פון טולטשי־נער פּרעפעקט, דער פּאָעט פּאַיאַנע וואַלבורע, געקומען פאַרשטעלט אין דער פאָרם פון אַ פאַראָרדענונג זיך צונויפצוזאַמלען, בכדי צו גיין אַר־בעטן בײַם טאָרף אין טולטשין. עס זענען צוגענומען געוואָרן אַ 100 מענ־טשן פון פּעטשיאַראַר לאַגער, אַ 60 פון בראַצלאַוו, 15 פון קערנאַסקאַוווקאַ און די איבעריקע, וואָס האָבן נאָך אויסגעפעלט צו די 200 — פון טראַס־טיאַנטשוק. אונטער אַ זשאַנדאַרמישער וואַך זענען זיי געפירט געוואָרן אויף פּורלעך און צופוס ביז צום קאָלכאָז נעסטערוואַרקאַ (טולטשינער טאָרף־געגנט). דאָ האָבן זיי זיך דערוווּסט דעם אמת. נאָך אַזויפיל איבער־געלעבטע צרות, האָט דער געדאַנק וועגן איינגיכנדיקן טויט נישט אַרויס־גערופן בײַ זיי די רעאַקציע, וואָס וואָלט געווען אַנטשטאַנען אין מוח פון אַ געוויינלעכן מענטשן. פאַרשטייט זיך אַז דער זעלבסט־אויפהיט־אינ־סטינקט האָט אַ טייל פון זיי אויפגעטרייסלט. אָבער די מערסטע זענען שוין געווען רעזיגנירטע. זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן אויף אַזויפיל רואיק אויף צו קענען ראַטעווען די קינדער. עס זענען צווישן זיי געווען 52 קינ־דער פון פאַרשידענעם עלטער. אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון אַ מוטיקן אינטעלעקטואַל און פאַר אַ גרויסער סומע געלט, וואָס האָט דאָך שוין נישט געשפּילט קיין שום ראָל בײַ די צום טויט־פאַרמשפּטע ייִדן, זענען די קינדער געראַטעוועט געוואָרן. און בשעת די דײַטשישע מאַשינען האָבן אויפגעלאָדן די עלטערן, וועלכע האָבן נאָך אפשר געהאַט צו לעבן געצייל־טע שעהן, און זיי געפירט צום בוג־צו, האָבן זיך די קינדער אַוועקגע־לאָזט אין אַ קעגנזעצלעכער ריכטונג, צו אַ נײַ לעבן. זיי זענען אַלע געווען נאַקעט און באָרוועס, פאַרלײַזיקט און קרעציק, אויסגעהונגערטע און אָן כוחות נאָך אַ לאַנגער צײַט פון אונטערדערנערונג מיט אַרויסשטאַרצנדי־קע ריפּן פון אונטער דער דינער, מיט טשערעקעס־באַזעצטער הויט. אַזוי

זענען זיי אָנגעקומען דעם דריטן אויגוסט אין טולטשינער געטאָ. ביים פארענדיקן דעם דאָזיקן וועג, זענען זיי שוין כמעט אַלע געווען יתומים.

## 18טער אויגוסט 1943

עס מערן זיך אַלעמאָל די פאַלן פון אויסהרגענען יידן. דער ייד זשעאַן נאָטדענקער ווערט דערשאָסן אין וואַלד סאָסנאָווקע לעבן שאַרגאַראַד, לויט אַ באַפעל פון מאַיאָר באַטאַראַגאַ. דער מת ווערט פארברענט. אויפן דניעסטער שווימען שטענדיק אַרום מתים — דורכגעלעכערטע פון קוילן. כמעט אַלע קרבנות זענען פון אַרבעטס־לאַגער אין נעסטערוואַרקאַ.

## 25טער אויגוסט 1943

אין סומאַווקאַ האָבן די זשאַנדאַרן אָנגעטראָפן אויפן וועג צוויי יידן וועלכע זענען אַרומגעגאַנגען און געבעטלט. זיי האָבן זיי דערשאָסן און די קערפּערס אַריינגעוואָרפן אין בוג אַריין.

## 9טער סעפּטעמבער 1943

אַנשטאָט די יידן וואָס אַנטלויפן פון טריכאַטי, אָדער ווערן דאָרט אויסגעמאָרדעט, ברענגט מען אָן אַנדערע פון פאַרשידענע מקומות. צווישן אַנדערע האָט מען אָנגעבראַכט 200 מענער און פרויען פון גאַלטער קרייז. עס זענען אויך אָנגעבראַכט געוואָרן 70 יידן וואָס זענען פריער געווען אינטערנירט אין וואַפּניאַרקער לאַגער און שפּעטער, בעת אַ סעלעקציע, האָט די קאָמיסיע באַשטימט זיי צו באַפרייען און רעפּאַטריאירן. נישט־קוקנדיק אויפן באַפעל פון מיניסטעריום, אַז די דאָזיקע יידן קענען זיך באַזעצן וווּ זיי אַליין ווילן, האָט דער גובערנאַטאָר פאַראָרדנט זיי איבער־צושיקן פריער קיין טריבודי און שפּעטער — קיין טריכאַטי.

דער רעזשים איז דאָ פון די ערגסטע. די מענטשן האָבן שוין מער נישט קיין כוחות און נישט קיין שום רעזערוון. אָנגעטון זענען זיי שוין בלויז אין שמאַטעס. אַ סך זענען בלויז איינגעהילט אין צייטונגס־פּאַפּיר. די הילף וואָס קומט אָן פון דרויסן קלעקט נישט מחמת דער זשעדנעקייט פון די דייטשן. אַ טראַנספּאָרט קליידונג וואָס די „יידן־צענטראַלע" האָט

ארויסגעשיקט פון רומעניע איז אריינגעפאַלן צו די דײַטשן אין די הענט אַרײַן און זיי האָבן אַלץ אויספאַרקויפט אויפן מאַרק.

אויך די מערדערייען האַלטן אָן אומאויפהערלעך. אין א מאַגאַזין האָט מען אַנטדעקט, אַז עס פעלן הונדערט גראַם בוימל פון א פלאַש און אַזוי ווי מען האָט פּונקט געפּאַקט דעם ייִדן אַבראַמאָוויטש עסן ציבעלע מיט בוימל — דערשיסט מען אים.

### 12טער סעפּטעמבער 1943

אויך דער טאָרף אין טולטשין פאַרשלינגט וואָס אַמאָל אַלץ מער ייִדן פון אומעטום. דער קאָמאַנדאַנט פון בערשאַדער ראַיאָן, לייטענאַנט גינעראַרו, פאַראָרדנט אַוועקצושיקן אַלע ייִדישע מענער צווישן 14 און 50 יאָר בכדי זיי אָנצושרעקן, אַז זיי זאָלן אַלע זיך צושטעלן אומפאַרזאַמט, האָט מען אַוועקגעשטעלט צוויי מאַשינגביקסן און געהאַלטן אין איין שיסן מיט זיי אינמיטן געטאָ.

### 10טער אָקטאָבער 1943

דער שעף פון זשאַנדאַרמען־פּאָסטן אין קאַפּוסטערנאַ דערשיסט אין יאַראַשינקאַ צוויי ברידער, וועלכע ער האָט געטראָפן ארומגיין בעטלען. אין דעם זעלבן טאָג האָט דער שעף פון זשאַנדאַרמען־פּאָסטן אין לוטשי־נעץ דערשאָסן דאָס פאַרפאַלק קראַיניק מיט זייער קינד, וועלכע ער האָט געטראָפן אין וואַלד צונויפקלייבן שפּענדלעך. מען האָט זיי מקבר גע־ווען אין גרומאַווקאַ.

### 14טער אָקטאָבער 1943

עס ווערט אויפגעלייזט דער לאַגער אין וואַפּניאַרקע. די אינטערניר־טע, וועלכע זענען אַהין אַרײַנגעקומען פון טראַנסניסטריער געטאָס — ווערן צוריקגעשיקט אויף זייערע ערטער. די וועלכע זענען אָנגעבראַכט גע־וואָרן פון די תּפיסות, ווערן אַלע איבערגעשיקט אין דער ריבניצער תּפי־סה און די איבעריקע — קיין גראַסאָלאָווא, אויפן ברעג פון דניעסטער.

### 14טער אָקטאָבער 1943

עס האַלט וויַיטער אָן — אָן שטערונגען — דער קאָנטאַקט, וואָס עס האָט איַינגעשטעלט די געהיימע ייִדישע אָנפירערשאַפט פון רומעניע מיט די ייִדישע אינסטאַנצן פון אויסלאַנד דורך דעם שווייצארישן זשורנאַ־ליסט האַנס וועלטי. ס'איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אינפאָרמאַציע־אויס־טויש און עס איז דערמעגלעכט געוואָרן דאָס שטעלן צו דער דיספּאָזיציע פון דער הילפס־קאָמיסיע די אויסלענדישע פאָנדן, וועלכע זענען איצט אומבאַדינגט נייטיק אין אָנבליק פון אַן עווענטועלער אינגיכנדיקער רע־פּאַטריאַציע, נאָך וועלכער עס וועט מוזן קומען אַ ברייטע עקיפּירונגס-אַר־בעט און אַ שטאַרקע עמיגראַציע. די ידיעות ווערן געשיקט אין אַ ווי ס'ניט איז שיפרירטן און ווי וויַיט מעגלעך פאַרשטעלטן לשון. אַזוי, למשל, איז די ידיעה וואָס דער ה' סאַלי מאיער האָט איבערגעשיקט דעם ערשטן טאָג סוכות 1943, געווען געשריבן אויפן קאָנווערטל פון אַ ראַזיר־מעסערל.

### 20טער אָקטאָבער 1943

די ייִדן פון לאַגער אין סילווינאַ, אויפן ברעג פון בוג, ווערן איבער־געגעבן צו די דיַיטשן וועלכע שיסן אויס די גרעסטע טייל פון זיי. אַ קליינע טייל, וועלכע האָט זיך באַוויזן צו ראַטעווען, קומט אָן אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד קיין גראָסוליוואָ.

### 28טער אָקטאָבער 1943

דער קאָמאַנדאַנט פון ניקאָלאַיעווער אַרבעטס־לאַגער, דער דיַיטשי־שער אָפיציר האַנס שמידט, באַפעלט אַז 10 ייִדן וועלכע זענען שוין אינ־גאַנצן אויסגעשעפּט און קענען מער גאָרנישט אַרבעטן, זאָלן אויפגעהאָנ־גען ווערן — טאַקע דורך ייִדן.

ביַים דריטן געהאָנגענעם האָט זיך דאָס שטריקל צוויי מאָל איבער־געריסן, אַזוי אַז די איבעריקע ייִדן זענען שוין אויסגעשאָסן געוואָרן. צוויי פון זיי האָט דער דיַיטשישער אָפיציר דערשאָסן מיט די אייגענע הענט.

**25טער נאָוועמבער 1943**

אין ניקאָלאַיעוו איז דער דײַטשישער אָפיציר האַנס שמידט געוואָר געוואָרן, אַז אַ טייל ייִדישע אַרבעטער גייען אַרום בעטלען און ער האָט באַפוילן צו דערשיסן 20 ייִדן.

**15טער נאָוועמבער 1943**

אין בערשאַד האָט מען געפּאַקט דעם יוגנטלעכן יוזשו העפּ־לינג אויסערן געטאָ און דערפאַר — דערשאָסן.

**16טער נאָוועמבער 1943**

עס באַזוכט די קאָלאָניעס פון מאָהילעווער קרײַז אַ קאָמיסיע אונ־טער דער אָנפירונג פון פּרעזידיום־סעקרעטאַר, קאָלאָנעל ראַדולעסקו, כדי צוצוגרייטן דעם באַזוך פון אַ קאָמיסיע פון אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ.

**18טער נאָוועמבער 1943**

אין באַלטע ווערן דערשאָסן 83 דעפּאָרטירטע און אָרטיקע ייִדן, ווײַל מען באַשולדיקט זיי, אַז זיי געהערן צו אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער.

**19טער נאָוועמבער 1943**

טראָץ אַלע שוועריקייטן און שטערונגען, וואָס זי האָט אָנגעטראָפן, האָט די אויסנאַמע הילפס־קאָמיסיע פאַרגעזעצט איר אַרבעט לטובת די דעפּאָרטירטע. די דאָזיקע הילפס־אַרבעט איז נישט געווען גענוג, ווײַל די באַדערפענישן זענען געווען ריזיקע און די מיטלען — באַזונדערס בײַם אָנהייב — זייער קליינע. אָבער אַ סך מאָל האָט די הילף וואָס איז אָנגע־קומען פון לאַנד, אַרײַנגעבראַכט לינדערונג און האָפענונג און אָפט — טאַקע געראַטעוועט מענטשלעכע לעבנס.

במשך די צוויי יאָר פון די ערשטע דעפּאָרטירונגען און בלויז במשך אַ 20 חדשימדיקער טעטיקייט זענען איבערגעשיקט געוואָרן:

| | |
|---|---|
| קאָלעקטיווע הילף אין געלט | 79.462.000 לעי |
| אינדיווידועלע הילף (איבערשיקונגען דורך דער קאָמיסיע מצד קרובים און פריינט פון די דעפּאָרטירטע) | 81.669.800 " |
| שפּייז־פּראָדוקטן | 24.000.000 " |
| מעדיקאַמענטן | 14.458.272 " |
| געניצטע קליידונג (קאָלעקטיווע איבערשיקונגען) | 199.663.400 " |
| געניצטע קליידונג (אינדיווידועלע שיקונגען דורך דער קאָמיסיע פון קרובים און פריינט) | 71.286.100 " |
| ווירטשאַפט־ און בוכהאַנדלונג־אַרטיקלען | 11.267.473 " |
| ס"ה — — | 481.807.045 לעי |

אין דער אויבנדערמאָנטער סומע איז נישט אַריינגערעכנט די ווערט פון די ערנסטע הילפס־שיקונגען וואָס מען האָט איבערגעוויזן אין דער פאָרם פון: זאַלץ (150 טאָן), קוילן (300 טאָן), שויבן (אַן ערך 11.000 קוואַדראַט־מעטער), געהילץ (180 קובישע מעטער), סאָדע (5.000 קילאָ), דראָט און צוועקעס (10.000 קילאָ), לאָפּעטעס און ריסקאַלעס (10.000 שטיק), בעל־מלאכהשע מכשירים פאַר שמידערייען, שוסטעריי־ און שניידער־וואַרשטאַטן (352 קאַסטנס).

אין דער אויבנאָנגעגעבענער סומע זענען אויך נישט אַריינגערעכנט אַן ערך פון 25.000.000 לעי (14.000.000 בערך צווישן אָקטאָבער 1942 און מאַרץ 1943 און 10.680.000 צווישן מאַרץ און נאָוועמבער 1943) וואָס זענען איבערגעשיקט געוואָרן אינדיווידועל פון אויסלענדישע פאָנדן וואָס עס האָט געשיקט דער דזשאָינט דורך די פאָרשטייער פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין רומעניע: וו. פישער, ד"ר ק. יאַנקו און אדוואָקאַט מ. בענוועניסטי.

אָבער א חוץ דער אָפיציעלער הילפס־אַרבעט זענען דורכגעפירט אויך אַ ריי געהיימע הילפס־אַקציעס, וועלכע זענען צו פאַרדאַנקען אינדיווידועלע און געזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוועס און וועלכע האָבן אויך פון

צײַט צו צײַט אַרײַנגעבראַכט טרייסט און לינדערונג פֿאַר די ליידנדיקע דעפּאָרטירטע ייִדן אין טראַנסניסטריע.

די ציוניסטישע אָנפירערשאַפט פון ארץ־ישראל האָט געקראָגן אַן אופן צו שיקן אָנגעזעענע הילפס־מיטלען דורך דעם ספּעציעלן פאָנד „הצלה ועזרה״, וואָס איז געשטעלט געוואָרן צו דער דיספּאָזיציע פון די דעפּאָר־טירטע דורך אַן „אד־האָק־קאָמיטעט״, וועלכער איז באַשטאַנען פון די ה״ה: זשאַק ראָזענצווייג, ל. לייוואַנדמאַן און י. הערצאָג בראש מיטן פאָר־זיצער פון דער רומענישער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אַדוואָקאַט בענ־וועניסטי.

א דירעקטע אָבער אינטענסיווע הילפס־טעטיקייט האָט אויך דורכ־געפירט א פּריוואַטער איניציאַטיוו־קאָמיטעט, וואָס עס האָבן געשאַפן אין 1941 די ה״ה בערטהאָלד סאַבעל, סאַלאָ שמידט, וואָלף זומער און אַדוו. עקיבא אָרנשטיין. קאַסיר פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט איז געווען דער קריסטלעכער אינזשעניער טראַיאַן פּראָקאָפּאָוויטש. די סומעס וואָס די עטלעכע מענטשן האָבן צונויפגעזאַמלט האָבן דאַן געגרייכט צו דער ווערט פון 200.000 דאָלאַר און זענען פאַרנוצט געוואָרן אויף צו העלפן סײַ די דעפּאָרטירטע ייִדן, סײַ די פאַרבליבענע אין גרוים נויט אין טשערנאָוויץ.

די פּרוּוון פון רומענישע ייִדן צו שיקן אינדיווידועלע הילף צו זייע־רע דעפּאָרטירטע קרובים און פרײַנט, האָבן זיך בײַם אָנהייב אָנגעשטויסן סײַ אויף די שטערונגען פון דער רומענישער מאַכט, סײַ אויף דער געלט־גיריקייט פון די קוריערן. מיט דער צײַט איז געלונגען אײַנצושטעלן אַן אַפּאַראַט פון רעלאַטיוו־קאָרעקטע, אָרגאַניזירטע און קאָנטראָלירטע קור־יערן, דורך וועלכע מען האָט געשיקט וויכטיקע רעגלמעסיקע הילף. די טאָ־טאַלע ווערט פון דער דאָזיקער הילף איז געבליבן אומבאַקאַנט.

## 8טער דעצעמבער 1943

אין קאָפּוסטערנא האָט דער שעף פון זשאַנדאַרמען־פּאָסט דערשאָסן צוויי קינדער, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון יענער זײַט בוג און זיך אויסבאַ־האַלטן אין דעם דאָזיקן ישוב.

## 10טער דעצעמבער 1943

די דײַטשן האָבן אין איין טאָג אויסגעהרגעט די לעצטע 438 לעבנ־געבליבענע פון לאַגער טאראסיווקע, וואָס אויף יענער זײַט בוג, און אַלע מתים אַרײַנגעוואָרפן אין איין און איינציקן קבר. כמעט אַלע זענען זיי געווען יידן, וואָס מען האָט דעפּאָרטירט אין יוני 1942 פון טשערנאָוויץ און פון דאראהוי.

דער זעלבער גורל דערוואַרט אויך די יידן וועלכע לעבן נאָך אין אבאדאווקע, טאלאלעווקע, קראסנאָפּאָלקע. ווען זיי וועלן אויך אויסגעהרגעט ווערן — וועט שוין אינגאַנצן האָבן ליקווידירט געוואָרן די מאַסע פון 3000 יידן, אָס איז דעפּאָרטירט געוואָרן אין דער לאַדיזשינער געגנט; אַ מאַסע וועלכע דער פּרעפעקט פון טולטשינער קרײַז, קאָלאָנעל לאַגין, האָט אין אויגוסט 1942 אַוועקגעשיקט דער אָרגאַניזאַציע „טאָדט", וואָס האָט זיך געפונען אין מזרח־זײַט פון מיטעלן בוג.

## 16טער דעצעמבער 1943

אַ קאָמיסיע פון אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ אונטער דער אָנפירונג פון שאַרל קאַלב, באַגלייט פון דער פאַרשטייער פון רומענישן רויטן קרייץ — פרוי יאַאַן — און פון דעלעגאַט פון רעגירונגס־פּרעזידיום און פון גאָווערנאַמענט, באַזוכט פאַרשידענע יידישע קאָלאָניעס אין טראַנס־ניסטריע. זיי זענען געפירט געוואָרן נאָר דאָרט ווו די מאַכט האָט געוואָלט און ערשט נאָך דעם, וואָס לויט אַ באַפעל האָט מען דאָרט פריער אויסגעפוצט די הייזער און די אינסטיטוציעס מיט ריין בעט־וועש און געפעס און צוגענומען פון די ביוראָען די גראַפישע טאַבעלעס און סטאַטיסטיקעס. די קאָמיסיע האָט גאָרנישט געטאָרט פאָטאָגראַפירן. די אָנפירער פון די קאָלאָניעס האָבן זיך שוין אָבער אַן עצה געגעבן, אַז די דעלעגאַציע זאָל באַקומען די ריכטיקע אינפאָרמאַציע און דאָקומענטן וועגן דער אמתער לאַגע.

## 17טער דעצעמבער 1943

אין מאָהילעוו, אין שטאָט און אין גאַנצן קרײַז, פירן די זשאַנדאַרן

דורך „ראַציעס" און כאַפּן הונדערטער יידן, וועלכע ווערן אַרײַנגעשטופּט אין וואַגאַנעס און אַוועקגעשיקט אויף אַרבעט קיין זשמערינקע.

**1טער יאַנואַר 1944**

אין אַ טאָג־באַפעל צו דער אַרמיי לכבוד נײַ־יאָר, באַהויפּטעט אַנ־טאָנעסקו אויף אַ ציניש אופן, אַז ער האָט קיינעם נישט דעפּאָרטירט און אַז די אויפפירונג פון זײַן אַרמיי איז געווען אַ מילדע און טאָלע־ראַנטע.

**7טער יאַנואַר 1944**

די רויטע אַרמיי געפינט זיך 20 קילאָמעטער ווײַט פון בראַסלעוו. דער לאַגער־קאָמאַנדאַנט פּאַראָרדנט, אַז די יידן זאָלן מער נישט אַרויסגיין אויף אַרבעט.

**10טער יאַנואַר 1944**

דאָס דײַטשישע מיליטער ציט זיך צוריק פון בראַסלעוו. אין לאַגער זענען נאָך געבליבן 120 יידן. זיי ציען אָפּ אין די וועלדער אַרײַן, צו די פּאַרטיזאַנען.

**20טער יאַנואַר 1944**

די דײַטשן גייען אַרום איבערן ישוב דערעבטשין, באַרויבן, פּייניקן און שיסן. עס זענען אויסגעהרגעט געוואָרן 11 מענטשן: נײַן דעפּאָרטיר־טע און 2 אָרטיקע.

**20טער יאַנואַר 1944**

פון ניקאָלאַיעוו זענען אַ טייל אַרבעטער אַריבערגעפירט געוואָרן קיין דומבראַווא־ווערדע. בעת די פרעסט און שנייען האָבן די מענטשן גע־ווײנט אין צוויי וואַגאָנען, צו זעכצן אין אַ וואַגאָן. די שלאָפקייטן, די נויט און דער הונגער פאַרלענדן זיי.

### 25טער יאַנואַר 1944

איבער אַ מסירה פון אַ פּראָוואָקאַטאָר — אַן אַגענט, זענען אַרעס־טירט געוואָרן אין בערשאַד עטלעכע דעפּאָרטירטע און אָרטיקע ייִדן, וועל־כע מען באַשולדיקט, אַז זיי האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט די פּאַרטי־זאַנישע אָרגאַניזאַציעס. אַזוי ווי די געגנט איז גאַנץ נאָענט צום אומאַ־נער פראָנט, איז אין שטאָט איצט טעטיק אַ דײַטשישער פעלדפּאָליציי־פּאָסטן (אָרטסקאָמענדאַנטור). די אַרעסטן האָבן דורכגעפירט דײַטשישע פּאַטרולן און אונטערלייטענאַנט פלאָרין גינעראַרוס זשאַנדאַרן. בײַם אָנהייב האָבן די אַרעסטירטע אויסגעהאַלטן שרעקלעכע עינויים, אָבער סוף־כל־סוף האָבן זיי שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן, זיך מודה געווען און אויסגע־געבן די אַלע מיט וועמען זיי האָבן געהאַט פאַרבינדונגען. די צאָל אַרעס־טירטע איז איצט שוין געשטיגן ביז 148, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען דער אַדוואָקאַט מיכאל שרענצעל, וויצע־פּרימאַר פון געטאָ, ד״ר פלייש מאַן, מילמאַן פון סאַדעגערע מיט זײַן פרוי און קינד. „אַ דאַנק" דער טיכטיקייט פון די זשאַנדאַרן זענען אַרעסטירט געוואָרן ניט נאָר די וועמען די דײַטשישע פּאָליציי האָט געפאָדערט, נאָר אויך די אַלע, וועמען מען האָט געטראָפן אין די הייזער פון די געזוכטע. אין הויז פון געטאָ־פּרימאַר, בנימין קאָרן, וועמען מען האָט אויך אַרעסטירט און וועלכער איז אָבער דערנאָך על־פּי־נס ניצל געוואָרן, האָט מען צופעליק געטראָפן 11 ייִדן, וועלכע זענען שוין אויך צוגענומען געוואָרן. נאָך 8 טעג פּייניקונגען זענען אַלע דערשאָסן געוואָרן. מען האָט זיי מקבר געווען אין צוויי געמיינזאַמע קברים, אין אַ טאָל ניט ווײַט פון דער שטאָט.

### 30טער יאַנואַר 1944

אַ גאַנצע ריי געהיימע מנהיגים פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין רומעניע פון צווישן די וויכטיקסטע ציוניסטישע אָנפירערס (ווילהעלם פי־שער, אַדוואָקאַט מ. בענוועניסטי, אַדוו. ד״ר ענטצער און אַנד.) ווערן אַרעסטירט און אײַנגעזעצט אין דער בוקאַרעשטער פּאָליציי־פּרעפעקטורע.

לויט דעם קאָמיסאַר סאַוואַ דומיטרעסקוס אַ באַפעל ווערן זיי אונטערגע־וואָרפן אַ שטרענגן רעזשים פון פייניקונגען. ה׳ ווילהעלם פישער, פאָר־שטייער פון יידישן וועלט־קאָנגרעס פאַר רומעניע, וועלכער איז דאַן אַלט געווען 58 יאָר, איז פון ערשטן טאָג אָן פאַרשפאַרט געוואָרן אין אַן ענגן און טונקעלן קאַרצער, אין וועלכן ער האָט במשך 24 שעה געמוזט שטיין גלייך, מיט די הענט אויסגעצויגן און צוגעקלעפּט צום קערפּער, מחמת די ווענט פון קאַרצער האָבן נישט דערלויבט צו מאַכן קיין שום באַוועגונג.

ערשט אין אַ וואָך אַרום האָבן זיך אָנגעהויבן די אויספאָרשונגען. די מערסטע אַרעסטירטע, בראַש מיטן אַדוואָקאַט מ. בענוועניסטי, זענען באַשולדיקט געוואָרן אַז זיי האָבן דערמעגלעכט אַריינצוקומען אין לאַנד אַריין און איבערצופירן קיין בוקאַרעשט אַ דריי הונדערט פּוילישע יידן. ה׳ ווילהעלם פישער איז באַשולדיקט געוואָרן אין אַן ערנסטערן און באַ־זונדערס־געפערלעכן חטא. באַלד אין ערשטן טאָג פון די אויספאָרשונגען האָט מען אים דערלאַנגט אַ טעקע אין וועלכער ער האָט, אַן איבעראַשטער און דערציטערטער, געטראָפן פאָטאָ־קאָפּיעס פון זיין גאַנצער קאָרעספּאָנ־דענץ מיט אויסלאַנד, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דורכן... שווייצאַ־רישן זשורנאַליסט האַנס וועלטי. אויף די דאָקומענטן זענען געווען באַמער־קונגען און אונטערשטרייכונגען וואָס עס האָט געמאַכט דער ס.ס.־הויפּט־שטורמפירער גוסטאַוו ריכטער, דער שעף פון דער יידישער סעקציע ביי דער געשטאַפּאָ אין רומעניע. וועלטי, וועמען עס איז געלונגען צו געווינען דעם צוטרוי פון די יידישע מנהיגים אין רומעניע און אין אויסלאַנד איז אין דער אמתן גאָר געווען אַ דייטשישער אַגענט. מיט דער דערלויבעניש פון זיינע הארן האָט דער שפּיאָן דורכגעפירט רעאַלע און וויכטיקע שלי־חותן לטובת דער הילפס־אַרבעט, בכדי אויף אַזאַ אופן זאָל ער קענען באַ־קומען אינפאָרמאַציעס. יעדער בריוו, אָדער באַריכט, וואָס איז דורך אים געשיקט געוואָרן קיין אָדער פון אויסלאַנד, האָט פאַרן איבערגעגעבן ווערן צו וועמען ער איז געווען אַדרעסירט — געמוזט פאָטאָגראַפירט ווערן אין דער געשטאַפּאָ.

נאָך אין דעצעמבער 1943 האָט וועלטי איבערגעריסן דעם קאָנטאַקט מיט די יידישע אָנפירערס, און אין אַ חודש אַרום איז ריכטער צוגעטראָטן

צו דער ארבעט. ער האט איבערגעגעבן די אלע דאקומענטן דער רומעני־שער „סיגוראנצא דזשענעראלא״ (לייען: רומענישע אינקוויזיציע־פאליציי, איבערז.). סיי ער, סיי ראדו לעקא האבן זיך טאג־טעגלעך אינטערעסירט אין דער פרעפעקטורע וועגן גאנג פון די אויספארשונגען און צוגעאיילט, אז עס זאל אנגעהויבן ווערן דער פראצעס. די אויספארשונגען האבן זיך געצויגן א זעקס וואכן. פאר פיינע סומעס געלט האט מען אויסגעפועלט א בעסערן רעזשים פאר די ארעסטירטע און סוף־כל־סוף האט מען לויט מיכאי אנטאנעסקוס א באפעל „ארכיווירט״ דעם גאנצן ענין. דאס איז גע־ווען נאך זיין באזוך ביים פויפסט אין הארבסט 1943 און דער עיקר — נאכן סאוועטישן אנגריף ביי אומאן, ווען מיכאי אנטאנעסקו האט פאר זיך שוין אנגעהויבן זוכן עווענטועלע „באשטעטיקונגען פון גוטער אויפפי־רונג״.

דער איינציקער פראצעס וואס איז יא ארויסגעקומען פון דעם דא־זיקן ענין איז געווען דער פראצעס קעגן האנס וועלטי. ווען די שווייצא־רישע מאכט האט אים ארעסטירט, האט ער געמוזט אנערקענען — בשעת א דראמאטישן קרייץ־פארהער מיטן ה׳ ווילהעלם פישער — אז ער איז באמת געווען א געצאלטער געשטאפא-אגענט און אז ער האט טאקע אפ־געטון די גאנצע פארעטערישע און שפיאנאזש־ארבעט אין וועלכער מען באשולדיקט אים. דאס קרימינעלע געריכט פון אאראוער קאנטאן, ווו ער איז געמשפט געווארן, האט אים פאראורטיילט אויף א יאר מיט 9 חדשים תפיסה.

## 5טער פעברואר 1944

די „רומענישע יידן־צענטראלע״ באקומט דורכן רומענישן אויסערן־מיניסטעריום 1.353.000 לעי פון פויפסט, פאר דער הילפס־ארבעט לטובת די יידן אין טראנסניסטריע.

## 7טער פעברואר 1944

א נייע גרופע פון 80 בערשאדער יידן, די גרעסטע טייל ארטיקע, ווערט ארעסטירט און באשולדיקט אין שטיצן די טעטיקייט פון די סא־

וועטישע פּאַרטיזאַנען. אויך זיי זענען געפּייניקט געוואָרן דורך די דײַטשן און דורכן אונטערלייטענאַנט פלאָרין גינעראַרוס זשאַנדאַרן.

נאָך דרײַ וואָכן עינויים קשים, זעקס טעג פאַרן אַרײַנקום פון סאָוועטישן חייל קיין בערשאַד, זענען זיי אויסגעשאָסן געוואָרן און באַערדיקט געוואָרן אין אַ דריטן געמיינזאַמען קבר אין אַ טאָלעכל, לעבן דער שטאָט.

שפּעטער זענען די אַלע מתים אויפגעגראָבן געוואָרן און זיי רוען איצט אויפן ייִדישן בית-עולם אין בערשאַד; אויף זייער מצבה, וואָס די דעפּאָרטירטע האָבן אוועקגעשטעלט, האָט דער בריטשעווער רב, ר׳ בערל יאַסער, נאָך בעת די רומעניש רדיפות זיך דערוועגט אויפצושרײַבן:

„פאַר אַן אייביקן אָנדענק דעם אייביקן חורבן
פון אייביקן פאָלק — לעולמי עד!
אין עמק הבכא, אין טאָל פון פּײַן און טרערן
אין אבלות נאָך צענדליקער טויזנטער פון פאָלק ישראל,
ווײַט פון זייערע נאָענטע און ליבע,
עלטערן און קינדער,
זויג־קינדער און געאַכטע זקנים
פאַרבריידערט דורכן טויט אין געמיינזאַמע קברים
האָבן זיי זיך קיינמאָל ניט צעשיידט!
אויסגעשטאָרבענע פאַר הונגער און פון קעלט
פאַרשלעפּטע אין דער פרעמד
און אָן פרײַהײַט
קדושים אויף דער דאָזיקער ערד
קרבנות פון רשעות
צונויפגעדריקטע בײַם לעבן און נאָכן טויט
אין שווידערלעכן יאָר ה׳תש״א — ה׳תש״ב (1941 — 1942).
צווישן טויזנטער קדושים וטהורים
זאָלן אויך דערמאָנט ווערן די דאָזיקע

מתתיהו קארפ

## „וואָס אונטער אָט דעם שטיין, אייביק זאָל זײַן זייער אָנדענק!״

(דער מחבר גיט אָט דעם עפּיטאַף אין רומעניש און ס'איז נישט שווער צו דערקענען, אַז ער איז איבערגעזעצט פון לשון קודש. דער איבערזעצער)

### 18טער מאַרץ 1944

די ייִדן וואָס זענען געווען אינטערנירט אין לאַגער וואַפּניאַרקע — וועלכער איז אויפגעלייזט געוואָרן מיט אַ האַלב יאָר צוריק — האָבן זיך נאָך אַלץ אַרומגעשלעפּט מיט זייערע צרות און ווייטיקן איבער גאַנץ טראַנסניסטריע.

די וועלכע האָבן געהאַט אַ שטיקל מזל בײַ דער סעלעקציע־קאָמיסיע פון מאַרץ 1943 האָבן, נאָכן אָנערקענט ווערן אַלס אומשולדיק, באַקומען אַ מעלדונג זיך צוריקצוקערן אין לאַנד אַרײַן און זענען אין צוויי חדשים אַרום גאָר אַוועקגעשיקט געוואָרן אין די געטאָס פון טריבודי, סאַוואַני און אָלגאָפּאָל. דאָרט האָבן זיי זיך אָנגעמוטשעט אַ גאַנצן זומער — דאָס רוב אין קאָלכאָז־שטאַלן — ווו אַ טייל איז אויסגעשטאָרבן. אַ 70 פון זיי זענען אויסגעשטאַנען כל עינויים קשים ביז זיי זענען אָנגעקומען אין טעװטאָניעשן גיהנום פון טריכאַטי. נאָך אַ סך אינטערווענצן, דינגענישן און קאַפּריזן זענען כּמעט אַלע רעפּאַטריאירט געוואָרן אין דעצעמבער 1943 און יאַנואַר 1944.

די, וועלכע זענען אַהין אָנגעבראַכט געוואָרן אין האַרבסט 1942 דירעקט פון לאַגער טירגול־זשיו, ווי אויך די 16 וועלכע די סעלעקציאָניר־קאָמיסיע האָט פּאַראורטיילט נאָך צו בלײַבן אין וואַפּניאַרקער לאַגער, זענען אין אָקטאָבער איבערגעפירט געוואָרן אין אַ לאַגער קיין גראָסאַלאַוואַ; פון דאָרט האָט מען זיי רעפּאַטריאירט קיין רומעניע אָבער ווידער אינטערנירט אין לאַגער פון טירגול־זשיו.

די וועלכע מען האָט געהאַט אָנגעבראַכט קיין וואַפּניאַרקע פון תפיסות, ווו זיי זענען שוין געהאַט אָפּגעזעסן די צוגעפּסקנטע שטראָפן וואָס

זיי האָבן זיך „פאַרדינט" פאַר זייער גלויבן און פאַר זייערע אידעאַלן — זענען אַרײַנגעפאַלן אין דער ריבניצער תפיסה.

זיי האָבן ביז איצט אויסגעהאַלטן, רעזיגנירטע און מיט האָפענונג, דעם שטרענגן תפיסה־רעזשים. דער שטורעם פון די גרויסע איבערקערע־נישן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אויפן פראָנט, איז פאַרביי אויך דורך זייערע גראטעס און זיי אָפּגעפרישט זייער אויסדויער־קראַפט. זייער גרויסער טאָג האַלט זיך אין דערנענטערן.

זינט אַ פּאָר טעג מערקט זיך אין תפיסה אַ גרויסע צערודערונג. דער קאָמאַנדאַנט, מאַיאָר טעאָדאָר דעלטשיו, איז אַוועק. מען זעט נישט מער די ביוראָ־אָנגעשטעלטע און אפילו נישט — אַ טייל וועכטערס. דערפאַר האָבן זיך אָבער באַוויזן עטלעכע נײַע וועכטערס, וואָס מען האָט אָנגע-בראַכט פון דער תפיסה אין באַלטע.

צו מיטאָג־צייט האָט מען באַפוילן, אַז אַלע אינטערנירטע זאָלן איינ־פּאַקן זייער באַגאַזש. די אַרעסטאַנטן האָבן איינגעפּאַקעוועט, וואָס זיי האָבן נאָך פאַרמאָגט אין די בינטלעך און גרופּעסווײַז געוואַרט אין די צע־לעס. עס זענען אַדורך לאַנגע און שווערע שעהן. ס'איז נאַכט געוואָרן און די מערסטע אינטערנירטע זענען אַנטשלאָפן געוואָרן. אין מיטן נאַכט ווערט די שטילקייט איבערגעריכן פון אַ גרויסן רעש. עס רײַסן זיך אַרײַן אין די צעלעס דער עלצטער וועכטער וואַלרצאַ, דער וועכטער אוצאַ פון דער באַלטער תפיסה איניינעם מיט עטלעכע דײַטשישע אָפיצירן און סאָל־דאַטן. צעטומלטע, האָבן די אינטערנירטע קוים באַוויזן צו עפענען די פאַרשלאָפענע אויגן און פון די בעסטיעס בליקן האָבן זיי שוין אַלץ פאַר־שטאַנען. מען האָט נישט געהערט קיין איין געשריי. קוים ערגעץ ווו אַ קרעכץ וועלכן עס האָט פאַרטויבט דאָס קנאַקן פון די אויטאָמאַטישע רע־וואָלווערן. עטלעכע הויך־אָפּהילכנדיקע טריט, צוערשט אין קעלער, שפּע־טער אויפן צווייטן גאָרן און צום סוף אויפן ערשטן, אַז איילנדיק דורכקאָנ־טראָלירן די מתים, נאָך אַ פּאָר קוילן „אויף יעדן פאַל" אין די, וועלכע האָבן נאָך געאָטעמט און אין דער ריבניצער תפיסה איז ווידער אַמאָל געוואָרן שווידערלעך־שטיל. צוויי און פופציק ייִדישע קעמפער האָבן דאָ

באצאָלט מיט זייער לעבן פאַרן חטא וואָס איז באַשטאַנען אין גלויבן אין א בעסערער וועלט.

אויפן צווייטן טאָג, גאַנץ פרי, האָט שוין די תפיסה געברענט פון אַלע זייַטן. די בעסטיעס האָבן געהאַפּט אַז זיי וועלן אַזוי קענען פאַרווישן די שפּורן פון זייער פאַרברעכן און פאַרן אָפּטרעטן האָבן זיי אונטערגעצונדן די תפיסה. אין אָט דעם שטיקנדיקן רויך, ווו עס האָט זיך געפילט דער ריח פון געבראָטן פלייש — איבער א קבר פון זשאר — זענען עט־וואָס שפּעטער אַרייַנגעקומען די ערשטע רויטאַרמייער. זיי האָבן שוין מער נישט געטראָפן ווי פיר מידע נפשות, וועלכע האָבן מיט ניסים אַרויסגעראַטעוועט, פון אונטער די קוילן און פון פייַער, זייער צעפּייַניקט לעבן.

## 20טער מאַרץ 1944

די לעצטע וואָכן פון דער פאַשיסטישער הערשאַפט זענען דורך אָן די אַלע צרות צו וועלכע די ייִדן האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוווינט במשך די קאַרגע דרייַ יאָר צייַט. עס האָבן שוין נישט געשלאָגן נישט די אָפּיצירן, נישט די סאָלדאַטן, נישט די פּרעטאָרס, נישט די אַפּטייקערס און נישט די וואַלד־אינזשעניערן. מען האָט שוין מער נישט צונויפגענומען קיין ייִדן נישט צו קיין אַרבעט און נישט צו קיין עוואַקואַציעס. פון די „זשידאַנעס" איז שוין גאָר איצט געוואָרן „הערן ייִדן".

אָבער א געפיל פון אומרו און באַרעכטיקטן פחד האָט נאָך שטאַרק באַהערשט די ייִדישע מאַסע. דאָס איז געווען דער פחד פאַר די שחיטות און פאַרן חורבן. וואָס די דייַטשן האָבן נאָך געקענט אָנאַרבעטן פאַרן אָפּטרעטן.

דער בליצשנעלער סאָוועטישער אָנגריף האָט נישט דערלויבט דורכצופירן די דאָזיקע לעצטע פאַרברעכנס. די רויטע אַרמיי וועלכע האָט זיך דעם 10טן מאַי אַרויסגעלאָזט פון אומאַן איז אין 5 טעג אַרום צוגעקומען צום בוג, וועלכן זי האָט נאָך אין דער זעלבער נאַכט געקרייצט און געגאַנגען אָן איבעררייַס ביז צום דניעסטער, וווּהין זי איז אָנגעקומען דעם 20טן מאַרץ.

# טראנסניסטריע

די צעוואָרפענע, דעזאָרגאַניזירטע און אויף יעדן טריט געיאָגטע רעשטלעך פון היטלערס אַרמיי זענען אַדורך, אין געלויף, דורך די ייִדישע געטאָס. שמוציקע, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, באָרוועסע און הונגעריקע דײַטשישע סאָלדאַטן פלעגן זיך פון צײַט צו צײַט אָפּשטעלן קעגן די גרופּקעלעך ייִדן, וואָס האָבן זיך נאָר וואָס געראַטעוועט פון פאַשיסטישן גיהנום, און בײַ זיי בעטלען אַ שטיקל ברויט. זיי האָבן קיינמאָל נישט באַוויזן צו דערוועקן קיין רחמנות. מיט עקל האָט מען זיי, ווו ניט ווו, צוגעוואָרפן אַ נדבה.

## קאפיטל 6

# יזכור!

## אטאקי

### נומער 160

**געדאַנקען און בילדער, געשילדערט פון געוועזענעם פאָרזיצער פון דער יידישער קהילה אין סוטשעאַוואַ און אָנפירער פון שארגאראדער געטאָ, ד"ר מאיר טייך.**

מאָנטיק, דעם 13טן אָקטאָבער 1941, אינדערפרי, האָט זיך אונדזער צוג אָפּגעשטעלט אויף א טויטער ליניע, ערגעץ אויף א בארג-אָפּהאנג אַנט־קעגן דעם אטאקיער וואקזאל. די ערד איז געווען בלאָטיק־אויסגעקנאָטן פון אזויפיל קאָנוואָיען, וואָס זענען דאָ אדורכגעגאנגען און פון א גאָס־רעגן וואָס האָט געהאלטן אין איין גיסן אָן אויפהער. די ערד איז געווען ווייך און גליטשיק, אזוי אז אפילו די יינגסטע און קרעפטיקסטע איז אָנ־געקומען שווער דאָס אראָפּגיין פון בארג.

מיר האָבן געמוזט אין דער גיך פארלאָזן די וואגאָנעס, וועלכע זע־נען געשטאנען אויף א געפערלעכן שיפּוע. די סאָלדאטן וועלכע האָבן אונדז געהיט האָבן אונדז באלד ארויסגעוויזן, ווי טיף עס האָט זיך געענדערט אונדזער מערכה. מיר זענען שוין ביי זיי אין די אויגן נישט געווען קיין מענטשן, נייערט קרעציקע הינט, וועלכע מען קען טרייבן, אָדער שלאָגן מיט שטעקענס צי מיט די פּריקלאָדן און אויף וועמענס חשבון עס איז דער־

לויבט יעדער מין שפּאַס אָדער חוזק. דעם באַגאַזש — אַ מאַסע רענצלעך און פּעק — האָט מען געדאַרפט אַרײַנוואַרפן אין די קאַנאַוועס פון שאָסיי, איינס אויף ס'אַנדערע. דער רעגן, געמישט מיט שניי, ווייקט דורך די מענטשן און די זאַכן און נעמט אונדז דורך אַלע — די גאַנצע מאַסע, וואָס איז צונויפגעדריקט ווי אַ טשערעדע און אַרומגערינגלט פון די באַוואָפנטע חיות. די אַלטע לײַט און קראַנקע בלײַבן אויך ליגן אין דער נעץ. אַרום און אַרום ליגן מתים, וואָס זענען דאָ פאַרבליבן פון פריערדיקע קאָנוואָיען. עס פעלט קיינעם נישט אײַן, אַז מען וואָלט זיי באַדאַרפט באַערדיקן. אויך אין אונדזער קאָנוואָי מוטשען זיך צוויי זקנים מיטן טויט. מן־הסתם וועלן מיר זיי אויך דאָ איבערלאָזן, הגם עס איז מעגלעך, אַז זיי וועלן עס נאָך פילן. דער האַר אין הימל וועלכער האָט אונדז פאַרלאָזט, זאָל זיי צונעמען דעם באַוווּסטזײַן און זיי שענקען אַ גיכן טויט.

טיפער נאָך ווי די פיזישע לײַדן און אפילו ווי די זאָרג פאַר מײַנע בני בית פיל איך די דערנידעריקונג און די שרעקלעכע געפאַלנקייט, וועלכע ברעכט אונדז ממש אײַן. אָן אַ שום שולד און אָן אַ שום גרינטלעכער סיבה — האָבן מיר גענצלעך אָנגעווירן יעדן מין מענטשלעכע רעכט („קאַפּיטיס דעמינוטיאָ מאַקסימאַ").

אין אַלעמענס אויגן האָט מען געקענט איבערלייענען יענעם „פאַר־וואָס?" וואָס איז געווענדט צום גורל און די שרעק פאַר דעם, וואָס עס דערוואַרט אונדז נאָך. רחמנות צו די טײַערע און ליבע, וועלכע האָסט ביז איצט געקענט באַשיצן און וועלכע דו זעסט איצט אויסגעשטעלט, אומעכטיקע, אויף יעדער געפאַר מצד די ווילד־צעיושעטע כוחות פון מענטש און נאַטור. דער באַוווּסטזײַן אַז דו קענסט זיי איצט גאָרנישט העלפן פאַרשאַפט דיר אַזאַ מין ווילדן ווייטיק, אַז עס וויל זיך דיר רעווען, דערלאַנגען קלעפּ אָדער זיך שלאָגן מיט גאָט אַליין. פון וואַנען נעמען מיר אַזויפיל ענערגיע, אַז מיר זאָלן אויפהאַלטן די נייטיקע רואיקייט, אויף צו קענען פּרוּוון עפּעס אויסצובעסערן די דאָזיקע פאַרצווייפלטע לאַגע? אויף אײַנצושאַפן עסן, זיך צו דינגען מיט פורמאַנעס (בעלי־עגלות) און אײַנ־צופעדעמען אַן אָנהייב פון אָרגאַניזירטקייט? עס איז פשוט געווען אַ נס, וואָס מיר האָבן דאַן אַלע נישט פאַרלוירן דעם קאָפּ.

אין עטלעכע שעה — אָדער יאָרן — ארום, באַקומען מיר אַ באַפעל צו גיין ווײַטער צום שטעטל אטאקי, וועלכעס ליגט — לויט מען זאָגט אונדז — אַ 500 מעטער פון דאַנען. די פורמאַנעס, די דאָזיקע ערשטע היענעס (בלוטזויגער), וועלכע פאָדערן ריזיקע סומעס פאַרן צופירן אונדז ביזן שטעטל, באַקומען וויפל זיי ווילן נאָר בײַ די איבערגעאייַלטע. מײַן ערשטער פּראָטעסט בײַם קאַפּיטאַן פּאַפּעסקו ווערט באַלוינט מיט דער־פּאָלג, היות ער רעדוצירט דעם טאַריף צו 2.000 לעי פּאַר אַ פורל, דאָס הייסט צו נאָר 20 מאָל מער ווי עס איז די געוויינלעכע פּרײַז. אויף אונ־דזער חשבון זענען אַנטשטאַנען גאָר שיינע פּערספּעקטיוון פאַר אַלע אָרטי־קע איינוווינער. קאַפּיטאַן פּאַפּעסקו ראַט אונדז „גוטוויליק" צוצואיילן די פאָרמאַליטעטן בײַ דער נאַציאָנאַל־באַנק און בײַם צאָל־אַמט, ווײַל אין אטאקי וועלן מיר נישט קריגן קיין דאַך איבערן קאָפּ, בעת אין מאָהילעוו קריגט מען נאָך גאַנץ ווילע וווינונגען. ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט אַז כל־זמן מיר וועלן גיין אין קאָנוואָי, לויערט אויף אונדז דער טויט, אָבער ער האָט שוין וואָס גיכער געוואָלט פון אונדז פּטור ווערן. און אַזוי זענען מיר געגאַנגען אויף אַ גליטשיקן פעלד־וועג, אין דער קלעפּיקער בלאָטע. די אַלטע לײַט און בכלל שוואַכערע מענטשן — אינאיינעם מיט די חפצים — אויף די וואָגנס, און מיר, די איבעריקע, פון ביידע זײַטן וועג, צו פוס. מיר האָבן נאָך געדאַרפט זײַן דאַנקבאַר פאַר אָט דעם באַזונדערן חסד, ווײַל מען האָט אונדז זייער פעסט באַטאָנט, אַז די ייִדן פון די פריערדי־קע קאָנוואָיען איז נישט דערלויבט געוואָרן צו דינגען קיין פורלעך, אַזוי אַז די שוואַכערע מענטשן און אַלע זאַכן זענען געבליבן ליגן הפקר פאַר אַלערליי חיות: מענטשן, הינט און קראָען... אויך פאַר זיי האָבן זיך איצט געעפנט שיינע פּערספּעקטיוון. ווי עס זאָל נישט זײַן — האָבן מיר גענאָסן פון ספּעציעלע פּריווילעגיעס, ווײַל פאַר אונדז זענען אַ סך אויסגעשאָסן געוואָרן און כמעט בײַ אַלע האָט מען צוגענומען די זאַכן זייערע.

אַזוי זענען מיר אינגיכן אָנגעקומען קיין אטאקי, אָדער בעסער גע־זאָגט — אַהין ווו עס איז אַמאָל געווען דער דאָזיקער מענטשלעכער ישוב. מען האָט באַשטימט אונדז אײַנצוקוואַרטירן אין דער אונטערשטער טייל שטאָט, אין דער ייִדישער געגנט, וואָס אויפן ברעג פון דניעסטער. אַלע



א קינד פון טראַנסניסטריע



אויסגעהונגערטע

זיי האָבן אוודאי געטראַכט, אַז איבער אונדז וועלן זיי איצט אַריבערגע־טריבן ווערן אויף יענער זײַט דניעסטער; וועלן געפּייניקט ווערן און וועלן מוזן אויסשטיין אַ גאַנצע קייט מיט מאַטערנישן וואָס זענען ערגער ווי דער טויט. מעגלעך אַז אַ טייל פון זיי האָט אונדז אין יענער מינוט גע־האַסט. אין קאַמף פאַרן לעבן, פאַר אַ שטיקל ברויט אָדער פאַר אַן אָרט ווו זיך אַנידערצולייגן, אפילו אין מיסט, ווערט דער מענטש פאַרוואַנדלט אין אַ חיה, וועלכע קריצט מיט די ציין אַקעגן דעם, וואָס לעבט לעבן איר, אָדער וואָס קומט זיך מיט איר צו קעמפן פאַרן שטיקל ברויט אָדער פאַרן געלעגער.

דער אמת איז אַז אונדזער אָנקום האָט טאַקע גורם געווען, אַז מען זאָל יאָגן צום דניעסטער־צו אַ טייל פון יענע, וועלכע האָבן דאָרט אויס־גערוט זייערע צעבראָכענע ביינער. ווער עס האָט געקענט לויפן, האָט זיך געביטן ס'אָרט, פּונקט ווי דער וואָס טרינקט זיך כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי, אָדער דער וואָס איז שטערבלעך קראַנק כאַפּט זיך אָן אין אַ שטראַל פון האָפענונג. מיר האָבן אוועקגעלייגט די זאַכן אויף אַן אָרט, וואָס איז עטוואָס געווען פאַרהיט פון נעץ, אין אַ צימער וואָס איז נאָר וואָס באַ־פרײַט געוואָרן. דערנאָך האָט זיך יעדער איינער פון אונדז גענומען זוכן אַ שטיקל אָרט אויף בײַנאַכט. אַ ווינקעלע, וואָס זאָל אויף וויפל ס'ניט איז זײַן טרוקן. אָבער זייער ווייניק פון אונדז האָבן אַזוינס געפונען. די מערסטע זענען פאַרבליבן אונטערן פרײַען הימל. די געפערלעכע קראַנקע און די אַלטע לײַט אָן משפחות זענען אַרײַנגעזעצט געוואָרן אין אַ הויז וואָס האָט נישט געהאַט נישט קיין טירן, נישט קיין פענצטער, נאָר אַ טרוקענעם דיל און אַ גאַנצן דאַך. פאַרנאַכט־צו האָב איך זיך גענומען זוכן מײַן מומע גאָלדע ביינער, אַ 87־יאָריקע פרוי, וועלכע האָט מיך שוין כמעט נישט דערקענט. לעבן איר ליגט ישעיה לאַנגער, וועלכער איז שוין אַריבער די 92. איינער פון די אָנגעזעענסטע בוקאָווינער געשעפטסלײַט, וועלכער האָט נאָך שטאָלצירט מיטן האָבן בײַגעווען אַלס דעלעגאַט אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל. שוין כמעט אַ בלינדער, האָט ער מיך, דאָך, נאָך עטלעכע מאָל באַזוכט אין סוטשעאַווע. זײַן פרוי רוימט אים אײַן, אַז איך בין דאָ, און ער בעט מיך איך זאָל זיך דערנענטערן.

איך לאָז זיך אַראָפּ לעבן אים אויף די קניעס און ער כאַפּט מיך אָן בײַ דער האַנט, האַלט זי אַ ציטערנדיקער און דריקט זי אַ לאַנגע צײַט. צו־ערשט קען ער נישט רעדן, ווײַל דאָס געווייַן דערשטיקט אים די רייד; אָבער ער קומט צו זיך און האַלט פאַר מיר אַ גאַנצע רעדע: „ה׳ דאָקטאָר! ווי איז עס מעגלעך געווען, אַז זיי זאָלן מיך געווען פאַרטרײַבן פון סו־טשעאַוואַ? צוריק מיט 90 יאָר בין איך דאָרט געבוירן געוואָרן. כ׳האָב דאָרט געלעבט און געאַרבעט. איך האָב איבערגענומען מײַן פאָטערס גע־שעפט און ערלעך עס אָנגעפירט במשך 60 יאָר. איך בין געווען אימפּע־ריאַלער ראַטמאַן, קאָמונאַלער ראַטמאַן, אַן אָנפירער פון דער קהילה. איך האָב זיך קיינמאָל מיט קיינעם נישט געקריגט און אין די יונגע יאָרן פּונקט ווי אויף דער עלטער בין איך געווען געליבט און געאַכט בײַ איטלעכן. איר דאַרפט מיר צוזאָגן אַז איר וועט באַלד אָוועקשיקן אַ מעמאָראַנדום צו אַלע קאָמפּעטענטע אינסטאַנצן, אין וועלכן איר וועט זיי דערמאָנען אַלץ, וואָס איך האָב דאָ איצט געזאָגט און איר זאָלט פאָדערן, אַז מיר זאָלן צוריקגעשיקט ווערן, ווײַל מיר זענען צוויי אַלטע מענטשן. אין סו־טשעאַוואַ האָבן מיר זיך שוין אפילו צוגעגרייט די קברים און מצבות פאַר אונדז ביידע. עס פעלט נאָר נאָך אויסצוקריצן אויפן שטיין דעם טאָג פון אונדזער טויט. זאָל מען אונדז לאָזן דאָרט שטאַרבן, אָדער אויב עס איז נישט מעגלעך אין סוטשעאַוואַ, טאָ זאָל מען אונדז שיקן קיין פּאַלטיטשען, די שטאָט וווּ מײַן פרוי איז געבוירן געוואָרן און וועלכע איז פאַר אונדז שטענדיק געווען אַ צווייט פאָטערלאַנד. איך וויל שוין מער גאָרנישט, ווי נאָר באַגראָבן צו ווערן אין דער ערד פון פאָטערלאַנד".

עס איז אים באַפאַלן אַ געוויין און ער האָט שוין מער נים געקענט רעדן. הגם איך אַליין האָב שוין אויך נים געקענט אײַנהאַלטן דאָס געוויין, האָב איך אָבער זיך געפּרוווט אים טרייסטן און אים אַלץ צוגעזאָגט, אַבי אים צו באַרואיקן. אין אַ שעה אַרום איז ער אויסגעגאַנגען. איך האָב אים מקבר געווען אויפן ברעג פון דניעסטער. הײַנט איז דאָרט מער נישטאָ קיין שום צייכן. אונטער דער מצבה מיט דער געמיינזאַמער אויפשריפט פון סוטשעאַווער בית־עולם רוען הײַנט נאָר שאַרלאַטע לאַנגערסביינער. זי איז געווען די איינציקע זקנה פון דער שטאָט, וועלכע האָט אויסגע־

האלטן אלע עינויים קשים פון טראנסניסטריע און געהאט געגוג כוח זיך אומצוקערן אהיים און צו שטארבן אויף דער ערד פון פאטערלאנד.

איר, וועלכע האט אין יענער ציַיט געוווינט אין איַיערע אייגענע וווי־נונגען און געשלאפן אין איַיערע אייגענע בעטן, איר וועט זיך קיינמאל נישט קענען פארשטעלן וויפל מיר האבן געליטן, ווי שווידערלעך עס איז געווען אונדזער נויט, ווי גרויזאם אונדזער ווייטיק און ווי טראגיש עס איז דער טויט — וויַיט פון דער היים. יזכור! דערמאנט זיך אין יענע אלע, וועלכע שטארבן אויף די וועגן!

ס'איז א שטאק פינצטערניש, א נעץ, שמוץ, געשרייען, געוויינען, און דאך שטייען נאך מענטשן אויף די פיס. עלטערן האבן פארלוירן קינ־דער; קינדער האבן פארלוירן עלטערן. כאאס! מען זוכט, מען שריַיט, מען רעוועט, מען שעפטשעט. הונגער, יסורים, פארצווייפלונג, טויט! אומ־זיסט פרווט מען טרייסטן, בארויקן. קיין עסן קריגט מען ניט און די מערסטע לייגן זיך שלאפן הונגעריקע, מיט שרעק פארן מארגנדיקן טאג און מיטן באגער אז די נאכט זאל זיַין א לאנגע און א רויקע. כמעט קיי־נער שלאפט ניט און דאך גייט די נאכט גיך אריבער און מיט א ציטערנ־דיק הארץ זעען מיר צו דעם אויפגאנג פון א נייַעם טאג. באלד זענען אנ־געקומען די פויערים מיט אביסל מילך און ברויט. אבער זיי מאנען פאנ־טאסטישע פריַיזן און די מערסטע זענען ניט בכוח דאס צו באצאלן.

פלוצים דערהערט זיך פון דער וויַיטנס א טויב געמורמל, וואס ווערט וואס אמאל שטארקער און העכער, ביז עס פארוואנדלט זיך אין א געיא־מער. עס קומען אן די יעדינעצער יידן. זיי זענען נאקעט, הונגעריק, און ווערן געיאגט ווי א סטאיע הינט. אט זענען זיי שוין צוגעקומען. איך וועל קיינמאל ניט פארגעסן דאס דאזיקע בילד. עס שטייען נישט פאר מיר קיין מענטשלעכע באשעפענישן. אויסגעהונגערטע, אנגעטועטע אין שמאטעס — שלעפן זיי זיך קוים. זיי ציטערן, קרעכצן און וואיען. אין זייערע אויגן איז דא טויט־שרעק פונקט ווי אין די אויגן פון א חיה, וואס ווערט געיאגט פון א מחנה הינט אונטער א געפייף פון קוילן. די דאזיקע טשערעדע, וואס ווערט געיאגט און געשלאגן מיט בייַטשן און מיט סאלדאטסקע ביקסן, רירט זיך איינפארמיק, מיט נאכלעסיקע באוועגונגען, געמוטשע־

טע, כמעט אומבאוווסטזיניקע. די בעסטיעס דערלויבן קיינעם נישט זיך אָפּצושטעלן און יאָגן אַלץ ווײַטער צום דניעסטער צו, צו דער ספּלאַווע, צום גיהנום צו. אָבער מיר רינגלען זיי אַרום און אין די געציילטע רגעס פֿון גערודער, באַווײַזן מיר זיי אַרײַנרוקן אַביסל עסנוואַרג, אַנטועכץ און אַפֿילו אָוועקצוגנבענען עטלעכע פֿון זיי און זיי צו באַהאַלטן צווישן זיך. די סאָלדאַטן באַווײַזן אָבער גיך צו צערײַסן אונדזער קרײַז און נאָכן ווי־דער־פֿאַרמירן דעם קאָנוואָי, דערהער איך צום ערשטן מאָל דעם באַפֿעל, וועלכער וועט מיר פֿון איצט אָן און ווײַטער אַזוי אָפֿט סווישטשען אין די אויערן: „ווער עס קען נישט גיין ווײַטער, זאָל בלײַבן אַרונטער — וועט ער דערשאָסן ווערן".

מיר זעען קלאָר דאָס גאַנצע בילד פֿון אונדזער צוקונפֿט. איך וואַרף אַ פֿאַרגנבעטן בליק צו מײַן זון, וועלכער איז נאָר וואָר אויפֿגעשטאַנען פֿון אַ שווערער קרענק און נייטיקט זיך איצט אין רו און אין אַ גוטער דערנערונג. מײַנע אויגן באַגעגענען זיך מיט דעם שווידער, וואָס אין די אויגן פֿון מײַן פֿרוי, וועלכע טראַכט און זאָרגט איצט נאָר וועגן איר קינד. איך באַווײַז קוים אַ טראַכט צו טון וועגן מײַן אַלטער מאַמען און וועגן אַלע מײַנע ליבע און עס כאַפּט מיך אָן אַ ווילדע ווייטיק, אַ ציטער, ספּאַזמען, און עס דרייט זיך מיר דער קאָפּ. איך הער דאָס שעפּטשען פֿון מײַן פֿרוי, וועלכע רעדט מיך צו, אַז מיר זאָלן איניינעם אַראָפּשלינגען דאָס סם וואָס מיר האָבן זיך צוגעגרייט נאָך פֿאַרן אַרויסלאָזן זיך פֿון סוטשעאַווע. אונ־דזער יינגל שטעלט זיך קעגן און מיטן גאַנצן לעבנס־דאָרשט פֿון זײַנע אַכצן יאָר געפֿינט אויס אַלערליי ענטפֿערס און דערמוטיקנדיקע אַרגומענטן קעגן אונדזער באַשלוס. איך ווייס ניט, וועלכער אַרגומענט עס איז געווען דער איבערצייגנדיקסטער. אפֿשר דער אַרגומענט וועגן נקמה־נעמען. בכדי אונדז צו מונטערן און אונדז אָנצורעגן צו לעבן און צו ווידערשטאַנד, האָט ער, מיט זײַן צאַרטן גוף און נאָך נישט רײַפֿן שׂכל, איבערגענומען די לייצעס אין זײַנע הענט. ער באַפֿרײַנדעט זיך גיך מיטן ד"ר אברהם רײַכער, וועלכער איז אויך נישט עלטער פֿון 33 יאָר אָבער אַן אוצר פֿון ענערגיע און, איניינעם מיט מײַן שוואָגער, שמואל נויבערגער — אויך אַ

יונגערמאַן פול מיט לעבן — פאַרמירן זיי דאָס ערשטע קעמערל פון נשמהדיקן ווידערשטאַנד און דעם אָנהייב פון אונדזער אָרגאַניזירטקייט.

ד״ר אברהם רייכער איז געווען דער ווילן, שמואל נויבערגער דער סטימול און אַלעקסאַנדער גדעון טײַך, מײַן גוטער גידי, איז געווען — געדאַנק און קלוגער ראַט — וועלכע האָבן אונדז באַשיצט און, שפּעטער, אין די שווערסטע מאָמענטן, געראַטעוועט. אַטאַקי האָט זיי פאַרהאַרטעוועט, פּונקט ווי עס האָט אַנדערע צעטרייסלט, צעשרויפט. אָבער דער גורל איז געווען שטאַרקער פון זיי און קיין איינער האָט נישט דערלעבט אפילו אַ טראָפּן פון דער נצחון־פרייד. זייערע קערפּערס מאַכן איצט פעט די אוקראַינער ערד, אויפן אַלטן שאַרגאַראָדער בית הקברות. שמואל נויבערגער איז געשטאָרבן דעם 26טן פעברואַר 1942 און ד״ר אברהם רייכער בלויז אין עטלעכע טעג אַרום, דעם 3טן מאַרץ.ביידע האָט זיי אַוועקגעלייגט דער פלעק־טיפוס. מײַן זון איז געשטאָרבן דעם 15טן אויגוסט 1943 און אין צוויי טעג אַרום האָב איך אים אַרײַנגעלייגט אין איין אָרון מיט זײַן מאַמען, אַנאַ טײַך, מײַן הייליקע פרוי, וועלכע האָט נישט געקענט און נישט געוואָלט איבערלעבן איר איינציק קינד.

יזכור! טראַכט וועגן אַט די אײדעלע קדושים, אויסדערוויילטע מאַרטירערס צווישן די הונדערטער טויזנטער קרבנות, וואָס זענען פאַרבליבן אין אוקראַינער ערד. מיט אַט־די האָט מען זיך לכל הפחות מתעסק געווען ביז זייער לעצטער רגע. זייער לעצטער בליק האָט זיך באַגעגנט מיט די ליבשאַפט־בליקן פון זייערע נאָענטסטע. זיי זענען געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל און אויף זייערע קברים וואַכן כאָטש מצבות. דערמאָנט זיך אין די אַלע וועמענס לעצטער בליק האָט זיך באַגעגנט מיט שנאה־בליקן; די אַלע, וועלכע זענען געשטאָרבן איינע־אַליין, פאַרלאָזטע, פון הונגער, פון פראָסט אָדער פון די פאַרשאָלטענע קוילן, און זענען אפילו נישט באַערדיקט געוואָרן. איך האָב געזען די קערפּערס פון אַזעלכע קדושים אין סקאַזינעץ, אין ספּיקאַוו, אין פּעטשיאָרא און אין נעמיראָוו.

אַטאַקי! ווער קען דיך באַשרײַבן און ווער וועט דען קענען פאַרשטיין די מעשׂיות וועגן דיר. ס'איז אַ שוואַכקייט אַזאַ, אָדער אפשר גאָר אַ מעלה פון דער מענטשלעכער נשמה, נישט צו באַנעמען די ווייטיק דאָן

ווען מען לעבט זי נישט איבער אויפן אייגענעם גוף. דעריבער וועט אטאקי פארבלייבן ווי א סוד בלויז פאר אונדז, די אלע, וועלכע האבן זיך דארט געראנגלט ווי אין א שטייג, אויף אירע פארדרייטע געסלעך. ווי אזוי זאל קענען פארשטיין אט דעם סוד יענער, וועלכער האט נישט געזען ווי קרעפטיקע מענטשן פאלן פליצים אנידער צו דער ערד אן אטעם, אדער ווי געזונטע מענטשן גייען מיטאמאל אראפ פון די געדאנקען. איך זע נאך אויך איצט פאר מיר ראזשע שטיין, די אלמנה פון אדוואקאט ד"ר שמואל שטיין, וועלכע האט געמיינט, אז זי איז ביי זיך אין שטאט און אז זי האט פארבלאנדזשעט ערגעץ אויף אומבאקאנטע גאסן. מיט וואסא-רא העפלעכקייט די אומגליקלעכע האט זיך געהאלטן אין איין בעטן אויף רעכטס און אויף לינקס: „איך בעט אייך, זייט אזוי גוט און פירט מיך אפ צו מיר אהיים. איר ווייסט, איך וווין אין דעם זעלבן הויז ווו עס איז ווינערס בוכהאנדלונג". איך זע אויך יענעם אומגליקלעכן וועלכער האט מיטאמאל אנגעהויבן צו רעווען און צו קוויטשען אויפן הויכן קול און צו דראען, אז אויב מען וועט אים נישט געבן קיין עסן, נעמט ער דעם ערשטן צוג און פארט זיך צוריק אהיים. איך זע אויך אט די אלע, וועלכע זענען צו מיר געקומען — אין אן אנפאל פון קאלעקטיוון שגעון — מיך צוצו-ציען צו פאראנטווארטלעכקייט: „למאי האט איר אונדז אהער אנגע-בראכט?"

און איך זע, ווייטער, פאלק ישראלס לאנגע, אומענדלעכע קאנוואיען, וואס זענען אהין אנגעקומען, שוין נאך אונדז. איך זע די פון ראדאוויץ, פון גורא הומארולוי, פון וואטרא דארנעי, ווי זיי ציטערן דערשראקענע, אזוי ווי מיר גופא האבן געציטערט מיט א טאג פריער. איך זע אויך יע-נע, וועלכע האבן זיך פארגנבעט און זענען אריבער נאך ווייטער פון מא-הילעוו און האבן זיך צוריקגעקערט. ביים טויער פון גיהנום שילדערן זיי אונדז דאס גיהנום גופא און מיר קענען ניט וויסן ווו עס איז פחדימדי-קער. מיר דערוויסן זיך, אז ביזן אנקומען אהין, דארפן מיר פריער דורכ-גיין דורך אלע צאל־אמטן פון דער ערד און אז איבערן וואסער איז דא א נייער „כאראן", אין אן אוניפארמע פון א סאלדאט אדער פון אן אפיציר, א נאך זשעדנערער און ווילדערער ווי יענער וואס אויפן ברעג פון מיטא-

לאַגישן סטיקס, וועלכער באַגנוגנט זיך נישט מיטן מטבעלע פון דער לעגענדע, נײַערט ער נעמט אַלץ צו, ביז ער פּילט אָן זײַן זאַק וואָס איז אָן אַ דנאָ. און אַז מען קומט שוין אַריבער אויף יענער זײַט נעמען די פאַרשאָלטענע אויף די „טשערעדע“ מיט נאהייקעס און מיט בײַטשן, ביז זיי פירן זיי אָפּ צו יענעם שוידערלעכן הויז, אָן טירן און אָן פענצטער, וואָס איז נאָך נעכטן געווען אַ קאַזאַרמע, איז הײַנט אַ לאַגער און וועט מאָרגן זײַן אַ קבר.

עס האָט אונדז גערעטעוועט ד״ר רייכערס ענערגיע. ער איז אַהין אַריבער פאַר אונדז. ער האָט זיך דאָרט געבעטן, זיך געבוקט, פּראָטעסטירט, געדראָט און באַצאָלט. דער עיקר — באַצאָלט. ער האָט אָפּגעקויפט אַלץ, וואָס איז נייטיק געווען, כדי אויפן צווייטן טאָג זאָלן מיר קענען אַריבערגיין דעם דניעסטער אָן יסורים און בײַם אַריבערקומען קיין מאהילעוו, זאָלן מיר באַקומען אַ נײַע האָפענונג. ווען מיר זענען נאָר אַרײַן אין שטאָט אַרײַן, האָבן מיר דערהערט דעם ערשטן באַפעל: „די גרופּע ד״ר טײַך גייט נישט אין לאַגער אַרײַן. עס איז פאַר איר רעזערווירט דער קינאָזאַל“. ווען מיר האָבן געזען, אַז מיר געפינען זיך אונטער אַ גאַנצן דאַך, ווו מיר קענען אויסציען די מידע ביינער, לעבן אונדזערע ניט־באַרירטע בעבעכעס, האָבן מיר פאַרגעסן דעם אַטאַקיער פּראָלאָג.

מיר האָבן פאַרגעסן די ווייטיקן, מיר האָבן פאַרגעסן דעם גאַנצן חוזק, מיר האָבן פאַרגעסן דעם טויט. אויף אַ רגע האָבן מיר פאַרגעסן, אַז ערשט מיט עטלעכע שעה פריער — אויפן אַנדערן ברעג, האָט מען אונדז צוגענומען אַלע דאָקומענטן און אַז איצט געפינען מיר זיך אין אָט דעם פרעמדן לאַנד, בײַם אָנהייב פון אַ נײַ לעבן, אַלס מענטשן אָן נעמען, אין אומענדלעכער נויט.

ד״ר מאיר טײַך.

# הוספות

## איניקע דאָקומענטן

**פון רעדאַקציע:**

דערמיט איז דער פאַקטישער מאַטעריאַל וועגן לעבן, ליידן און אומקום פון די ייִדן אין בעסאַראַביע, בוקאָווינע און דאָראָהויער קרייז בכלל און אין טראַנסניסטריע בפרט, פאַרענדיקט.

מיר געפינען אָבער פאַר נייטיק צו געבן איניקע דאָקומענטן, וועלכע, ווערטערלעך, אָדער תמציתדיק איבערגעזעצט, וואָס באַקרעפטיקן די שוידערלעכע פאַקטן און געבן אפילו צו איניקע נייע פרטים.

מיר ציען די באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט אויף דעם דאָקומענט נומער 219, דעם ציניש־צביעותדיקן טאָג־באַפעל פון מאַרשאַל יאָן אַנטאָנעסקו צו דער רומענישער אַרמיי, וואָס איז אויסן געווען צו אָפּנאַרן די קומענדיקע היסטאָריקער. דער דאָזיקער דאָקומענט איז איבערגעזעצט ווערטערלעך און ער וועט אַריינגיין אין דער געשיכטע אַלס די גרעסטע פעלשונג, וואָס אַ מענטש האָט אַמאָל געמאַכט.

## נומער 161

דער לעצטער אלארם- און יאוש־סיגנאל וואס איז ארויסגעשיקט געווארן פון אטאקי פארן אריבערגיין דעם דניעסטער, מצד דעם פארזיצער פון דער יידישער קהילה אין ראדאוץ, י. פרעסנער, צום פארזיצער פון דער פעדעראציע פון די קהילה־פארבאנדן אין רו־מעניע, ד"ר וו. פילדערמאן.

דעם ה' וו. פילדערמאן
פרעזידענט פון דער פעדעראציע פון יידישע קהילה־פארבאנדן.
ה' פרעזידענט,

איך, דער אונטערגעחתמעטער, איזידאר פרעסנער, עקס־פרעזידענט פון דער יידישער קהילה אין ראדאוץ, ווענד זיך צו אייך פון דאנען, דאס הייסט פון אטאקי, ווו מיר, אלע ראדאוצער יידן, גע־פינען זיך, איינעם מיט א סך יידן אויך פון אנדערע בוקאווינער ישו־בים, מיט א געשריי פון יאוש, אז איר זאלט אונדז ראַ־טעווען פון דער פארצווייפלטער לאגע אין וועלכער מיר געפינען זיך.

אייך איז אוודאי באקאנט, אז דעם 14טן אקטאבער האט מען אונדז אלע עוואקואירט און אנגעבראכט אהער, כדי אונדז דא אריבערצופירן איבערן דניעסטער און אונדז אוועקצושיקן ערגעץ קיין אוקראינע, אן א שום ציל. פון דאנען און ווייטער ווערן מיר געשיקט אן שום טראנספארט־מיטלען אין אן אומבאקאנטער ריכטונג אריין. די גרעסטע טייל, וואס גייט אריבער איבערן דניעסטער בלייבט אן א פיצל דאך איבערן קאפ, אונ־טערן הוילן הימל, אויף רעגן, בלאטעס און קעלט. א קליינע טייל געפינט זיך נאך דא אין אטאקי. דא זענען שוין אויסגע־שטארבן הונדערטער פערזאן און א סך זענען משוגע געווארן, בעת אנדערע זע־נען גאר באגאנגען זעלבסטמארד. איך בין נישט בכוח אייך איבערצוגעבן דורך אט דעם בריוו אונדזער גאנצן צער און די לאגע אין וועלכער מיר געפינען זיך.

איין זאַך איז קלאָר. אויב מיר וועלן נישט געראַטעוועט ווערן באַלד וועט קיין איינער פון די אַלע אומגליקלעכע נישט בלײַבן לעבן. לויט אונדזער מיינונג זאָל זיך דערווײַל האַנדלען אין אַ 25.000 נפשות, וועלכע געפינען זיך אין דעם מאָמענט טיילווײַז אויף די וועגן קיין אוקראַינע־צו, אַ טייל אין מאָהילעוו, און אַ טייל נאָך דאָ, אין אַטאַקי.

לויט מיר זענען אינפאָרמירט, וועלן אויך מיר — די וועלכע געפינען זיך איצט אין אַטאַקי — העכסטנס אין צוויי טעג אַרום, אַריבערגעוואָרפן ווערן איבערן דניעסטער, בכדי פון דאָרט זאָלן מיר געשיקט ווערן ווײַטער.

מיר בעטן אײַך דרינגענדיק, אַז איר זאָלט באַלד טון אַלץ וואָס איר וועט נאָר קענען, בכדי צו פועלן אַ גיכע רעטונג, אַז מיר זאָלן לכל הפחות געשיקט ווערן ערגעץ אין אַ לאַגער אַרײַן מיט טראַנספּאָרט־מיטלען, איבערן ווינטער, אויב עס איז נישט מעגלעך קיין אַנדערע, גינסטיקערע לייזונג.

שטעלט אײַך פאָר אונדזער פאַרצווייפלונג און מיר בעטן אײַך נאָך אַמאָל ראַטעוועט אונדז פון די נעגל פון טויט אין דער לעצטער רגע.

קיין שום הילף־ אָדער רעטונגס־מיטל וועט נישט האָבן קיין שום פעולה, אויב עס וועט נישט קומען טעלעגראַפיש.

לשם אינפאָרמאַציע שטרײַכן מיר אונטער, אַז אין די לעצטע טעג זענען שוין אָהער נישט אָנגעקומען קיין עוואַקואַציע־טראַנספּאָרטן, אַזוי אַז מען איז זיך משער, אַז עס זאָל שוין זײַן אַ נײַע פאַראָרדענונג, לויט וועלכער עס זאָל האָבן אָפּגעשטעלט געוואָרן די עוואַקואַציע פון די בוקאָווינער ייִדן און היות מיר זענען נאָך דאָ־הי בעטן מיר, אַז מיר זאָלן אויך אַרונטערגענומען ווערן אונטער דער דאָזיקער עווענטועלער פאַראָרדענונג.

מיט פולער אַכטונג (—) י. פּרעסנער

אַטאַקי, 22טער אָקטאָבער 1942.

מתתיהו קרפ

# די קאָנסטיטואירונג פון ערשטן ייִדישן קאָמיטעט אין מאהילעוו
## נומער 162

הײַנט, דעם 18טן נאָוועמבער 1941,

מיר, געאָרגע קולנעוו, סובפּרעפעקט פון מאהילעווער קרײַז, אַזוי ווי מיר זענען מינדלעך באַאויפטראַגט געוואָרן מצד דעם ה' פּרעפעקט פון מאהילעווער קרײַז צו גרינדן אַ קאָמיטעט, בכדי צו קאָאָרדינירן די ענינים אין שייכות מיט דער אַרבעט פון די עוואַקואירטע ייִדן, וועלכע וווי־נען איצט פּראָוויזאָריש אין מאהילעווער קרײַז.

נעמענדיק אין אַכט די רשימה פון די מיטגלידער, וועלכע זאָלן אַרײַנ־גיין אין דעם דאָזיקן קאָמיטעט, וועלכע איז געזען און באַשטעטיקט גע־וואָרן מצד דעם ה' פּרעפעקט פון מאהילעווער קרײַז, דעם 17טן נאָוועמ־בער 1941, און וועלכע מיר לייגן בײַ צו דעם דאָזיקן פּראָטאָקאָל, האָבן מיר הײַנט, בײַ דער אָנוועזנהייט פון ה' אַלעקסאַנדרו איוואַנאָוו, בירגער־מייסטער פון דער שטאָט מאהילעוו, און ניקאָלאַיע סקוטעלניקו, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער מוניציפּאַליטעט פון דער שטאָט מאהילעוו, באַ־שטימט אויף זײַן פּאָסטן דעם קאָמיטעט וואָס זאָל קאָאָרדינירן די ענינים אין שייכות מיט דער אַרבעט פון די ייִדן, וואָס זענען באַזעצט געוואָרן אין דער שטאָט מאהילעוו און אין מאהילעווער קרײַז. דער קאָמיטעט באַ־שטייט פון די ווײַטער־אויסגערעכנטע מיטגלידער:

לאופער פייוול, קאַסטנער הערמאַן, שעפלער סאַלאָ, פּרעסנער איי־זיג, וההאַרזינגער לעאָן, אינזש. יעגענדאָרף זיגפריד, ד"ר הילזענראַד סי־מאָן, ד"ר קעסלער יאָנאַס, ד"ר טײַך מאיר, קליפּער מאָריץ, פלײשער אַב־רהם, קאַץ מאָזעס, אינזש. וואָלפּזאָן עמנואל.

און אַלס דאָקטוירים פון קאָמיטעט: ד"ר דרוקמאַן יוסף, ד"ר שטײַן עליאַס.

דער קאָמיטעט, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן אויף דער ערשטער זיצונג פון צווישן די באַשטימטע מיטגלידער, וועט אויסוויילן אַ פּאָרזי־צער, צוויי וויצע־פּאָרזיצערס, אַ קאַסיר, אַ בוכהאַלטער און אַ סעקרע־טאַר.

דער ה׳ פּרעפעקט האָט דעם אויסגעוויילטן קאָמיטעט געגעבן די נייי־טיקע אינסטרוקציעס וועגן זיין פונקציאָנירונג און אויפמערקזאַם גע־מאכט, אַז אין פאַל ווען דער קאָמיטעט זאָל נישט אויספירן די דאָזיקע אינסטרוקציעס וועט ער באַשטראָפט ווערן און עס וועט קיין שום ייִדן נישט דערלויבט ווערן פּערזענלעך אַריינצוטרעטן אין קיין אינסטיטוציע פון דער שטאָט אָדער פונעם קרייז, מחמת אַלע תרעומות וועלן דאַרפן אויפגענומען און באַנטפערט ווערן נאָר דורך דעם באַשטימטן קאָמי־טעט.

ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט זענען מצד דעם ה׳ סובפּרעפעקט אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם אויסגעוויילטן קאָמיטעט די אָנווייזונגען, בנוגע דער באַשפּייזונג פון די ייִדן, וועלכע זענען פאַרבליבן אין שטאָט.

יעדער מין באַשלוס פון אויסגעוויילטן קאָמיטעט וועט מיטגעטיילט ווערן דעם ה׳ סובפּרעפעקט דורך אַ ספּעציעל־אויסגעאַרבעטן פּראָטאָקאָל.

די מיטגלידער פון קאָמיטעט זענען אַלע ביינגעווען ביים איבערגעבן אים די מאכט, האָבן גענומען צו קענטעניש דעם דאָזיקן פּראָטאָקאָל און דערקלערט, אַז זיי זענען מסכים אויף זיין גאַנצן אינהאַלט.

דער קאָמיטעט וועט אינטערווענירן ביי דער פּרעפעקטורע פון מאַ־הילעווער קרייז, צושטעלנדיק אַ רשימה פון די מיטגלידער מיט זייערע משפּחות, בכדי צו באַקומען די אויטאָריזאַציעס צום פאַרבלייבן און רע־פּרעזענטירן.

עס איז דעריבער אויסגעאַרבעט געוואָרן דער דאָזיקער פּראָטאָקאָל אין דריי עקזעמפּלאַרן פון וועלכע איינער ווערט אַרויסגעגעבן דעם אויס־געוויילטן קאָמיטעט, דער צווייטער וועט איבערגעשיקט ווערן דער פּרע־פעקטורע פון מאַהילעווער קרייז, און דער דריטער וועט אויפגעהיט ווערן אין דער פּרימאַריע פון דער שטאָט מאַהילעוו.

מאַהילעווען פּאָליציי־סובפּרעפעקט פּרימאַר פון דער שטאָט מאַהילעוו

(—) א. איוואַנאָוו (—) ג. קולנעוו

גענעראַל־סעקרעטאַר (—) נ. סקוטעלניקו

מתתיהו קארב

# אויטאָריזאַציעס צו פאַרבלײַבן אין מאהילעוו

## נומער 163

### מעמאָראַנדום אויסצוג 1)

אין דער דאָזיקער אַלגעמײנער ראַם פון װילקירלעכן און אומרעגל־מעסיקן געלט־זאַמל, גײען אַרײַן אויך די 500.000 לײַ וואָס עס האָט באַקומען דער מאהילעװער סובפּרעפעקט, מאַיסעוו.

אָט ווי דאָס איז פאָרגעקומען:

דער עוואַקואירטער ייִד דאַנילאָוו איז געקומען אין דער פּרעפעקטורע, באַגלייט פון נאָך אַ ייִדן — יאַנקו מאַלקאַשי — און צוגעשטעלט דעם סובפּרעפעקט מאַיסעוו, בײַ אים אין ביוראָ, אַ ביטע אַז עס זאָל דערלויבט ווערן צו פאַרבלײַבן אין שטאָט אַ גרופּע פון 176 משפּחות (646 נפשות); גלײַכצײַטיק האָט ער אָנגעבאָטן אַ האַלבן מיליאָן לײַ אַלס מתנה פאַרן זשודעץ.

דער סובפּרעפעקט מאַיסעוו, וועלכער האָט גראָד אין יענעם טאָג פאַרטראַטן דעם פּרעפעקט (לייטנ. קאָלאָנעל באַלעאַנו איז געהאַט גערופן געוואָרן צום גובערנאַטאָר), נעמט צו די ביטע און זאָגט דאַנילאָוון, אַז ער זאָל קומען דעם אַנדערן טאָג.

אַז דאַנילאָוו מיט מאַלקאַשין זענען צום צווייטן מאָל געקומען צום סובפּרעפעקט מאַיסעוו, האָט מען זיי געמאָלדן, אַז זייער ביטע איז באַשטעטיקט געוואָרן.

פאָלגלעך האָבן דאַנילאָוו און מאַלקאַשי איבערגעגעבן דעם האַלבן מיליאָן לײַ אין באַנקנאָטן פון צו תק׳ערלעך און טויזנטערס; דערויף האָט דאַנילאָוו באַקומען 4 פאָרמולאַרן אויף וועלכע די פאַרבלײַב־דערלויבעניש איז געווען אָנגעשריבן מיט אַ שרײַבמאַשינקע; לויט דעם האָט ער דערנאָך אַרויסגעשריבן אין שטאָט די דערלויבענישן פאַר די 176 ייִדן.

1) דער מעמאָראַנדום איז, זעט אויס, אויסגעאַרבעט געוואָרן בכדי אים צוצושטעלן דעם טראַנסניסטריער גובערנאַטאָר.

די דאָזיקע 176 דערלויבענישן זענען שפּעטער איבערגעגעבן געוואָרן דעם סובפּרעפעקט מאַיסעוו, וועלכער האָט זיי אונטערגעחתמעט און צוגעשיקט דאַנילאָוון. דאַנילאָוו האָט זיי, פון זײַן זײַט, איבערגעגעבן די באַטרעפנ־דיקע ייִדן, וועלכע זענען פאַרבליבן אין מאָהילעוו, ווו זיי געפינען זיך עד היום. די ביטע אין וועלכער די דאָזיקע דערלויבענישן זענען געבעטן גע־וואָרן און אין וועלכער עס איז אויך דערמאָנט, די שפּענדונג פון א האַלבן מיליאָן לײ — איז נישט צום געפינען אין דער פּרעפעקטורע. מען האָט דאָרט אָבער יאָ געפונען די רשימה פון די ייִדן פאַר וועמען עס זענען גע־בעטן געוואָרן די אויטאָריזאַציעס.

ווען דאַנילאָוו האָט געזען, אז דער ציל איז דערגרייכט געוואָרן, האָט ער, לויט די אַלטע ייִדישע דרכים, אויסגענוצט די באַדינגונגען און צוגע־שטעלט א נײַע ביטע וועגן נאָך 166 ייִדן, אָנגעבנדיק אין דער דאָזיקער ביטע, אז ער בעט די דערלויבענישן צו פאַרבלײַבן אין שטאָט אויך פאַר די דאָזיקע ייִדן „לויט די זעלבע באַדינגונגען, וואָס אין דער ערשטער בי־טע“. דער סובפּרעפעקט מאַיסעוו האָט שוין נישט געקענט אָפּזאָגן אויף דער דאָזיקער נײַער ביטע; האָט ער זי באַשטעטיקט, ארויסגעגעבן די גע־העריקע אויטאָריזאַציעס און די ייִדן זענען פאַרבליבן.

אז מ׳האָט דעם סובפּרעפעקט מאַיסעוו געפרעגט צי ער האָט באַקומען דעם האַלבן מיליאָן לײ, האָט ער עס געלייקנט.

די ייִדן דאַנילאָוו און מאַלקאַשי באַהויפּטן, שריפטלעך און מינדלעך, אז זיי האָבן דאָס דאָזיקע געלט געגעבן.

בײַ א קרײַץ־פאַרהער (קאָנפראָנטאַציע) וואָס איך האָב דורכגעפירט צוזאַמען מיטן אדמיניסטראַטיוון גענעראַל־אינספּעקטאָר, ה׳ דומיטרו שטעפאַנעסקו, בײַ וועלכן עס איז בײַגעווען אויך דער ה׳ פּרעפעקט, לײַט־נאַנט-קאָלאָנעל באַלעאַנו; מאַיסעוו לייקנט אז ער זאָל האָבן באַקומען דאָס געלט, דאַנילאָוו און מאַלקאַשי באַהויפּטן קאַטעגאָריש און עקשנות־דיק, אז זיי האָבן דאָס געלט געגעבן. אזוי ווי דאָס נעמען דאָס געלט איז פאָרגעקומען אין ביורא פון סובפּרעפעקט מאַיסעוו און עס איז דערבײַ קיינער ניט געוועזן חוץ די צוויי איבערגעבערס, קען מען מער מיט גאָר־

נישט נישט באַוויזן, אַז דער סובפּרעפעקט מאיסעוו האָט דאָס געלט איינ־געקאַסירט און זיך צוגענומען.

ווען מען נעמט אָבער אין אכט, אַז ייִדן וועלכע זענען געבליבן אין מאהילעוו האָבן אומצייליקע מאָל געגעבן געלט, דאָס הייסט אַז עס זענען פאַראַן גענוג פּרעצעדענטן; אַז דער פאַל לשם וועלכן דאָס דאָזיקע געלט איז געגעבן געוואָרן, איז דערגרייכט געוואָרן דערמיט וואָס די ייִדן האָבן באַקומען דערלויבענישן וועלכע זיי האָבן אויסגעשטעלט ביי זיך אין דער היים און זיי זענען פאַרבליבן אין מאהילעוו; דער פאַקט וואָס עס עקזיס־טירט די צווייטע ביטע מיט „די זעלבע באַדינגונגען וואָס זענען פאַרגעזען אין דער ערשטער ביטע"; די מורא פון די ייִדן עפּעס אַ פּיפּס צו טון ווען וועלכן ס'ניט איז געגעבענעם כאבאר, מיטן אויסנאַם פון דעם איצ־טיקן פאַל בשעת זיי זענען געצוווּנגען געוואָרן זיך מודה צו זיין וועגן דער דאָזיקער מתנה, נאָך דעם, וואָס עס זענען געפונען געוואָרן געוויסע ידיעות אינעם אינפאָרמאַציע־ביוראָ פון דער זשאַנדאַרמען־לעדזשיונע; האָלט איך פאַר אומעגלעך, אַז די דאָזיקע ייִדן זאָלן פּרוּוון און האָבן דעם מוט — ביי דער לאַגע אין וועלכער זיי געפי־נען זיך — צו מאַכן ליגנערישע דעקלאַראַציעס; אַזוי אַז די אַלע מאָמענטן זענען גענוג זיכערע באַוויזן, וואָס מען קען נישט אָפּלייקענען, אַז דאָס געלט איז געגעבן געוואָרן און אַז דער סובפּרעפעקט מאיסעוו האָט עס גענומען.

די מאָהילעווער זשאַנדאַרמען־לעדזשיונע האָט מיטגעטיילט דער מאָ־הילעווער פּרעפעקטורע, אין שריפטלעכן ראַפּאָרט נומ. 172 פון 30טן נאָ־וועמבער 1941, וועגן די אומרעגלמעסיקייטן וואָס ווערן באַגאַנגען, אָבער אַלץ פירט זיך דאָך ווי ביז איצט.

מיטטיילנדיק אייך דאָס אַלץ, בעט איך אייך עס צו באַטראַכטן און אָנצונעמען אַ באַשלוס וועגן די מיטלען וואָס דאַרפן אָנגענומען ווערן, היות די אויבנדערמאָנטע אַדמיניסטראַטיווע פונקציאָנאַרן זענען באַגאַנגען די ווייטער־אויסגערעכנטע פאַרברעכנס:

**1. — מאָראַליש:**

זיי האָבן געטריבן אַ מיאוסן האַנדל און געשאַפן הכנסה־פאָנדן, וועל־

כע זענען אַ טיפע באַליידיקונג פאַרן נאַציאָנאַלן סענטימענט, דערמיט, וואָס זיי האָבן גורם געווען אַז עס זאָלן נישט אויסגעפירט ווערן די באַ־פעלן אויסצורייניקן דאָס לאַנד פון די פיינטלעכע יידישע עלעמענטן, וועלכע זענען געפערלעך פאַר דער זיכערקייט פון דער מלוכה.

**2. — יורידיש:**

א. מיסברויך מיט זייער מאַכט (אַרט. 245־248 פון שטראָף־געזעצבוך)

ב) כאַבאַר (אַרט. 250־251 ש. ג. ב.)

ג. אומבאַרעכטיקטע צונעמעכצער (אַרט. 238־241 ש. ג. ב.)

ד. זיי האָבן עובר געווען אויף די פאַראָרדענונגען, וואָס אין געזעץ וועגן עפנטלעכער בוכהאַלטעריע.

טראַנסניסטריער זשאַנדאַרמען־אינספּעקטאָר
(—) קאָלאָנעל ע. בראַשטעאַנו ל. ס.

---

## די גרויסע עפּידעמיע פון פלעק־טיפוס
## נומער 166

**אויסצוג פון אַ מאָנאָגראַפיע וועגן שאַרגאַראַדער געטאָ, וואָס עס האָט אויסגעאַרבעט די געטאָ־אָנפירערשאַפט דעם 15טן יאַנואַר 1944, אויף דער פאָדערונג פון רומעניש̈ן סאָציאַלן אינסטיטוט.**

איינע פון די וויכטיקסטע סיבות פון דער שטערבלעכקייט בכלל און פון דער קרענקלעכקייט בפרט, איז געווען דער אַלגעמיינער טרויעריקער סאַניטאַרער און היגיענישער צושטאַנד ביי די דעפּאָרטירטע אין דעם דאָזיקן געטאָ. עס זענען דאָרט אפילו ניט אָפּגעהיט געוואָרן די עלע־מענטאַרסטע פּרינציפּן פון היגיענע, אָדער פּראָפילאַקטיק. בכדי געגויער צו אילוסטרירן דאָס אויבן געזאָגטע, וועלן מיר באַטראַכטן יעדן איינעם פון די דאָזיקע היגיענע־פּרינציפּן און גלייכצייטיק אָנווייזן זייער עוואָ־לוציע במשך די צוויי יאָר און דריי חדשים וויפל עס געדויערט שוין די דאָזיקע דעפּאָרטאַציע.

קיין עפנטלעכער אַמט פאַר געזונט־אָפּהיטונג איז בכלל נישט גע־

ווען. די טאָפּאָגראַפיע פון שטעטל שאַרגאראד איז אַזאַ מין, אַז אַן אמתע געזונט־אָפּהיטונג איז דאָרט בכלל געווען אומעגלעך. כמעט אַלע שטיבער זענען געבויט געוואָרן קויט אַן אַקטן סטיל פון ווינציקסטנס 80 יאָר צו־ריק, אָן אַ פּיצל פרייַ פּלאַץ אַרום און אָן אַ שום אַרכיטעקטאָנישן סדר ניט אינעווייניק און ניט אין דרויסן. די מערסטע זענען געמאַכט געוואָרן פון ליים און דאָס אַליין האָט שוין פאַרשווערט אונדזער־קאַמף פאַרן דער־גרייכן אַ מינימאַלע מעגלעכקייט פון געזונט־אָפּהיטונג. קיין קלאָזעטן זע־נען בכלל נישט געווען, נישט קיין עפנטלעכע און נישט קיין פּריוואַטע. די פּראַקטיק באַפעלקערונג איז געוווינט געווען צו צעשפּרייטן דאָס טינוף אַרום די הייזער, אָדער אויף די פרייַע פּלעצער. קיין מעגלעכקייטן דאָס מיסט צו פאַרניכטן איז בכלל נישט געווען און אפילו נישט — עס צו פאַרשיטן אין גריבער. דעריבער זענען די גאַסן כסדר געווען שמוציק.

אַזוי בערך זענען אויך געווען די הייזער מיט די שלעכט־געלופטער־טע צימערן מחמת 99 פּראָצענט פענצטער זענען שטענדיק געווען פאַר־מאַכט, אַזוי אַז די אויסלופטערונג פלעג געמאַכט ווערן דורך איין און איינציקער שויב.

געגנוג וואַרעם איז אוודאי נישט געווען, ווייל מען פלעג הייצן איין הרובע וואָס פלעג דאַרפן אָנוואַרעמען 3־2 צימערן.

אָבער דער הויפּט־פאַקטאָר, וועלכער האָט זייט בייַ זייט מיט די אויבן־אויסגערעכנטע סיבות גורם געווען צו דער גרויסער עפּידעמיע פון פלעק־טיפוס פון ערשטן ווינטער און וואָס איז בכלל געווען דאָס הויפּט־פּראָבלעם בייַם באַקעמפן די דאָזיקע עפּידעמיע, איז געווען דאָס וואָס כמעט די גאַנצע הונדערט פּראָצענט פון דער געבירטיקער באַפעלקערונג איז געווען איינגעטונקען אין פּאַראַזיטן.

ענג־פאַרבונדן מיט דער פאַרלויזיקייט פון דער באַפעלקערונג איז געווען דער הויפּט־גורם פון אַלע עפּידעמיעס: דער עפּידעמישער כאַראַק־טער פון אַלע אָנשטעקיקע שלאַפקייטן, ווי אויך דאָס, וואָס עס זענען גע־ווען סאָציאַלע שלאַפקייטן.

אַן אַנדער גאָר־וויכטיק פּראָבלעם איז געווען דאָס פּראָבלעם פון וואַ־סער צום טרינקען.

אין גאנץ שארגאראד זענען נישט געווען מער ווי 4 קערנעצעס, וועלכע האָבן ניט אַנטשפּראָכן קוואנטיטאטיוו מיט דער גאנצער מאסע דעפּאָרטירטע און פון קיין שום שטאנדפונקט אויך נישט קוואליטאטיוו, היות עס זענען ביי זיי נישט אפגעהיט געוואָרן די עלעמענטארסטע כללים פון היגיענע: זיי זענען בכלל נישט געווען צוגעדעקט און אויף אזויפיל נישט גענוגנדיק ארומגעצוימט, אז דער גאנצער שמוץ פון ארום פלעג אין זיי קענען אריינפליסן. זיי האָבן אויך נישט געהאט קיין באשטענדיק־צו־געטשעפּעטע עמערס, אזוי אז יעדער איינער האט דארט געקענט אריינ־רוקן זיין אייגענעם עמער און דערמיט כסדר אינפעקטירן דעם ברונעם. וואסערלייטונג איז געווען איינגעפירט נאָר אין עטלעכע שטיבער, אָבער בעת דער מלחמה איז זי סיי־ווי־סיי צעשטערט געוואָרן. עס זענען נישט געווען קיין שום מיטלען פאר קערפּערלעכער היגיענע. די שטאטישע באָד איז חרוב געוואָרן און עס איז נייטיק געווען א סך צו האָרעווען בכדי זי ווידער אויפצובויען. זיך ריין מאכן דעם קערפּער אין דער היים איז כמעט געווען אוממעגלעך איבער דער ענגשאפט אין וועלכער די דעפּאָרטירטע האָבן געלעבט.

קיין זייף איז כמעט נישט געווען און אויב מען האט שוין געקענט באקומען א שטיקל איז נאָר פאר איבערגעטריבענע פּרייזן. קיין דעפּאראַ־זיטאציע־מיטלען זענען נישט געווען. די דעפּאראטיזאציע־אפּאראטן אויף דאמף זענען אינגאנצן געווען קאליע און ס'איז ניט מעגלעך געווען זיי צו לאָזן אין גאנג. פּעטראָל האט מען געקענט קריגן נאָר צו זייער הויכע פּרייזן; דאָס זעלבע איז געווען מיט האָלץ צום הייצן.

אזוי איז געווען די אַלגעמיינע לאַגע פון געטאָ בשעת די דעפּאָר־טירטע זענען אהין אָנגעקומען.

בכדי צו געבן א פול בילד און בכדי צו באשרייבן גענוי דעם סאני־טארן צושטאנד אין געטאָ, דארפן מיר אויך דערמאָנען — פון סאני־טארן שטאנדפונקט — דאָס איבערפירן די דעפּאָרטירטע אין געטאָ אריין.

דאָס פּלוצימדיקע ארויסרייסן אזא גרויסע מאסע פון די וווין־ערטער און דאָס ראפּטעמדיקע עוואקואירן זי, האט גורם געווען א פּסיכישן

„שאַק", וואָס האָט געשפּילט אַ זייער וויכטיקע ראָל בשעת די שווערי־קייטן פון די ערשטע אָרגאַניזיר־פּראָוון.

דאָס ערשטע גרויסע פּראָבלעם, וואָס האָט זיך פאַר אונדז געשטעלט ביי אונדזער אָנקום קיין שאַרגאראַד, איז געווען דאָס פּראָבלעם פון דירות.

אַרום און אַרום זענען געווען 337 הייזער. דורכשניטלעך האָט יעדעס הויז געהאַט 2־3 צימערן. די גרעסטע טייל זענען געווען קליינע, אָן מעבל און אָן אַ שום צוגעהעריקייטן. בסך הכל זענען געווען 842 צי־מערן, וועלכע האָבן געקענט אַריינגעמען העכסטנס צו 2 ביז 3 פּערזאָן.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין שאַרגאַראַד האָבן מיר דאָרט געטראָפן אַן ערך 1800 אָרטיקע ייִדן. אין דער זעלבער צייט האָט די צאָל דעפּאָר־טירטע, וואָס זענען אָנגעקומען אין שטעטל שוין געגרייכט צו 7000 נפשות. דעריבער איז דאָס דאָזיקע פּראָבלעם פון ערשטן מאָמענט אָן גע־וואָרן זייער שאַרף. מען האָט נישט געקענט אויסמיידן דאָס שאַפן זיך פון געמיינזאַמע וווינונגען און דאָס האָט געפירט צו דער גיכער און עקספּלאָ־זיווער אויסשפּרייטונג פון פלעק־טיפוס. די דאָזיקע געמיינזאַמע דירות זענען אַממערסטן געווען פאַרנומען פון דאָראָהויער ייִדן, וועלכע זענען אָנגעקומען די לעצטע אין שטעטל און שוין מער ניט געטראָפן קיין פּלאַץ. גלייכצייטיק איז זייט ביי זייט מיט דעם דאָזיקן פּראָבלעם איז אויך גע־שטאַנען די פראַגע פון דערנערונג.

דערפאַר, ווייל עס איז דאָ באַזעצט געוואָרן אַזאַ גרויסע מאַסע דע־פּאָרטירטע, איז באַלד געקומען צו אומנאָרמאַלע פּרייזן פאַר לעבנסמיט־לען, ווייל עס איז אַנטשטאַנען אַ צו גרויסער נאָכפרעג אין פאַרגלייך מיטן נאָרמאַלן אָנבאָט.

אַזוי אַרום האָט די באַפעלקערונג, ס'רוב אַ פאַראָרעמטע, זיך מער נישט געקענט איינשאַפן די מינימאַל־נייטיקע באַשפּייזונג. גלייך פון אָנ־הייב אָן האָט שוין די מאַסע אָנגעהויבן צו ליידן פון אונטערדערנערונג. ביי וואָס צו פאַרדינען איז אַבסאָלוט נישט געווען. די איינציקע מעגלעכ־קייט צו קריגן עפּעס אויף צו עסן איז געווען דאָס אויסבייטן די מלבושים אויף לעבנסמיטלען.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען, ביי וועלכע די גאַנצע באַפעלקערונג איז

באַלד פול געוואָרן מיט פּאַראַזיטן; ביי אַזאַ מאַנגל אין וווינונגען, וואָס האָט געפירט צו ענגשאַפט און צונויפגעמישטקייט; ביי אונטערדערנערונג; ביי אַזאַ מין פסיכישן „שאָק", וואָס איז געקומען פון דעם עצם פּלוצימדיקן דעפּאָרטירט ווערן און בעיקר — איבער דעם ענדעמישן כאַראַקטער וואָס דער פלעק-טיפוס האָט מיט זיך דאָרט פאַרגעשטעלט — האָט זיך אין דער צווייטער העלפט פון חודש נאָוועמבער אָנגעהויבן די גרויסע עפּי־דעמיע פון פלעק־טיפוס, פון ערשטן ווינטער.

אין דעם מאָמענט זענען נישט געווען בנמצא קיין מיטלען פון סעראַ־לאָגישער אונטערזוכונג. אויף דעם דאָזיקן גרונט און אויך דערפאַר, ווייל די ערשטע פאַלן זענען נישט געווען קיין טיפּישע, איז די עפּידעמיע דיאַג־נאָסטיצירט געוואָרן ערשט אַרום מיט פון חודש נאָוועמבער. אין שטאָט איז געווען אַ שפּיטאָל פאַר אַנשטעקיקע קראַנקייטן מיט אַן אויפנעם־פעיִקייט פון 25 בעטלעך.

אַזוי ווי אין נאָוועמבער 1941 איז נאָך געווען זייער שווער פעסטצו־שטעלן די פלעק־פאַלן, קען מען רעכענען אַז די אמתע עפּידעמיע האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אין דעצעמבער בעת עס זענען רעגיסטרירט געוואָרן 15 פאַלן, פון וועלכע איינער איז געווען אַ שטערבלעכער.

אויף אַזאַ אופן האָט אונדז די עפּידעמיע אַ פּאַק געטון אינגאַנצן אומאָרגאַניזירט אָן די עלעמענטאַרסטע פּראָפילאַקטישע איינאָרדענונגען און אינגאַנצן אָן מעדיקאַמענטן.

אין יאַנואַר 1942 איז שוין די צאָל איזאָלירטע פאַלן געשטיגן ביז 99 מיט 13 טויטע, דאָס הייסט — 13,13%.

אָבער דאָס שטעלט מיט זיך פאָר נישט מער ווי אַ קליינע טייל פון דער גרויסער מאַסע חולאים, פאַר וועלכע עס האָבן נישט געקלעקט די בעטלעך אין שפּיטאָל און זיי זענען געבליבן ליגן ביי זיך אין דער „היים". אין דעם חודש האָט מען אָנגענומען די ערשטע באַקעמף־מיטלען. עס ווערן פאַריכט די דעפּאַראַזיטירונגס־אַפּאַראַטן אויף דאַמף. עס האָט ווידער אָנ־געהויבן פונקציאָנירן די שטאָטישע באָד, וווּ מען האָט אַריינגעשטעלט אַ גרויסן דעזינפעקציע־אַפּאַראַט אויף דאַמף פאַר 400 פּערזאָן אַ טאָג. אָבער נעמענדיק אין אַכט, וואָס אַ גרויסע טייל פון דער באַפעלקערונג איז געווען

איינגעטונקען אין פאראזיטן, און באזונדערס דערפאר, וואס די עפידעמיע האט זיך שטארק גיך אויסגעשפרייט, ווייל מען האט נישט געקענט איזאלירן די פארשידענע פאלן, האבן די דאזיקע ערשטע מיטלען כמעט נישט געהאט קיין שום ווירקונג.

אין דעם דאזיקן חודש הייבן אן פארשלאפט צו ווערן די דאקטוירים. אין פעברואר שפרייט זיך די עפידעמיע אויס אויף אן עקספלאזיוון אופן און עס איז שוין דאן כמעט נישטא קיין הויז אן קראנקע. אנטקעגן דער גרויסער צאל נישט־איזאלירטע פאלן, ווערן איזאלירט בלויז 111 פאלן פון וועלכע 14 זענען שטערבלעכע, דאס הייסט 12%.

אין דעם חודש ווערן פארשלאפט די מערסטע דאקטוירים, דאס הייסט 20 פון די 24, וואס זענען אינגאנצן דא. עס שטארבן 12 — דאס הייסט 52%. מעדיקאמענטן פעלן נאך אלץ אויס.

אין מיטן חודש פעברואר ווערט געגרינדעט א צווייטער איזאלירונגס־שפיטאל, וואס ווערט איינגעארדנט און אויסגעהאלטן דורך דער קאלאניע. ער האט אן אויפנעם־פעיקייט פון 100 בעטלעך. עס ווערט איינגעפירט אבליגאטארישע איזאלירונג, באזונדערס פאר יענע קראנקע, וואס געפינען זיך אין די געמיינזאמע וווינונגען.

די באפעלקערונג ווערט מיט געוואלד געפירט אין דער שטאטישער באד, אבער נישט קאנדיק אויף אלע אנשטרענגונגען, וואס עס מאכן די עטלעכע נישט־פארשלאפטע דאקטוירים, האלט די עפידעמיע אן אלץ די זעלביקע פראפארץ, מיט א טענדענץ צו דערגרייכן די העכסט־מעגלעכע אויסשפרייטונג.

אין חודש מארץ גרייכט די עפידעמיע צו איר הויכפונקט מיט 460 איזאלירטע פאלן און מיט א 12־פראצענטיקער שטערבלעכקייט. אבער נעמענדיק אין אכט די מאקסימאלע אויפנעם־פעיקייט פוןביידע איזאליר־שפיטאלן, זענען נאך אלץ געבליבן נישט־איזאלירטע פאלן.

די עפידעמיע האלט ווייטער אן במשך דעם חודש אפריל. זי הייבט שוין איצט אן שוואכער צו ווערן, אבער מיט א נאך־גרעסערער שטערבלעכקייט ווי פריער; זי גרייכט שוין צו 36 פראצענט.

אַלע פאַלן ווערן איזאָלירט. עס ווערן אָנגענומען שטרענגע באַקעמ־פונגס־מיטלען דורך: דאַמף־דעזינפעקציע־אפאַראַטן, אָפּשערן, בעדער, פּע־טראָליזירונגען.

אין די נאָנטסטע חדשים ווערט די עפּידעמיע גיך פאַרקלענערט אַזוי אַז אין יוני 1942 איז זי שוין אינגאַנצן אויס.

סך הכל זענען פאַרשלעפּט געוואָרן במשך די דאָזיקע עפּידעמיעס 2414 פּערזאָן, פון וועלכע עס זענען אויסגעשטאָרבן 1449, דאָס הייסט — אריבער 60 פּראָצענט.

נאָך אַן איבערייס פון 3 חדשים באַווייַזן זיך אין אָקטאָבער 1942 ווידעראַמאָל פאַלן פון פלעק־טיפוס. דאָס מאָל טרעפט אונדז שוין אָבער די עפּידעמיע אָרגאַניזירטע און צוגעגרייטע.

פון מאַי 1942 אָן איז דאָס געטאָ איינגעטיילט געוואָרן אין סעקטאָרן און יעדער סעקטאָר האָט געהאַט זייַן דאָקטאָר און סאַניטאַר. עס ווערן טעגלעך דורכגעפירט זוכונגען אין די הייזער. במשך דעם גאַנצן זומער ווערט די באַפעלקערונג ראַדיקאַל אויסגערייניקט פון פּאַראַזיטן. יעדער פאַרדעכטיקטער פאַל ווערט באַלד איזאָלירט אין שפּיטאָל.

אַזוי, אַז ווען אין אָקטאָבער באַווייַזן זיך די ערשטע פאַלן פון פלעק־טיפוס, איז נישטא פאַראַן קיין איין פיבערדיקער, פאַרדעכטיקער אָדער ניט־איזאָלירטער פאַל.

מחמת די דאָזיקע סיבות בלייַבט די עפּידעמיע בייַ אַ נידעריקן ני־וואָ: אָקטאָבער 4 פאַלן און איין טויטער. נאָוועמבער — 9 פאַלן און איין טויטער. דעצעמבער — 7 פאַלן און איין טויטער. יאַנואַר 1943 — 5 פאַלן און איין טויטער און פעברואַר — דער לעצטער פאַל, וואָס ווערט געגעזן.

סך־הכל: 25 פאַלן מיט 4 טויטע — דאָס הייסט 16 פּראָצענט.

דערמיט ווערט אָפּגעשלאָסן די פלעק־טיפוס־עפּידעמיע, וועלכע איז געווען איינע פון די הויפּט־סיבות פון דער שטערבלעכקייט אין דעם דאָ־זיקן געטאָ.

אַן אַנדערע עפּידעמיע, אפשר ניט אַזאַ געפערלעכע פון שטערבלעכ־

קייט־שטאנדפונקט, אָבער נית קיין ווייניקער וויכטיקע אַלס אַ פּראָבלעם צום לייזן, איז געווען די עפּידעמיע פון טיפוס און פון פּאראטיפוס.

ווי עס איז שוין אויבן געזאָגט געוואָרן, זענען אויך די דאָזיקע שלאַפּ־קייטן געווען ענדעמישע אין דער דאָזיקער געגנט און זיי האָבן נאָך געפונען אַ זייער גינסטיקן באָדן אין דער גרויסער מאַסע דעפּאָרטירטע, וועלכע זענען געווען אי אונטערדערנערט אי אָפּגעשוואַכט פון דער נאָר־וואָס פּאַרענדיקטער פלעק־טיפוס־עפּידעמיע.

דאָס ערשטע מיטל וואָס האָט געמוזט אָנגענומען ווערן באַלד ביים אָנהייב אין שייכות מיט דער פּראָפילאַקסיס פון דער דאָזיקער עפּידעמיע, איז געווען בנוגע דער פראַגע פון טרינק־וואַסער.

אין אַפּריל 1942 האָבן מיר פאַריכט די ברונימער פון דער שטאָט. מיר האָבן זיי אויסגערייניקט און דעזינפעקטירט און געטון אַלץ מעגלעכע, אַז זיי זאָלן זיין וואָס היגיענישער.

מיט גרויס מי זענען אויך פאַריכט געוואָרן די עלעקטרישע סטאַנציע און די וואַסער־לייטונג, אַ דאַנק דער אַרבעט און הוצאות פון דער קאָלאָניע.

עס איז געעפנט געוואָרן אַ זייף־פאַבריק. עס איז אויף אַ פּערפעקט־היגיענישן אופן איינגעאָרדנט געוואָרן אַ וואַסער־קוואַל. עס זענען אַרויס־געגעבן געוואָרן אינסטרוקציעס דער באַפעלקערונג צו טרינקען, אָדער נאָר קוואַל־וואַסער, אָדער געזאָטענע וואַסער. עס ווערט איינגעפירט אָבליגאַטאָרישע פּאָקן־שטעלן דער גאַנצער באַפעלקערונג קעגן בויך־טיפוס. עס ווערן אַזוי אַרום איניעקטירט 2207 פּערזאָן. ס׳ווערט איינגעאָרדנט אַן אַפּטייק פאַר דער קאָלאָניע מיט אַלע אומבאַדינגט־נייטיקסטע מעדיקאַמענטן.

איבער דער ספּעציעלער טאָפּאָגראַפיע פון דעם דאָזיקן שטעטל, וואָס מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, איז געווען אומעגלעך צו צווינגען די באַפעלקערונג, אַז זי זאָל בויען פּריוואַטע קלאָזעטן. אויף די ליידיקע פּלעצער ווערן אויפגעבויט 6 עפנטלעכע קלאָזעטן מיט 48 אָפּטיילונגען.

טראָץ דעם גאַנצן ווידערשטאַנד אויף וועלכן מען האָט זיך אָנגעשטויסן מצד די אָרטיקע איינוווינער, וועלכע האָבן נישט פאַרשטאַנען

למאי מען באדארף בכלל די קלאָזעטן, האָבן זיי דאָך אָפּגעדינט ביזן ווינ־טער. אַז דער ווינטער האָט געטון אַ נעם און קיין האָלץ איז נישט גע־ווען, האָט די אָרעמסטע טייל פון דער באַפעלקערונג ביסלעכווײַז צעשלעפּט דאָס ביסל געהילץ פון וועלכן די קלאָזעטן זענען געהאַט געמאַכט געוואָרן. די פאַרבליבענע גריבער זענען דעזינפעקטירט און צוגעדעקט געוואָרן. פון דעם דאָזיקן מאָמענט אָן איז אײַנגעפירט געוואָרן אַ דינסט פון גענצלעכער מיסט־פאַרניכטונג, וואָס האָט זייער גוט פונקציאָנירט.

אַלע חורבות פון דער שטאָט, וועלכע האָבן זיך געהאַט פאַרוואַנדלט אין אמתע אינפעקציע־קוואַלן, האָט מען דעמאָלירט און סאַנירט. אַ גרוי־סע שול אין וועלכער עס פלעג ווױנען אַ גאַר גרויסע צאָל אָרעמעלײַט און זי איז שוין דעריבער געהאַט געוואָרן אַ פּערמאַנענטע אינפעקציע־נעסט, האָט מען אײַנצט דעמאָלירט און די אײַנוווינערשאַפט האָט מען דעפּאַרא־זיטירט און צעשפּרייט איבער די איבעריקע שטאָט־קוואַרטאַלן.

אָבער טראָץ די אַלע מיטלען האָט זיך דאָך די טיפוס־עפּידעמיע באַ־וויזן אין די חדשים יוני און יולי דורך נישט־טיפּישע פאַלן און זי האָט נעגרייכט אין אויגוסט צום הויכפּונקט פון 37 פאַלן. אין די ווייטערדיקע דרײַ חדשים איז די עפּידעמיע פאַרקלענערט געוואָרן און אין נאָוועמבער 1942 איז זי שוין אינגאַנצן געווען אויס.

דאָך האָבן זיך נאָך אין די חדשים דעצעמבער 1942 און יאַנואַר 1943 באַוויזן אָפּגעזונדערטע טיפוס־פאַלן. סך־הכל זענען רעגיסטרירט געוואָרן 92 טיפוס־פאַלן מיט דרײַ טויטע, דאָס הייסט מיט דרײַ און אַ האַלבן פּראָצענט און פון פאַראַטיפוס — 5 פאַלן מיט איין טויטן, אָדער צוויי פּראָצענט. אין די ווינטער־חדשים זענען די טיפוס־ און פאַראַטיפוס־פאַלן געווען אָפּגעזונדערטע און האָבן סך־הכל געגרייכט ביז 12. אין פרי־לינג 1943 איז אינטענסיפיצירט געוואָרן די פּראָפילאַקטישע און היגיע־נע־טעטיקייט. עס ווערן דאַן איניעקטירט 295 פערזאָן קעגן בויך־טיפוס און עס ווערן אויפסנײַ איניעקטירט 1003 פערזאָן.

די עפּידעמיע לעשט זיך אינגאַנצן אויס אין נאָוועמבער 1943. זינט דאַן איז מער נישט פאַרצייכנט געוואָרן קיין איין פאַל פון אַן אָנשטעק־קיקער קראַנקהייט.

קענן די דערוואַרטונגען האָט די דיזענטעריע נישט דערגרייכט צו דער הויך פון די צוויי פריער געשילדערטע עפּידעמיעס. די איזאָלירטע פאַלן האָבן זיך באַוויזן אין די חדשים יוני און יולי 1942 דערגרייכנדיק אין אויגוסט צו אַ הויכפּונקט פון 11 פאַלן.

אַרום און אַרום זענען רעגיסטרירט געוואָרן אין זומער 1942: 39 פאַלן מיט 8 טויטע, דאָס הייסט אַ שטערבלעכקייט פון צוואַנציק פּראָ־צענט.

די עפּידעמיע איז אַנטשטאַנען דערפאַר, ווײַל עס איז ניט געווען קיין שום איינריכטונג פאַר דער אָפּהיטונג פון פאָלקס־געזונט. אַמהעכסטן איז זי געשטיגן בעתן סעזאָן פון פּרוכטן־קליוב, דערפאַר ווײַל דעמאָלט האָט זיך די אָרעמע באַפעלקערונג דאָס רוב דערנערט מיט די דאָזיקע פּרוכטן.

חוץ די אויבן געשילדערטע עפּידעמישע שלאַפקייטן זענען נאָך רע־גיסטרירט געוואָרן אין דעם דאָזיקן געטאָ אַנדערע שלאַפקייטן מיט אַן עפּידעמישן כאַראַקטער: קאַטאַר־געזוכט, גאַסטראָ־ענטעריטיס, פיבער מיט אַ רעצידיוון דויער פון 5 טעג, ניט־דערנערטקייט־שלאַפקייטן און מענסטרואַציע־שטערונגען.

## ניט־דערנערטקייט־שלאַפקייטן. —

מחמת די אויבן־אָנגעוויזענע מאָטיוון האָט די באַפעלקערונג, באַ־זונדערס די אָרעמסטע טייל, גיך דערגרייכט צו אַ הויכן גראַד פון וויטאַ־מינען־מאַנגל און צו אַ כוחות־אָפּשוואַכונג. פאַלגלעך האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן די שלאַפקייטן, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַזאַ מין לאַ־גע: אַ צושטאַנד פון גענצלעכן כוחות־אויסלאָז מיט דעם באַקאַנטן ספּע־ציפישן בילד. נעמלעך: דאָס געשוואָלן ווערן פון הענט און פיס. ווען דאָס האָט זיך אויסגעברייטערט — האָט זיך עס איינגעטיילט אין צוויי גראַדן:

א) היילבאַרע, דאָס הייסט אַזעלכע וועלכע האָבן זיך בײַ אַ בעסע־רער דערנערונג כמעט אינגאַנצן אויסגעהיילט;

ב) אומהיילבאַרע („אירעווערסיבלע") — ביי וועלכע צו די הענט־און־פיס־געשוואָלנקייטן זענען נאָך צוגעקומען גאַסטראָ־ענטעריטיס; אַ

שלײמיקער, אײַטערנדיקער, און בלוטנדיקער שטול־גאַנג, װעלכע האָבן געפירט צום סוף.

פון דער ערשטער קאַטעגאָריע (הײלבאַרע) זענען געװען אַן ערך 1200 פאַלן, װעלכע זענען אין אַ גרױסער מאָס פאַרשװוּנדן װען עס איז געגרינדעט געװאָרן דער ייִדישער שפּיטאָל, דאָס בית־יתומים, די פאָלקס־קיך און די קאַנטינע.

פון דער צװײטער קאַטעגאָריע (אומהײלבאַרע) זענען געװען אַן ערך 50 פאַלן — אַלע שטערבלעכע.

דער צושטאַנד פון אונטערדערנערטקייט צוזאַמען מיט אַ מאַנגל אין מלבושים און האָלץ, האָט געבראַכט אַ גרױסע צאָל בראַנדן אין די לעצטע פינגער־גלידלעך. די גרעסטע טײל פון די דאָזיקע בראַנדן איז צו דער צײַט אױסגעהײלט געװאָרן. עס זענען אָבער דאָך געבליבן דערפון אַ סך אינװאַלידן. צװישן די „מאַנגל־שלאַפקײטן" זענען ספּעציעל געװען: אָנ־צינדונג פון די יאַסלעס („גינגיװיטיס") און מױל־אָנצינדונג („סטאָמאַ־טיטיס").

## די מענסטרואַציע־שטערונגען

באַזונדערס דאָס גענצלעכע אָפּשטעלן זיך פון דער מענסטרואַציע, האָבן זיך באַװיזן בײַ אַ גרױסער צאָל פרױען (60%) שױן פון ערשטן מאָמענט אָן פון דער דעפּאָרטאַציע און זײ האָבן געדױערט צװישן דרײַ חדשים און צװײ יאָר.

דאָס איז געװען די הױפּט־סיבה פון די רעדוצירטע געבורטן אין דעם דאָזיקן געטאָ.

פּראָסטיטוציע איז געװען זײער װײניק אין געטאָ. די װײניקע פאַלן זענען געשטעלט געװאָרן אונטער אַ סאַניטאַרן קאָנטראָל און האָבן מיט זיך נישט פאָרגעשטעלט קײן סאָציאַלע שלאַפקײט.

קײן פאַרברעכנס זענען אינגאַנצן נישט פאָרגעקומען.

קאָנפליקטן און לאָדענישן זענען פאָרגעקומען נאָר איבער קלײנע באַ־לײדיקונגען צװישן די מיטגלידער פון דער קאָלאָניע. זײ זענען אַנטשטאַ־

נען מחמת דער אלגעמיינער לייכט־פארשטענדלעכער היפער־נערוועזקייט און זיי זענען געלייזט געווארן דורך אן אויסגלייך־אינסטאנץ, וואס די קאלאניע גופא האט געשאפן.

עס איז ניט פארגעקומען קיין איין פאל, ווען די קאלאניע אלס גאנצע אדער מיטגלידער זאלן געווען באדארפן אנקומען צו די מאכט־ארגאנען בכלל, אדער צו דער מיליטערישער מאכט בפרט.

גייסטיקע שלאפקייטן. —

עס זענען סך־הכל געווען דריי פאלן פון פעריאדישע פסיכאזן. איין קראנקער איז געשטארבן און צוויי האבן זיך אויסגעקורירט.

## נומער 170

דער דאזיקער דאקומענט איז א באריכט וועגן דעם חודש דעצעמבער 1941 פון דער זשאנדארמערישער לעדזשיונע אין מאהילעוו, אין וועלכער עס ווערט דערציילט, אז די דאזיקע לעדזשיונע האט רעקרוטירט אגענטן פון דער יידישער באפעלקערונג, וואס איז עוואקואירט פון בוקאווינע און מאלדאווע און וואס שטעלן צו אינפארמאציע וועגן דעם קלאנדעסטינעם טראפיק פון די יידן אין טראנסניסטריע קיין רומעניע.

דאס אריבערשטעלן יידן צוריק קיין רומעניע איז געמאכט געווארן דורך דייטשע מיליטערלייט, וואס האבן דערפאר, נאטירלעך, גענומען באצאר. עס ווערט דערמאנט א ייד מארגולים, וואס האט מיט דער הילף פון דייטשע סאלדאטן אפגענארט פארשידענע יידן און צוגענומען ביי זיי געלט אומזיסט. אייניקע יידן האבן יא באוויזן צו אנקומען קיין רומעניע און זיי האבן אפילו אהער געשיקט טעלעגראמעס, אז זיי זענען אנגעקומען קיין בוקארעשט. עס ווערט דערמאנט, אז חיים קראפט (זאל דאס זיין דער באוווסטער פירער פון די לינקע פועלי ציון אין טשערנאוויץ? — רעד.) האט אנגעקלאגט זשאק מארגולים, אז ער האט אים באשווינדלט אויף הונדערט טויזנט לעי און אים פארזיכערט, אז ער וועט אים ברענגען קיין רומעניע מיט א דערלויבעניש פון דער פרעפעקטור. עס ווערט אויך דער־

ציילט, אז יידן פארשפרייטן קלאנגען וועגן דער מלחמה און זיי דערציילן, אז די ענגלענדער האבן באמבארדירט בוקארעשט. עס ווערט אויך אינ־פארמירט, אז יידן געבן זיך אן אלס פאליציילייט און זיי פרעסן אויס שפייז ביי די אוקראינער און אנדערע יידן רייזן איין די ארטיקע אוקראי־נער, אז זיי וועלן האבן דעם זעלביקן סוף, וואס זיי און מען וועט זיי אויך אריבערשיקן איבער דעם בוג און טראנסניסטריע וועט קאלאניזירט ווערן פון רומענער. דער דערמאנטער מארגולים איז איבערגעגעבן געווארן דעם קריגס־געריכט.

אין מאהילעוו זענען דעמאלט געווען 8733 יידן. א געוויסע צאל יידן ספעציאליסטן זענען געבליבן צו רייניקן די שטאט, אויפבויען די הייזער און פאבריקן, וואס די פארפלייצונג און די מלחמה האבן צעשטערט. די יידישע פליטים ליידן מוראדיק פון מאנגל אין שפייז און הייצונג. די שטערבלעכקייט שטייגט א דאנק דעם פון טאג צו טאג.

## נומער 173

א מעלדונג פון 5טן פעברואר ז. י. פון דער ציווילער אדמיניסטראציע אין טראנסניסטריע צו דער צענטראלע פון די רומענישע יידן, אז דאס געלט, וואס ווערט באקומען אלס הילף פאר די יידן זאל דעפאנירט ווערן אין דער נאציאנאל באנק פון בוקארעשט און זאל אויסגעצאלט ווערן לויט א געוויסן קורס און אז די מעדיקאמענטן ווערן איבערגעשיקט צו דער פרעפעקטור פון מאהילעוו, וועלכע צעטיילט זיי לויט זייער איינזען. שויבן ווערן אויך געשיקט קיין מאהילעוו. אויף צו שיקן קליידער און זאכן פאר דער הויז־ווירטשאפט דארף מען א באזונדער דערלויבעניש פון דער רעגי־רונג.

## נומערן 174 - 175

נומער 174 איז א בקשה פון גענעראל אינספעקטאראט צו דער רע־גירונג פון טראנסניסטריע צו עוואקוירן די יידן פון מאהילעווער קרייז

דורך דער אייזנבאַן ליניע זשמערינקע-אדעס, וואָס וועט לייזן דאָס יידישע פּראָבלעם און פאַרלייכטערן דאָס לעבן פון די אָרטיקע יידן. נומער 175 איז אַ מעלדונג פון מיניסטעריום פאַר עקאָנאָמיע, אַז עס איז דערלויבט צו שיקן געוויסע מעדיקאַמענטן קיין טראַנסניסטריע.

## נומער 176

דאָס איז אַ בריוו פון פּרעזידענט פון יידישן קאָמיטעט אינזש. ס. יעגנדאָרף צום צענטראַל-קאָמיטעט פון די יידן אין רומעניע, ארויסגע־שיקט דעם 18טן מערץ ז. י. עס ווערט דאָ באַריכטעט, אַז די יידישע מאַסן האָבן ביים אָנהויב נישט געהאַט קיין שום אָרגאַניזאַציע און קיין שום פירערשאַפט, ווייל זיי זענען נישט געווען גרייט צו דער פּלוצימדיקער ענדערונג אין זייער לעבן. די ערשטע קאָנוואָיען מיט יידן זענען אָנגעקו־מען אין אָקטאָבער 1941. קיין דיספּאָזיציעס ווי אַזוי זיי צו באַהאַנדלען זענען נישט געווען. נאָך אַ קורצן אָפּרו אין מאָהילעוו האָבן אייניקע ענער־גישערע יידן אָרגאַניזירט, אַז די פּליטים פון קימפּאַלונג און סוטשעאַוואַ זאָלן זיך באַזעצן אין פאַרשידענע שמעטלעך פון מאָהילעווער קרייז. אַזוי ווי אַ סך אַלטע לייט און קראַנקע האָבן נישט געקענט ווייטער גיין, האָט מען געמוזט איינשטעלן אַ לאַגער, וווּ זיי צו לאָזן דערווייל אויף אָפּרו. און די אָרגאַניזאַציע איז וואָס אַמאָל געוואָרן מער זיכערער און זי האָט באַ־וויזן צו באַהערשן די אומדערהערטע לאַגע. אין יענעם שווערן מאָמענט האָט די מאַכט גערופן דעם מחבר פון אָט דעם בריוו, אַז ער זאָל ווידער אויפבויען איינעם מיט אַ גרופּע ספּעציאַליסטן די עלעקטרישע אוזינע. כאָטש די צאָל ספּעציאַליסטן איז נישט געווען גרויס, איז דאָס געמאַכט געוואָרן און דערנאָך פאָרמירט געוואָרן אַן אַנדער גרופּע פאַרשידענע מאַ־שינען און צעשטערטע אינסטאַלאַציעס און גיסערייען און געוועהר און די רעגירונג האָט אים די דאָזיקע אַרבעט פאַרטרויעט. און עס איז אָרגאַני־זירט געוואָרן אַ גרופּע פון 120 אַרבעטער פאַר דער גיסעריי. אַנדערע 500 אַרבעטער פון פאַרשידענע פאַכן האָבן געקראָגן אַרבעט. אָן אַ ספּעציעלן ביודזשעט פון ביישטייערונגען הלוואות איז די גיסעריי איינגעשטעלט

געוואָרן און די קאָלאָניע איז אָרגאַניזירט געוואָרן און נאָך 12 טעג האָט זי געעפֿנט אַ פֿאָלקס־קיך. אין דער צײַט, וואָס די קיך האָט עקזיסטירט, האָט זי צעטיילט זיבן און דרײַסיק טויזנט פּאָרציעס עסן און אויסער דעם האָט זי אַרויסגעגעבן פֿופֿצן טויזנט פֿיר הונדערט פּאָרציעס עסן פֿאַר נויטבאַדערפֿטיקע אויסער דער קאָלאָניע. און עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער גאַנצער סאַניטאַרער אַמט מיט מעדיצינישער הילף, מעדיקאַמענטן, עס איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אַ בעקערײַ.

עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אַנדערע גרופּן פֿאַר אַרבעט. פֿערצן הונדערט מענטשן האָבן זיך געווידמעט אויפֿבויען צוריק די שטאָט מאָהילעוו. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן בראָש מיט ד״ר דאַנילאָוו אַן אָרגאַניזאַציע פֿאַר אַלע פּראָבלעמען פֿון די פּליטים. אַזוי ווי דער מחבר פֿון בריוו איז געווען פֿאַרנומען מיט טעכנישע אַרבעטן, האָט די אָרגאַניזאַציע פֿון די פּליטים איבערגענומען ד״ר יאָנאַס קעסלער, וועלכער האָט אײַנגעפֿירט אַ קיך, וואָס זאָל יעדן פּליט געבן איין מאָל אין טאָג אַ וואַרעמען מאָלצײַט פֿאַר אַ רעדוצירטן פּרײַז. אַ סך האָבן דאָס עסן באַקומען אומזיסט. דער פּרעפֿעקט האָט דעם פּראָיעקט אַקצעפּטירט. עס איז געווען אויסערגעוויינלעך שווער דאָס אַלץ צו אָרגאַניזירן, ווײַל עס האָט געפֿעלט אַ ביוראָ, שרײַבגעצײַג, פּאַפּיר או״וו.

און אַזוי אַרום איז געשאַפֿן געוואָרן אַ מושב זקנים מיט 250 בעטן און מיט אַן אייגענעם מעדיצינישן אַמט. צוליב דעם מאַנגל אין שפּײַז איז די שטערבלעכקייט אין אָט דעם אַנשטאַלט אַ זייער הויכע. עס איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ שפּיטאָל פֿאַר אָנשטעקנדיקע קראַנקייטן און נאָך גרויסע און שווערע קרבנות זענען אײַנגעשטעלט געוואָרן דרײַ פּאַוויליאָנען און הונדערט קראַנקע ווערן דאָרט געהיילט. פֿאַר די ניט אָנשטעקנדיקע קראַנקע האָט די אָרגאַניזאַציע איבערגענומען דעם אָרטיקן ייִדישן שפּיטאָל און זי האָט אויך אײַנגעאָרדנט געהילף שפּיטאָלן מיט די נעמען „ד״ר לערער" און „לאַגער". אויסער דער דערמאָנטער פֿאָלקס־קיך איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַן אָרטאָדאָקסישע קיך, וואָס איז טעגלעך באַזוכט געוואָרן פֿון טויזנט מענטשן. אויך אַ בית־יתומים איז אײַנגעשטעלט

געוואָרן און 50 יתומים האָבן געקראָגן פּלאַץ, אָבער ווײַט נישט אין ריכ-טיקע באַדינגונגען. אויסער די דאָזיקע 50 האָבן טעגלעך געקראָגן עסן נאָך 150 יתומים.

דער מחבר פון בריוו דערציילט אויך וועגן דעם אופן ווי אַזוי עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן די אַרבעט. די מיליטערישע מאַכט פלעג סתם כאַפּן ייִדן צו דער אַרבעט און דאָס דאָזיקע האָט געגעבן אַ שלעכטן רע־זולטאַט. זייער אָפט האָט מען גענומען אַלטע און קראַנקע און אומפּעיִקע מענטשן, וואָס האָבן נישט געקענט טון די אַרבעט און מען האָט זיי גע־פּלאָגט און קיין נוצן האָט מען נישט געהאַט. די אָרגאַניזאַציע האָט מאָ־ביליזירט אַלע אינטעלעקטואַלן און זיי האָבן דורכגעפירט אַ פאָלקס-ציי־לונג און עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן די צאָל פון די אַרבעט־פּעיִקע מענער צווישן אַכצן און זעכציק יאָר. לויט אָט דער פאָלקס־ציילונג זענען דעמאָלט אין שטאָט מאָהילעוו געווען פופצן טויזנט ייִדן אין אין קרײַז — דרײַסיק טויזנט. אַלצדינג איז געווען „גוט", אָבער געלט האָט געפעלט. און אינזש. ס. יעגענדאָרף בעט בײַם פּרעזידענט פון צענטראַל קאָמיטעט פון די רומענישע ייִדן, אַז ער זאָל שיקן די געהעריקע הילף און נישט אַנטוישן...

## נומער 177

## אַרויסגענומען פון דעם מעמאָריום פון פירער פון שאַראָגראָדער געטאָ ד"ר מ. טײַך

דאָס איז אַ קאָשמאַרער באַריכט וועגן דעם ווי אַזוי דער זשאַנדאַר איליוצאַ געפינט אויף דעם וועג צווישן שאַרגאָראָד און דיורנין זעקס ייִדן און ער שיקט זיי איבער אין שטאָט אַרײַן, וווּ מען דערשיסט זיי. די זעקס ייִדן האָבן געהייסן: שמיל און סרול טשאַוס פון דאָראָהאָי, סימאָן און ראָזאַ גאָלדנבערג, מאַרקוס ראָוכמאַן און מינאַ וואַיניש פון ראַדאוץ. דער דערמאָנטער זשאַנדאַר האָט זיי געוואָלט דערשיסן אויף דעם פּלאַץ, אָבער זעענדיק ווי עס קומט אָן פון מאָהילעוו אַ קאַמיאָן, אין וועלכן עס

האָט זיך געפונען אויך דער פּרעטאָר דינדעלגאַנו, האָט ער אים מיטגעגעבן די זעקס ייִדן, אַז ער זאָל זיי איבערגעבן דעם שעף פון פּאָסט איליע טשיאָרטוז, אַז ער זאָל זיי דערשיסן, לויט דער אָרדענאַנץ נומער 23. און דער פּרעטאָר, וואָס האָט מאָמענטן, ווען ער איז פּריוואַט־לעך און מאָמענטן, ווען ער איז פײַנטלעך צו ייִדן, גיט איבער די אומגליקלעכע ייִדן אין די ריכטיקע לאַפּעס און ער הייסט דעם סערזשאַנט — מאַיאָר פלאָריאַן ער זאָל זיי אַוועקפירן מיט אַ פּאַטרול אויף דעם ייִדישן בית־עלמין. אַ ייִדישע פרוי האָט וועגן דעם געהערט און זי איז געלאָפן צו ד"ר טײַך ער זאָל אינטערווענירן און יענער לויפט באַלד און טוט זײַנס, אָבער ער טרעפט טויבע אויערן און עס איז שוין שפּעט און ביז ער קומט אָן אויף דעם בית־עלמין, זענען די פיר מענער און צוויי פרויען שוין דערשאָסן, ניט אויף דעם ייִדישן בית־עולם, וואָס איז געווען צו־ווײַט פאַר דעם דערמאָנטן סערזשאַנט, נאָר אויף דעם פּוילישן צמענטאַזש. איינער פון זיי איז געווען דערשאָסן אין ביידע אויגן, די אַנדערע — ווהין עס האָט זיך געטראָפן. עס האָבן זיך צונויפגענומען פון דער נאָענט אוקראַינער, וואָס האָבן געוויינט איינענעם מיט די ייִדן. די מאַכט האָט אפילו קיין פּראָטאָקאָל נישט געוואָלט מאַכן וועגן דעם. ווען אַ פערד איז געפאַלן, האָט מען יאָ געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל. דעם 2טן אַפּריל האָט אַ זשאַנדאַר מיט דעם צונאָמען ציגאַנו געטראָפן דעם ייִדן אַלער־האַנד און אים דערשאָסן. די האַנדלונג פון איליוצאַ, דינדעלגאַנו, טשיאָר־טוז און פלאָריאַן האָט געמאַכט „שול".

## נומער 178

אַ מעמאָריום פון דעם פון דער מאַכט באַשטימטן פּרעזידענט פון ייִדישן קאָמיטעט אין מאָהילעוו, אינזש. ס. יעגענדאָרף, צום קאָמאַנדאַנט פון דער זשאַנדאַרן־לעדזשיונע, וועלכער האָט אים געשיקט באַטראַכטן די קאַזאַרמען פון סקאַזינעץ און דאָרטן אײַנאָרדענען אַ לאַגער פאַר אַ געוויסער צאָל ייִדן, בכדי פרײַער צו מאַכן אַביסל אין מאָהילעוו. דער פּרעזידענט פון ייִדישן קאָמיטעט איז געפאָרן דעם 24טן מערץ און דעם 26טן

האָט ער שוין געענטפערט. ער שטעלט צו אַ גענויעם פּלאַן פון די־
רות פאַר צוויי טויזנט פינף הונדערט נפשות. פון קיין שויבן פאַר די
פענצטער רעדט ער נישט. ער בעט כאָטש ברעטער צו פאַרקלאַפּן די אָפע־
נע פענצטער. ער מאָנט דעם נייטיקן מאַטעריאַל און פופציק בעל־מלאָ־
כות. ער ווייזט אָן, אַז אַזאַ גרויסע צאָל מענטשן מוז האָבן אַ שפּיטאָל
און אַ סאַניטאַרע אַמבולאַנץ. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן איינאָרדענען
אַן אגראַרע קאָלאָניע און דער אינזשעניער אינפאָרמירט, אַז מענטשן, וואָס
וועלן טון אַזאַ שווערע אַרבעט, דאַרפן שפּייז.

## נומער 179

דאָס איז אַ ליסטע פון דאָקטוירים, וואָס זענען געווען קרבנות ביים
דערפילן זייערע פליכטן אין לאַגער פון שאראַגראַד, בעת זיי האָבן גע־
היילט קראַנקע פון עקזאַנטעמאַטישן טיפוס. 27 דאָקטוירים זענען זיי
געווען, 23 זענען קראַנק געוואָרן פון טיפוס און אָט די צוועלף זענען גע־
שטאָרבן: אברהם רייכער, פישל סיגעל, אַלבערכט קאָך, זיגפריד קרע־
מער, שמחה שעכטער, איזידאָר שייבער, אהרן הערמאַן, יוסף וואוכער,
ברונאָ האַרט יוסף קערטה, הערמאַן האָלדענגרעבער און זיגפריד שנאַרך.
און אָט די עלף דאָקטוירים זענען געזונט געוואָרן: האָך, מערדלער, פידעל,
ווייזנער, סאַלאָמאָוויטש, דרוקמאַן־העבלער־דרוקמאַן, מאַרגולים, מישעל,
וויטמאַן, פוהרער. און אָט די פיר דאָקטוירים זענען געבליבן אומבאַ־
רירט פון דער קראַנקייט: שאַפּיראָ, לייבאָוויטש, איטציג, און טאַנער.

## נומער 180

דאָס איז אַ קאָנפידענציעלער באַפעל פון דעם גוּווערנאַמענט פון
טראַנסניסטריע צו דער פּרעפעקטור פון מאָהילעוו, אַז זי זאָל באַלד עוואַ־
קוּאירן 4.000 ייִדן פון דער דערמאָנטער שטאָט, ווייל זיי שאַפן אַן ענג־
שאַפט און די שטאָט איז געוואָרן צוליב דער אומריינקייט פון די אָרימע
אַ נעסט פון עקזאַנטעמאַטישן טיפוס. דער באַפעל איז נישט צו שיקן

די ייִדן אין די דערפער פון ארום, ווי מען האָט געדענקט פריער, ווייל זיי קענען פארשפרייטן די קראנקייט, נאָר זיי צו אריינזעצן אין די קאַזאַר־מעס. אונטערגעשריבן האָט דעם באַפעל דער גובערנאַטאָר פּראָפעסאָר אַלעקסיאַנו.

## נומער 181

א געהיימער באַפעל פון דעם זשאַנדאַרמען אינספעקטאָראַט פון טראַנסניסטריע צום אַדמיניסטראַטיוון אינספעקטאָר שטעפאַנעסקו. דער באַפעל איז אַלץ וועגן דער עוואַקואַציע פון די פיר טויזנט ייִדן. דער באַ־פעל הייסט גוט אַכטונג געבן, אַז די ייִדן זאָלן נישט אַנטלויפן, זיי אָרגאַ־ניזירן פאַר אַרבעט אין לאַגער און זיי זאָלן אַליין פאַריכטן די קאַזאַר־מעס און וואָס שייך שפּייז, זאָל אַ קאָמיסיע באַשטימען די געהעריקע נאָרמע.

## נומער 182

דאָ קומען שוין די גענויע אינסטרוקציעס פון דעם דערמאָנטן אינ־ספּעקטאָר שטעפאַנעסקו צום קאָלאָנעל־פּרעפעקט נאסטוראַש און צום קאָ־מענדאַנט פון דער לעדזשיונע מאַיאָר אָראַשאַנו ווי אַזוי צו עוואַקואירן די פיר טויזנט ייִדן אין די קאַזאַרמעס פון סקאַזינעץ. דער באַפעל איז געגעבן דעם 25טן מאַי און ער הייסט ביז דעם 26טן, צוועלף אַזייגער האָבן אַ טאַבעלע פון די אַלע פיר טויזנט טשערנאָוויצער ייִדן, גרופּירט לויט די אינסטיטוציעס צו וועלכע זיי געהערן, אָדער לויט זייערע פאַכן. אין דער ליסטע מוזן אריינגיין צען מעדיקער, צען רבנים, צען סאַניטאַ־רע אַגענטן, צען אַקושאָרקעס, 5 דענטיסטן און 50 פאַרשידענע בעל־מלאכות. אויב פון די טשערנאָוויצער אַליין וועלן זיך נישט געפינען די אַלע, זאָלן זיי קאָמפּלעטירט ווערן פון ייִדן פון טשערנאָוויצער קרייז, אָדער פון אַנדערע טיילן בוקאָווינע. די ערשטע גרופּע פון טויזנט מענטשן וועט זיך צונויפקומען דעם 28טן מאַי 7 אַזייגער פרי אויף דעם שאַרגאָ־

ראָדער שאָסיי, ווי מען וועט דורכפירן אַ נאָמינעלן אַפּעל. די מענטשן וועלן מעגן נעמען מיט זיך אַלץ, וואָס זיי קענען. די אוקראַינישע מיליציע וועט צושטעלן די נייטיקע וועגענער, וואָס זיי וועלן רעקווירירן ביי דער באַפעלקערונג און אין די קאָלכאָזן. אין די איבערגעלאָזטע דירות וועלן בלייבן די דאָזיקע ייִדן, וואָס ווערן נישט ארויסגעשיקט. די פריַיע דירות וועלן איניוענטירט ווערן. מען וועט די פיר טויזנט ייִדן געבן ערד צו באַ־ארבעטן און דער ייִדישער קאָמיטעט דאַרף פאַר דעם באַצאָלן פון זעקס הונדערט טויזנט לעי, רומעניש געלט. די עוואַקואירטע וועלן איין מאָל אין דער וואָך מעגן קומען קיין מאָהילעוו, אויב זיי וועלן דערפאַר באַקו־מען אַ דערלויבעניש. דער צענטראַלער קאָמיטעט וועט אויך מעגן פאַר־לאָזן דאָס פּלאַץ איין מאָל אין דער וואָך, בכדי צו באַזאָרגן שפּייַז. מען וועט ארומרינגלען די געטאָ מיט שטעכיק דראָט. דער קאָמיטעט וועט שטעלן צו דער דיספּאָזיציע פון געטאָ אַ געוויסע צאָל לאָפּעטעס, רים־קאָלעס, טראָג־ברעטער, עמערס או״וו.

## נומער 183

דאָס איז אַן ענטפער צום קאָמענדאַנט פון דער זשאַנדאַרמען לע־גיאָן, געשריבן פון פּרעזידענט פון ייִדישן קאָמיטעט, אינזש. ס. יע־גענדאָרף, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן דעם 25טן מאַי. דער קאָמיטעט איז גרייט געווען צוצושטעלן די טאַבעלע פון די ערשטע טויזנט ייִדן, אָבער ער האָט נישט קיין פּאַפּיר אויף וואָס זי צו מאַכן. די טויזנט פּער־זאָן קענען זיך נישט צושטעלן ביז דער אָנגעוויזענער צייַט, ווייַל די מייִנסטע פון זיי זענען געווען קראַנק אויף עקזאַנטעמאַטישן טיפוס און זיי זענען נאָך נישט געקומען צו די כחות און אין 24 שעה קענען זיי נישט באַוויַיזן צו קומען. דער וועג דאַרף געדויערן דריַי טעג און מ׳קען נישט באַזאָרגן קיין שפּייַז אויף אַזויפיל צייַט, ווייַל נישט ער האָט אַלי־מענטן און נישט ער האָט פאָנדן מיט וואָס צו קויפן. צוויי חדשים האָט דער קאָמיטעט שוין נישט באַקומען קיין געלט פאַר הילף. דער קאָמיטעט האָט נישט קיין ציבן, קיין לייַלעכער, קיין קישן, קיין דעקן, ווייַל די אַלע

זאכן, וואָס די ייִדן האָבן געהאַט, איז ביי זיי צוגענומען געוואָרן און טראָץ אַלע באַפעלן פון מאַרשאַל אַנטאָנעסקו זענען זיי נישט אומגעקערט געוואָרן. די אַלע כלים, וואָס מען דאַרף אין לאַגער אַריין, איז נישטאָ וווּ צו קויפן, ווייל עס פעלט רווישטאַף. דער קאָמיטעט איז גרייט צו אויספאָלגן אַלע באַפעלן פון דער מאַכט, אָבער אַט דער באַפעל מיינט פשוט אומברענגען די אַלע פיר טויזנט מענטשן. די באַדינגונגען אין וועלכע זיי וועלן דאַרפן וווינען אין קאַזאַרמעס אָן טירן און פענצטער, מיינט פאַרשפּרייטן אַלערליי קראַנקייטן און ספּעציעל בויך־טיפוס. קיין זייף איז אויך נישטאָ. „מיר האָבן באַוויזן אונדזער קרבנות־גרייטקייט צו דערהאַלטן די דיסציפּלין, שרייבט דער פּרעזידענט, אָבער דעם איצטיקן עוואַקואַציע־באַפעל קענען די ייִדן נישט אויספירן. דערצו איז אין די קאַזאַרמעס פון סקאַזינעץ פאַראַן פּלאַץ נישט פאַר 4.000 פּערזאָן, נאָר פאַר 2.437".

## נומער 184

אויף אַט דעם בריוו קומט אַ קאָנפידענציעלער ענטפער פון דער פּרעפעקטור פון מאָהילעווער קרייז צום זשאַנדאַרמען אינספּעקטאָר, אַז די עוואַקואַציע מוז דורכגעפירט ווערן אין דער אָנגעוויזענער צייט. און וואָס איז שייך די טענות פון ייִדישן קאָמיטעט, איז פּאַפּיר צוגעשטעלט געוואָרן פאַר די טאַבעלן. די עוואַקואַציע זאָל פאָרקומען דעם 29טן מאַי, וועט שוין זיין צייט. דאָס דאַזיקע, וואָס די אַלע ייִדן וואָלטן געגעסן בלייבנדיק אין מאָהילעוו, זאָלן זיי מיטנעמען אין וועג אַריין. קיין לייַלעבער, האַנטיכער און ציבן דאַרף מען נישט, אויב זיי האָבן טאַקע נישט, אָבער מען דאַרף זיך איבערצייגן, צי זיי האָבן טאַקע נישט.

## נומער 187

## דער לאַגער אין סקאַזינעץ

דאָס איז אַ באַשרייבונג פון מ. קאַץ, געוועזענער פּרעזידענט פון

ייִדישן קאָמיטעט אין מאָהילעוו, וואָס איז אַליין עוואַקואירט געוואָרן קיין סקאָזינעץ.

די אינטערנירטע זענען געווען איינגעטיילט לויט די סאָציאַלע קאַטעגאָריעס. פון איין זייט די פּאַוויליאָנען פון די אָרימע, וואָס זענען געווען אַרומגערינגלט מיט פּלויטן פון שטעכיקן דראָט און פון דער אַנדערער זייט די פּאַוויליאָנען פון די פּאַרמעגלעכערע. דער לאַגער האָט זיך געפונען צוועלף קילאָמעטער פון מאָהילעוו. די בנינים זענען געווען אָן דעכער, אָן פענצטער, אָן טירן און אָן דילן. אַריבערגיין צום שאָסיי איז געווען פאַרבאָטן און פאַר עובר זיין האָט מען געשאָסן. דער מחבר פון באַריכט האָט אַליין אָנטיילגענומען אין דער לויה פון דעם ערשטן ייִדן, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן פאַר דעם דאָזיקן „פאַרברעכן". ער האָט דעמאָלט געזען דעם דאָזיקן טאָל, ווו די דייטשן האָבן פריער מיט א יאָר אויסגעראָטן צוואַנציק טויזנט בעסאַראַבער ייִדן, וואָס מען האָט אַהער צונויפגעבראַכט. עס האָבן זיך נאָך געוואַלגערט דאָקומענטן און רענצלעך און מענטשלעכע שאַרבנס און סקעלעטן. מען האָט אויך נאָך געזען קוילן פון מאַשינען געווערן. טעאָרעטיש האָט מען איין מאָל אין דער וואָך געגעבן א זופּ פון אַרבעס, אָבער פּאַקטיש איז דאָס געווען אַזא מין „עסן", וואָס זאָל גיכער מאַכן א סוף צו די מענטשן. די מענטשן האָבן געגעסן גראָז און בלעטער פוןביימער. דער אינזשעניער אָקסמאַן פון טשערנאָוויץ, וועלכן דער באַריכט־אָפּגעבער האָט באַזוכט, האָט געגעסן דעם זעלביקן „מענו". אַלע זענען געווען געשוואָלן פון הונגער. די קלאָזעטן זענען געווען געמיינזאַמע פאַר מענער און פרויען. די פענצטער זענען געווען פאַרשטאָפּט מיט ציגל און עס פלעג געלאָזט ווערן איין שפּאַלט פאַר אַביסל לופט. אַכט ייִדן זענען דערשאָסן געוואָרן פאַר אַריבערגיין דאָס שטעכיקע דראָט און עטלעכע הונדערט זענען געשטאָרבן פאַר הונגער. דאָס פּראָבלעם וואַסער איז געווען שווידערלעך. מען האָט געטרונקען בלאָטע און מען איז קראַנק געוואָרן. דעם מאַרק האָט מען אוועקגענומען און ס'איז גישט געווען מיט וואָס זיך צו דערנערן. און ווען אין האַרבסט 1942 האָט אַלעקסיאַנו באַשלאָסן צו אויפלייזן דעם דאָזיקן לאַגער, זענען די ייִדן געשיקט געוואָרן צו פוס צום בוג אין די דערפער וואָראָשילאָווקע,

טיווריוו און קראסנא. א העלפט פון די, וואס זענען געווען אין וואראשי־לאקע זענען אומגעקומען פון הונגער און קראנקייטן.

## נומערן 188 ־ 189 ־ 190

נומער 188 איז א מעלדונג פון דער וואך־דיוויזיע צו דער פרעפעק־טור פון מאהילעווער קרייז, געשריבן דעם 12טן יוני 1942, אז מען זאל אננעמען די שטרענגסטע מיטלען צו נישט דערלאזן, אז יידן זאלן ארויס־גיין פון די לאגערן. מען זאל מעלדן די שעפן פון די לאגערן און נעמען ביי זיי אונטערשריפטן, אז זיי וועלן דערשאסן ווערן, אויב די יידן, וואס זענען אונטער זייער באפעל, וועלן נישט אויספאלגן די דיספאזיציעס. מען זאל שוין דערשיסן אין יעדער קאלאניע צו איין יידן פון די, וואס זענען געכאפט געווארן מערער מאל צו פארלאזן דעם לאגער.

אין נומער 189 מעלדעט די פרעפעקטור פון מאהילעווער קרייז צו די לעדזשיונעס, מוניציפאליטעטן און פרעטאריעס, אז די אינסטרוקציעס פאר דער ארגאניזירונג פון די געטאס זאלן דורכגעפירט ווערן פינקט־לעך. „עס איז נישט די פראגע פון אויספירן א באפעל, נא[illegible]ן רומע־נישן כבוד און ווערדע".

190 איז א קאנפידענציעלע מעלדונג פון דער מאהילעווער פרעפעק־טור צו דער מאהילעווער זשאנדארמעריע, אז עס איז ארויסגעשיקט גע־ווארן אינסטרוקציעס וועגן דעם ווי אזוי צו ארגאניזירן די געטאס. פאר דער געטא פון סקאזינעץ דארפן ארגאניזירט ווערן 12 שמירה־גווארדיעס.

## נומער 193

דאס איז א קאנפידענציעלער באפעל פון דער פרעפעקטור צו די זשאנדארמעריעס, מוניציפאליטעטן און פרעטאריעס פון זשודעץ, גע־חתמעט פון פרעפעקט קאלאנעל נאסטוראש. דער באפעל איז צו לייזן די יידישע פראגע אין זשודעץ מאהילעוו, לויט ווי עס איז פריער געפאדערט געווארן און מען טאר נישט עובר זיין אויף קיין פינטל. מען מוז אננעמען

מיטלען צו באזייטיקן אלע ייִדן פון די אונטערנעמונגען און אויף זייער פּלאַץ אַרײַנזעצן אוקראַיִנישע ספּעציאַליסטן און אַרבעטער, אפילו אַז מען וועט זיי דאַרפֿן ברענגען פון אַנדערע ערטער. „מיר טאָרן נישט טאָלע־רירן דאָס בלײַבן פון די ייִדן אין די אונטערנעמונגען. בײַם אָנהויב פון דעם אײַנפירן פון אונדזער אינדוסטריע האָבן מיר זיך גענוויטיקט אין ייִדישע ספּעציאַליסטן, הײַנט האָט נישט קיין שום זין זיי צו האַלטן, אויב מיר קענען זיי פאַרבײַטן. מיר ווילן דאָ בלײַבן מיט אוקראַיִנער, אָבער נישט מיט קיין ייִדן". דער באַפעל הייסט פאַרמאַכן אַלע קאָנסור־מאַציע לאָקאַלן, וואָס ייִדן האָבן געעפנט און וואָס מען וועט געפינען פאַר נוציקאָז. דער פּרעפעקט דערקלערט, אַז ער וועט איניגיכן מאַכן אַ פּער־זענלעכע אינספּעקציע, וועט ער זיך איבערצייגן, צי מען פירט אויס זײַנע באַפעלן. „עס איז אַ פראַגע פון רומעניש ער ווערדע צו באַזײַטיקן די ייִדן פון די דאָזיקע פּלעצער, ווו זיי זענען שוין נישט אַבסאָלוט נייטיק".

## נומער 194

דאָס איז אַ מעלדונג, געשריבן דעם 15טן סעפּטעמבער 1942, פון פּרעזידענט פון ייִדישן קאָמיטעט אינזש. ס. יעגענדאָרף צו דער צענטראַלע פון די רומענישע ייִדן. דער דאָזיקער בריוו איז געשריבן פאָרזיכטיק, ווײַל די דערמאָנטע צענטראַלע האָט אַרויסגערופן פאַרדאַכט און ווײַל יעדער שריפט איז דורכגעגאַנגען אַ צענזור.

דער פּרעזידענט פון ייִדישן קאָמיטעט ווײַזט אָן, דער איינציקער יורידישער אינסטרומענט, וואָס רעגלאַמענטירט דאָס לעבן פון די ייִדישע פּליטים איז די אָרדענאַנץ נומער 23. דער פּרינציפּ פון אָט דער אָרדע־נאַנץ איז לעבן קאָמונאַל אויף דעם אייגענעם חשבון און אויף דער באַזע פון אַרבעט. אַרויסגעגעבן די דאָזיקע אָרדענאַנץ האָט דער גובערנאַטאָר פון טראַנסניסטריע פּראָפ. ג. אַלעקסיאַנו נאָך דעם 11טן נאָוועמבער 1941 און באַקאַנט געמאַכט איז זי געוואָרן ערשט אין דעצעמבער פון זעלביקן יאָר. די פּליטים האָבן אײַנגעזען, אַז נאָר דורך נוצלעכער אַר־

בעט פאר דער רעגירונג וועלן זיי קענען בלײַבן סטאביל, איינינעם מיט זייערע פאמיליעס אין מאָהילעוו. און אזוי ווי די פאראנטוואָרטלעכקייט איז געווען א בשותּפותדיקע, האָט די אויפזיכט געמוזט זײַן א געזעל־שאפטלעכע. אַלע פריערדיקע ארבעט־גרופּירונגען זענען אויפגעלייזט גע־וואָרן און עס זענען געשאפן געוואָרן נײַע. מען האָט מער נישט געכאפּט קיין ייִדן צו דער ארבעט פון דער גאס, ווײַל מען פלעג אָפט כאפּן ספּע־ציאַליסטן צו שווארצע ארבעט און פאַרקערט. און זײַט די ייִדן האָבן אליין איבערגענומען די אָרגאניזירונג פון דער ארבעט, קענען זיי מיט שטאָלץ מעלדן, אז זיי האָבן זייער חוב דערפילט. נײַנציק פּראָצענט פון די ארבעט־פעיִקע ייִדן האָבן זיך געמאָלדן צו דער ארבעט, כאָטש זיי האָבן נישט געהאַט קיין שפּײַז און קיין קליידונג און זיי האָבן עקאָנאָמיש אויפגעבויט די שטאָט. די לאָקאַלע און צענטראַלע אויטאָריטעטן האָבן דאָס דאָזיקע אָנערקענט. דער מחבר מעלדעט, אז ער שטעלט צו א טאַ־בעלע פון די ייִדישע לייסטונגען אין דער גיסערײַ־פאבריק, אין די פאבריקן פון צוועקעס, זייף א"א. און פון דער ארבעט פון די פרײַע ייִדישע פּראָ־פעסיאָנאַלן. פון 15טן דעצעמבער 1941 ביז דעם 1טן אויגוסט 1942 האָבן די ייִדן אין מאָהילעוו געגעבן 28.325 ארבעט־טעג פון קוואַליפיצירטע אר־בעטער און פון נישט קוואַליפיצירטע — 102.085 ארבעט־טעג. אין דורכ־שניט 700 אַרבעטער טעגלעך, אויסער ספּעציאַליסטן און פרײַע פּראָפעס־יעס, וואָס זייער צאָל איז מינדסטנס טאָפּלט. און ייִדן האָבן דעמאָלט גע־ליטן פון עקזאַנטעמאַטישן טיפוס און אַנדערע קראַנקייטן. אָבער אויב געאַרבעט האָט מען 90 פּראָצענט, האָט מען געצאָלט נאָר צען פּראָצענט. פופציק פּראָצענט פון די ייִדן אין מאָהילעוו זענען טאַקע געווען קרבנות פון הונגער, קעלט און עקזאַנטעמאַטישן טיפוס. און אויב ייִדן האָבן טייל־ווײַז דאָך אויסגעהאַלטן, איז עס געווען א דאַנק דער אָנשטרענגונג פון קאָמיטעט, וואָס האָט פון די פאָנדן, וואָס ער האָט געזאַמלט און פון דער הילף, וואָס ער האָט באַקומען פון דער „צענטראַלע" געגעבן די ייִדן ברויט און איין מאָל אין טאָג אפילו אביסל וואַרעמס. אָפט האָט מען פאַרקויפט קליידער צו באַקומען אביסל שפּײַז.

און דער בריוו ענדיקט זיך מיט א מעלדונג, אז די מוניציפּאַליטעט

פון שטאָט שטעלט נישט צו קיין שפּײַז צו צאָלן פאַר דער אַרבעט און אויב דאָס דאָזיקע וועט ווײַטער אָנהאַלטן, וועט די סיטואַציע זײַן אַ קאַ־טאַסטראָפאַלע.

## נומער 197

אַ פראַגמענט פון באַשולדיקונגס־אַקט, צונויפגעשטעלט פון די עפנט־לעכע פּראָקוראָרן א. בונאַטשיו און דומיטרו סאַראַקו צום ערשטן פּראָ־צעס פון די קריגס־פאַרברעכער. וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן פון אַ פאָלקס־טריבונאַל. (דער דאַטום איז נישט אָנגעגעבן) ספּעציעל ווערט דאָ גערעדט וועגן דעם לאַגער אין וואַפּניאַרקע, וואָס האָט אין אויגוסט 1924 געהאַט 101 אינטערנירטע, דעם 16טן סעפּטעמבער ז. י. 150 און איין טאָג שפּעטער — 1135. מען האָט אין יענעם טאָג געבראַכט טויזנט פער־זאָן, אינטערנירטע און פּאָליטישע פאַראורטיילטע, פון לאַגער אין טירגו זשיו דער תפיסה אין לוגאָזש, אָדער פון דער פרײַהייט. ווען זיי זענען אָנגעקומען האָט זיי דער לאַק. קאָלאָנעל יאָן ק. מורדזשעסקו זיי געוויזן דעם בית־עולם פון לאַגער, בכדי זיי זאָלן אים קענען באַצײַטנס און ער האָט זיי געזאָגט, אַז זיי זענען געקומען „אין לאַגער פון טויט" און אַז פון דאַנען וועלן זיי אַרויס נאָר „אויף פיר לאַפּעס", אָדער „אויף קוליעס".

## נומער 200

דאָס איז אַ באַריכט פון מ. קאַץ, געוועזענער פּרעזידענט פון ייִדישן קאָמיטעט אין מאָהילעוו. ער דערציילט, אַז אין סעפּטעמבער 1942 האָבן די פּליטים פון מאָהילעוו געכאַפּט אַ שווערן קלאַפּ. טויזנטער פון זיי זע־נען געשיקט געוואָרן אין טויטן לאַגער פון פּעטשיאָרא. מען האָט די דאָ־זיקע ייִדן רעקרוטירט לויט דעם באַרבאַרישן קריטעריום פון די זשאַנ־דאַרן. אויף צו קאָמפּלעטירן די צאָל האָט מען אַרויסגענומען קינדער פון בית יתומים, קראַנקע פון שפּיטאָל, אַלטע לײַט פון די גאַסן, פרויען. על־טערן זענען אָפּגעטיילט געוואָרן פון קינדער און קינדער פון עלטערן. די

דאָזיקע, וואָס ס׳איז זיי געלונגען צו אַנטלויפן פון פעטשיאָרא, דערציילן וועגן די גרויזאַמקייטן פון לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען בײַם ברעג פון בוג און איז אַרומגערינגלט געוואָרן פון דרײַ זײַטן מיט שטעכיק דראָט. פון איבער דעם בוג זענען געקומען דײַטשן מיט קאַמיאָנען און אַוועקגעפירט אינטערנירטע איבער דעם וואַסער און זיי דאָרט אויסגעמאָרדעט. קאָמאַנדאַנט פון די זשאַנדאַרן איז דעמאָלט געווען קאַפּיטאַן פּעטעקו און פּרעפעקט — קאָלאָנעל לאָנגהין. די אינטערנירטע האָבן נישט געהאַט וואָס צו עסן און זיי האָבן זיך דערנערט מיט עקסקרעמענטן און שפּעטער מיט מענטשלעכע קאַדאַווערן. די צאָל פון די טויטע אין אָט דעם לאַגער האָט דערגרייכט ביז אַכציק פּראָצענט. דעם רעשט פון צוואַנציק פּראָצענט איז געלונגען צו אַנטלויפן.

## נומער 201

דער יידישער קאָמיטעט פון מאָהילעוו האָט דעלעגירט ד״ר עמאַנועל פּענדריך ער זאָל אינספּעקציאָנירן די דרײַ בתי־יתומים פון שטאָט און ער האָט צוגעשטעלט דעם דערמאָנטן קאָמיטעט אַ באַריכט.

## דער ערשטער בית־יתומים

דער דאָזיקער בית־יתומים געפינט זיך אויף פּאָקראָווסקאַיאַ גאַס, עק באָלניטשנאַ. דער בנין איז אַ גרויסער, אַ געראַנמער, די זאַלן זענען גרויס, אָבער ער איז חרוב ונחרב. נישטאָ קיין שויבן אין די פענצטער. מען האָט דעם בנין נישט געקענט גוט רעפּאַרירן. עס געפינען זיך אין אַנשטאַלט 420 קינדער צווישן דרײַ און זעכצן יאָר. חוץ דעם וווינט דאָרט דער גאַנצער פּערסאָנאַל. דער אַנשטאַלט באַקומט פון יידישן קאָמיטעט הילף אין געלט, ברויט, הייצונג און בכלל שפּײַז, אָבער ער קען נישט געבן קיין עסן מער ווי איין טאָג (אין דער וואָך? צי איין מאָל אין טאָג? — איבערז.), ווײַל ער באַקומט ווייניק. אַ סך טעג באַקומט ער גאָרנישט. די

קינדער ווערן געהאַלטן אין גרויסע, נישט געהייצטע און שלעכט געלופ־טערטע זאַלן. דאָס בעטגעצייג איז נישט ריין און די קינדער האָבן נישט גענוג קליידער צו קענען פאַרלאָזן די בעטן. ביז אָקטאָבער 1942 זענען די קינדער אַנטלויזט און געריייניקט געוואָרן רעגלמעסיק וועכנטלעך, אָבער די ענדערונג פון דער צייט און דער מאַנגל אין הייצונג, האָט די קינדער צוגעשמידט צו די בעטן. זיי קענען אפילו נישט גיין לצורך אין די בית־הכסאס און זיי מאַכן דאָס אין די שלאָפצימערן, וואָס זענען פאַרשטונ־קען. קיין היגיענישע מעגלעכקייטן זענען נישט פאַראַן. אַנטלויזן איז נישטאָ מיט וואָס. פריער פלעג מען טעגלעך ריייניקן די צימערן, הײַנט נישט. אין איין זאַל וווינען 109 קינדער, קען מען זיך שוין אָנשטויסן, וואָס פאַר אַ נעסט פון אינפעקציעס דאָרט איז. די ווענט זענען פעט פון דער חיהשער פאַרע, וואָס הייבט זיך אויף.

די קינדער זענען שוואַך דערנערט. זיי באַקומען אינדערפרי ברויט מיט שוואַרצער קאַווע, אָן צוקער. צו מיטיק מאַמעליגע, אָדער זופּ פון אַרבעס, צו אָוונט־עסן — ברויט מיט מאַרמעלאַד, אָדער נישט געצוקער־טע שוואַרצע קאַווע. די קינדער באַקומען דרײַ מאָל צו פופציק גראַם ברויט אַ טאָג. ביז מיט אָקטאָבער האָבן די קינדער באַקומען אויך מילך, אָבער צוליב מאַנגל האָט מען אָט דעם אַלימענט אויסגעמעקט. דער פּערסאָנאַל באַקומט די זעלביקע שפּײַז. דאָס עסן זעטיקט נישט און האָט נישט קיין וויטאַמינען. די קינדער זענען אונטערדערנערט אויף אַ שרעקלעכן אופן. צוליב דעם, וואָס די קינדער האָבן נישט קיין כוח צו פאַרלאָזן די בעטן, קען קיין רעדע נישט זײַן וועגן לערנען מיט זיי עפּעס. ביז סוף אָקטאָבער האָבן פונקציאָנירט אַ קינדער־גאָרטן, פיר פּרימאַרע קלאַסן און אַן אי־בער־פּרימאַרער קורס, וואָס זענען באַזוכט געוואָרן פון 120 יינגלעך און 80 מיידלעך. אַ סך קינדער האָבן פאַרונקולן און אַלערליי הויט־קראַנקייטן און בײַסעניש. אינערלעכע קראַנקייטן זענען זעלטן. די אַלע קראַנקייטן שטאַמען פון אומריינקייט, מאַנגל אין שפּײַז און וויטאַמינען און פון אָנ־שטעקעניש. די שטערבלעכקייט שטײַגט. אין אויגוסט זענען געווען זעקס טויטפאַלן. פינף פּראָצענט פון דער גאַנצער צאָל קינדער באַטרעפט די

שטערבלעכקייט. שוידערלעך! די קינדער לעבן דאָ נישט, נאָר זיי שוועבן צווישן טויט און לעבן.

## בית־יתומים נומער 2

247 קינדער צווישן 2-15 יאָר געפינען זיך דאָ, לויט דעם עלטער, אין 4 זאַלן. אַ סך קינדער ליידן פון עקזעמע, פורונקול, בייסעניש א"א קראַנקייטן. די קראַנקע קינדער זענען נישט איזאָלירט פון די געזונטע. דאָס רייניקן לאָזט אַ סך ווינטשן. דאָס בעט־געצייג איז שמוציק, די באָד פונקציאָנירט נישט, דער אַנטלויזונג־אַפּאַראַט אויך נישט. די קינדער האָבן זייער ווייניק קליידער און וועש נאָך ווייניקער. די שפּייז איז נישט גענוגנדיק. די שטערבלעכקייט איז מוראַדיק. פון 4טן אָקטאָבער ביזן 27טן נאָוועמבער זענען געווען צוואַנציק טויטפאַלן.

## בית יתומים נומער 3

דער דאָזיקער אַנשטאַלט איז ביים אָנהויב געווען אַ שפּיטאָל פאַר קינדער, מיט דער צייט איז ער געוואָרן אויך אַן אַנשטאַלט פאַר געזונטע קינדער און אויך אַ מושב־זקנים און סתם אַן אזיל פאַר היימלאָזע. דער אַדמיניסטראַטיווער פּערסאָנאַל באַשטייט פון 36 פּערזאָן. בעת דעם אינספּעקטאָרס באַזוך זענען געווען 129 קינדער, ניין קראַנקע דערוואַקסע־נע און 25 היימלאָזע. דער אַלגעמיינער היגיענישער צושטאַנד איז אַ שווי־דערלעכער. דער בנין, וואָס איז געווען אַ שול, איז חרוב, פאַרוויסט און שמוציק. די קינדער באַקומען די זעלביקע שפּייז, וואָס דער צווייטער בית־יתומים, אָבער דאָס עסן ווערט אַהין געבראַכט טאָקע פון צווייטן בית־יתומים און ביז עס קומט אָן אַהין, איז עס קאַלט. קיין געשיר איז אויך נישטאָ גענוג, 20 שיסעלעך און לעפל אויף 129 קינדער. דאָס עסן גע־דויערט 2 שעה. קראַנקע קינדער באַקומען אויך קאַלטע שפּייז. דאָס איז פּאַקטיש אַ קינדער שפּיטאָל, וווּהין די קינדער ווערן געשיקט אויף היי־לונג. די גרויסע זאַלן פון ערשטן שטאָק, ווו די קינדער שלאָפן, זענען נישט געהייצט, נישט געלופטערט און צוליב דעם אַלעמען און צוליב

מאַנגל אין קליידער, מוזן די קינדער כסדר ליגן אין די בעטן. כמעט 90 פּראָצענט פון די קינדער לײַדן פון אינערלעכע און הויט־קראַנקייטן. די קראַנקע ווערן נישט איזאָלירט. די שטערבלעכקייט איז אַ מוראָדיקע, אין אַנדערטהאַלבן חדשים — 26 טויט־פאַלן פון 140 קינדער. אויב די לאַגע וועט נישט פאַרבעסערט ווערן, איז פאַראַן אַ סכנה, אַז אַלע קינדער פון אַנשטאַלט זאָלן אומגעבראַכט ווערן.

## נומער 204

אַ פראַגמענט פון דער רעדע פון עפנטלעכן פּראָקוראָר ד. סאַראַקאָ בײַם ערשטן פּראָצעס פון קריגס־פאַרברעכער אין פאָלקס־טריבונאַל. דער פּראָקוראָר באַשרײַבט דעם לאַגער אין וואַפּניאַרקע:

שמוציקע בנינים, אָן פענצטער, אָן טירן, אָן קיין שום היגיענישע מיטלען. די אינטערנירטע קלאָגן זיך, אַז זיי זענען אויסגעהונגערט. אפילו אויב זיי מוזן שטאַרבן, קומט זיי אויך נישט אַזויפיל צו לײַדן. זיי ווילן אַרבעטן צו שאַפן זיך אַן עקזיסטענץ־מעגלעכקייט. דער הער מורדזשעסקו (דער קאָמענדאַנט פון לאַגער) דערקלערט: „איר זענט אַהער געקומען שטאַרבן. איך וועל אײַך נישט מאַכן קיין סאַנאַטאָריע". ס'איז זומער, היים, 1.500 מענטשן ווילן וואַסער. זיי ווילן אַליין דורכפירן אַ וואַסער־רער, מען לאָזט זיי נישט, זיי ווילן מאַכן אינטערנאַטן פאַר זייערע קראַנקע, מאַכן בעטן פון ברעטער, אַ שטיקל אייוועלע ווילן זיי מאַכן צו אַנ־ווארעמען עסן פאַר אַ קראַנקן, דאָס לאָזט מען זיי אויך נישט. דורשט נעבן הונגער איז שווידערלעך. די קראַנקע קינדער ווילן וואַסער און בכדי זיי נאָך ערגער צו פּײַניקן, טראַכט דער הער קאָמענדאַנט אויס אַ שווידערלעכן פּלאַן: מען בויט אויס אַ ראָבינעט דורך וועלכן מען קען לאָזן שטראָמען וואַסער, ווען מען וויל. מען מעלדעט, אַז עס קומט וואַסער. דאָס וואַסער הייבט אָן צו זשומען דורך די רערן. אַלע שטעלן זיך אויס פּשוט ווי משוגעים בײַ דעם איינציקן קראַן. קראַנקע און קינדער שלאָגן זיך פאַר אַ פּלאַץ. אַ שטיק צײַט הערט זיך דאָס זשומען פון וואַסער אין די רינ־וועס און דערנאָך הערט עס אויף. מענטשן בלײַבן צעחושט. די געוויינען

הערן זיך אויף א מײַל די ווײַט. דער קאָלאָנעל מורדזשעסקו זאָגט, אַז אויף אַ קילאָמעטער די ווײַט פון לאַגער דאַרף ער צוהאַלטן די נאָז, ווײַל ער קען נישט אַריבערטראָגן דעם ריח פון די טויטע און לעבעדיקע פגרים און דעם ריח פון דער מיזעריע. דער ה׳ מורדזשעסקו רופט צו זיך די אינטער־נאַטן און ער האַלט פאַר זיי אַזאַ רעדע: „איר זענט אַהער געבראַכט גע־וואָרן צו שטאַרבן. איך וועל דערשיסן די אַלע, וואָס וועלן נישט פאָלגן מײַנע באַפעלן. איך וועל זיי שמײַסן״. און ער הייסט באַלד אויסטון די אינטערנירטע אַבסאָלוט נאַקעט אין דער אַנוועזנהייט פון די פרויען און גיט זיי צו 50 שמיץ אין דער פּלייצע, אין דער צײַט, ווען זייערע קער־פּערס זענען נישט געווען ענלעך צו קיין מענטשלעכע גופים, נאָר צו אַ מין געשווילעכץ, וואָס מ׳קען זיך נישט פאָרשטעלן...

## נומער 205

אַ פראַגמענט פון באַשולדיקונגס־אַקט פון די עפנטלעכע פּראָקוראָרן אַ. בונאַטשיו און ד. סאַראַקו בײַם פריער דערמאָנטן פּראָצעס. עס ווערט דאָ געשילדערט די טראַגעדיע פון וואַפּניאַרקע.

די אינטערנירטע האָבן זיך געפונען אין אַזאַ שוידערלעכן שמוץ, אַז זיי האָבן געהאַט געניגנדיקע מאָטיוון צו גלויבן אין מורדזשעסקוס נביאות, אַז זיי וועלן אַלע שטאַרבן. דערצו איז צוגעקומען דער סאַדיזם פון דעם דערמאָנטן קאָמענדאַנט, וואָס האָט זיי געהאַדעוועט מיט פוראַזש־אַרבעס און האָט זיי געשטערט צו ברענגען פאַר אייגענע מיטלען שפּײַז פון דרויסן. די אינטערנירטע האָבן אָן אויפהער געמאָנט אַן ענדערונג אין דער באַשפּײַזונג, וואָס פירט צו פאַרגיפטונג און אומקום. די דאָזיקע אַרבעס, וואָס איז באַקאַנט אין דער באָטאַנישער וועלט א״נ „לאַטירוס סאַטיוואוס״, ווערט קולטיווירט אין אייניקע געגנטן פון ראַטנפאַרבאַנד, נאָר אַלס דערנערונג־פלאַנץ. פון די אַרבעס באַקומט מען ספּאַזמאַטישן פּאַראַליז, מאָגן־צערודערונגען און נאָך אַנדערע קראַנקייטן. און די אינ־טערנירטע האָבן טאַקע באַקומען ספּאַזמאַטישן פּאַראַליז. 611 אינטערניר־טע האָבן באַקומען די דאָזיקע שוידערלעכע קראַנקייט. און כאָטש די דאָק־

טוירים האבן דעם הער מורדזשעסקו געווארנט, אז עס דראט א געפאר דעם גאנצן לאגער, האט ער דאך נישט דערלויבט צו בייטן די שפייז, בכדי וואס גיכער צו דערגרייכן זיין ציל. קיין מעדיקאמענטן האט ער אויך נישט דערלויבט צו אריינברענגען אין לאגער אריין.

## נומער 209

א פראגמענט פון דער באשולדיקונג, וואס דער עפנטלעכער פראקוראר ד. סאראקו האט געהאלטן ביים פראצעס פון די קריג־פארברעכער. דא ווערט דערציילט, אז ווען דער דערמאנטער קאמענדאנט בוראדעסקו האט געזען, אז די אויסראטונג גייט נאך אלץ צו לאנגזאם, האט ער געבראכט א באנדע פון 44 גנבים און פארברעכער פון דער בארימטער רומענישער תפיסה אין זשילאווע. דער לאקאטנענט טשאקיר ווערט זיינער אן אינסטרומענט און ער נעמט דורכפירן מיט זיי אן אויפשטאנד קעגן די פאליטישע אינטערנירטע פון וואפניארקע. ער דערלויבט די פארברעכער אלצדינג. זיי פאלן איבער אין זיין אנוועזנהייט. די אינטערנירטע קלאגן זיך. קיינער נעמט נישט אין באטראכט זייערע טענות. די אויטאריטעטן לאכן, זיי זעען, אז זייער שפיצל ברענגט רעזולטאטן און פירט צום ציל. איינמאל האט טשאקיר אפגעארבעט דריי שעה מיט די פארברעכער און ווען ער איז אוועקגעגאנגען, האבן זיי זיך א לאז געטון מיט שטיקער האלץ, העק און אנדערע כלים אויף די פאליטישע אינטערנירטע (אזוי רופט דער פראקוראר די יידן — די רעד.). דער ציל איז געווען, אז די יידן זאלן רעבעלירן און מען זאל דארפן ברענגען ארמיי צו זיי. דאס דאזיקע איז דערוויזן געווארן, ווייל בוראדעסקו איניינעם מיט טשאקירן און דעם פלוטאניער מאיסע מארין (זאל דאס זיין א ייד? — רעד.) זענען אריין אין דער וואך פון קארפּוס און באפוילן צו שיסן, אבער די סאלדאטן, וואס זענען געוועזן מענטשן פון פאלק, פויערים און ארבעטער, האבן זיך אפגעזאגט צו שיסן. בוראדעסקו איז ווי משוגע געווארן און ער האט געשריגן, אז ער וועט אלע אויסשיסן. און איין סאלדאט האט דערקלערט,

אַז זיי האָבן נישט פאַרוואָס צו שיסן און אויב ער וויל דווקא מען זאָל דאָס טון, זאָל ער געבן אַ שריפטלעכן באַפעל.

## נומער 211

דאָס איז אַ טאַבעלע וועגן די אַרבעטס־טעג, וואָס די ייִדן האָבן געגעבן דער רעגירונג זײַט דעם 18טן דעצעמבער 1941 ביז דעם 30טן יולי 1943 אין מאָהילעוו, שאַרגאָראָד, מוראַפּאַ און דזשורין און וועגן דעם געלט, וואָס זיי האָבן געדאַרפט באַקומען דערפאַר און וואָס זיי האָבן יאָ באַקומען און וואָס נישט. פאַראַן אין אָט דער רשימה אויך, וואָס פאַר אַן אַרבעטן די ייִדן האָבן דורכגעפירט. זיי האָבן געבויט דעם שאָסיי אויף דער ליניע מוראַפּאַ־יאַראָשינקאַ, געשניטן טאַבאַק, און געטון נאָך פאַרשידענע אַנדערע אַרבעטן. מען איז די ייִדן געבליבן שולדיק פאַנטאַס־טישע סומען. אויף דער אָנפראַגע וויפל עס האָט געקאָסט דאָס אויס־בויען דעם שאָסיי אויף דער דערמאָנטער ליניע, האָט מען געענטפערט זעכציק מיליאָן לעי, באַצאָלט האָט מען זעקס מיליאָן און לויט אַ ריכטיק געשאַצטן קורס — נאָך ווייניקער. געקומען איז בײַ די צוויי הונדערט פערציק מיליאָן אַרטיקע מטבעות, באַצאָלט האָט מען עפּעס איבער 35 מיליאָן...

## נומער 212

דאָס איז אַ פאָטאָקאָפּיע פון אַ בריוו, געשריבן אין דײַטש, פון סאַלי מאיער, פּרעזידענט פון די ייִדישע קהילות אין דער שווייץ און דער די־רעקטאָר פון דזשאָינט פאַר אייראָפּע, צו די ה״ה ווילהעלם פישער און ד״ר וו. פילדערמאַן. דעם בריוו האָט ער געשיקט דורך דעם שווייצאַרישן זשורנאַליסט האַנס וועלטי, וועלכער איז געווען, ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַן אַגענט פון דער געשטאַפּאָ. איידער דער בריוו איז אי־בערגעגעבן געוואָרן צו די אַדרעסאַטן, איז ער פאָטאָקאָפּירט געוואָרן אין דער „ייִדישער״ אָפּטיילונג פון געשטאַפּאָ אין בוקאַרעשט און ס׳איז

אָנגעמערקט געוואָרן ווער דער שרײַבער פון בריוו איז. אין בריוו רעדט זיך וועגן דעם, וואָס די טאָנטע סטעפאַן עסרא־אלאפים (עשרה אלפים — צען טויזנט) איז, לויט דעם באַשטעטיקן פון די אַדרעסאַטן גוט אָנגעקו־מען. בײַ סטעפאַן אַליין געפינען זיך נאָך שלאושים אלאפים (שלושים אלפים — דרײַסיק טויזנט) און ער ווייסט נישט קיין בעסערן וועג צו העלפן ווי דורך דעם אויפהאַלט בײַ סטעפאַנען. אויב איר וועט, זאָגט זיך אין בריוו, נאָך אמאָל קענען העלפן, מעלדעט מיר וועגן דעם. מיר וועלן די דאָזיקע אַקטן באַצייכענען אַלס „טמורא" (תמורה — באַשטייערונג), ביז איצט האָבן מיר געמאַכט די טראַנזאַקציע „רישאָן" (ראשון — ערש־טע) דערנאָך וועט גיין „שייני" (שני), שלישי אא"וו. דער שרײַבער פון בריוו דערוואַרט אַ מעלדונג פון רויטן קרייץ, וועלכע מעדיקאַמענטן מ׳קען שיקן. די דאָזיקע „תמורה" ווערט ספּעציעל געשיקט פאַר טראַנסניסטריע, ווײַל די אַדרעסאַטן אַליין קענען זיך געוויס העלפן. מיין שליח — שרײַבט סאַלי מאיער, האָב איך פולשטענדיק געשענקט מײַן פולסטן פאַרטרויען און איך בעט אײַך צו טון דאָס זעלביקע". אויב די אַדרעסאַטן קענען האָבן אַ פאַרטרויונג־מענטש אין דער שווייץ, זאָל ער זיך בײַם בריוו־שרײַבער מעלדן א"נ „תמורה שני".

## נומער 213

אַ פראַגמענט פון אַ באַריכט פון געוו. פּרעזידענט פון יידישן קאָמי־טעט אין מאָהילעוו, מ. קאַץ. דער באַריכט־אָפּגעבער דערקלערט, אַז איינע פון די דערגרייכונגען פון קאָמיטעט איז געווען דאָס באַזוכן די קאָלאָניעס אין זשורדעץ. צו דער דאָזיקער געלעגנהייט איז אַנטדעקט געוואָרן אין דעם אָרט קאָנטאַקאָוויץ פון שאַרגאָראָדער ראַיאָן אין אָפענעם פעלד אַ פינצ־טערן און לאַנגן שפּײַכלער, אין וועלכן עס זענען געלעגן 70 נפשות, מע־נער, פרויען און קינדער, ניט דערנערטע, נאַקעטע און פאַרפאַלענע. די דאָזיקע מענטשן האָבן געלעבט פון בעטלען און זייער אויסזען איז געווען גרויזאַם. דער פירער פון אַט די מענטשן איז געווען מענדל פישער, געווע־

זענער באַנקיר אין דאַראבאַן, זשודעץ דאָראָהאָי, וואָס האָט דאָרט גע־לעבט אין אַן אומדערהערטער נויט.

אין די קאָלאָניעס גראבּיוויץ און האַלטשינץ האָבן די מענטשן זיך דערנערט פון פלייש פון געפּגרטע פערד, וואָס זענען געווען איַינגעגראָבן אין גריבער, צוויי מעטער די טיף. זיי האָבן נישט רעגונסירט אויף אַט דער „שפּיַיז" אויך נאָכדעם, וואָס די מאַכט האָט דאָס פלייש באַגאָסן מיט קאַרבאָל. די דאָזיקע אומגליקלעכע האָבן צוגעזאָגט מער נישט צו נוצן דעם דאָזיקן „אַלימענט", נאָך דעם, וואָס דער געוועזענער פּרעזידענט האָט זיי צוגעשטעלט שפּיַיז, קליידער און געלט פאַר אַ קיך. ער האָט זיי אַרויס־גענומען פון „לאַגער" און זיי באַזעצט אין שכנישן דאָרף און פאַר זיי באַ־צאָלט דירה־געלט פאַר דריַי חדשים. די דאָזיקע פון גראבּיוויץ האָבן גע־וווינט אין אַ באָרדעי אונטער דער ערד און ער האָט זיי פון דאָרט אַרויס־גענומען און זיי אויך באַזעצט אין אַ דאָרף. זיי האָבן זיך נישט געקענט אָפּשיידן פון די קברים פון די זיבן הונדערט משפּחה מיטגלידער זייערע, וואָס זענען דאָרט געלעגן, באַגראָבן אין דער נאָענט פון זייער „דירה". אויך זיי האָבן זיך דערנערט פון זעלביקן „שפּיַיז". די זעלביקע נויט האָט דער מחבר פון באַריכט געפונען אין די קאָלאָניעס פון לאַ ווינאָזש, נע־מערטשי, פּאַסינקאַ, לוטשינעץ, לוטשינטשיק, אָזאַרינעץ, ווינדיטשען. אומעטום זענען די מענטשן געווען אָפּגעשוואַכט. זיי האָבן געאַרבעט אין די פאַרמען ביַי טאַבאַק, ביַי שטיין־האַקערייען און די מיינסטע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט בעטלען. די הילף, וואָס איז אָנגעקומען פון דער צענטראַ־לע פון די רומענישע ייִדן איז געווען זייער נישטיק, לגבי דער נויט. אין אַ ראַפּאָרט צו דער דערמאָנטער צענטראַלע האָט געשריבן יוסף זאַנד, דער שעף פון לאַגער אין פראָמעשאַניצאַ: „אין צוויי יאָר האָב איך באַ־קומען 500 מאַרק פאַר די זיבעציק פּענסיאָניסטן פון מיַין לאַגער, אין דעם קאָסטן פון די זאַכן, וואָס איך האָב באַקומען זענען געווען עטלעכע פּאָר דאַמען־הויזן, עטלעכע צילינדערס, צוויי פּיזשאַמעס, עטלעכע פּאָר הענטשקעס. שטעלט איַיך פאָר הערשקו קאָן, פון מיַין לאַגער, קען נישט פאַרלאָזן דעם לאַגער, ווייל ער איז פולשטענדיק נאַקעט, ווי ער דער־שיינט איבער די גאַסן פון פראָמעשאַניצע אָנגעטון אין צילינדער, פראַק, הענטשקעס און דאַמען הויזן"...

## נומער 215

דער תמצית פון א מעמאָריום פון געוועזענעם פּרעזידענט פון יידישן קאָמיטעט אין מאָהילעוו, מ. קאַץ.

דער מעמאָריום איז וועגן דער צייט, ווען דער טרויעריק־באַרימטער פּרעפעקט פון טולטשין, לאַנגהין האָט געוואָרפן א שרעק אויף דער באַפעלקערונג פון מאָהילעווער געטאָ. מען האָט געוווּסט, אַז ער האָט אויסגעגעבן יידן צו די דייטשן איבער דעם בוג אויף אויסראָטונג. ס'איז געווען די רעדע וועגן פיר טויזנט יידן. ווען לאַנגהין איז באַשטימט געוואָרן אלס פּרעפעקט פון מאָהילעוו, האָט ער באַלד אָנגענומען דראַסטישע מיטלען, ווי: טראָגן מגן־דודס, הערמעטיש פאַרמאַכן די געטאָ, אַרויסוואַרפן די יידן, וואָס וווינען נאָענט פון קלויסטער פון זייערע דירות, פאַרבאָטן די יידן צו האָבן קאָנטאַקט מיט די רעגירונג־פונקציאָנאַרן. ער האָט איינגעפירט דאָס שיקן יידן אויף אַרבעט אין דער אומגעגנט — טולטשין, טריבאַטי, אָדעס. סובפּרעפעקט איז געווען י. דינדעלעגאַן, אויך א זייער שטרענגער. די יידן פון שאַראָגראָד האָבן געהאַט א סך צו דערציילן וועגן די פאַרברעכנס, וואָס ער האָט באַפוילן צו דורכפירן. דער קאָמענדאַנט פון דער זשאַנדאַרם־לעדזשיונע איז געווען דער מאַיאָר געאָרגע באָטאָראַאַגאַ, וואָס איז געווען דער ערגסטער פון אַלע. ער האָט זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט דעם שיקן יידן אויף אַרבעט. לויט דער 23טער אָרדענאַנץ האָט מען געדאַרפט שיסן א יידן, וואָס האָט פאַרלאָזט זיין פּלאַץ אין געטאָ, אָבער מען האָט נישט געגלויבט, אַז מען וועט דורכפירן אָט דעם פּונקט. אָבער באָטאָראַאַגאַ האָט דעם דאָזיקן פּונקט שטרענג דורכגעפירט. ער האָט געהייסן שיסן פיר יידן און זיי אַריינוואַרפן אין דניעסטער. איינער פון זיי איז געווען נאָר פאַרווונדעט און ער האָט זיך געמאָלדן צו דעם געוו. פּרעזידענט פון מאָהילעווער יידישן קאָמיטעט. ער האָט געהייסן הערש מאַלאַי. דעם צווייטן טאָג האָט זיך געמאָלדן נאָך א ייד פון די זעלביקע פיר, מיטן נאָמען מאַקס דאַובער. אָבער דער דערמאָנטער קאָמענדאַנט פון די זשאַנדאַרמען האָט דערקלערט, אַז ער האָט נישט געוווּסט וועגן דעם. ד"ר פילדערמאַן, ווען דער באַריכט־אָפּגע-

בער האָט דערציילט וועגן דעם, האָט זיך געווענדעט צום גענעראַל פּ. וואַ־
סיליו און יענער זאָל געוועזן האָבן באַפוילן אַ באַלדיקע אויספאָרשונג.

נאָך אַ פאַרברעכן איז פאָרגעקומען אין יולי, אָדער אויגוסט 1943
אין דער קאָלאָניע יארוגא. ד״ר קלאָפּער, דער פירער פון אָט דער קאָלאָ־
ניע האָט דערציילט, אַז דריַי ייִדן פון זיַין דאָרף, צווישן זיי דער ראַבי־
נער ווידער, באַגלייט פון אַ ייִדישן בעל־עגלה, זענען צוריק מיט דריַי
טעג אוועקגעפאָרן קיין מאָהילעוו און מען הערט נישט וועגן זיי. דער מאַ־
יאָר באַטאַראַאַנאַ האָט ווידער געענטפערט, אַז ער ווייסט נישט, אָבער
מען האָט זיך דערוווסט, אַז דער סערזשאַנט מאיאָר וואַסיו האָט זיי דער־
שאָסן. דער דאָזיקער סערזשאַנט האָט געהערט צו דער צירקומסקריפּציע
פון מאָהילעוו. אויך דער פלוטאָניער מאָקאַנו, דער שעף פון זשאַנדאַרמען־
אַמט אין ווינדיטשעני, האָט געגעבן אַ באַפעל צו דערשיסן אַן אָרטיקן ייִדן
אָן קיין שום דערלויבעניש. אויך די שעפן פון די אַנדערע זשאַנדאַרם־
אַמטן אין מאָהילעווער קריַיז זענען באַגאַנגען ענלעכע פאַרברעכנס. אין
מאָהילעוו אַליין האָט סערזשאַנט מאיאָר שטעפאַן באַרבולעסקו, איינגעם
מיט די סערזשאַנטן דאַן, איצעשאַן, לאָנגאַטש, געשלאָגן, געפּייניקט און
געשאָסן. טאָג ווי נאַכט האָט מען געהערט שיסעריַיען ביַים ברעג פון דעם
דניעסטער.

## נומער 216

פון אַ מעמאָריום פון געוועזענעם פּרעזידענט פון שאַראָגראַדער
ייִדישן קאָמיטעט ד״ר מ. טײַך.

דער געוועזענער פּרעזידענט מעלדעט, אַז די קעפּ פון דער ציווילער
און מיליטערישער מאַכט, וואָס האָבן אין די יאָרן 1942 — 1941 ארויס־
געוויזן ברוטאַליטעט, רשעות, סאַדיזם און כמעט צעזאַראָמאַניע ביַים
דיספּאָנירן פון די ייִדישע לעבנס, באַהאַנדלענדיק זיי, גליַיך ווי זיי וואָלטן
אַפילו קיין בהמות נישט געווען, האָבן זיך געביטן אין סוף פון 1943 און
אָנהויב 1944, ווען זיי האָבן דערפילט, אַז עס דערנענטערט זיך די מי־
ליטערישע קאַטאַסטראָפע און אַז דער טאָג פון חשבון איז נישט וויַיט.
אַן אויסנאַם האָט אפילו אין אָט דער ציַיט פאַרגעשטעלט מיט זיך דער

פּרעפעקט קאָל. לאַגהין, וועלכער האָט ביז אין לעצט פאַרבאָטן אַ יידן אריבערטרעטן די פּרעפעקטור. ער האָט באַשטראָפט קערפּערלעך, האָט טעראָריזירט און ער איז שולדיק אין דעם פאַרשיקן די יידן קיין טאַלבאַטי, טולטשין, אָטשאַקאָוו, אָדעס, וואָוואַראָווקאַ א״א. וואָרום אין 1942 האָבן אויך די דייטשן אין די רומענישע מאַכטהאָבער פון אַנדערע קרייזן פאַרלאַנגט יידן פאַר אַרבעט, אָבער דער דעמאָלטדיקער פּרעפעקט קאָל. נאַסטוראַש האָט געענטפערט, אַז ער דאַרף די יידן פאַר דער אַרבעט אין זיין קרייז. פאַקטיש האָבן מיר אין יאָר 1942 נישט געהאַט קיין איין קרבן ביי דער אַרבעט אין יענעם ראַיאָן. אָבער ווען לאַגהין איז געקומען, האָט ער זיך באַמיט, אַז די יידן זאָלן איבערהויפּט געשיקט ווערן צו די דייטשן, ווו מען האָט זיי צום מיינסטן אומגעבראַכט. אין דעם איז איבערהויפּט שולדיק געווען לאַגהין. אַ דאַנק אָט דעם כוליגאַנישן פּרעפעקט האָבן די יידן נישט באַקומען פאַר זייער אַרבעט אפילו דעם לוין פון 1, אָדער 2 מאַרק, ווי עס איז פאָרגעזען געווען אין דער 23טער אָרדענאַנץ. די געשיכטע קען נישט נאָך אַזאַ פאַל, ווען מענטשן זאָלן אַזוי מוזן שקלאַפן און גאָרנישט באַקומען צו דערהאַלטן די נשמה. די אויטאָריטעטן האָבן נישט גענומען ערנסט די אייגענע באַפעלן צו צאָלן. דער פּרעטאָר רוסו האָט דערציילט, אַז אין דער זעלביקער צייט, ווען לאַגהין האָט דערקלערט דעם מיניסטאָרן ראַט, אַז ער וועט באַצאָלן פאַר דער אַרבעט, האָט ער אים געזאָגט טעלעפאָניש, אַז ער וועט אים שיקן אין לאַגער אַריין, אויב ער וועט פּרוּוון געבן געלט די „זשידאַנעס". זיי האָבן געמאַכט אַ פּערפידן שפּיל, זיי האָבן די דעלעגאַטן פון רויטן קרייץ דערקלערט, אַז זיי געבן די יידן אַ מינימום פון געלט און שפּייז און פאַקטיש האָבן זיי גאָרניט געגעבן.

# אַ דאָקומענט, וואָס ווייזט דעם ציניזם פון מאַרשאַל אַנטאָנעסקו

## נומער 219

דאָס איז אַ פראַגמענט פון דעם טאָג־באַפעל, וואָס יאָן אַנטאָנעסקו האָט געשיקט צו דער רומענישער אַרמיי צו דער געלעגנהייט פון ניי־יאָר 1944:

ליבע סאָלדאַטן,

צום פּנים פון אייערע טאָטן מיט די שטערן הויך קעגן די דאָזיקע, וואָס דראָען אייך און לגבי דעם אויבערשטן, וואָס וועט אייך משפּטן, באַשטראָפנדיק אַלע אין דער ריכטיקער צייט.

אייער קאַמף איז גערעכט.

אייער טאַט אין די אָקופּירטע געגנטן און דורך די באַטראָטענע ערטער איז געווען מילד און מענטשלעך.

אומעטום, ווו איר זענט פאַרביי־געגאַנגען, איז נישט באַרויבט און נישט געשלאָגן געוואָרן.

אַ מענטש איז פאַר אונדז אַ מענטש, פון וואָס פאַר אַ נאַציע ער זאָל נישט זיין און וואָס פאַר אַ שלעכטס ער זאָל אונדז נישט געווען האָבן געטון.

אַלע, וואָס זענען אונדז געשטאַנען אין וועג, זענען געהאָלפן געוואָרן און געשוינט געוואָרן ווי מענטשן.

מיר האָבן קיינעם נישט דעפּאָרטירט און איר האָט נישט איינגע־שטעקט קיין קינזשאַל אין קיינעמס ברוסט. אין אונדזערע תפיסות זענען נישט אַריינגעוואָרפן און עס ליגן נישט קיין אומשולדיקע מענטשן. דער גלויבן פון יעדן איינעם און יעדנס פּאָליטישער אני־מאמין איז רעספּעק־טירט געוואָרן. מיר האָבן נישט אויסגעוואָרצלט נישט קיין מענטשן, נישט קיין פאַמיליעס פון זייער איינגעזעסנקייט צוליב אונדזערע פּאָליטישע, אָדער נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

מאַרשאַל אַנטאָנעסקו

## קאָמיסיע פון פאַרלאַג „בעסאַראַבער יידן"

אהרן באַרבאַלאַט — — — — — פאָרזיצער

אברהם וויינשטיין — — — — — טעכנישער סעקרעטאַר

יוסף סאַנדלער — — — — — — קאַסיר

מ י ט ג ל י ד ע ר :

ס. בענדערסקי

פ. קאָטליאַר

ג. סאַפּאָזשניק

ע. דוכאַן

ב. פערדמאַן

מ. ווייסנשטיין

כ. פייערמאַן

נחום לעווין

ס. אָרנשטיין

י. דאַווידאָוויטש

י. ברוינשטיין

ב. לערנער

# ביכער-סעריע „בעסאַראַבער יידן"

**ביז איצט דערשינען:**

1) משלים פון אליעזר שטיינבארג

2) טראַנסניסטריע פון מ. קאַרפּ
(פון רומעניש: י. וויַינשענקער)

**אַרויַן אין דרוק:**

3) ייִדן אין קעשענעוו פון יצחק קאָרן
(פון העברעיִש: ח. בראַקאַזש)

**גייט אינגיכן אַרויַן אין דרוק:**

4) בעסאַראַבער רעגנבויגן פון יעקב פיכמאַן

---


וועגן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ביכער־סעריע „בעסאַראַבער ייִדן", זיך ווענדן צו:

**"BESARABER IDEN"**

**Corrientes 3112** **Buenos Aires**

Este libro se terminó de imprimir
el día 5 de Agosto de 1950, "Año
del Libertador General San Martín",
en los Tall. Gráf. Julio Kaufman,
Corrientes 1976, Buenos Aires.